This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

7

1985

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פסטר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

יול

7

1985

אינהאַלט

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער 3

כאָשעווער רעדאַקטאָר, איך שיק אײַך דאָ איין ליד מײַנע, בלויז איינע... לידער פון כאַיִם גורעוויטש, יאָסל בוכבינדער, דאָרע כײַקינע, בוזי מילער, מישע מאָגילעוויטש, לעוו בערינסקי, זיסי ווייצמאַן, אוורהאָם קאַצעוו, פיניע פלאָטקין, מאָטל גרוומאַן, אַלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו, מישע לעמסטער, עליע ביידער, פיניע קיריטשאַנסקי, בראָניע סינעלניקאָווע 6

נײַע דערציילונגען. כאַיִם מעלאַמוד. אָריסיע; א פייסעכדיקער שניי 12

באָריס סאַנדלער. א טערעץ אָף אָנצושרײַבן א נאָוועלע; שאָלעם־אַלייכעמס שטראַלן; איין קאָטער און צוויי כאַכאָמים 28

ליפע העלער. ווי טײַער איז די וועלט (לידער) . 40

דינע קאַלינאָווסקאַיאַ. מיט א שיינעם געמעל אפן דנאָ 43

וועלוול טשערנין. מײַן גראַמאַטיק און אַנדערע לידער 67

דאַניִעל שעכטער. די געשיכטע פון דזשולי סעמאָ 70

זאַלמען מינקין. א בריוו אין פערזן 95

אַרן ווערגעליס. מאַרק שאַגאַל איז אוועק אין דער אייביקײַט 96

מאַרק שאַגאַל. פון מײַן לידער־בוך 98

מאָטל גרוביאַן. פון דער שעפערישער יערושע (לידער) 100

פאַרצייכענונגען פון קימאַ גריידינאַ, הירש רעלעס, רוון פּוסטילניקאָוו 102

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. מאַקס שאַך־אַנין (1885—1974), וויקטאָר הוגאָ (1802—1885), הערש רעמעניק (1905—1981) 116

צאַלעל בליץ (צום 75־טן געבורטסטאָג) . . . 124

נײַע איבערזעצונגען. יורי גריבאָוו. זיך אומגעקערט 131

יאַראָן באַראַק. דאָס אַנדערע ייִסראָעל . . . 138

אונדזערע מיטיילונגען. אוורהאָם טאָרפּוסמאַן. פראַגן פון ייִדישער אַנטראָפּאָנימיק 148

וועגן מוזיק און עסטראַדע. וויקטאָר לענזאָן. דער קאָמפּאָזיטאָר וולאַדימיר טערלעצקי 154

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 167

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 169

לאָמיר זינגען נײַע לידער. ס׳איז נאָך גרויס די נאַכט. ווערטער פון וולאַדימיר דאַנקאָ, מוזיק פון לייב בירנאָוו 171

כראָניק 110, 115, 123, 151, 153, 161

רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),

ש. גאָרדאָן, ט. גען,

א. טווערסקאָי,

נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,

ב. מילער, כ. מעלאַמוד,

ה. פּאָליאַנקער,

י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער

אנטיסעמיטישע אטענטאטן אין פראנקרײַך און אין פּשאַ

אן אופרײַס אין קינאָ-טעאטער

פאריזש, 3 אפּרעל (טאסס). אין פאריזשער קינאָ-טעאטער „ריוואָלי-באָבור", וועלכער געפינט זיך אין צענטער פון דער שטאָט, אַף דער גאס ריוואָלי, איז בייסן דעמאָנסטרירן דעם פילם „אייכמאַן — דער מענטש פון דריטן רײַך" פאָרגעקומען אן אופרײַס.

אין רעזולטאט פונעם אופרײַס איז אראָפּגעפאלן די סטעליע און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א סרייפע. אכצן פון די דרײַסיק מענטשן, וועלכע זײַנען געווען אפן דורכקוק פונעם פילם, זײַנען פארוווּנדעט געוואָרן.

דער פילם „אייכמאַן — דער מענטש פון דריטן רײַך", וועלכער דערציילט וועגן די פארברעכנס פון דעם דאָזיקן נאציסט און וועגן דעם מישפּעט איבער אים, איז באוויזן געוואָרן אין די ראמען פונעם „צווישנפעלקערלעכן פעסטיוואל פון ייִדישן קינאָ". די פאראנטוואָרטלעכקײַט פארן אטענטאט האָבן גענומען אַף זיך עטלעכע טעראָריסטישע אָרגאניזאציעס, דערונטער פון נעאָנאציסטישן טאָלק.

דער אופרײַס אַף דער גאס ריוואָלי איז אנטשיידן פארורטיילט געוואָרן אין פראנקרײַך מיצד אלע דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס. לויט דער איניציאטיוו פון דער צווישנפעלקערלעכער ליגע פון קאמף קעגן ראסיזם און אנטיסעמיטיזם, פון דער באוועגונג קעגן ראסיזם און פאר פרײַנטשאפט צווישן פעלקער און פון א ריי אנדערע אָרגאניזאציעס איז אין פאריזש פאָרגעקומען א פּראָטעסט-מאניפעסטאציע קעגן דעם פארברעכערישן אקט, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באטייליקט זעקס טויזנט מענטשן. צווישן די אָנטיילנעמער פון דער מאניפעסטאציע זײַנען געווען די אָנפירער פון א ריי פּאָליטישע פארטייען, דערונטער פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, באוווּסטע קולטור-טוער.

(„איזוועסטיא")

וויאזוי איז דאָס געשען

די וואקסנדיקע ווירקונג פון די נאציאָנאליסטישע און פּראָפאשיסטישע קויכעס אפן געזעלשאפטלעכן לעבן פון פראנקרײַך ברענגט אלץ אָפטער צו בלוטיקע סאכאקלען. די צושויער, וועלכע זײַנען געקומען אין קינאָ-טעאטער „ריוואָלי-באָבור", קעדיי זיך צו באקאנען מיט די פארברעכנס פונעם פאשיזם, זײַנען אליין געוואָרן זײַנע קאָרבאָנעס. לויט די באקומענע יעדיעס האָבן אכצן מענטשן באקומען וווּנדן, דרײַ פון זיי — שווערע. ווי עס גיט איבער די פּאָליציי, איז די באָמבע געווען באהאלטן אונטערן געזעס אין דער לעצטער ריי פונעם קינאָ-טעאטער.

(„סאָוועטסקאיא קולטורא")

דער בלוטיקער פרײַטיק

אין יענעם פאראכטאָגיקן פרײַטיק איז פאריזש אופגעטרייסלט געוואָרן דורך א בלוטיקן אנטיסעמיטישן אטענטאט, וואָס דערמאָנט אין די פארברעכנס אַף דער קאָפּערניק-גאס און רי דע ראָזיע, אן אטענטאט קעגן דעם קינאָ-טעאטער „ריוואָלי-באָבור", ווו ס׳איז באוויזן

געוואָרן, אין די ראַמען פונעם פעסטיוואַל פון ייִדישע פילמען, דער אַנטינאַציִשער פילם וועגן אײַכמאַנען.

אין דעם זעלבן טאָג איז אין קלערמאָן-פעראַן געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו פאַרברע-נען לעבעדיקערהייט אַן אַפריקאַנישן אימיגראַנט. אַפן אַנדערן טאָג, שאַבעס, איז דערמאָר-דעט געוואָרן אַן 18יאָריק אַלזשירער מיידל, אין צוויי טעג אַרום — אַ נײַער מאָרד אין באַרדאָ, דאָס מאָל איבער אַן אַרבעטער פון גווינייִשן אָפּשטאַם... דאָס איז אַ נײַע קייט פאַרברעכנס פון ראַסיסטישן און אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. אַלץ זעט אויס אַזוי, ווי דאָס לעבן פון אַן אימיגראַנט, אַן אַראַבער, אַ נעגער, אַ ייִדן וואָלט געוואָרן הײַנט הפקר פאַר געוויסע אונטערהעצערישע קרײַזן.

די פּאָליטביוראָ פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אין וועלכער זי דריקט אויס איר אופגעבראַכטקייט קעגן די לעצטע ראַסי-סטישע פאַרברעכנס און קעגן דער אומבאַשטראָפטקייט פון זייערע אויטאָרן. די דערקלערונג טרעט אַרויס קעגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם און פאַרלאַנגט דורכצופירן דעבאַטן אין דער נאַציאָנאַלער אַסאַמבלײַ וועגן די סיבעס פון דער דאָזיקער סיטואַציע, כדי אָנע-מען געהעריקע מאָסמיטלען און אַ סאָף מאַכן צו איר.

(„נײַע פּרעסע‟, פּאַריז)

די אולטרא-רעכטע ווילדעווען

ניו-יאָרק, 15 אַפּרעל (טאַסס). אַ גרופּע פאַשיסטישע קוילער-יונגען האָט זיך באַנאַכט אַרײַנגעריסן אין אַ ייִדישער שול אין דער פאָרשטאָט פון ניו-יאָרק. די וואַנדאַלן האָבן אויסגעזעצט די פענצטער, צעבראָכן דאָס מעבל, צעריסן די ביכער און, אוועקגייענדיק, פאַרטרונקען די געבײַדע מיט וואַסער. ווי עס שרײַבט „ניו-יאָרק טײַמס‟, באַטרעפט דער פאַרשאַפענער היזק 125 טויזנט דאָלאַר.

די אינפאָרמאַציע-מיטלען ווײַזן אָן מיט אומרו אויפן אומגעהערטן וווּקס פון דער צאָל אַנטיסעמיטישע אַטענטאַטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. לויט די אָנגאַבן פון די געזעלשאַפט-לעכע אָרגאַניזאַציעס, קומען יערלעך פאָר אין לאַנד הונדערטער אָנפאַלן אויף די אַקטי-וויסטן פון די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, פּאָגראָמען אין די שולן, פאַרשוועכונגען פון סינא-גאָגעס און בעסאַלמענס. די צוווילדעוועטע ראַסיסטן האָבן ניט איין מאָל באַשאָסן מעדי-ציניִשע און לערן-אַנשטאַלטן אין ניו-יאָרק.

די מאַכט-אָרגאַנען ווייסן גוט וועגן דער פאַרברעכערישער טעטיקייט פון די פאַשיסטישע קוילער-יונגען, אָבער מע טוט גאָרניט, כדי אַ סאָף מאַכן צו זיי. „די רעכטע עקסטרע-מיסטן און זייערע אָנהענגער זײַנען אייניק אין דער געמיינזאַמער אידעאָלאָגיע פון אַנטי-סעמיטיזם און ראַסיזם‟, — שרײַבט די אַמעריקאַנער פּרעסע.

(„פּראַוודאַ‟)

דאַנקבאַרקייט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד

איינע פון די זיצונגען אויף דער האַאַריקער סעסיע פונעם פּאַרלאַמענט פון ייִשראל איז געווען געווידמעט דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד. עס זײַנען אַרויסגעטראָטן דער קנעסעט-פּאָרזיצער, דער פּרעמיער-מיניסטער און צוויי דעפּוטאַטן פון די רעגירנדיקע פּאַרטייען. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט די פּאַרלאַמענט-פּראַקציע פונעם דעמאָקראַטישן פראָנט פאַר שאָלעם און גלײַכבאַרעכטיקונג (אין וועלכער עס גייען אַרײַן אויך די דעפּוטאַטן-קאָמוניסטן) פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג פאַר דער פּרעסע — „רייגאַנען און קאָלן, און צוזאַמען מיט זיי די רעגירונג פון פּערעס-שאַמיר — צום שאַנד-סלופּ!‟

אין דער דערקלערונג ווערט געזאָגט:

„מיר דריקן אויס אַן אַנטשיידענעם פּראָטעסט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס, ניט געקוקט אויף אונדזערע פאָדערונגען, וועלכע מיר האָבן געשיקט דעם פאָרזיצער פון דער

קנעסעט, איז אונדז ניט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט אָנטיילצונעמען אין דער הייַנטי־קער באהאנדלונג לעקאָוועד דעם 40־טן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן נאַציסטישן דייַטש־לאַנד. אזא באהאנדלונג דארף פאָרקומען מיטן אָנטייל פון אַלע פּאַרלאַמענט־פראַקציעס, דערבייַ דארף אַלעמען געגעבן ווערן א מעגלעכקייט זיך ארויסצוזאָגן.

מיר האַלטן ניט פאַר קיין צופעליקן דעם פאַקט, וואָס די באהאנדלונג איז ניט דורכ־געפירט געוואָרן אף אזא אויפן. עס מערקט זיך א געפערלעכע טענדענץ צו פאַרקריפּלען די געשיכטע פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, צו פאַרמינערן די אַנטשיידנדיקע ראָליע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פון זייַן ארמיי אינעם פאַרניכטן די פאַשיסטישע כײַע. עס זייַנען באַשייַמפּערלעך אויך די געפערלעכע פּרוּוון צו פאַרטושירן דעם פאַקט, אַז אין מעשעך פון דרייַ יאָר האָבן די מייַרעוודיקע פאַרבינדעטע פאַרהאַלטן דאָס עפענען דעם צווייטן פראָנט, קעדיי די קויכעס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד זאָלן אויסגעצערט ווערן. ווען ניט דאָס, וואָלט די מילכאָמע זיך פאַרענדיקט גיכער, מע וואָלט געקאָנט אויסמייַדן די דויערנדיקע פאַרניכטונג פון מיליאָנען יידן און אַנדערע פעלקער מיצאַד די נאַציסטישע הענקער. מיר זעען געפערלעכע באַמיונגען, ס׳זאָל פאַרגעסן ווערן דער פאַקט, אַז פּסטר האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט א ספּעציעלע אָפּעראַציע אף צו ראַטעווען הונדערטער טויזנטער יידן און עוואַקוירן זיי אין הינטערלאַנד.

מיר ווילן ניט פאַרגעסן און ווילן ניט דערלויבן, אַז אַנדערע זאָלן פאַרגעסן אויך דאָס, וואָס אַדאַנק דעם היסטאָרישן זיג פון דער רויטער ארמיי אין סטאַלינגראַד איז אויסגעמיטן געוואָרן די אינוואַזיע פון די פאַשיסטישע ארמייען אין פּאַלעסטינע, וואָס עס וואָלט גע־בראַכט צו דער פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און צו דער פאַרשקלאַפונג פונעם אַראַבישן פאָלק. יעדער איינער, ווער עס האָט א געוויסן, איז דאַנקבאַר דעם סאָ־וועטנפאַרבאַנד פאַר זייַן באַפרייַערישער און ראַטונגס־מיסיע.

מיר פּראָטעסטירן אַנטשיידן, וואָס די רעגירונג פון יִשׂראל האָט ניט פאַרורטיילט דעם פּרעזידענט פון פשא רייגאַנען, וועלכער האָט באַערט מיט קאָוועד די סאָלדאַטן פונעם ווערמאַכט און עס־עס אַפּן בעסוילעם אין ביטבורג. דער דאָזיקער שענדלעכער שריט פון רייגאַנען באַטייַט א רעאַבילטאַציע פון די נאַציסטישע פאַרברעכער, א פאַרשוועכונג פון די טראַגישע פּאַלגן פון זייערע טאַטן, א לעסטערונג פונעם אַנדענק פון די קאָרבאָנעס פון דעם נאַציזם, דערונטער פון די זעקס מיליאָן יידן".

ווייַטער ווערט אין דער דערקלערונג אויסגעדריקט אַן אַנטשיידענער פּראָטעסט אין שייַכעס מיטן אָנטייל פונעם געזאַנדטן פון יִשׂראל אין פשא אין דער פּראָוואָקאַציאָנעלער אַנטיסאָוועטישער דעמאָנסטראַציע אין ניו־יאָרק, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דעם זעלבן טאָג, ווען דער פּרעזידענט רייגאַן האָט באַערט דעם אַנדענק פון די נאַציסטישע מערדער אין ביטבורג. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע איז פאַרטראַכט געוואָרן מיצאַד די רעגירונגען פון פשא און יִשׂראל, קעדיי העלפן רייגאַנען אָראָפּשלאָגן די כוואַליע פון אופגעבראַכטקייַט מיטן פּראָנאַציסטישן ספּעקטאַקל אין ביטבורג.

„די שענדלעכע פּאָליטיק פון דער רעגירונג, — שרייַבן ווייַטער די אוטאָרן פון דער דערקלאַראַציע, — באַווייַזט אַן איבעריקס מאָל, אַז זי פאַרמאָגט נישט ניט קיין נאַציאָנאַלע, ניט קיין מענטשלעכע ווירדע. דאָס מאַכט די יִשׂראלדיקע רעגירונג פאַר א נאָכפאָלגערן פון דער פּאָליטיק פון רייגאַנען, וועלכע איז געריכטעט אף צוגרייטן „שטערן־מילכאָמעס" קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס עס קאָן ברענגען צו דער פאַרניכטונג פון דער גאַנצער מענטשהייַט, דערונטער פונעם יִשׂראלדיקן פאָלק און פון די אַראַבישע פעלקער.

רייגאַנען און קאָלן — צום שאַנד־סלופּ!

די רעגירונג פון פּערעס־שאַמיר־שאַראָן — צוזאַמען מיט זיי!

מיר דריקן אויס אונדזער דאַנקבאַרקייַט און אַנערקענונג דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וועל־כער האָט אַרייַנגעטראָגן אַן אַנטשיידנעם צושטייַער אין ראַטעווען די מענטשהייַט פון די נאַציסטישע באַרבאַרן און לייגט צו אַלע באַמיונגען אף צו ראַטעווען די מענטשהייַט פון דער ראַקעטע־נוקלעאַרער געפאַר".

(„איזוועסטיאַ")



כּ אַ ־ ם ג ו ר ע װ י ט ש

דאָ האָבן מײַנע זײדעס אױסגעשפּאַנט די פֿערד

דאָ איז מיר ס'לעבן נאָענט און
פֿאַרשטענדלעך,
דאָ קאָן איך אַף אַ דראָט איבערן אָפּגרונט
גײן.
אין װאַסער־װירבל באַלאַנסירן אַף אַ שפּענדל.
דאָ איז מײַן הײם.
דאָ איז מײַן הײם,
דאָ איז מיר גרינג די גרעסטע לאַסט צו טראָגן.
דאָ האָט אין בלאָטעס און אין לײם
ניט טיף געבױקסעװעט מײַן װאָגן.
דאָ איז מײַן הײם.
כ'קאָן דאָ אַפֿילע מיט די גראָזן גרינע
אַן אַלגעמײנע שפּראַך געפֿינען.
דאָ האָט דער אַלטער דעמב געהײם
מיר אײַנגערוימט זײַנע בילינעס.
דאָ קאָן אַ גרײַנק שטײנדעלע אין מײַנע הענט
װי אַ שמאַראַגד אַ גלאַנץ טאָן,
דאָ קאָן אין שלאַכט מײַן לײַװנטענע העמד
דאָס האַרץ באַשיצן װי דער בעסטער פּאַנצער.

דאָ האָט מײַן גאַס געבלוטיקט און די שטוב
געברענט,
אָהער געקראָכן ניט אײן מאָל דער װאָלף איז,
אָבער קעסײדער האָבן אומזיכטבאַרע װענט
מיר בײַקומען די אומגליקן געהאָלפֿן.

אין שאָען גרױזאַמע פֿון שטענדיק אָן,
גערױשט די סאָסנעס האָבן דאָ, װי האַרנס,
ס'האָט אין דער בעהאָלטע דאָ נאַפּאָלעאָן
זײַן דרײַעקיקע הוט פֿאַרלאָרן.
דאָ איז די אַפּעראַציע „באַגראַטיאָן"
אַ סימבאָל פֿון אומשטערבלעכקײַט געװאָרן.

דאָ איז מײַן הײם, דער קװאַל פֿון פֿרײדן,
די צוגעזאָגטע, אױסגעבענקטע ערד.
דאָ האָבן מײַנע װאַנדערנדיקע זײדעס
אַף שטענדיק אױסגעשפּאַנט די פֿערד.

י אָ ס ל ב ו כ ב י נ ד ע ר

אַף אײגענע װעגן

פֿאַראַנען װעגן אַף דער ערד פֿאַרשײדענע,
סײַ פֿרעמדע און סײַ אײגענע,
און דורכגײן יעדער איז אַ באַלן —
ניט ספּאָטיקען זיך, ניט פֿאַלן,
און אָט — אַ נאָענטע די הײם איז שױן,
דו װױלסט פֿאַר קײנעם די ניסױנעס ניט
פֿאַרלײקענען.
דו זאָגסט:
װי לײַכט איז שפּאַנען
ניט אַף װעגן פֿרעמדע,
נאָר אַף הײמישע.

דאָרע כײַקינע

אַמאָל און איצט

איך דערמאָן זיך, ווי שטאַרק כ'האָב געליטן,
ווי עס איז מיך באַפֿאַלן אַ שרעק,
ווען דאָס צוואַנציקסטע יאָר מײַנס צעביטן
כ'האָב אויף ליכטיקע, אײַליקע טעג.

„כ'וועל שוין איצט ניט באַווײַזן...
פֿאַרשפּעטיקט...
צוואַנציק יאָר איז מיר"... — האָב איך
געטראַכט.

פֿון ניט־אָפּטועס מײַנע אַ צעטל
אין געדאַנק האָב איך פּינקטלעך געבראַכט.

עפּעס־וואָס איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן,
כ'האָב געטאָן, וואָס איך האָב נאָר געקענט.
פּוסט־און־פּאַס אינעם גאַנג פֿון די יאָרן
בלײַבן כ'האָב ניט געלאָזט מײַנע הענט.

און אַצינד, ווען אַ האַלבער יאָרהונדערט
האָט מײַן ליכטיקע יוגנט פֿאַרהילט,
מיט ניט־אָפּטועס מענגעס פֿאַרבונדן,
טראַכט איך: אויפֿטאָן באַווײַזן כ'וועל פֿיל.

בוזי מילער

ווידער אויף דער ערד

סוועטלאַנע סאַוויצקאַיאַ

נאָרוואָס זײַ זײַנען אויף דער ערד אַראָפּגעשטיגן
און אַלץ פֿאַר זיי זעט אויס הײַנט פֿריש און נײַ.
סוועטלאַנע, אַ געפֿלעפֿטע, האָט אַ ווײַל געשוויגן
און שטיל געזאָגט: „ווי גוט! עס שמעקט דאָ מיט קורײַ..."

ערשט איצט, ווען זי, די פֿרוי די ערשטע,
אין קאָסמאָס אָפֿענעם געטאָן זי האָט אַ שפּאַן,
פֿון אומגעהערטע נאָך געפֿילן אַ באַהערשטע,
איז זי געקומען צו דעם פּאַשטעטן פֿאַרשטאַנד:

ווי ליב עס איז די לײַבלעכע פּלאַנעטע,
מיט יעדן שטעג און שטעגעלע צו זיך זי רופֿט.
ווי טיף די פֿרייד — פֿאַרטאָג זי צו באַטרעטן,
דער קאָפּ פֿאַרדרייען זאָל זיך פֿון איר דופֿט.

ס'זעט אויס סוועטלאַנען ווילד איצט אומגעהייער —
אין גרויס געפֿאַר די מענטשהײַט איז געשטעלט.
פֿאַראַנען וויסטע לײַט מיט נוקלעאַרן פֿײַער,
אין אַש פֿאַרוואַנדלען דראָען זיי די וועלט.

די וועלט... געקוקט אויף איר זי האָט פֿון קאָסמאָס קאַלטן,
פֿון דאָרט די וועלט זעט אויס אַ ציטעריק, אַ קליין.
זי טאָר ניט אונטערגיין מיט ראַדי אַ באַשטראַלטע, —
איר גאַנג דעם אייביקן ניט אויפֿהערן צו גיין.

די ערד — זי איז דאָך הוילער וווּנדער!
דאָס גליק דאָס גרעסטע — דינען איר געטרײַ.
אַראָפּשטײַגן פֿון קאָסמאָס יונג און מונטער
און זאָגן שטיל: „עס שמעקט דאָ מיט קורײַ..."

מישע מאָגילעוויטש

דו הערסט מיך

פֿאַרשטייסט ניט מײַן לאָשן,
נאָר אופמערקזאַם הערסט.
דו פּילסט מיט דײַן הארצן
דעם ייִדישן טעקסט.
דיך צויבערט און וווּנדערט
פֿון גראַם דער געשליף.

באַנעמסט מיט דײַן סייכל
פֿון וואָרט דעם באַגריף.
איך לייען און לייען
און לייען מײַן ליד.
דו הערסט מיך,
און איך בין צופֿרידן דערמיט.

לעוו בערינסקי

איך וויל, איר זאָלט וויסן

מענטשן לעבן אין הימל, אין וואַסער, אַף שטיינער און צווישן,
יעדער איינער זײַן עקאָלאָגישע סוויווע געפֿינט,
ווי אַ פֿויגל באַם ברעג, ווי אין טײַכל אַ קרעבס און אַ פֿישל —
אַלע האָבן דאָס רעכט זײַן אַזוי ווי מע איז — סײַ פֿאַרשנייט, סײַ צעגרינט.

נאָר איך לאַך, ווען מע זאָגט מיר, אַז עריקס יאַקולוס[1] איז מיר אַ ברודער.
ניין, מײַן ברודער איז מוישע, אַנדריי, איבראַהים, און דער עמעס — מײַן גאָט,
און די זון, ניין — דאָס בלוט פֿון דער זון פֿליסט אין יעדן מײַן אָדער —
ווען כ׳פֿאַרגראָב זיך אַפֿילע אין דר׳ערד ווי אַ מוילוורף, אַ קראָט.

זיסי ווײַצמאַן

אַ דערמאָנונג

אָפּדערנאַכט איז געוואָרן שטילער דער ווינט
און מיט רייכעס פֿון גראָז האָט געשמעקט אינעם רוים.
אַ וואָלקן האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין אַן אַקאַציע-בוים,
ווי גלײַך אין אַ מאַמעס קליידל כאַפּט אָן זיך אַ קינד.

דער טאָג איז שוין אָפּגעוועזן זײַן צײַט,
אָפּגעשטעלט זיך בײַ אונדזער פּלויט,
און די לעוואָנע, פֿאַרבענקט און פֿאַרטרויט,
האָט מיט האָפֿענונג געקוקט פֿון דער ווײַט.

איינמוטיק געבילט האָבן די שכיינישע הינט
בײַ אוּוראָמען דעם קאָוואַל, בײַ דער שנײַדערקע זלאַטע.
פֿון דער אַרבעט איז שוין געקומען דער טאַטע...
אָפּדערנאַכט איז געוואָרן שטילער דער ווינט.

---

[1] אַ מין קליין שלענגל.

אווראָם קאַצעוו

צו די לײַט, וואָס האַרגענען הײַנט קינדער

פון סדום — אײַער ווײַנשטאָק, און דאָס, וואָס איר טוט,
קאָן זײַן בלויז פאַר סדום, פאַר אמוירע זײַן גוט.

די ווײַנטרויבן — ביטער, און סאַם פון זיי טריפט,
אַזאַ, ווי בא שלענג פון די צינגער דער גיפט.

איר גראָבט פאַר זיך גריבער און נעצן איר שפּינט,
און גרויזאַם די שטראָף איז, וואָס איר האָט פאַרדינט!

פּיניע פּלאָטקין

דער בריוועטרעגער

די יעדי̇ע פון בוגורוסלאַן
איז מיר אָנגעקומען אָנהייב זומער.
אונדזער בריוועטרעגער מאַקאַוו איוואַן
האָט מײַן בענקשאַפט צום האַרץ זיך גענומען.

אים איז אויכעט געוועזן ניט גרינג —
אַף דער אַרבעט פון פענצטער ביז פענצטער,
כ'האָב געוווּסט: אין א יי̇שעוו לעם פּינסק
איז געבליבן זײַן פרוי מיט די קינדער.

וויפל צענדליק פאַרשיידענע בריוו
זײַנען טאָמיד געווען אין זײַן זעקל!

איינמאָל קומט ער און זאָגט צו מיר: שפּרינג!
כ'האָב באַקומען פאַר דיר צוויי דרײַעקן.

טייקעף לייענען כ'האָב זיי געמוזט
און פון פרייד ניט געקאָנט זיך באַרוען...
בלויז דערנאָך איז געוואָרן באַוווּסט,
ווער דער אווטאָר איז פון די שורעס.

די יעדי̇ע פון בוגורוסלאַן
איז מי̇ר אָנגעקומען טאַקע.
אונדזער בריוועטרעגער מאַקאַוו איוואַן
האָט געפונען מײַן פרוי און דעם טאַטן.

מאָטל גראָוומאַן

גענסעלעך און מאַגיסטראַלן

אָ, געסעלעך פון שטעטל — קליינע, שטילע,
ווי ריטשקעלעך צעוואָרפן בא דעם פעלד...
מיר דוכט, אַז איך געדענק נאָך יענעם
פרילינג,
ווען דאָ איך האָב די ערשטע טריט געשטעלט.

אויב זיי צונויפנעמען, די קורצע געסלעך אַלע
אין שורע איינער —
זי וועט זײַן ניט גרויס...
נאָר ס'טרעפט אַמאָל:
די גרעסטע מאַגיסטראַלן
פון געסעלעך אַזעלכע וואַקסן אויס...

אלעקסאנדער בעלאָוסאָוו

וועגן איינעם א פּאָעט

האָט געלעבט א שטילער, א פרידלעכער פּאָעט,
אין איינעם א לאַנד — אָן איידעלער פּאָעט,
האָט ער ליב געהאַט דרײַ זאַכן אויף דער וועלט,
און ס'האָבן אים די זאַכן קיינמאָל ניט געפעלט:
טוירע, לידער און שטאַרקע טיי!
ער האָט געלערנט, געשריבן און געטרונקען טיי.
אזוי האָט פארבראַכט פון פרי ביז שפּעט
דער שטילער, פרידלעכער לאַמדאָנישער פּאָעט.
אַנומלטן באַקומט ער פון פּאָטשט די בלעטער,
פרישע, קנאַקנדיקע, שמעקעוודיקע בלעטער,
און ער ווערט פון זיי אזוינס געוואָר,
אַז עס שטעלן זיך אים קאַפּויר די האָר:
די געמאָרע וועט בלײַבן — און ער וועט ניט זײַן!
און זײַן פּען וועט בלײַבן — און ער וועט ניט זײַן!
און זײַן ליד, פול מיט קלאַנגען, צאַפּלדיק-פריש,
לעם א גלאָז טיי וועט ליגן פאַריאָסעמט אויפן טיש!
ס'ווערט אים פאַרפינצטערט די ליכטיקע שײַן:
די וועלט וועט זײַן גאַנץ, נאָר קיין מענטש וועט ניט זײַן!
א וועלט אָן דעם מענטש — איז דען גוט אזא וועלט?
זאָגט, לייענער פון לידער — ווי דאָס אײַך געפעלט?
ס'הייבט זיך אויף דער פּאָעט, און צום שרײַבטיש ער גייט,
און ער הייבט זיך אָן זידלען מיט גראָבע רייד...

מישע לעמסטער

אויב דו ביסט אן עמעסער פּאָעט

הער מיך אויס, פּאָעט, — זאָגט די לעוואָנע, —
געגנוג איבער די נעכט צו זיפצן אונטער מיר.
כ'דאַרף ניט דײַנע לידער-שאָלעכמאָנעסן,
דײַנע שטערן: טרערן אויף פּאַפּיר.

פיר שוין אָפּ פון הימל-רוים דײַן בליק,
קליין עס איז דײַן אייגענער נעשאָמעס פײַן.
זעסט — עס ציטערט אויף די ערד פּונקט א בריק
צווישן זײַן און ניט זײַן.

אײַל זיך צו,
דו קאָנסט פאַרשפּעטיקן.
רו ניט, אויב דו ביסט טאַקע אן עמעסער פּאָעט.
ראַפאַעלס מאַדאָנעס בעטן דיך,
פּאַגאַנינים פידל צו דיר רעדט.

פּאָעזיע דאַרף זײַן הײַנט אן אַרמיי
פון לידער — סאָלדאַטן,
שורעס — באַגנעטן.
יעדן טאָג איינינעם מיט זיי,
פאַרטיידיק דײַן פּלאַנעטע.

עליע ביידער

געטרײַשאַפט

(פונעם ציקל „באָם יאָם")

אַף דעם יאָם האָט דער ווינט זיך געכאַסמעט.
איצט צו מיר אַפּדערנאַכט, ווען ס'איז פריש,
ליופט דער ווינט מיטן וועג, וואָס
געפּלאַסטערט
איז מיט ליסקעס פון גאָלדענע פיש.

כאָטש ס'איז ליב מיר די כוואַליע פונוויַיטן,
וועלכע קושט מײַנע פיס און גייט אויס,
נאָר אַזאַ מין טרײַשאַפט פאַרבײַטן
אַף מענטשלעכער טרײַשאַפט כ'וואָלט בלויז.

פיניע קריטשאַנסקי

האָב געדולד

האָב געדולד, וואַרט צו, מײַן ליבע,
כ'זע דעם טאָג שוין אַפן שליאַך,
ס'וועט די זון מיט צאַרטע ליפּן
אָפּבריִען דאָס אײַז אין טײַך.

באַלד דאָס אײַז וועט זיך צעלאָזן,
שוין געקומען איז די צײַט,
פרילינג־ווינטן וועלן בלאָזן
און די קריִע טרײַבן ווײַט.

ס'וועט אַ בלויער פויגל זינגען
פון גאַנצפרי אָן ביז פאַרנאַכט,
און מײַן שווײַגן כ'וועל דערטרינקען
אינעם פרילינגדיקן טײַך.

בראָניע סינעלניקאָווע

ברויט

דאָס ברויט אַף ריפּטעלער איך שנײַד,
עס איז מיר טײַער־ליב,
געפעלט האָט ברויט, געווען אַ צײַט,
געפעלט אין יעדער שטוב.

דער גוטער טאַם, פון ברויט דער ביס...
אָן ברויט דער טיש איז ניט קיין טיש.
אָן ברויט די שטוב איז ניט קיין שטוב.
מײַן טײַער קינד, דאָס ברויט האָב ליב.

כאַיִם מעלאַמוד

אָריסיע

א מיידעלע — א ציגעלע מיט א קאָראָמיסלע אַף די אַקסל. וויפל איז דאַן אַלט געווען יענץ מיידעלע? בא מײַנע צען יאָר האָב איך וועגן אַזעלכע זאַכן ניט געטראַכט. איין זאַך האָב איך געוווּסט: איך האָב אַלע טאָג געדאַרפט זען, ווי זי שפּאַנט מיטן שמאָלן סטעזש-קעלע צווישן גראָזיקן באַרג און נאָך מער גראָזיקן טאָל. א סטעזשקעלע, ווי א שוואַרץ פּאַסיקל אַף א גרויסן גרינעם בויגן. און ס'איז געווען ווי א מין קישעף, וואָס קוקנדיק פון אונדזער פּידאַשעקל אַפן ווײַטן שוואַרצן סטעזשקעלע, האָב איך זי קיינמאָל ניט געזען גיין באַרג-אַראָפּ מיט פּוסטע עמער, נאָר שטענדיק באַרג-אַרויף מיט צוויי פולע עמער וואַסער. זיי האָבן זיך געהוידעט אײנײנעם מיט דער קאָראָמיסלע איבערן רעכטן אַקסל, אײנײנעם מיט איר אַליין. האָט זיך מיר געמאָלט, אַז זי ווײנט ערגעץ העט אונטן, צווישן די דאָרפישע הײַזער לעבן ריטשקעלע, ווו אונטער די ווערבעס וואַקסט א קליין קרענעצ-קעלע, און די וואַסער אין דעם איז אַזוי נאָענט, אַז מע דאַרף ניט האָבן קיין לאַנגן שטריק. גענוג צוטשעפּען דעם עמער צו דער קאָראָמיסלע, אַראָפּלאָזן אים און אָנעמען פול מיט וואַסער. אַמאָל האָט זיך מיר געדוכט, אַז זי ווײנט טאַקע דאָרטן, אונטער די ווערבעס, עפּשער טאַקע אין דעם קרענעצקעלע אַליין, נעכטיקט אין דער שפּיגלדיקער וואַסער, שטייט אויף אײנײנעם מיט דער זון און לאָזט זיך אַוועק מיטן שמאָלן סטעזשקעלע, ווען קיין לע-בעדיקער נעפעש איז אַף דעם ניטאָ. וווּהין און וועמען טראָגט זי די וואַסער, נאָך וואָס דאַרף זי דאָס — אַזעלכע פראַגעס זײַנען בא מיר ניט אויפגעקומען. זיי האָבן ניט געטאָרט אויפקומען. זיי וואָלטן געמאַכט צונישט דעם גאַנצן קישעף.

דער צווייטער קישעף איז געווען די לײַכטקײַט, מיט וועלכער זי האָט געשפּאַנט איבערן סטעזשקעלע, גלײַך זי טראָגט ניט קיין צוויי פולע עמער מיט וואַסער, נאָר עפּעס א גאָרניט, טאַקע גאָר גאָרניט. און זי, דאָס מיידעלע אַליין, מיטן בלייכן פּענעמל און ווײַסע צעפּלעך, ניט זי גייט, נאָר שוועבט איבער דער ערד, קוים צורירנדיק זיך צו איר מיט די שפּיץ פינגער, שפּרינגט איבער איר ווי א ציגעלע. זי שפּרינגט, שוועבט, הוידעט זיך אײנײנעם מיט דער קאָראָמיסלע, אײנײנעם מיט די עמער, און ס'איז פּאַשעט ניט צו פאַר-שטיין, וויאַזוי באַקומט זיך בא איר, אַז קיין איין טראָפּן וואַסער רינט פון די עמער ניט אַרויס.

יעדן גאַנצפרי, ווי נאָר איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, פלעג איך א האַלב-נאַקעטער אַרויסלויפן אַפן פּידאַשעק. איך האָב געמוזט באַלד א קוק טאָן אַפן סטעזשקעלע און זען דאָס מיידעלע מיט דער קאָראָמיסלע. דאָס האָט געדאַרפט הייסן פאַר מיר, אַז די וועלט איז א וועלט און יעדער זאַך איז אַף איר אָרט. די זון איז אויפגעגאַנגען, דאָס מיידעלע איז אַרויס פון דער קרענעצע, אָנגענומען פולע עמער וואַסער און אָט שפּאַנט זי איבער דעם סטעזשקעלע.

די זון און דאָס מיידעלע... אין מײַן דעמלטיקער פאָרשטעלונג וועגן וועלטגעבוי האָבן זיי געהאַט דעם זעלבן באַטײַט. איך האָב זיי אָפּטמאָל אַפילע געזען אין כאָלעם. ניין, אין כאָלעם האָב איך געזען בלויז דאָס מיידעלע. אָן דער זון.

אַמאָל פלעג איך אַפילע הערן, ווי זי זינגט. און עפּשער האָט זיך מיר דאָס אויסגע-וויזן. וויאַזוי קאָן מען עס הערן, ווי אַף דעם ווײַטן סטעזשקעלע זינגט א מיידעלע? נאָר דאָס קעלכל אירס איז דערגאַנגען צו מיר. אַמאָל איז דאָס לידעלע געווען א פריילעכס, געמורמלט, ווי דאָס וואַסער אין דעם ריטשקעלע, און אַמאָל איז דאָס געווען זייער אַן

אומעטיקס, א רופנדיקס, ווי דאָס הירזשען פון א פארבלאָנדזעט לאַשעקל, וואָס יאָגט ארום מיט אן אויסגעצויגענעם האלדז און רופט די מאמע.

און פלוצלינג האָט דאָס מיידעלע ניט געסטייעט. יעדן גאנצפרי בין איך ארויסגעשפרונגען אפן פידאשעקל און א פלאטערנדיקער זיך איינגעקוקט אינעם שמאָלן סטעזשקעלע. עפשער, עפשער... נאָר דאָס מיידעלע האָט מער ניט געוואָלט זיך באווייזן. דאָס איז געווען פאר מיר אלציינס, ווי די זון וואָלט מיר ניט אופגעגאנגען.

דאָ הייבט זיך ערשט אָן די עמעסע דערציילונג. די דערציילונג וועגן דעם, וואָס איז זיך פארלאָפן אין אונדזער שטעטל ארום אלטן בעסוילעם.

דער אלטער בעסוילעם איז טאקע געווען שוין זייער אן אלטער. קיינער האָט שוין ניט געדענקט, ווען האָט מען אָף אים עמעצן מעקאבער געווען. ער האָט שוין ניט געהאט איבער זיך קיין באלעבאָס, ווער ס'זאָל אים אָפהיטן, האלטן אין א שטיקל אָרדענונג. איז ער געוואָרן אלעמענס און קיינעמס ניט. א מין רעשוס-האָראבים, ווי דער שטעטלשער מארק, ווי דער שפאציר-פלאץ הינטערן שטעטל. נאָר דעם מארק האָט מען יעדן פארנאכט צוגעראמט, און פון מאָל צו מאָל פאריכט די איינגעפאלענע שטעלכלעך. אהער איז קיינער ניט געקומען עפעס פאריכטן. אויב ס'איז איינגעפאלן אן אוראלטע מאצייווע, איז זי געבליבן ליגן, אליין אויך א בארמינען, ווי דער, וואָס ליגט אונטער איר ווער ווייסט וויפל יאָר. די שטארק אָפגעריבענע אופשריפטן אָף די שטיינערנע מאצייוועס האָבן שוין קיינעם גאָרנישט ניט געזאָגט. זיי האָבן געהערט צו אן אנדער צייט, צו אן אנדער וועלט, וואָס איז שוין לאנג פארשוווּנדן געוואָרן.

דאָס שטיינערנע פלויטל ארום דעם בעסוילעם איז געווען האלב צעוואלגערט, האלב איינגעזונקען אין דער ערד און פארוואקסן מיט קראָפּעווע און בודיקעס. שוין ניט קיין פלויטל, נאָר א פלאטשיק טרעפעלע צי א בערגעלע, זייער א שטעכיקס און א בראָטנדיקס. פאר אונדז, באָרוועסע כעווריניקעס, זיינען די בודיקעס געווען אן ערנסטע מעכיצע. פאר די ציגן פון די ארומיקע געסלעך האָט דאָס ווייניק וואָס באטייט. זיי האָבן גרינג אריבערגעשפרונגען איבער די בודיקעס, פריי ארומגעשפאצירט צווישן די מאצייוועס, מיט האנאָע געפאשעט זיך צווישן הויכן און געדיכטן גראָז און געכאָוועט נייע דוירעס ווייסע ציגעלעך, עס זאָל זיין וועמען צו שטיין אונטער די קינדערשע וויגעלעך.

איין זאך האָט דער אלטער בעסוילעם אויסגעפילט ווי מיט יאָרן צוריק, ער איז געווען די גרענעץ צווישן צוויי פרעמדע וועלטן, צווישן יידישן שטעטל און אוקראַאינישן דאָרף. פון איין זייט זיינען געשטאנען עטלעכע שטעטלשע הייזער, אזעלכע אלטע, אזעלכע האלב-איינגעפאלענע, ווי דער בעסוילעם אליין, א העקדעש-געסל, וווהין דאָס גאנצע שטעטל האָט אויסגעגאָסן זיינע פאָמעניצעס און ווו די שטינקענדיקע בלאָטע האָט ניט געקאָנט אויסטריקענען זיך פארן גאנצן זומער. פון דער אנדערער זייט, — א שטיקעלע גאניידן. א הויכער בארג, וואָס איז פון פריִען פרילינג געווען באצירט מיט גרינעם און דינעם גראָז, ווי ציידענע פעדעמלעך, און א גאנצן זומער געגרינט, געשמעקט מיט ניט קיין שטעטלשע רייכעס, געצויגן צו זיך, מאמעש גערופן און געמאניעט, געווען דער סאמע שרעקלעכער יעיצערהאָרע פאר אלע שטעטלשע קונדייסים. נאָר אריבערגיין אָף יענער זייט בעסוילעם איז געווען שטרענג פארבאָטן.

עמעס, מיר פלעגן אָפטמאָל בישטיקע זיך ארויסגאנווענען פונעם כיידער, אריבערלויפן אָף יענער זייט, אוועקיאָגן בארג-ארוף, דערנאָך קייקלען זיך, גליטשן זיך בארגאראָפּ איבערן זיידענעם גראָז, צוטראכטן קאָלערליי פארשייטע שפילן, פארגעסנדיק בייסמייסע וועגן דער אומפארמיידלעכער שרעקלעכער שטראָף, וואָס ווארט אָף אונדז פאר ברעכן די גרענעץ: דעם רעבנס קאנטשיק אָף דער-וועלט און דעם געהענעם אָף יענער-וועלט.

א ביסל אָפגערוקט צי ארויסגערוקט, אָפגעזונדערט פון זייערע געסלעך, זיינען איינס קעגן אנדערן, ווי גרענעץ-זאסטאוועס, געשטאנען צוויי הייזער.

פון אונדזער זייט — אן איינגעהויקערט שטיבעלע מיט אָפגעקאלופעטע ווענט, מיט קליינע פענצטערלעך, ווו פארקלאפט מיט א ברעטל און ווו פארשטעקט מיט א שמאטע. געוווינט האָט דאָ וויים ניט קיין געהויבענער בלעכער, וואָס איז מיט זיין גאנצן הוילעך, מיט זיין פארשמאָלצעוועטן רעקל און די אויסגעקרימטע שקראבעס, ווי אויך מיט זיין שטארק צוגעפלעטשטער און איבערגעשפאלטענער נאָז, געווען ווי אָנגעמאָסטן פאר זיין שטיבל און דעם אָרט, וואָס עס האָט פארנומען. גערופן האָט מען אים אויזיע פלעדערוויש, און זיין גאנצע מעלאָכע איז באשטאנען דערין, וואָס ער האָט געמאכט בלעכענע דעכלעך צו די הילצערנע צאמען אפן נייעם בעסוילעם. די איינציקע רייכשאפט זיינע, אין וועלכער

ער און זײַן ציפּע האָבן ניט אופגעהערט שפּיגלען זיך, איז געווען זייער באַסיעכידקעלע, וואָס האָט אַרויסגעשײַנט פון די אייביקע בלאָטעס איבער אַלע אַרומיקע גאַסן און געס-לעך. זיי האָבן אַליין ניט געקאָנט פאַרשטיין: וויאַזוי איז דאָס אַף זייער מיסט אויסגעוואַקסן אַזאַ צירונג. גערופן האָט מען דאָס מיידעלע — ריסיע. עפשער האָט זי געהייסן ראָסיע, אָדער רייזל, נאָר גערופן האָט מען זי ריסיע.

אָט דאָס איז געווען יענץ מיידעלע-ציגעלע מיט דער קאַראַמיסלע אַפן אַקסל, וואָס האָט יעדן גאַנצפרי זיך באַוויזן אַפן שמאָלן סטעזשקעלע. מײַן שטיקעלע קישעף, מײַן שטי-קעלע קינדערשער טרוים און מײַן... איך ווייס אַליין ניט וואָס.

און פון יענער זײַט בעסוילעם, אַפן באַרג, וואָס איז זומער גרין און ווינטער ווײַס, האָבן אַרויסגעפינקלט עטלעכע פויערשע הײַזער, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי שטיקלעך בלויער הימל, וואָס זײַנען אַראָפּגעפאַלן אַף דער ערד און געבראַכט מיט זיך סימאָנים פון יענעם הימלשן גאַנייִדן. אינמיטן זומער, ווען עס ווערן צײַטיק די ווײַנשל, באַקומען די סעדלעך אַרום די הײַזער אַ רייצנדיקע רויטקײַט, אַף וועלכער מע טאָר אַפילע ניט קוקן. דאָס האַרץ קאָן פאַרכאַלעשט ווערן. אינעם גאַניידנדיקן שטיבעלע, וואָס איז אַף עטלעכע שפּאַן אַרויס-געשפּרונגען פונעם געסל און געבליבן הענגען איבערן באַרג, האָט געוווינט... נאָר דאָן האָט נאָך קיינער ניט געוווסט, ווער וווינט עס אין אָט דעם שטיבל.

יענעם גאַנצפרי, ווען דאָס מיידעלע האָט פּלוצלינג ניט געסטײַעט, איז געשען אַזאַ זאַך. ווען זי איז שוין געשטאַנען מיט דער קאַראַמיסלע און מיט די ליידיקע עמער אין די הענט, איז צו איר צוגעקומען עפּעס אַ באָכער און האָט זי שטאַרק אָנגעשראָקן. ערשטנס, איז ער איר געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט, צווייטנס, ניט קיין ייִד, אַ באָכער פון „יענער זײַט”.

— וווהין קלײַבסטו זיך? — האָט ער בא איר געפרעגט.

— נאָך וואַסער, — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט אַ דערשראָקענע.

— און וווהין גייסטו נאָך וואַסער?

— איך גיי אַראָפּ צום קרענעצקעלע באַם ריטשקעלע.

— וואָס זשע דאַרפסטו גיין אַזוי ווײַט?

— וווהין דען זאָל איך גיין?

— האָסט דאָך אַזוי נאָענט אַזאַ גוטע קרענעצע.

— ווו? ווו איז דאָ נאָענט אַ קרענעצע?

לעבן אונדזער שטוב. אָט, די ערשטע שטוב אַפן באַרג.

דאָס מיידעלע האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אַף יענער זײַט, אַף יענער גאַניידנדיקער וועלט, וואָס האָט זיך איר געדוכט העכער און ווײַטער פונעם הימל, און האָט זיך צעוויינט.

— וואָס זשע וויינסטו, מיידעלע? — האָט געפרעגט דער באָכער.

— איך האָב מוירע.

— פאַר וועמען האָסטו מוירע?

— איך ווייס ניט.

— נו, אויב דו ווייסט ניט, דאַרף מען ניט מוירע האָבן. ווי רופט מען דיך?

— ריסיע.

— ריסיע? זייער גוט. הייסט עס — אַריסיע.

— ניט אַריסיע, נאָר ריסיע.

— גוט. זאָל זײַן ריסיע. און מיך רופט מען דאַנילקע.

— און דײַן מאַמע?

— וואָס, מײַן מאַמע?

— דײַן מאַמע וועט מיך ניט אַוועקטרײַבן?

— מײַן מאַמע איז אַ גוטע. קאַריטינע רופט מען זי.

ריסיע האָט ווידער אופגעהויבן דעם קאָפּ צו יענעם גאַניידנדיקן שטיבעלע מיט דער קרענעצע. ס'איז טאַקע געווען פיל נעענטער פון יענעם קרענעצקעלע באַם טײַכל. די נאָ-ענטקײַט איז געווען אַזוי צוציִענדיק, אַז ס'האָט זיך שוין געוואָלט אַוועקלויפן אַהין. אַ שפּילכל! מע שפּרינגט אַריבער דעם בעסוילעם, מע הייבט זיך אוף באַרג-אַרוף און מע איז שוין בא דער קרענעצע. צוריק איז נאָך נעענטער. באַרג-אַראָפּ און באַרג-אַראָפּ. און מע דאַרף זיך ניט שלעפּן אַזוי ווײַט. ס'איז דאָך אַזוי שווער טאַסקען די פולע עמער וואַ-סער!

— גייען מיר? — האָט דאַניִלקע געפרעגט.

ריסיע האָט געשוויגן.

האָט ער איבערגענומען אין זײַנע הענט ביידע עמער. ריסיע האָט ווידער געשוויגן.

האָט ער איבערגענומען בא איר די קאַראָמיסלע, און זי האָט אַלץ געשוויגן.

האָט ער זי אַליין אָנגענומען פאַר דער האַנט, און זי האָט ווידער געשוויגן.

אַזוי שטאַרק האָט זי זיך געצויגן צו דער נאָענטער קרענעצע.

(פון יענעם גאַנצפרי האָב איך מער ניט געזען אַפן שוואַרצן סטעזשקעלע דאָס מיידעלע מיט דער קאַראָמיסלע אַפן אַקסל. איך ווייס אַליין ניט, פאַרוואָס האָט עס מיך אַזוי פאַרדראָסן, פאַרוואָס בין איך געוואָרן בייז אַף איר. איך ווייס ניט, פאַרוואָס האָט זי געמוזט יעדן גאַנצפרי זיך באַווײַזן אַפן סטעזשקעלע און מיט וואָס האָט זי געזינדיקט, אויב זי האָט אויפגעהערט זיך באַווײַזן.)

האָט זי אַריבערגעשפּאַנט דעם אַלטן בעסוילעם, זיך אויפגעהויבן באַרג-אַרויף און אַרײַנגעקומען מיט דאַניִלקען צו זיי אין הויף.

— מאַמע, — האָט ער זיך אָנגערופן, — דאָס מיידעלע רופט מען ריסיע.

— נו איז וואָס? — האָט די מאַמע ניט פאַרשטאַנען.

— וועט זי אַלע גאַנצפרי קומען צו אונדז נאָך וואַסער.

— און פונוואַנען איז זי, אָט די ריסיע? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— פון גאָר נאָענט. פון יענער זײַט. פון אָט יענעם שטיבל.

— זע נאָר, זע נאָר, — האָט די מאַמע ווי דערפרייט זיך, — אַזאַ שיין מיידעלע, אַזאַ וווילער מיידעלע, און מיר האָבן ניט געוווּסט. אָט איז די קרענעצע און אָט איז די קאַרבע. לאָז אַראָפּ דאָס קייטל מיטן עמער און נעם דיר אָן וואַסער, וויפל דו ווילסט. אַפילו דרײַ מאָל אין טאָג.

דאָס אַלץ האָט ריסיע אויסגעהערט מיט פאַרזשמורעטע אויגן. אַלץ אַרום האָט געפינקלט, אַלץ אַרום האָט שימערירט, אַלץ אַרום האָט געבלענדט: די ווײַסע וועגט פונעם שטיבל, די רויטע ווײַנשל אַף די ביימלעך און דער בלילעכער צוויט פון די קאַרטאָפל אַפן גאָרטן. אַלץ איז פאַר איר געווען יענערזײַטיק-נײַ און אומגעווײנלעך, גלײַך זי האָט געטראָפן אין גאָר אַן אַנדער וועלט. און כאַריטינע אַליין... זי איז מיט גאָרנישט ניט געווען ענלעך אַף די שטעטלשע מאַמעס, אַף איר מאַמען אוואָדע ניט. יונגלעך-ברייטפּלייציק, קרעפּטיק און שמייכלדיק, מיט אַ ריין אויסגעוואַשן פאַנעם און אַ ריין אויסגעוואַשענער שטים, וואָס דאַרף געוויס אויסטויגן זיך אַף זינגען. מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט ריסיע אַראָפּגעלאָזט דאָס קייטל און גלײַך דערהערט, ווי דער עמער האָט זיך אַ פּליוסקע געטאָן אינעם וואַסער. אַפּגיך אַרויסגעדרייט איין עמער, אַ צווייטן, האָט זי זיי אָנגעטשעפּעט אַף דער קאַראָמיסלע און אַ הייב געטאָן אַפן אַקסל.

— ניין, ניין, — האָט דאַניִלקע זי אָפּגעשטעלט. — ביז אַראָפּ וועל איך אַליין טראָגן. און שוין דאָרטן...

— מיידעלע, — האָט דערבײַ אַ קלונג געטאָן כאַריטינעס אויסגעוואַשענע שטים, — נעם פאַרזוך מײַנע פּירעזשקעס. פון די ערשטע ווײַנשל.

יעדן גאַנצפרי האָט ריסיע פאַרקערעוועט שוין ניט צו יענעם סטעזשקעלע, נאָר אַף רעכטס, צום אַלטן בעסוילעם. זי האָט דאָס געטאָן אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט זען. ניט דער טאַטע און ניט די מאַמע. זי איז אַפּגיך דורכגעלאָפן צווישן די מאַציייוועס, און פון יענער זײַט, אונטערן באַרג, איז שוין געשטאַנען דאַניִלקע, גלײַך איבערגענומען בא איר די עמער, אַ נעם געטאָן זי פאַר דער האַנט, און זיי זײַנען ביידע, ווי אַ פּאָר יונגע ציגעלעך, אַרויפגעלאָפן אַרויף. ווען די מאַמע האָט זי געפרעגט, ווי האָט זי עס באַוויזן אַזוי גיך זיך אומקערן, האָט זי, רויטלענדיק זיך און פאַרהיקענדיק זיך געענטפערט:

— איך בין געלאָפן.

דאָס איז געווען אַ ביסל עמעס און אַ ביסל ניט עמעס.

אַזוי, ביז איינמאָל... ס'איז דאַן געווען די צײַט פון באַנדעס. גרויסע באַנדעס מיט נעמען — פּעטליוראַוצעס, מאַכנאָוצעס, זעליאָנאָוצעס — און קליינע באַנדעלעך אינגאַנצן אָן נעמען, — הולטײַעס פון די אַרומיקע דערפער, וועלכע האָבן זיך נאָכגעקרימט די גרויסע באַנדעס, אַמאָל בלויז גערױבעוועט, אַמאָל אויך געשלאָגן, אַמאָל אונטערגעצונדן אַ שטוב און אַמאָל אויך עמעצן געהאַרגעט.

...ווען ריסיע האָט שוין אָנגענומען די עמער מיט וואַסער, ווען כאַריטינע האָט איר שוין דערלאַנגט עפּעס אַ נאַשערײַ און דאַניִלקע האָט אַ נעם געטאָן אין די הענט די פולע עמער, האָט זיך דערהערט אַ שיסערײַ. פרי'ער אַ שיסערײַ, דערנאָך אַ גוואַלד, דערנאָך

דאָס טופּען פון א סאַך פערד און דערנאָך אַלץ איינינעם. ריסיע האָט א קוויטשע געטאָן און געוואַלט אַוועקלויפן, נאָר דאַנילקע האָט זי א כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט.

— וווּהין וועסטו איצט לויפן? זעסט ניט, וואָס עס טוט זיך?

זיינען זיי ביידע געבליבן שטיין. דאַנילקע האָט זי פעסט געהאַלטן בא דער האַנט און זיי האָבן ביידע געקוקט. געציטערט און געקוקט.

צום אַלטן בעסוילעם האָט מען צונויפגעטריבן אַלע יידן, וואָס זיינען יענעם גאַנצפרי געווען אין דער גרויסער שול, אינעם קליינעם שולכל, אינעם אַלטן בעסמעדרעש און אין דער נייער קלויז. זיי האָבן אפּאַנעם געהאַלטן אינעם סאַמע אינדערמיט פונעם שאַכרים, און אַזוי-אָ, אַלע אין טאַלעס-און-טפילן, האָט מען זיי צונויפגעטריבן אהער און אַרומגע-רינגלט פון אַלע פיר זייטן מיט קוילנוואָרפערס. צוערשט האָט מען עטלעכע מאָל אויס-געשאָסן, דער אוילעם זאָל וויסן, אז דאָס איז ניט קיין שפּילכל, אַז די באַנדיטן קאָנען טאַקע שיסן אַפּאַנעמעסן. דערנאָך האָט דער אַטאַמאַן פון דער באַנדע געמאָלדן — דאָס פערד אונטער אים האָט געהאַלטן אין איין אונטערטאַנצן, די פּאַפּאַכע מיטן רויטן וואָרע-טשעק איז אים געהאַנגען איבער די אויערן, נאָר גערעדט האָט ער גאַנץ הויך, גאַנץ דייט-לעך און ביז גאָר דראַעגנדיק:

— ווער עס האָט גאָלד, צירונג, צוקער, מעל און וואַרעניע זאָל אָפּגיין אין א זייט, מיט דעם וועט ער זיך אויסקויפן דאָס לעבן, די איבעריקע זשידעס... הייבט דערוויַל אָן זאָגן ווידוי... איך וועל ציילן ביז צען. נו, זאָל זיין ביז פופצן.

אייניקע, א מענטשן צען, האָבן זיך געלאָזט גיין. אַנדערע האָבן געמאַכט א שפּאַן און זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן ווי געוואַקלט זיך, ווי זיך מעיאַשעוו געווען: צי לוינט דער גאַנצער אייסעק, צי לוינט אויסקויפן דאָס שוין נימעס געוואָרענע לעבן און בלייבן וואַרטן אָף א נייער באַנדע. דאָס פערד אונטערן אַטאַמאַן האָט געהאַלטן אין איין בריקעווען זיך, געדרייט מיט אים אין אַלע זייטן, און ווען דאָס פערד האָט אים א דריי געטאָן מיטן פּאַ-נעם צום באַרג, האָט דאַנילקע זיך אָנגערופן:

— ס'איז ער, סטיאָפּקאַ, סטעפּאַן וואַראָנענקאָ, א רועך אין זיינע ביינער. פון אונדזער סלאָבאָדקע. טו אומיסטן א קוק, ריסיע. מע האָט אָבער געזאָגט. זעסט, מאַמע!

— א פּאָהיבעל אָף אים, — האָט כאַריטינע זיך אויסגעזידלט.

וואָס איז דאַן בייסמייַסע געשען, איז שווער געווען צו פאַרשטיין. עס האָט זיך פּלוצעם אָנגעהויבן א שיסערייַ. פון עטלעכע קוילנוואָרפערס און אויך פון א פּאָר האַרמאַטן. די יידן האָבן געמיינט, אַז דאָס שיסט מען פון די קוילנוואָרפערס אָפן בעסוילעם, און באַלד וועלן זיי אָנהייבן פאַלן. ריסיע האָט צוגעמאַכט די אויגן און צוגעפּאַלן מיטן קאָפּ צו דאַ-נילקעס אַקסל. דאַנילקע איז געווען א ביסל רויקער, ער האָט מער זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין דעם, וואָס ס'קומט פאָר. האָט ער זי גרינג א גלעט געטאָן איבער אירע דינע צעפּעלעך:

— האָב קיין מוירע ניט. מע שיסט פון ערגעץ אַנדערש. ס'איז א גוטע שיסערייַ.

און טאַקע. אין דער זעלבער מינוט האָט די פּאַפּאַכע אויסגעשריגן:

— צעגייט זיך, זשידעס, ווי זאַלץ אין וואַסער! אייַער דער זאָל דאָ ניט זיין.

אין א פּאָר מינוט אַרום איז דער בעסוילעם געוואָרן פּוסט, גלייַך ס'איז גאָרנישט ניט געשען.

— איצט וועל איך גיין, — האָט ריסיע ווי געבעטן זיך.

— איצט וועסטו אין ערגעץ ניט גיין, — איז דאַנילקע געוואָרן ווי קיינמאָל ניט שטרענג. — פריִער וועל איך זיך דורכגיין איבערן שטעטל, זיך דערוויסן, וואָס ס'טוט זיך דאָרטן. מאַמע, פיר זי אַרייַן אין שטוב אַרייַן, זי איז דאָך געוויס הונגעריק.

— מייַן מאַמע, — האָט ריסיע געפּרווט דערווידערן, — מייַן מאַמע וועט שטאַרק איבערטראַכטן.

— דייַן מאַמען וועל איך עפּעס זאָגן.

— מע דאַרף ניט, — האָט ריסיע זיך צעוויינט. — מע דאַרף גאָרנישט ניט זאָגן דער מאַמען.

— גוט, וועל איך איר גאָרניט זאָגן. און מע דאַרף ניט וויינען.

דעם גאַנצן טאָג איז אין שטעטל געווען אומרויִק. קיינער האָט ניט געקאָנט זאָגן, וואָס קומט דאָ הייַנט פאָר און וואָס קאָן נאָך געשען. איז געווען, ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן: דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך פאַרקליבן אין די קעלערס און אָף די ביידעמער, און די גאַסן זיינען געוואָרן טויט-פּוסט. ריסיע איז דעם גאַנצן טאָג אָפּגעזעסן אָף א לאַנגער און ברייטער באַנק, א פאַרדעקטער מיט א געקווייטלטער רעדנע, און ניט אויפגעהערט וויינען און ציטערן. כאַריטינע האָט געפּרווט באַרויִקן זי, דערלאַנגט איר א קוואָרט פרישע

מילך, שפּעטער א שיסל הייסן און פעטן באָרשטש, נאָר ריסיע האָט זיך צו גאָרנישט ניט צוגערירט. אָפּגעשוויגן עטלעכע מינוט, האָט זי ווידער זיך צעוויינט.

— וואָס זשע וויינסטו, מיידעלע? — האָט כאַריטינע אַלעמאָל געפרעגט.

— איך ווייס אַליין ניט. איך האָב עפּעס מורע.

— פאַר וועמען?

— איך ווייס ניט.

— אוי, נאַריש מיידעלע וואָס דו ביסט...

— עפּשער טאַקע...

נאָר בײַקומען דעם שרעק האָט זי ניט געקאָנט. ער איז עפּשער געקומען, דער שרעק, פון אָט דער פולער ניט-ענלעכקײַט פון אָט דעם ציכטיקן שטיבעלע אויף זייער האלב-אײַנגעפאלן הײַזעלע פון יענער זײַט, און די רייכעס אפילו... גאָר אנדערע רייכעס... זיסלעכע און טערפּקע, און אפילו א ביסל ביטערלעכע. און די אויסגעגייטע האנטעכער אויף די ווענט... און אָט דאָס בילד, א שרעקלעך-שיינס און א זינדיקס... קימאט א האלב-נאַקעטע פרוי מיט אן אָפּענער ברוסט האָדעוועט א קינד. ווער איז זי, די פרוי, ווער איז דאָס שיין קוטשעראַווע ייִנגעלע?

ערשט ווען אין דרויסן איז געוואָרן גוט פינצטער, האָט דאַנילקע זיך אָנגערופן:

— איצט קאָנען מיר גיין.

דאַנילקע האָט א נעם געטאָן ביידע עמער אויף דער קאָראָמיסלע, און ער מיט ריסיען האָבן זיך געלאָזט בארג-אראָפּ צום בעסוילעם. דאָ האָט ריסיע געדאַרפט איבערנעמען בא אים די עמער און גיין אהיים, נאָר דאַנילקע האָט זיך אָנגערופן... אזוי שטיל זיך אָנגערופן, ווי ווען מע רעדט ארויס א גרויסן סאָד:

— לאָמיר נאָך שטיין א ביסל.

— לאָמיר, — האָט ריסיע אָפּגעענטפערט.

זײַנען זיי געבליבן שטיין. געשטאַנען און געשוויגן. און דאָס שטילשווײַגן איז געווען אזא, ווי נאָר עס קאָן זײַן באנאכט אויף אן אַלטן בעסוילעם. זיי זײַנען געשטאַנען, זיך אײַנגעהערט אין דער אומגעווײנלעכער שטילקײַט און געציטערט פון שרעק. פון גאָר אן אנדער שרעק, מיט וועלכן ס'האָט זיך ניט געוואָלט שיידן. זיי זײַנען געשטאַנען א ביסל צו לאַנג, פיל מערער, ווי עס קומט שטיין אין אזא אָוונט נאָך אזא טאָג. און וועגן וואָס צו רעדן האָבן זיי ניט געוווּסט. זיי האָבן נאָר געפילט, אז ס'איז זיי גוט מיט אָט דער שטייעניש. האָט דאַנילקע ווידער ארויסגערעדט:

— לאָמיר נאָך שטיין א ביסל.

— לאָמיר, — האָט ריסיע אָפּגעענטפערט.

ווען ריסיע איז שפּעט אין אָוונט געקומען אהיים מיט דער וואַסער, איז די מאמע צוגעפאלן צו איר און זיך צעיאָמערט אפן פולן קאָל.

— ווי איז מיר, ווו ביסטו עס געווען א גאַנצן טאָג? מיר איז שיר די נעשאָמע ניט ארויסגעפאלן. נאָך גוט, וואָס עפּעס א באָכער איז געקומען און האָט געזאָגט, אז דו ביסט דאָרטן אין א שטוב, פון יענער זײַט ריטשקעלע.

דער פּלאַטער האָט געטליִעט אין ריסיען די גאַנצע צײַט און פארפלאַמט דאָס גאַנצע פּאָנעם. דערהערט וועגן דעם באָכער, וואָס איז געקומען אהער, האָט עס מיט איר אָנגעהויבן אונטערוואַרפן.

— וואָס זשע ציטערסטו אזוי? — האָט די מאמע געפרעגט. — דיר איז קאַלט, ריסיעלע?

— ס'איז ניט פון קעלט, מאמע, ניט פון קעלט.

— פון וואָס זשע דען, ווי איז מיר?

האָט זיך אָנגעהויבן א צווייענדיק גייעניש און א צווייענדיק לויפעניש. גאַנצפרי איז ריסיע ארויסגעגאַנגען מיט די עמער אין די הענט, א ביסל זיך פארהאַלטן אין שטיבל אפן בארג, עס זאָל ניט אויסקומען, אז זי האָט זיך צו פרי אומגעקערט אהיים, און אין אָוונט האָט זי זיך שטיל ארויסגעגאַנוועט פון דער שטוב און געלאָפן אפן בעסוילעם, ווו הינטער א גרויסן שטיינערנעם צאַם האָט אויף איר געוואַרט דאַנילקע. דער אַלטער בעסוילעם, וואָס האָט שוין פון לאַנג אָנגעוואָרן זײַן פארבינדונג מיט די לעבעדיקע, קיינער איז שוין אהער אפילו ניט געקומען אויף קייווער-אָוועס, איז געוואָרן אן אָרט פון א הייסער ליבע, וואָס האָט מיט יעדן אָוונט זיך צעצוויטעט אַלץ שטאַרקער, צעצוויטעט, צעפלאַקערט און פארשטעלט פאַר זיי ביידן די גאַנצע וועלט. און ס'איז ניט געווען פאַר זיי קיין ליכטיקערס, ווי

די פאָר פינצטערע אָונטיקע שאָ. און ס'איז ניט געווען פאר זיי אין דער גאָרער וועלט קיין בעסער ערטעלע, ווי אָט דער שטיינערנער צאם אפן אלטן בעסוילעם.

יענע צייט האָט ווייניקער פון אלץ געפאסט פאר אזעלכע ליבעס. ס'איז געווען א צייט פון וואָלוול בלוט, פון שרעקלעכע פּאָגראָמען און אומזיניקער סינע. וועלטן זיינען אומגעקומען און וועלטן זיינען געבוירן געוואָרן, און ארום און ארום האָט ניט אופגעהערט צו דונערן. דאָס שטעטל האָט מיט אומרו געקוקט אף די ארומיקע דערפער און וועלדער, פונוואנען ס'איז אלעמאָל אָנגעפלויגן אן אנדער באנדע. און געשען איז אלעמאָל גראָד אזוי: די שטעטלשע ייִדן זיינען געלאָפן זיך אויסבאהאלטן אהין, פונוואנען די באנדע האָט געדארפט אָנפליִען, — אין די שכיינעסדיקע דערפער, צו די אוקראַיִנישע שכיינים און פריינט. דאן האָבן שוין ניט געגאָלטן די איינגעשטעלטע גרענעצן. מע איז געלאָפן דורכן אלטן בעסוילעם, דורך דער אלטער באָד, אריבערגעלאָפן דאָס בריקל, אריבערגעשפרונגען דאָס ריטשקעלע, און מע האָט געקאָנט מיינען, אז שוין, אויס, גראָד אין דער אייס-צאָרע זיינען ביידע וועלטן זיך צונויפגעקומען. נאָר דערנאָך איז ווידער געווען דאָס זעלבע. ניט איין מאָל איז אויזיע פלעדערוויש מיט זיין ציפען אויך אריבערגעלאָפן דורכן אלטן בעסוילעם און זיך אויסבאהאלטן בא די קראמארענקאָס. אזוי האָט מען גערופן דאניליקעס עלטערן. נאָר פונוואנען האָבן זיי געזאָלט וויסן...

און מיטאמאָל איז דער סאָד געוואָרן אויס סאָד און האָט אופגערודערט דאָס גאנצע שטעטל. איצט איז שוין שווער צו זאָגן, וויפל האָט ער געדויערט, דער סאָד, וויפל אָוונטן צי וויפל כאדאָשים האָט עס געצוויטעט זייער ליבע ביז זי איז רייף געוואָרן, ביז זיי אליין זיינען געוואָרן אזוי פעסט בא זיך, אז זיי האָבן געוואגט ברעכן אלע גרענעצן, אלע פארווערן, גרייט געווען אופנעמען אף זיך אלע קלאָלעס פון ביידע צדאָדים. אין איינעם אן אָוונט איז ריסיע אוועק אפן בעסוילעם און מער זיך ניט אומגעקערט. אף מאָרגן האָט איבערן גאנצן שטעטל זיך צעטראָגן א קלאנג, אז אויזיע דעם בלעכערס טעכטערל ריסיע האָט זיך געשמאדט, און אז זי הייסט שוין ניט ריסיע, נאָר אָריסיע...

אָריסיע, אָריסיע...

דאָס שטעטל האָט געהודיעט. דאָס שטעטל האָט זיך דערפילט אָפגענארט, באליידיקט, בארויבט, געשענדט און האָט געפלאקערט פון צאָרן. און אלץ איז געפאלן ניט אזוי אף ריסיען אליין, ווי אף אויזיען, אף זיין קאָפּ און אפן קאָפּ פון זיין קראנקער און אויסגעצערטער ציפען. „גוואלד, גוואלד, גוואלד! סטייטש, סטייטש, סטייטש!” דער גוואלד און דער סטייטש איז געווען נאָך מערער פארביטערט דערפון, וואָס דאָס איז פאָרגעקומען אין אזא אומרוִקער צייט, ווען יענע זייט איז געווען פארן שטעטל פול מיט געפאר, מיט בלוט.

און איך אליין אויך. איך, מיט מיין נאָך קינדערשער פרומקייט, פון וועלכער ס'איז שוין צייט געווען ארויסוואקסן, האָב דאָס אופגענומען ווי א שפיצל, וואָס ריסיע האָט אָפגעטאָן מיר זעלבסט. איך האָב זיך געסטארעט ארויסטרייבן, ארויסשטויסן פון מיין זיקאָרן דאָס דארע מיידעלע אפן שמאָלן סטעזשקעלע, וואָס האָט זיך מיר איצט געדוכט זינדיק און אווייערדיק. איך האָב מיט אלע קויכעס זיך געסטארעט פארמיִעסן זי אין מיינע אויגן, אויסגעטראכט פאר זיך גאָר אן אנדער ריסיע, א קלייענדיקע, א האָרבאטע און אפילע צוגעטשעפעט צו איר פּאָנעם איר טאטנס צוגעפלעטשטע נאָז. און באנאכט... באנאכט האָב איך שטיל געוויינט. איך ווייס אליין ניט פארוואָס, נאָר מיר האָט זיך געדוכט, אז זי האָט מיך אָפגענארט, מיך בארויבט. נארישע, קינדערשע טרערן.

אָריסיע, אָריסיע...

איך הער איצט אָפט זינגען א הארציק אוקראַיִניש לידל, וואָס הייבט זיך אָן אויך אזוי: „אָריסיא, אָריסיא”... און אלעמאָל טוט מיר א קלעם דאָס הארץ. נאָר די סיבע איז דאָ אן אנדערע. און דערצו דארף מען דערציילן אלץ ביזן סאָף.

די מאמע אירע, די קראנקע ציפע, האָט ניט אויסגעהאלטן דעם פארדראָס, דעם ביזאָיען און די קלאָלעס, און איז אינגיכן געשטאָרבן. און כאָטש אין יענער צייט האָבן אין שטעטל קיין מייסים ניט געפעלט, האָט מען אופגעהערט באשטעלן בא אויזיען די בלעכענע דעכלעך צו די הילצערנע צאמען. ווי מעג מען האָבן מאגע-אומאסע מיט א ייִדן, וועמעס טאָכטער האָט זיך געשמאדט?

ביסלעכווייז האָט דאָס שטעטל אָנגעהויבן פארגעסן אין ריסיען. ס'האָט געהאט גענוג אנדערע דייגעס. מע האָט קיינמאָל ניט געוווסט, וועמען ווערט מען דערזען מאָרגן גאנצפרי אף די שטעטלדיקע גאסן — א רויטארמייִשן אָטריאד, צי א פעטליורישע באנדע, וועמעס שטוב וועט אָפּגעברענט ווערן און אף וועלכער גאס וועט מען באוויינען א מעס. בלויז אורציע, דער וועכטער פונעם נייעם בעסוילעם, האָט דערציילט, אז אָפטמאָל, באנאכט, קומט

צו אים צו גיין אַריסיע, וועקט אים אוף און בעט אים, ער זאָל איר ווײַזן דער מאמעס צאם. זי פאלט צו צו דעם צאם, ציט זיך אויס לעבן אים אף דער ערד, און וועגן וואָס זי טײַנעט זיך אויס מיט דער מאמען, ווייסט נאָר זי אליין. דערנאָך האָט זי אים אופגעהערט צו וועקן. זי האָט שוין גוט געוווּסט, ווו איר מאמע ליגט, און אליין געטראָפן דעם וועג אהין. נאָר אורציע האָט שטענדיק געוווּסט, ווען זי איז געווען. יענעם באגינען פלעגט ער זען אף ציפּעס קייווער א צווײַגעלע פון א ווײַנשלבוים אָדער א בינטל פרישע קווייטן. אויך ניט קיין ייִדישע זאך — קווייטן גאָר!

דערנאָך איז געשען נאָך א זאך. אויזיע פלעדערוויש, וואָס האָט אָנגעוואָרן זײַן בידנע פּאַרנאָסע אין שטעטל און זיך געשעמט דורכגיין די גאס, האָט אין איינער א נאכט ניט געסטײַעט. פארפאקוועט זײַן בלעכעריש קלאפּערגעצײַג, איז ער אוועק אין אן אנדער שטעטל צו זײַנעם א נאָענטן צי א ווײַטן קאָרעוו. דאָס שטיבל איז א צײַט געשטאנען אינגאנצן פּוסט און אָנגעהויבן צעפאלן זיך. דערנאָך האָט אהער פארבלאָנדזעט א פּאָרפאָלק פון אן אנדער שטעטל, פאריכט דאָס, וואָס האָט זיך געלאָזט פאריכטן, פארוואלקעוועט דאָס, וואָס מע האָט געקאָנט פארוואלקעווען, ארומגעשמירט און אויסגעווײַסט די ווענט פון אינוויינִיק און פון דרויסן, און די אלטע כורווע האָט גענומען אויסזען ווי נײַ-געבוירן.

אזוי זײַנען מיר אריַין אין דער נײַער צײַט, וואָס איז געקומען צו אונדז און שוין געבליבן אף שטענדיק אינײינעם מיט דער רויטארמײיִשער אכטער ראָטע. אירע לידלעך זײַנען געוואָרן אונדזערע לידלעך, אירע יאָמטויווים — אונדזערע יאָמטויווים, איר שטאָלץ — אונדזער שטאָלץ, און אירע גוטע האָפענונגען — אונדזערע האָפענונגען.

אין איינעם א טאָג האָט אין שטעטל זיך באוויזן אַריסיע. זי איז געשטאנען אפן מארק לעבן א שטעלכל, ווו דאָרפישע פרויען האָבן ארויסגעשטעלט זייערע שמעקנדיקע און רייצנדיקע מײַכאָלים: ברוינעם אָנגעקנאָבלטן און גלאנצנדיקן וווּרשט, ראָזעווע פאסן כאזערשמאלץ און גרויסע געקווייטלטע לײַמענע שיסלען מיט כאָלאָדיעץ. אפילע דורכגיין פארבײַ אזא שטעלכל, פון וועלכן עס האָבן געזועצט אין דער נאָז די טרייפע רייכעס, איז געווען די גרעסטע אווירע. אַריסיע איז געשטאנען אן אויסגעפּוצטע אין א לײַוונטענעם העמדל פול מיט אויסגענייטע קווייטעלעך, אין א פארטעכל, וואָס האָט שימערירט, ווי די ווענט פון זייער דאָרפיש שטיבל, און איר פּאָנעם האָט געגלאנצט און געשפּיגלט זיך אין זיך אליין, געשמייכלט צו דער וועלט מיט א גוטן ליבלעכן שמייכל. און ס'האָט פון דעם ארויסגעזונגען אזוינס, וואָס די שטעטלשע ווײַבלעך און מיידלעך איז שווער געווען פארשטיין. דאָס שטעטל איז ערשט קוים ארויס פון די באנדעס און האָט נאָך ניט געוווּסט ניט פון זאטקײַט, ניט פון גלאטע, פארקײַלעכיקטע פּענעמער. און פון ריסיעס דינע צעפּעלעך איז געוואָרן א לאנגער און גראָבער צאָפּ, פארדרייט איבערן קאָפּ אין א דרײַגאָרנדיקן בייגל, וואָס האָט זי געמאכט נאָך העכער, שטאלטנער און שענער. פארדריסלעך שענער, זינדיק שענער. איז שוין אוואדע געווען וואָס צו בארעדן אין די שטעטלשע הײַזער.

מיר אליין איז שווער געווען באשטימען, וואָס איך פּיל. פון מײַן קינדערשער פרומקײַט בין איך שוין ארויסגעוואקסן, איך האָב זיך שוין ניט געפּרוּווט זי פארמײַעסן און דערלויבט איר זײַן אזא, ווי זי איז. מיר האָט זיך זייער געוואָלט צוקומען צו איר שטעלכל, זיך אײַנקוקן אין איר פּאָנעם, זיך אָנשמעקן מיט דעם אָנגעקנאָבלטן רייעך פון איר וווּרשט, נאָר עפּעס האָט מיך אָפּגעהאלטן. א ניט-קלאָרער געפיל פון אייפערזוכט און רויגעז, פון שטאָלץ און פאָרורטייל. כאָטש וואָס — ווער — ווען? א קינדערשער כאָלעם... א דאר מיידעלע אפן שמאָלן סטעזשקעלע.

אין צוויי יאָר ארום האָט אַריסיע געבוירן א מיידעלע. דאָס צווייטע איז געבוירן געוואָרן אין פיל יאָרן ארום, א יאָר פאר דער מילכאָמע.

און אזוי, ביז יענעם שרעקלעכן פּעוואראל פון צוויי-און-פערציקסטן.

נאָר קעדיי עס זאָל קלאָרער ווערן, וואָס איז געשען אין יענעם פּעוואראל, מוז מען זיך אומקערן צום אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן און דערמאָנען דאָס באנדעלע, וואָס האָט צונויפגעטריבן די ייִדן צום אלטן בעסוילעם, און דעם אטאמאן סטעפאן וואָראָנענקאָ. דאָס באנדעלע איז נאָך א פּאָר מאָל אָנגעפאלן אפן שטעטל, דערנאָך ערגעץ ניט געסטײַעט. ערשט אין א צײַט ארום האָט די טשעקא אויסגעכאפּט אין די באנדוראָווער וועלדערטלעכע באנדיטן און צווישן זיי אויך אָט דעם סטעפאנען. א פּאָר טעג האָט מען זיי געהאלטן אין עפּעס א קעלער, און מיר, כעוורעניקעס, זײַנען א גאנצן טאָג געשטאנען לעבן יענער שטוב און צוגעקוקט, ווי מע פירט אלעמאָל ארויס אן אנדער באנדיט אף א פארהער. דערנאָך האָט מען צום פּלאץ לעבן דעמלטיקן וואָלרעווקאָם (רעווקאָם פון דער וואָלאָסט) צונויפגערופן א גרויסע סכאָדקע פון די ארומיקע דערפער. אהין האָט מען ארויס-

געפירט פינף באנדיטן, און דער פּאַרזיצער פון דער „רעוואָלוציאָנער טריבונאַל", ווי מע האָט דאַן גע־רופן דעם מיליטערישן טריבונאַל, האָט פּריִער געהאַלטן א לאַנגע רעדע און דערנאָך פּאַר־געלייענט דעם אורטייל. מיר, כּעוורעניקעס, האָבן זיך ארופגעכאַפּט אַף א הויכן פּלויט, מיר זאָלן אַלץ בעסער הערן און זען. געהערט האָבן מיר זייער שלעכט, נאָר געזען האָבן מיר אַלץ. יענץ גרויזאַמע בילד איז פאַרבליבן אין מיר אַפן גאַנצן לעבן. איך האָב ביז דאַן ניט געזען, ווי מע צעשיסט מענטשן. געענדיקט לייענען דעם אורטייל, האָט דער פּאַרזיצער געגעבן א קאָמאַנדע, און די רויטאַרמייער, וואָס זײַנען געשטאַנען קעגן די פינף באַנדיטן מיט אָנגעצילטע ביקסן, האָבן אויסגעשאָסן. די באַנדיטן האָבן מעשונעדיק זיך א דריי גע־טאָן, זיך א וואַלגער געטאָן און אומגעפאַלן. צווישן זיי איז געווען אויך סטעפּאַן וואַראַנענקאָ. בא סטעפּאַנען איז געווען א קלענערער ברודער, פון דאַנילקעס עלטער, טישקע האָט מען אים גערופן. און ער איז אויך געווען דערבײַ. און האָט דאָס אוודאי אויך פאַרגעדענקט.

דערצו איז צוגעקומען נאָך א זאַך. בא דאַנילקען איז אויך געווען אַן עלטערער ברו־דער. געהייסן האָט ער פּיאָדאָר. פּיאָדאָר קראַמאַרענקאָ. אייניקע מאָל האָט ער זיך באַוויזן אין שטעטל מיטן דעמאָלט באַרימטן גאַליאַניצקיס רויטאַרמייִשן אָטריאַד. צו יענער צײַט, ווען מע האָט צעשאָסן די באַנדיטן, איז ער געווען דער פּאַרזיצער פונעם היגן וואָלרעוו־קאָם. און כאָטש קיין דירעקטע שײַכעס צום מישפּעט האָט ער ניט געהאַט, נאָר דאָך... און טישקע האָט דאָס אויך פאַרגעדענקט.

ווען די פאַשיסטן זײַנען ארײַן אין שטעטל, איז טישקע, דאַן שוין טימאָכע, גלײַך גע־וואָרן א פּאָליצײַ. און אין יענעם שרעקלעכן פּעוורעל־טאָג פון צוויי־און־פערציקסטן, ווען מע האָט צונויפגעטריבן די שטעטלשע ייִדן אין דער גרויסער שול, און פון דאָרטן, גרו־פּעסווײַז, אוועקגעפירט צו די אייבערשטע הלינישטשעס, האָט טימאָכע זיך דערמאָנט אין די קראַמאַרענקאָס. פּיאָדאָר איז שוין דאַן אין דאַרף ניט געווען, ער איז געוואָרן א קאַדראָווע אָפיצער פון דער רויטער אַרמיי, דאַנילקעס עלטערע טאָכטער איז אויך ניט געווען הי. זי איז געווען א מעדשוועסטער אין אַן אָדעסער שפּיטאָל, און אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע אוועק אַפן פראָנט. נאָר דאַנילקע...

ער איז שוין ארויס פון דעם עלטער, וואָס מע האָט מאָביליזירט די ערשטע כאַדאָ־שים. אים איז אויך ניט געקומען אַפן געדאַנק צו עוואַקויִרן זיך. ער איז געווען א פּאַ־שעטער קאָלווירטניק, פון יענע לײַט, וואָס אַרבעטן פלײַסיק און שטיל. עמעס, אַריסיע האָט אין די דרײַסיקער יאָרן א ביסל געראַשט ווי א רינגלערן, וואָס האָט אַראָפּגענומען היפּכע גערעטענישן פון בורעקעס. נו איז וואָס?

אין יענעם פּעוורעל־טאָג איז טימאָכע מיט נאָך א פּאָליצײַ אוועקגעלאָפן צו דאַניל־קען, אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און באַפוילן:

— הײַדאַ, אַריסיאַ. טו זיך אָן, נעם דאָס מיידעלע און קום ארויס.

— וווהין? — האָט געפרעגט דאַנילע.

— ניט דײַן אייסעק. עפן אויף.

עפענען האָט מען שוין געמוזט. זיי האָבן אפגיך זיך אָנגעטאָן, און דאַנילע האָט גע־נומען דאָס מיידעלע אַף די הענט.

— וווהין קריכסטו? — האָט טישקע אָנגעשריגן. — דיך דאַרף קיינער ניט.

— זעסט דאָך, דאָס קינד איז נאָך פאַרשלאָפן.

פון זייער שטוב צו דער שול איז געווען גאַנץ נאָענט. מע האָט בלויז באַדאַרפט ארי־בערשפּאַנען דעם בעסוילעם און דורכקלײַבן זיך דורך א פּאָר פאַרשנייטע, האַלב־פוסטע הינטערגעסלעך.

מע האָט זיי אַלע דרײַ ארײַנגעשטופּט אין שול ארײַן, ווו עס איז שוין ניט געווען ווו א פוס צו שטעלן. אַלע זײַנען געשטאַנען האַלבנאַקעטע און באָרוועסע, און אַלעמאָל האָט א דונער געטאָן א שיקערע קאָמאַנדע:

— צוואַנציק מענער ארויס!

— צוואַנציק פרויען ארויס!

אין שול איז געוואָרן וואָס א מאָל גערשמער. אַריסיע האָט געפּרוווט אָפּזוכן א פרײַ ווינקעלע אוועקצולייגן דאָס קינד, נאָר טישקע האָט אָנגעשריגן אַף איר:

— וואָס באַלעבאַטעוועסטו דאָ? טו זיך אויס. און דאָס מיידעלע אויך.

זײַנען זיי געבליבן האַלבנאַקעטע צווישן אַלע אַנדערע, אַזעלכע ווי זיי. אַלע ווי פאַר־שטומט געוואָרענע פון שרעק. זיי האָבן געקאָנט נאָר שטיל קרעכצן. קרעכצן און וויינען.

— און איצט, אַריסיע, זאָג ווידע! — האָט טישקע באַפוילן.

וואָס איז אַזוינס ווידע האָט אַריסיע ניט געוווּסט. נאָר טישקעס שיקערע שטים איז געווען אַזוי ענלעך אויף דער שטים פון יענעם אין דער פּאַפּאַכע, וואָס האָט דאַן, יענעם זומערדיקן באַגינען אויסגעשריגן צו די ייִדן אויפן בעסוילעם: „זשידי, קאָזשיט ווידע!" טישקע אַליין איז אויך געווען ענלעך אויף יענעם. און אַלץ, אַלץ איז געווען ענלעך אויף יענעם ווײַטן באַגינען, וואָס איז געווען דער אָנהייב פון די גליקלעכסטע טעג אין איר לעבן. צי דען קאָן אויך איצט געשען אַזאַ נעס?

— צוואַנציק פּרויען אַרויס! — האָט ווידער אַ דונער געטאָן אַ שיקערע קאָמאַנדע.

— וואָס זשע שטייסטו? — האָט טישקע אָנגעשריגן אויף איר. — נעם דאָס מיידעלע און הײַדאַ.

צווישן די צוואַנציק פּרויען איז אויך אַריסיע אַרויס אין דרויסן. דער פראָסט האָט גלײַך אַ שנײַט געטאָן די פּיס ווי מיט אַ מעסער.

— דאָס קינד וועט זיך צוקילן! — האָט אַריסיע אויסגעשריגן. — דאַנילקע, ווו ביסטו ערגעץ, דאַנילקע?

דאַנילע איז צוגעלאָפן צו איר, אַ נעם געטאָן דאָס מיידעלע אויף די הענט, אײַנגע-וויקלט עס אין זײַן פּעלצל און געלאָזט זיך גיין אינאיינעם מיט דער גרופּע פּרויען.

— וווּהין? — האָט טישקע אים אַ זעץ געטאָן מיט דער ביקס. — וואָסי, דאָס לעבן איז דיר נימעס געוואָרן.

— און דו קלײַבסט זיך נאָך דעם אַלעמען נאָך לאַנג לעבן? — האָט דאַנילקע גע-פרעגט.

— שווײַג, דו... מיינסט מיר האָבן פאַרגעסן?

פון דער שול ביז צו די גריבער איז אויך געווען ניט שטאַרק ווײַט. מע האָט נאָר באַדאַרפט פאַרקערעווען צו דער מאַרק-גאַס און דורכשפּאַנען עטלעכע הונדערט שפּאַן אַרויף. נאָר יעדער שפּאַן... באָרוועסע איבערן אײַז, באָרוועסע איבערן שניי. דאַנילע האָט די גאַנצע צײַט זיך אַרומגעקוקט אויף רעכטס און אויף לינקס, געזוכט אַ שפּאַרונקעלע, דורך וועלכן ער מיט אַריסיען זאָלן קאָנען אַנטלויפן. נאָר פון ביידע זײַטן האָבן געשפּאַנט פּאָלי-צײַען מיט אָנגעשטעלטע ביקסן און אויטאָמאַטן. אַזוי זײַנען זיי צוגעקומען צו די גריבער.

— לאָז אַראָפּ דאָס מיידעלע און גיי צו אַלדי רוכעס! — דאָס האָט אויסגעשריגן שוין ניט טישקע, נאָר אַן אַנדער פּאָליצײַ. ער איז צוגעלאָפן צו דאַנילען, געפּרוּווט אַרויס-רײַסן בײַ אים דאָס מיידעלע, נאָר דאַנילע האָט עס געהאַלטן פעסט, אַרומגעוויקלט מיט זײַן פּעלצל.

— זעסט דאָך, — האָט ער זיך געבעטן, — ס'איז נאַקעט און באָרוועס. עס וועט זיך צוקילן.

— וואָס צוקילן, ווער צוקילן? — האָט אויסגעשריגן אַ צווייטער פּאָליצײַ. — ביסט בײַ די געדאַנקען?

ס'איז אויפן פאַרגעקומען אַ שטיקעלע געשלעג. אַן אומזיניקער, אַ האָפענונגסלאָ-זער און אַן אויסזיכטלאָזער. מע האָט טאַקע שוין געדאַרפט זײַן אַ ביסעלע גערירט צו פאַרפירן אַ געשלעג. נאָר אַזעלכע זײַנען געווען אַלע, וואָס זײַנען געשטאַנען אויפן ראַנד פון די גריבער.

ווען דער פּאָליצײַ האָט ווידער געפּרוּווט אַרויסרײַסן בײַ אים דאָס קינד, האָט דאַנילע אים דערלאַנגט מיטן פויסט אין דער ברוסט. ס'איז געווען אַ רעכטער קלאַפּ, און דער פּאָליצײַ איז אומגעפאַלן. און גלײַך האָבן אַ קנאַל געטאָן עטלעכע שאָסן מיטאַמאָל. דאַנילע איז געפאַלן דער ערשטער. אַרײַנגעפאַלן אין גרוב מיטן קינד אויף די הענט. לעבן זיי איז אומגעפאַלן אַריסיע.

— ניט גוט, ניט גוט! — האָט אויסגעשריגן דער דײַטשישער אָפיצער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַקציע. — קיין אָרדנונג!

ער איז געווען שטאַרק דערצאָרנט דערפון, וואָס די אײַנגעשטעלטע אָרדנונג איז אַזוי אומדערלאָזבאַר געבראָכן געוואָרן. ערשטנס, האָט אין גרוב, וואָס איז געווען צוגע-גרייט פאַר פרויען, געטראָפן אַ מאַן, און צווייטנס, איז ער אַרײַן אַהין אַן אָנגעטאָנענער. אין אַזאַ גוטן פּעלץ און אין אַזעלכע גוטע שטיוול. נאָר אַזוי איז דאָס שוין געבליבן. ס'איז פּאַשעט קיין צײַט ניט געווען אַרויסשלעפּן אים פון דאָרטן. איז ער געבליבן דער איינציקער מאַנצביל צווישן עטלעכע הונדערט פרויען. מיטן קינד אויף די הענט. און ניט ווײַט פון אים איז געלעגן זײַן אַריסיע.

איך האָב געשפּאַנט איבערן שטעטעלע פון מײַן קינדהײט און עס ניט דערקענט. איך האָב געזען פאַר זיך פיל נײַע הײַזער, און געמאָלט האָבן מיר זיך גאָר אַנדערע. איך האָב געהערט באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע שטימען, און אין די אויערן האָבן מיר אויך געקלונגען גאָר אַנדערע. דער גאַנצער אַרום האָט זיך מיר געמאָלט קאַפּויר. גראַד דאָס אַלטע האָט מיר אויסגעזען יונג. דאָרט זײַנען געווען רעשטלעך, שפּליטערס פון מײַן אייגענער יוגנט.

געווען איז דאָס אין דער מיט פון די זעכציקער יאָרן, צוואַנציק יאָר נאָך דער מיל־כאָמע. די עוואַקויִרטע האָבן זיך אומגעקערט, עס איז דאָ געבוירן געוואָרן אַ נײַער דאָר קינדער, וואָס האָבן שוין געהאַלטן באַם ענדיקן די מיטלשול, און די דאָזיקע יוגנט איז געווען אַזוי ניט ענלעך אויף דער יוגנט פון מײַן דאָר. אַלץ, אַלץ איז געווען ביז גאָר אַנ־דערש. אַפילו דער בעסוילעם. דער פריִערדיקער נײַער בעסוילעם איז שוין אַליין געוואָרן אַן אַלטער, און אַרום דעם ברידער־קייווער פון די פאַשיסטישע קאָרבאָנעס איז אויפגע־קומען גאָר אַ נײַער. טאַקע לעבן אים האָב איך זיך עס אָנגעהערט פיל שוידערלעכע גע־שיכטעס, און אויך דאָס, וואָס ס'איז געשען מיט אַריסיען.

איינער פון די, וואָס האָט מיר פיל אָנדערציילט, איז געווען אַ ייִד באַ די אַכציק, וואָס האָט פאַרהיט אין זיך די שטאַלטנעקייט און זשוואַוועקייט פון יענע ווײַטע יאָרן. פאַרהיט אַפילו דאָס קורץ־אונטערגעשוירענע בערדל, אַפילו די געדיכטע וואָנצעס, כאָטש שוין היפּש גראָוולעכע. שימען־לייב האָט מען אים גערופן.

— קומט, וועל איך אײַך עפּעס ווײַזן... עפּשער וועט דאָס אײַך פאַרינטערעסירן.

ער האָט מיך אַוועקגעפירט צום אַלטן בעסוילעם, אויף וועלכן עס זײַנען געבליבן עט־לעכע געציילטע צאַמען און ווו עס האָבן זיך געפּאַשעט די שטעטלשע און דאָרפישע ציגן. מיר זײַנען צוגעקומען צו דער עלטסטער מאַצייווע אין דעם מיזרעכדיקן ווינקל.

— איר ווייסט, וויפל אַט דער צאַם איז אַלט? — האָט ער געפרעגט.

— פונוואַנען זאָל איך וויסן?

— בייגט זיך אומיסטן אָן און טוט אַ קוק.

די מאַצייווע אַליין איז שוין אויך געווען שטאַרק צוגעבויגן צו דער ערד, און קעדיי עפּעס איבערלייענען, האָט מען געדאַרפט אַרונטערקריכן אונטער איר, גוט אַראָפּווישן דעם געדיכטן מאָך און דערקלײַבן זיך צו די שוין היפּש אָפּגעריבענע אויסיִעס. מיר זײַנען גע־לעגן ביידע קאָפּ צו קאָפּ, שימען־לייב האָט געריבן שוועבעלעך, און איך האָב נאָך אַס געפּרוווט אויפשטעלן דעם נאָמען פון דעם, וואָס ליגט דאָ. איך האָב קוים באַוויזן אויפ־שטעלן דעם נאָמען „עליִעזער", דאָס איבעריקע איז אומעגלעך געווען פאַנאַנדערקלײַבן. נאָר דאָס יאָר... לויטן יאָר האָבן מיר געקאָנט אויסרעכענען, וויפל די מאַצייווע איז אַלט, און אַזוי־אַרום אָן ערעך באַשטימען אויך דעם עלטער פונעם שטעטל. האָט זיך באַקומען, אַז דאָס שטעטל איז שוין אַלט העכער צוויי הונדערט יאָר.

ס'איז געווען אַ לויטערער זומערדיקער טאָג. די זון האָט געשײַנט ווי מיט פיל יאָרן צוריק, און דאָס בערגל פון יענער זײַט בעסוילעם האָט געגרינט מיט זײַן גרינעם זײַדענעם גלאַנץ. איך האָב געכאַפּט אַ קוק באַרג־אַרויף און דערזען דאָס ווײַסע שטיבל, אַרומגע־רינגלט מיט יונגע ביימער.

— עמעצער וווינט אין דעם שטיבל? — האָב איך געפרעגט, און דערפילט, ווי דאָס האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן.

— מע וווינט, אַוודאי וווינט מען, — האָט שימען־לייב געענטפערט. — נאָר גאָר אַנ־דערע מענטשן.

— און פון זייער פאַמיליע איז קיינער ניט געבליבן?

— געבליבן. די עלטערע טאָכטער זייערע. זי קומט אָפּט אַהער מיט איר טעכטערל צום ברידער־קייווער. און איר טעכטערל... ס'הייסט אויך אַריסיע. אוי, אַריסיע...

אין זײַן מויל האָט איר נאָמען אַ קלונג געטאָן מיט אַזויפיל פּײַן!.. האָט זיך באַ מיר אַרויסגעריסן אַ לעפּישע פראַגע:

— איר זענט געווען פאַרליבט אין איר?

— ווער פון אונדזערע יונגעלײַט איז אין איר ניט געווען פאַרליבט?

...די אַלע טעג זײַנען זיי מיר געשטאַנען פאַר די אויגן. ווי זיי שטייען ביידע אויפן ראַנד פון די גריבער און ווי זיי פאַלן אַראָפּ איינער מיט פיל אַנדערע. דערשאָסענע און ניט אינגאַנצן דערשאָסענע...

איך האָב געקוקט אויפן שטיבל, דערנאָך פאַרקערעוועט דעם בליק צום יאַר, וואָס האָט

זיך גוט אָנגעזען פונדאַנען. איך האָב געזוכט מיט די אויגן דאָס שמאָלֿע סטעזשקעלֿע צווישן גראָז און געוואָרט... אָט באַלד וועט זיך אָפּ דעם א יאַווע טאָן דאָס מיידעלֿע מיט דער קאַראַמיסלֿע אפן רעכטן אקסלֿ. נאָר דאָס סטעזשקעלֿע איז געווען אינגאַנצן פאַרוואַקסן, אָן די מינדסטע שפּורן פון מענטשלֿעכע טריט. און דאָס מיידעלֿע מיט דער קאַראַמיסלֿע האָט ניט געוואָלֿט זיך באַווײַזן...

א פּייסעכדיקער שניי

איר האָט אמאָלֿ איבערגעלֿעבט פאַרדראָס אָפּ א פּייסעכדיקן שניי? אלֿץ לֿעכצט אזוי נאָך זון און נאָך וואַרעמקײַט, יעדער אויסגעטראָטן סטעזשקעלֿע זעט אויס ווי אויסגעקאָשערט, יעדער נײַ גרעזעלֿע ווי יאָמטעוודיק צוגעפּוצט, און נאָכן לֿאַנגן ווינטער, ווען מע איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַלֿטע און איבערגעפּריִעטע שמאַטעס, ווילֿט זיך שוין אזוי אַרופּציִען וואָס גיכער אָפּ זיך דאָס נײַע העמדעלֿע און די איבערגעניצעוועטע הייזעלֿעך, איז נאָ די גאָר — א שניי צום ערשטן סיידער!

נאָר דאָס איז שוין דער סאָף פון דער מײַסע. דער אָנהייב איז גאָר אַן אַנדערער.

גלֿײַך נאָך פּורים, ווען דאָס גאַנצע שטעטלֿ איז נאָך געווען פאַרגאָסן מיט א שיטערער בלֿאָטע, אזא מין טוואַן, אין וועלֿכן מע האָט געקאָנט דערטרונקען ווערן, א שיטעריִע, וואָס האָט געשמעקט מיט אַלֿע רייכעס פון דעם, וואָס איז פאַרן ווינטער אַרויסגעגאָסן געוואָרן פון אַלֿע הײַזער, איז געקומען די צײַט פון באַקן מאַצעס. קיינער האָט ניט געוואָרט, אז דאָס וועט ברענגען צו אזא הייסער דיסקוסיִע אָפּ דער פאַרזאַמלֿונג פון אונדזער קאָמיוגישן קעמערלֿ. צי מעגן קאָמיוגיסטן אַרבעטן אין א מאַצע-בעקערײַ? ווינטערצײַט איז אונדזער געהויבענע כאַווערײַע געווען מערסטנטיילֿ אַרבעטלֿאָז, און קימאַט א כוידעש אַרבעט, ווו מע האָט געצאָלֿט א רובלֿ פאַר א וואַכטע, צוויי מאָלֿ מער, ווי זומער אָפּ די בורעקעס-פּלאַנטאַציעס, איז אַוואַדע געווען פאַר אונדז אלֿעמען א גרויס געווינס. אָבער...

— רעלֿיגיִע איז אָפּיום פאַרן פאָלֿק! און קאָמיוגיסטן טאָרן ניט! מיר טאָרן ניט ווערן קיין פשאָרעמאַכער!

דאָס איז געווען זייער א ריכטיקער טעזיס. דער קעגנטעזיס איז אָבער אויך געווען א וואַגיקער.

— וואָס גייען מיך אָן די מאַצעס? איך דאַרף פאַרדינען אָפּ ברויט!

צווישן די פאַרשיידענע קאָמיסיעס, וואָס זײַנען געווען טעטיק אין אונדזער קעמערלֿ, איז געווען אויך אַן עקאָנאָם-קאָמיסיִע, זי האָט עס געדאַרפט זאָרגן וועגן אײַנאָרדענען די שטעטלֿשע יוגנט אָפּ אַרבעט. האָט דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיִע, אַן אויסגעדאַרט יאַטלֿ, מיט צוויי אַרויסשפּאַרנדיקע קינבאַקן, שײַקעלֿע זינגער, גראָד געמוזט צוטראַכטן א פשאָרע, וואָס זאָלֿ מעגלֿעך מאַכן די אַרבעט אין דער מאַצע-בעקערײַ.

— איך מיין אזוי, — האָט ער אַרויסגערעדט, ווי אַרויסגעטראָגן א פּסאַק, — זאָלֿן טאַקע אונדזערע כעווורע גיין אַרבעטן אין דער בעקערײַ, נאָר מע דאַרף אַלֿעמאָלֿ אַרײַנשיטן אין דער מעלֿ א ביסלֿ כאָמעצדיקע ברעקלֿעך.

דער דאָזיקער קלוגער אײַנפאַלֿ איז שטאַרק געפעלֿן געוואָרן, די מעגלֿעכע דיוועריִע האָט אַלֿעמען אפילֿע פאַרכאַפּט. ס'האָט שוין געהאַלטן באַם אָפּשטימען, נאָר דאָ האָט לֿייבעלֿע, וואָס זײַן פאַמילֿיִע האָט זעלֿטן-ווער געוווּסט, גערופן האָט מען אים לֿייבעלֿע יאַנקעוו-מוישעס, אַרײַנגעוואָרפן א רעפּליק:

— איך בין קעגן, — האָט ער אויסגעשריגן.

— פאַרוואָס ביסטו קעגן? — האָט געפרעגט דער פאָרזיצער. — דאָ פאָדערט זיך אַן ערנסטע מאָטיווירונג!

— וואָס זשע, צוליב א שטיקלֿ ברויט זאָלֿ איך ווערן א שוטעף מיט די קלֿיי-קוידעש? — האָט לֿייבעלֿע געשטעלֿט א נײַע פראַגע.

מיר האָט זיך זייער געוואָלֿט אונטערהאַלטן לֿייבעלֿען. איך האָב אויך געהאַלטן, אז צוליב א שטיקלֿ ברויט טאָר מען ניט ווערן קיין שוטפים מיט די קלֿיי-קוידעש. נאָר בא מיר איז ווי בא פילֿ פון אונדזערע כעווורע געווען מײַן אייגענער כעזשבן. פונעם ווינטער בין איך אַרויס אַן איבערגעלֿאַטעטער פון קאָפּ ביז די פיס. אין די איבערגעפּריִעטע פּאָ-

דעשוועלעך פון מײַנע צערעפּעטע שטיוול איז געווען מער פלעקלעך און צוועקלעך, ווי לעדער, און מײַנע פּיאַטעס זײַנען געווען פול מיט בלאָטערלעך. דאָס איבערגעטריקנטע פּעלצעלע איז געווען האַרט, ווי די צוגעפרוירענע ערד, און געקנאַקט, ווי א בלעך, וואָס האַלט זיך שוואַך אפן דאַך. האָב איך געמוזט האָבן די צוואַנציק טעג אַרבעט, כ'האָב גע־מוזט פאַרדינען די צוואַנציק רובל. ס'איז שוין דאַן געווען דער נעפּ, אין די קלייטן איז געווען וואָס צו קויפן, און איך האָב שוין אַלץ באַוויזן אויסרעכענען. איך וועל זיך קויפן א פּאָר לײַטישע שיך און א סאַטינענע קאָסאָוואָראָטקע.

מיט איין וואָרט, איך האָב געמוזט האָבן די אַרבעט, די צוואַנציק רובל, איך זאָל קאָנען זיך קויפן א פּאָר שיך און א סאַטינענע העמדל, און עס זאָל נאָך מיר בלײַבן א דרײַערל אין קעשענע, איך זאָל קאָנען אַמאָל מעכאַבעד זײַן א מיידל מיט א פּאָרציע מאָראָזשענע פאַר פינף קאָפּיקעס.

מיר האָבן אַלע געפילט, אַז דאָס איז ניט אינגאַנצן גלאַטיק, אַז אין אונדזער באַ־שטימונג און אין אונדזערע צוזאָגן זײַנען פאַראַן ערנסטע פּעגימלעך, אַז אַלץ וואָלט אוואַדע געדאַרפט זײַן אַנדערש, טאַקע אַזוי, ווי לייבעלע האָט געזאָגט. מיר האָבן אָבער אויך געפילט, אַז אַנדערש קאָן דאָס פּאָשעט ניט זײַן. עס זײַנען זיך צונויפגעקומען און זיך איבערגעפלאָכטן פאַרשיידענע זאַכן: אונדזערע פּרינציפּן און אונדזערע נויטן, אונדזער רײַסן זיך אין דער נײַער וועלט אַרײַן און אונדזער אומצערײַסבאַרע פאַרבינדונג מיט דער אַל־טער. און ס'האָט זיך געלייגט אפן סייכל, אַז די אַלטע וועלט איז ניט ערגעץ ווײַט, אונטער די האַריי־כוישעך צי פון יענער זײַט אָקעאַן, נאָר טאַקע דאָ, דערנעבן. און אַז דאָס זײַנען ניט נאָר יעניקע, אומבאַקאַנטע און ביז גאָר פײַנטלעך־פרעמדע פאַרשוינען, נאָר אונדזערע אייגענע טאַטעס און מאַמעס, נאָענטע און ווײַטע שכיינים און קרויווים. און טיילווײַז... ניין, אַזאַ געדאַנק האָט קיינער פון אונדז ניט דערלאָזט, א געדאַנק, אַז די אַלטע וועלט איז טיילווײַז אין אונדז אַליין אויך, נאָר געוויס איז דאָס געווען גראָד אַזוי. זי איז געווען אין אונדזער צעצווייטקײַט, אין אונדזערע בענקענישן, אין אונדזערע צוגעבונדנקײַטן, אין אונד־זערע נאַיִווע באַמיִונגען א ביסל אויסקאַשערן אונדזער נאָך ניט אינגאַנצן לויטערן קאָמיו־נישן באַוווּסטזײַן.

מוישע סאָטסקי, וועמעס שטיבל ס'איז געווען אַרענדירט פאַר א מאַצע־בעקערײַ, איז אַליין אויך געווען א שטיקל פונעם נעכטן און א שטיקל פונעם הײַנט. דאָס שטעטל האָט אים פאַרגעדענקט, ווי א געוועזענעם סאָטסקי, וואָס האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן מיט איבערגעטריבענער שטרענגקײַט און מיט א שאַרפן, אָנגעבלאָזענעם רויגעז, וואָס איז גע־לעגן אַף זײַן פּאָנעם, ווי אַן אויפגעלאָפענער בלאָטער און געמאַכט אים נאָך מער אָפּשטויסנ־דיק און נאָך מער שרעקעוודיק. כאָטש וואָס? ער איז געווען ניט מער ווי א מעשאָרעס, פאַנאַנדערגעטראָגן פּאָוועסטקעס פונעם געריכט, אַרויסרופן צום פּריזיוו און אַמאָל, איניי־נעם מיט א פּאָר פּאָליציילײַט, געמאַכט אונטערזוכונגען בא זײַנוועלע קריוואָשיי, וואָס האָט געשעמט פאַר א גאַנעוו, און בא איטען דער טאַנדעטניטשקע, וועמען מע האָט כוישעד געווען, אַז זי באַהאַלט אויס גנייווע־זאַכן. נאָר דאָס גענגעלע זײַנס, זײַן פּאַמעלעכדיקער צעצויגענער שפּאַן און דאָס געלע פּעלצעלע, אַרומגעבונדן מיט א ברייטן, פּילקאָלירנדיקן גאַרטל, האָט אים געמאַכט ניט־ייִדיש פרעמד און פײַנטלעך. באַזונדערס האָט אָפּגעשטויסן זײַן שטעקן, א גראָבער, געשטופּלטער שטעקן, וועלכן ער האָט געטראָגן אַזוי ווי מע טראָגט א שווערד און אַלעמאָל אים דראָענדיק א שטעק געטאָן פאָרויס.

דערנאָך, ס'הייסט נאָך דער רעוואָליוציע, נאָך דעם בירגערקריג און נאָך די פּאָגראָ־מען, איז ער געוואָרן א פּריקאַשטשיק אַף די בורעקעס־פּלאַנטאַציעס פונעם שכיינעסדיקן צוקער־זאַוואָד, אַזויאַרום איז ער געוואָרן א שטיקעלע נאַטשאַלניק איבער אונדז, די שטעטלשע האָלאָדראַנצעס. כאָטש, אינדערעמעסן איז ער געווען דאָס זעלבע, וואָס מיר. ער האָט איניינעם מיט אונדז כאַדאָשימווײַז זיך געוואַלגערט אין פאַרשיידענע „עקאָנאָמיעס“, ווי זיי האָבן דאַן געהייסן, געשלאָפן, ווי מיר, אַמאָל אונטער א דאַך און אַמאָל אונטערן פרײַען הימל און אָפּגעקומען דעם טאָג, אויך ווי מיר, מיט א פּיסנע שטיקל ברויט. איצט וואָלט מען אים גערופן בריגאַדיר. נאָר דאַן, אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, איז אַזאַ וואָרט ניט געווען.

פונעם אַלטן רעזשים איז בא אים געבליבן דער געשטופּלטער שטעקן, און ער איז אים גאַנץ גוט צוניץ געקומען. מיטן שטעקן האָט ער יעדן פאַרטאָג אונדז איבערגעציילט, ווען מיר זײַנען איינציקווײַז דורכגעגאַנגען איבערן שמאָלן בריקל הינטערן שטעטל, ער זאָל וויסן, וויפל „אַרבעטאָרער“ האָט ער הײַנט אַרויסגעפירט. מיט אָט דעם שטעקן האָט

ער פאַנאַנדערגעטיילט יעדערן זײַנע רייען בורעקעס באַם ברעג פון דער לאַנגער, זייער לאַנגער האָנע. מיט אים האָט ער אויך זיך געפּאָרפּלט לעבן אונדז, אויסזוכנדיק א פּעגימעלע אין אונדזער אַרבעט. און ווען ער האָט בא עמעצן פון אונדז געפונען א ניט אויסגעפּאַלעט גרעזעלע, האָט ער א וואַרף געטאָן צו אים דעם שטעקן און בייז זיך אויסגעזידלט מיט זייער ניט קיין אײדעלע ווערטער. אין אַזעלכע פאַלן האָבן מיר געפונען וואָס אים אָפּצוענטפערן, דערמאָנענדיק אים, ווער ער איז געווען באַם אַלטן רעזשים.

מוישעס שטיבל איז געשטאַנען אַף א בערגל, ניט ווײַט פון דער אַלטער באָד, און איז געווען ענלעך אַף אַלע איבעריקע שטיבלעך פון דער באָד-גאַס מיט זייערע נידעריקע שטרויענע דעכלעך און פּיצינקע פענצטערלעך, מיט זייער אײַנגעהויקערטקייט און אויסגעקרימטקייט, מיט די קויטיקע קאַליוזשקעלעך אַרום יעדער שטיבל, וועלכע האָבן אין יענע טעג זיך פאַנאַנדערגעגאָסן אין איין דורכויסיקן איפּעשדיקן אויסגאָס. האָבן מיר געשפּאַנט איבער אַט דער שיטעריציע, פאַרשפּריצטע און פאַרדריפּעטע העכער די קני, דערנאָך אָפּגעשטאַנען גאַנצע אַכט שאָ אין א מוירעדיקער היץ, ווער בא דער מאַשין, ווער באַם לאַנגן טיש מיט א מעסער אין דער האַנט און ווער בא די שווערע זעקלעך מעל. פון דער טשמעליענדיקער היץ, וואָס איז געגאַנגען פונעם אויוון, און פון דער אויסערגעוויינלעכער מידקײַט האָט אָפט זיך געדרייט דער קאָפּ, און איך האָב זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס. האָב איך אַלעמאָל געמוזט זיך אונטערמינטערן מיט מײַן גרויסאַרטיקן כעזשבן: צוואַנציק סמענעס איז צוואַנציק רובל. וועל איך האָבן א פּאָר שיך, א סאַטינען העמדל און עטלעכע רובל אין קעשענע.

איך ווייס ביז הײַנט ניט, ווער איז געווען און ווער האָט געזאָלט זײַן יענע, צוליב וועמען איך האָב אַזוי שווער געהאָרעוועט און פאַר וועמען איך האָב געוואָלט אָפּשפּאָרן א דרײַערל אַף מאַראָזשענע. נאָר זינט די וועלט שטייט איז ליבע א גרויסע קראַפט. דאָס האָט מיך געהאַלטן אַף די פיס. ווען איך האָב געאַרבעט אַף דער באַנאַכטיקער וואַכטע, בין איך באַטאָג אַרומגעגאַנגען איבער די קלייטן, זיך צוגעקוקט, צוגעמאָסטן מײַנע פאַרדינסטן צו דעם, וואָס איך וויל און דאַרף קויפן, און שטאַרק געציטערט דערפון, וואָס זיי זײַנען צו נישטיק פאַר מײַנע הויכע טרוימען.

מוישע סאָטסקי האָט פאַרדונגען ניט נאָר זײַן שטיבל פאַר דער מאַצע-בעקערײַ, נאָר זיך אַליין אויך. זיך, זײַן הויכע און דאַרלעכע פייגע און זײַנע צוויי מוידן. פיר עכטע פאַרדינער. גאַנצע פיר רובל א טאָג, כוץ דירע-געלט. אָבער אָפּרוען נאָך דער אַרבעט האָבן זיי שוין ניט געהאַט ווו. די מיידלעך זײַנען געגאַנגען נעכטיקן צו עפּעס א שכיינע, און מוישע מיט זײַן פייגען האָבן געכאַפּט א דרעמל ערגעץ אין א דושנע ווינקעלע.

אונדזער צוזאָג מאַכן פאַרשיידענע דיווערסיעס, די מאַצעס זאָלן כאָמעצדיק ווערן, האָבן מיר ניט אויסגעפּילט. איך קאָן פּינקטלעך ניט זאָגן פאַרוואָס. מעגלעך דערפאַר, וואָס יעדערער פון אונדז האָט אין זיך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז א נאַרישקײַט, אַז ניט אין דעם גייט עס, אַז מיר וועלן דערמיט גאָרנישט ניט דערגרייכן, און אַז כוץ אַלעמען איז דאָס ניט אײַנגאַנצן אָרנטלעך. איך קאָן ניט זאָגן, אַז דער דאָזיקער געדאַנק איז בא אונדז טאַקע אַזוי קלאָר אויפגעקומען, נאָר עפּעס ענלעכס אַף דעם איז געוויס געווען. פלעגן מיר טאַקע אַלעמאָל, פאַרשוויצטע און איבערגעמאַטערטע, אַרויס פון מוישע סאָטסקיס שטיבל און גיך זיך פאַנאַנדערלויפן. מיר האָבן זיך געשעמט קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. טיילווײַז דערפאַר, וואָס מיר אַרבעטן אַזוי ערלעך אין דער מאַצע-בעקערײַ, און טיילווײַז דערפאַר, וואָס יעדערער טראָגט אין זיך א ניט-קלאָרן געדאַנק און ווייסט נאָך ניט וויאַזוי אים אויסדריקן. מיר האָבן זיך אויך געשעמט אַרײַנקומען אין אונדזער לייענשטיבל, ווו עס האָט זיך געגרייט אַן איבעראַשנדיקער אַנטירעליגיעזער אָוונט, וואָס האָט, לויט אונדזער מיינונג, געדאַרפט מאַכן צונישט אַלע סדאָרים. און מער פון אַלעמען האָבן מיר זיך געשעמט צו קוקן אין די אויגן לייבעלען, וואָס האָט זיך פעסט געהאַלטן בא זײַנע פרינציפּן, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס זײַנע כעזשבוינעס וועגן די מעגלעכע פאַרדינסטן זײַנען געווען מיסטאַמע פּונקט אַזעלכע, ווי מײַנע.

איך געדענק שוין ניט, ווי איז דאַן דער ייִדישער לועך זיך צונויפגעגאַנגען מיטן אַלגעמיינעם, נאָר די לעצטע וואָך פאַר פּייסעך האָט דער פרילינג זיך צעשפּילט מיט אַלע זײַנע פאַרבן. אַרום די דאָרפישע הײַזער האָבן זיך צעצוויטעט די סעדער, און דאָס וואַרעמע ווינטעלע האָט אָנגעטראָגן פון דאָרטן איבער די שטעטלשע גאַסן פיל דופטיקס און פאַרשיקערנדיקס. אין שטעטל אַליין האָבן אַף יעדער פרײַ שטיקעלע פלאַץ, די גרייס ווי א גענעץ, אַרויסגעשפּראָצט שיטערע גרעזעלעך. ערגעץ-ווו האָט זיך צעזשומעט אַן אויסגעהונגערטע און אויסגעדאַרטע פליג. און ווי אַן עמעסדיקער קאָל-מעוואַסער, האָט א

קנאַל געטאָן דער ערשטער דונער. דער ערעוו-פּייסעך האָט זיך שוין אַרײַנגעכאַפּט אין יעדער שטוב. אומעטום האָט מען געוואַשן און איבערגעוואַשן, געשווענקט און איבערגעשווענקט, געלאַטעט און איבערגענייט, אַרויסגעקערט דאָס מיסט פֿאַרן גאַנצן ווינטער און באַשמירט די אָפּגעקאַלופּעטע פּריזבעלעך מיט רויטער ליים. כעווראַניקעס האָבן שוין אָנגעגראָבן אַרום די הײַזער קליינע גריבעלעך און אָנגעהויבן באַצײַטנס שפּילן אין ניסלעך. מיר, קאָמיוגיסטן, האָבן יעדן אָוונט רעפּעטירט און אײַנגעכאַזערט דעם אַנטי-סיידער.

און גראָד אין דער לעצטער נאַכט...

אַ גאַנצע נאַכט האָט געגאָסן אַ קאַלטער, ניט קיין פֿרילינגדיקער רעגן, און באַגינען האָט אַ מוירעדיקער פֿראָסט פֿאַרקאָוועט די ערד, פֿאַרוואַנדלט זי אין איין גלאָזיקן אויסגאָס. דערנאָך האָט אַ שאָט געטאָן אַ שניי. אַ געדיכטער, אַ שטעכיקער, אַ צולאָכעסדיקער שניי, וואָס האָט פֿאַריאָגט די גאַנצע וועלט צוריק אין ווינטער אַרײַן.

דעם פּייסעך האָט קיינער ניט געקאָנט אָפּשאַפֿן. זײַנען עלטערע לײַט געגאַנגען אין שול אַרײַן, און מיר — אין לייענשטיבל. נאָר ביידע צדאָדים האָט אויסגעפּעלט דאָס געפֿיל פֿון יאָמטעוו. מײַנע נײַע שיך, צוליב וועלכע איך האָב אַזוי שווער געהאָרעוועט, האָב איך ניט געקאָנט אָנטאָן און געמוזט אַוועק אין די אַלטע, צערעפּעטע שטיוול. דאָס פּעלצעלע מײַנס, ווו פֿאַרלאַטעט, ווו בעכיפּאָזנדיק פֿאַרצירעוועט, אַבי עס זאָל זיך האַלטן, האָט געקאַנאַקט קעגן ווינט, ווי אַ בלעך, און מיך אַלץ געצויגן אָפּ צוריק. נאָר קומען אין לייענשטיבל האָט מען געמוזט. יעדערער פֿון אונדז האָט זייער געוואָלט אויסקויפֿן זײַנע זינד פֿאַרן קאָמיוג. זײַנען מיר זיך צונויפֿגעקומען אַ פּאָר צענדליק יאַטן און יאַטעכעס, נאָכאַמאָל אַלץ איבערגערעפּעטירט און מיט שרעק אַרויסגעקוקט אָפּ דער ווינטערדיקער זאַווערוכע. מיר האָבן געוואַרט אָפּ דער אומפּאַרטייִשער יוגנט, פֿאַר וועלכער מיר האָבן צוגעגרייט אַזאַ פֿריילעכן, אַזאַ איבעראַשנדיקן אַנטי-סיידער.

נאָר זי, די איבעריקע יוגנט... זי וואָלט אוואַדע געקומען, ווען דער אָוונט זאָל זײַן אַ פֿרילינגדיקער, און מע זאָל זיך קאָנען פֿאַרפּוצן אין זומערדיקן — אין אַ סאַטינען העמדל, אין אַ באַטיסטן קאָפּטעלע און אין פּאַרוסינענע שיכעלעך. נאָר ווער וועט עס זײַן אַ באַלן קומען הײַנט אין לייענשטיבל אין די ווינטערדיקע שמאַטעס? מיר זײַנען מעכויִעוו, אָבער צו זיי, צו די אומפּאַרטייִשע, קאָנען מיר קיין טײַנעס ניט האָבן. האָבן מיר געוואַרט, געוואַרט, און אָפּ קיינעם זיך ניט דערוואַרט.

ס'איז געשען נאָך ערגערס. איך האָב געמוזט אָפּזיצן מיטן טאַטן באַם טיש די גאַנצע צײַט, ווען ער, אַליין פֿאַר זיך, ביז גאָר אַן איינזאַמער, האָט שטילערהייט געפּראַוועט דעם סיידער און אין גרויס אײַלעניש געזאָגט די האַגאָדע. איך בין געזעסן ווי אַ זײַטיקער און גאָרנישט ניט געהערט, וואָס דער טאַטע האָט געלייענט. איך בין געווען זייער ווײַט פֿון די ניסים פֿון יעציאַס-מיצראַיִם, פֿון די גרויזאַמקײַטן פֿון פּאַרעס מאַקעס, פֿון אַלץ, וואָס איך געדענק ביז איצט אָפּ אויסווייניק.

די מאַמע איז שוין דעמלט ניט געווען, די עלטערע שוועסטער איז זיך אַ ביסל פֿאַרזעסן און אַרויסגערופֿן אומרו באַ די ייִנגערע. און קיין נאַדן איז פֿאַר קיינעם פֿון זיי ניט געווען. האָט יעדערער פֿון אונדז געהאַט וועגן וואָס צו טראַכטן — וועגן אַזוינס, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום שײַכעס מיטן סיידער. און אין דער אָנגעהייצטער הרובע האָט ראַשיק געפֿלאַקערט דאָס האַלץ, און אָפּ די אויסגעוואַשענע פֿענצטער האָט אַפּסנײַ זיך צעקווייטלט דער פֿראָסט.

איך בין געזעסן ווי אויסגעטאָן פֿון דעם אַלעמען, און מיר איז געוואָרן ביז גאָר ביטערלעך פֿון אָט דער פֿריקרע וואָכעדיקײַט, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט באַ דעם יאָמטעוודיקן טיש. איך האָב געפּרוּווט אַרויסרופֿן אין זיך דאָס געפֿיל פֿון פֿײַערלעכקײַט, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען כ'האָב מיט אַזאַ פּאָרכטיקײַט געפֿרעגט באַם טאַטן די פֿיר קאַשעס און מיט אַ ציטערנדיקער האַנט זיך גענומען פֿאַר מײַן בלוי קויסעלע, וואָס איז אַ גאַנץ יאָר אָפּגעלעגן אָפּן בוידעם צווישן דעם פּייסעכדיקן געפּעס. מיר האָט זיך זייער געוואָלט, אַז עס זאָל געשען עפּעס אַ נעס. זאָל כאָטש אָפּ אַ ווײַלע זיך אַ ווײַז טאָן די פֿאַרשטאָרבענע מאַמע, פֿאַרנעמען איר אָרט אָפּן העסעבעט און זאָל זי... נו, יאָ, זאָל זי אַ זופּ טאָן אַ ביסעלע פּייסעכדיקן ווײַן...

איך בין געזעסן, ווי אַ פֿאַרדולטער, און זיך אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט אין מײַנע געדאַנקען און אין מײַנע פֿאַרלאַנגען, אַז מיר איז איצט ביכלאַל שווער צו זאָגן, וואָס איז מיט מיר פֿאָרגעקומען אין יענער פּייסעכדיקער נאַכט. איך האָב דאָך שוין פֿאַרמאָגט און געטראָגן אין זיך פֿיל נײַס! נאָר עפּעס האָט מיר געפֿעלט. גאַנץ מעגלעך, אַז געפֿעלט האָט מיר דאַן מערער, ווי איך האָב פֿאַרמאָגט. און כ'האָב שוין ניט געוווּסט, וואָס וויל איך מערער: צי

דער אומעטיקער סיידער זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן, צי זאָל ער זיך נאָך ציִען א ביסל לענגער. עפשער... עפשער וועט זיך טאקע א ווײַז טאָן די מאמע.

מיך האָט אופגעוועקט פון מײַן פארכאָלעמטקײַט דעם טאטנס טרויעריק-דערהויבענע שטים, ווען ער האָט א ביסל העכער, מיטן באקאנטן ניגן, אויסגעזונגען די לעצטע שורעס פון דער האגאָדע.

און שוין... אויס מיטן סיידער. דער לעצטער, סאמע שטילער און סאמע טרויעריקער סיידער אין מײַן לעבן.

דערנאָך זײַנען אָנגעקומען ביז גאָר נײַע, ראשיקע און שטורמישע צײַטן מיט גאָר אנדערע סדאָרים. געווען אויך ניט ווייניק אומרוִיקע טעג און נעכט, ווען מיר אליין האָבן געדארפט באווײַזן מאָפּסים — בויען און איבערבויען, שאפן און איבערבאשאפן די וועלט, איבערבאשאפן זיך אליין און באזינגען אויך זיך אליין. די רישטעוואניעס פון די פארמיל-כאָמעדיקע פינפיאָרן האָבן זיך געצויגן אַף טויזנטער ווערסטן, איבער פעלדער און וועל-דער, איבער שטעט און דערפער, איבער וויסטע מידבאָריעס און איבער אזעלכע ערטער, ווו ס'האָט געהאלטן נאָך פאר בערייִשיס און אומעטום — מיר, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאר-שטיין א ביסל מערער, פארשטאנען, אלנפאלס, דעם איקער: די אלטע וועלט וועט מיט גוטן ניט אוועק, און אינײנעם מיטן בויען דארף מען זיך לערנען אויך שיסן.

דערנאָך איז געקומען א צײַט, ווען די אלטע וועלט איז אינגאנצן אראָפּ פון זינען. די פאשיסטישע מערדער האָבן אויסגעקארבט אַף די גלאנציקע ספּראָנטשקעס פון זייערע ברייטע רימענס די ווערטער „גאָט מיט אונדז", און די, וועמען זיי האָבן געפירט צו די גריבער און צו די קרעמאטאָריעס, האָבן געשריגן „שמא-יִסראָעל". און עס זײַנען אָנגעקומען די סאמע שוידערלעכע פּייסעכס און די סאמע בלוטיקע יאָמקיפּערס, יענע אכזאָריעסדיקע פארברעכנס, וואָס וועלן אייביק יאטרען דעם מענטשלעכן זיקאָרן.

שוין שפּעט אין אָוונט, נאָכן סיידער און נאָך דער וועטשערע, בין איך מיטן טאטן ארויס אין דרויסן. דער הימל איז געווען ריין, אָן דעם מינדסטן כמארעלע, און פון די ווײַטע שטערן איז געגאנגען א קרירע, וואָס האָט דורכגענומען ביז אין די ביינער. אָן די ווײַסע כמארעלעך האָט דער הימל אויסגעזען וואָכעדיק-פּוסטלעך און... כאָמעצדיק, קיין ווינט איז שוין ניט געווען, אָבער דער פראָסט איז געווען ווײַט ניט קיין פרילינגדיקער. דער שניי האָט ווי אין טיפן ווינטער געסקריפּעט אונטער די פיס.

— א פּייסעכדיקער... שניי, — האָט דער טאטע פּאמעלעך ארויסגערעדט, און מיר איז שווער געווען באשטימען, וואָס ער מיינט דערמיט. צי האָט ער האנאָע דערפון, צי דאָס פארדריסט אים. א טראכט געטאָן א ביסל, האָט ער געפּרוּווט זיך א טרייסט טאָן:

— סײַווי, ס'איז ניט אַף לאנג.

איך האָב געשוויגן. בלויז אין די געדאנקען איבערגעכאזערט: „א פּייסעכדיקער... שניי, א כאָמעצדיקער... הימל". מאָדנע, זייער מאָדנע...

אוואדע איז שלעכט, ווען צום ערשטן סיידער פאלט אויס א שניי. אוואדע איז שלעכט, ווען די סעדער ווערן באדעקט מיט פראָסט און דער צוויט ווערט פארפרוירן. ערגער איז אָבער, ווען איבער דער וועלט, וואָס לעכצט אזוי נאָך פרידלעכער מי, הייבט אָן בלאָזן א בייזער ווינט און עס רײַסט זיך פלוצלינג ארײַן די גליווערנדיקע שטים פון דער קאלטער מילכאָמע. פאר די אויגן שווימט אוף דאָס גרוילִיקע געשטאלט פונעם מערדער מיטן האקנ-קרייץ, און דיר דוכט זיך, אז עס האָט א שמעק געטאָן מיט רויך פון די קרעמאטאָריען און אפן פלאקערנדיקן הימלראנד מאָלט זיך אויס א מוירעדיקע אטאָם-סטראשידלע, וואָס וויל אומברענגען אלדאָס לעבעדיקע.

א פּייסעכדיקער שניי, א כאָמעצדיקער הימל... מאָדנע, מאָדנע... נאָר... ווי האָט עס געזאָגט דער טאטע? ס'איז ניט אַף לאנג. ער איז געווען זיכער, אז די פרילינגדיקע זון איז שטארקער.

באָריס סאַנדלער

א טערעץ אויף אָנצושרייַבן א נאָוועלע

ס'איז געווען שפּעט, אסטראָנאָמיש האָט זיך שוין אָנגעהויבן א נייַער טאָג, דער סייכל אָבער האָט עס נאָך ניט באַנומען — זיך געהאַלטן פאַרן „נעכטן". פאַר אים האָט דער טאָג עקזיסטירט אין דער געוויינלעכער צייַט-אויסמעסטונג.

דער פאַרגאַנגענער אָוונט איז נאָך געלעגן אויף די געשניצטע בלומען-בלעטלעך פון דער ווייַסער גוואָזדיקע, וואָס האָט געקוקט אויף מיר, פון אונטן אַרויף, מיט די אויגן פון יענעם מיידל, וועלכע האָט מיר די גוואָזדיקע געשענקט באַם געזעגענען זיך.

פון צייַט צו צייַט האָב איך צוגעטראָגן דאָס בלימל צום פּאָנעם, אַרייַנגעאָטעמט דעם רייעך און געזוכט פאַר אים א מעטאַפאָרע. דער קויעך-האַדימיען האָט מיר שטיל אייַנגערוימט אין אויער: „אַזוי שמעקן אירע האָר!"

אינעם טראָליייבוס (עפּשער שוין דעם לעצטן, וואָס קער לויט זייַן גראַפיק אויך מער צום „נעכטן", איידער צום „הייַנט") זייַנען געפאָרן כוץ מיר נאָך עטלעכע פּאַסאַזשירן: א מאַנצבל האָט זיך אייַנגעגראָבן מיטן קאָפּ אינעם אויפגעהויבענעם קאָלנער פון זייַן מאַנטל, און „געפאַלן אויפן פּאָנעם". יעדעס מאָל, ווען דער וועג האָט דעם טראָליייבוס געגעבן א הוידע אונטער, האָט דער דרעמלענדיקער מאַנצבל זיך אויפגעכאַפּט אויף א רגע, א קוק געטאָן אין פענצטער און זיך אָנגעשטויסן מיטן שטערן אין זייַן אייגענער אָפּשפּיגלונג...

ניין, — האָב איך בעשאַסמייַסע געטראַכט, — די מעטאַפאָרע איז ניט קיין אָריגינעלע, האָגאַם זי קלינגט שיין: „אַזוי שמעקן אירע האָר!"

אויף די הינטערשטע ערטער איז געזעסן א יונג פּאָרעלע. זיי האָבן זיך געניורעט איינער צום אַנדערן — פאַרפולט צווישן זיך יעדעס ווינקעלע פונעם רוים, וואָס האָט זיי כאָלילע געקאָנט צעשיידן. „ער", „זי" — די צוויי ווערטער האָבן זיך איצט צונויפגעגאָסן אין איין וואָרט „ערזי" (אַן אויסערערדישער נאָמען). ערזי האָט פאַרגעסן, דאַכט זיך, וועגן דער צייַט, און די צייַט האָט פאַרגעסן אין ערזי. זיי האָבן עקזיסטירט איצט אויסער דער צייַט...

און איך בין אַלץ געווען פאַרטאָן אינעם זוכן א פרישע, נייַע מעטאַפאָרע; זיך געבויערט דעם מויעך און, נאָך אַלעמען, ווי כ'וואָלט זיך געדרייט אין א פאַרקישעפטן קרייַז, זיך אומגעקערט צו די זעלבע ווערטער: אַזוי שמעקן אירע האָר! וואָס האָב איך זיך פּלוצעם אָנגעכאַפּט אין אָט דער מעטאַפאָרע — אַן אָפּגעבליאַקעוועטע און א באַנאַלע; זי איז, דאַכט זיך, בא יעדן אויף דער צונג!

יאָ, איך האָב שיר ניט דורכגעלאָזט יענע פרוי, וואָס זיצט איינע אַליין באַם פענצטער און האַלט אויף די קני אַן אָנגעבלאָזענעם שוואַרצן בייַטל. אָט האָט זי אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צו דער שויב, פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, די נאָז-פליגל האָבן איר געצאַפּלט, זיך געריטלט. מיט א פינגער איז זי אַרונטערגעקראָכן אונטער די גלעזלעך פון די ברילן און א רייַב געטאָן די באַק.

זי האָט געוויינט. שטילערהייט געשטיקט זיך מיט טרערן. ריכטיקער, אין איר האָט עפּעס געוויינט — עפּשער א פאַרדראָס אויף זיך אַליין, אָדער א פאַרבאָרגענער ווייטיק פאַר עמעצן...

„...אזוי שמעקן אירע האָר!..."

ער איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי, זיך אוועקגעזעצט לעבן איר.

— אנטשולדיקט, — האָט ער שטיל געזאָגט, — איר וויינט?..

זי האָט א קוק געטאָן אויף אים.

...נאָך א יונגע... — האָט א בליץ געטאָן א געדאַנק.

— דערלויבט מיר שענקען אייַך די גוואָזדיקע... סטאַם אַזוי...

זי האָט זיך פאַרלוירן, מיט פאַרכידעשטע אויגן געקוקט אויף דעם אומבאַקאַנטן מענטשן. אירע לאַנגע פינגער האָבן זיך א ציי געטאָן צום ווייַסן בלימל.

— א דאַנק, — האָט זי הייזעריקלעך געזאָגט; זיך פאַרטראַכט אויף א רגע, ווייַזט אויס, זיך אומגעקערט צו אירע מאַכשאָוועס. — ער האָט מיר זעלטן געשענקט בלומען...

זי לעבט נאָך אויך אינעם „נעכטן".

— איך בין אוועקגעגאַנגען פון אים. ביכלאַל איז ער א גוטער, א ווילער... מיר האָבן געלעבט מיט אים צען יאָר... איך האָב פון אים א קינד... נאָר דאָס טרינקען זייַנס...

זי איז אַנשוויגן געוואָרן. ווידעראַמאָל פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און איר קין האָט אָנגעהויבן דריבנע אונטערציטערן.

ס'איז אים מיטאַמאָל געוואָרן ניט אָנגענעם פאַר דער פרוי. אַזוי, גאָר און פּלוצעם, צוגעגאַנגען, געשענקט א בלום, דערוועקט אין איר דערמאָנונגען...

זי האָט געוויינט. אַרום די אויגן האָבן די טרערן צעשוווענקט די פאַרב. אַלע צייכנס, וואָס די איבערגעלעבטע יאָרן און לייַדן האָבן איבערגעלאָזט אויף איר פּאָנעם און וועלכע זייַנען געווען פריִער פאַרשמירט מיט קאָסמעטיק, האָבן זיך איצט נאָך בוילטער אָנגעזען.

— אַנטשולדיקט, — האָט זי, ענדלעך, געזאָגט, אַפּווישנדיק מיט דער האַנט די טונקעלע פלעקן פונעם פּאָנעם, — די בלום — די אומדערוואַרטע מאַטאָנע אייַערע — איז פּונקט ווי אין קינאָ... — און אין די ווינקעלעך פון אירע פאַרוויינטע אויגן האָט אופגעוואַכט א קיינעוודיק שמייכעלע, — א דאַנק אייַך...

„כוטאָרסקאַיאַ!" — האָט געמאָלדן דער שאָפער פונעם טראָליידבוס.

די שמאָלע טירלעך, ענלעכע אויף א לאַדן, האָבן זיך מיט א סקריפּ און מיט א קלאַפּ צעריסן אויף צווייען. אינעם סאַלאָן האָט אַרייַנגעקוקט א פּירעקיקע פּינצטערניש. דאָס פּאָרעלע ערזי האָט זיך אופגעהויבן, אויסער זייער ווילן זיך ווידעראַמאָל צעטיילט אויף „ער" און „זי" און א שפּאַן געטאָן אין דער נאַכט אַרייַן.

מיר — די פרוי, דער מאַנצבל און איך — דרייַ אָפּגעזונדערטע אינדזלען אויף איין שעטעך, זייַנען געפאָרן ווייַטער.

ווי פריִער, בין איך געזעסן אויף מייַן אָרט און געהאַלטן אין דער האַנט די ניט-געשענקטע גוואָזדיקע. אין אויער האָט א קלונג געטאָן די לירישע „ווי ס'וואָלט געקאָנט זייַן", נאָר שוין ווי א ווידערקאָל: ...א דאַנק אייַך... אופגעוואַכט א קיינעוודיק שמייכעלע... די צעשווענקטע קאָסמעטיק... דערוועקט אין איר די דערמאָנונגען (צו וואָס?)... דאָס טרינקען זייַנס... א קינד... ביכלאַל איז ער א גוטער... אירע פינגער האָבן זיך א ציי געטאָן צום ווייַסן בלימל... פאַרכידעשטע אויגן... שענקען אייַך א גוואָזדיקע... איר וויינט?.. ער איז צוגעגאַנגען צו דער פרוי...

ניין, — האָב איך געטראַכט, — אין לעבן וואָלט עס פאַרגעקומען אַנדערש, און אַזוי איז עס צו סענטימענטאַל.

איך האָב ווידעראַמאָל א קוק געטאָן אין יענער זייַט, וווּ ס'איז געזעסן די פרוי, אָן אייַנגעהילטע אינגאַנצן אין איר אייַנזאַמקייַט.

און פאַרוואָס זאָל איך טאַקע ניט צוגיין צו איר? סטאַם אַזוי, ווי א מענטש צו א מענטשן... פון א גוט וואָרט קאָן אויך אַמאָל ווערן גרינגער...

— אַנטשולדיקט, עפשער קאָן איך אייַך מיט עפּעס העלפן?

— ניין!

— און פּונדעסטוועגן...

זי האָט געשוויגן.

— עפשער וועט די באַשיידענע בלום...

אירע שמאָלע ליפּן האָבן זיך פאַרקנייטשט אין א פאַרקריפּלט שמייכעלע.

— אַלץ כּאַזערט זיך איבער! — זי האָט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צום פּענצטער און שוין ווײַטער גערעדט אַהין, — אַלע הייבט איר אָן קימאַט מיט די זעלבע ווערטער, און עס לאָזט זיך אויס...

זי האָט אומבאַהאָלפן א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— איך בעט אײַך, גלייבט מיר...

— יאָ, צופיל גלייבן מיר אײַך. פאַרגעסן, דאַכט זיך, ווענן אַלעמען אויף דער וועלט, ווי אין א הינער-פּלעט...

יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן, איז געפאַלן אויף דער שויב — אַזוי פאַלן אַמאָל פאַרפרוירענע פייגעלעך, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פונעם דאָרעם פאַר דער צײַט.

— ...מיר נאַרן זיך אַליין אָפּ!

— אָבער ניט יעדער...

— איך מיין, אַז איר זײַט ניט קיין אויסנאַם. און עפּשער:...

...דמיטראָווסקי פּראָיעזד...

דער דרעמלענדיקער מאַנצבל האָט זיך אופגעכאַפּט און, וואַקלענדיק זיך, צוגעגאַנגען צו דער אָפענער טיר.

מיט איין „אינדזל" איז געוואָרן ווייניקער. ס'איז מיר געבליבן צו פאָרן נאָר איין אָפּ-שטעל. צי דען וועל איך אַזוי זיצן? דרייען דאָס ווײַסע בלימל פאַרן קורצן שטענגל און זיך צוהערן צום קויעד-האַדימיען, וואָס פאַרפירט מיך יעדעס מאָל אין א נײַער שפּיל? איך דאַרף, איך מוז צו איר אַזוי צוגיין! זי וועט מיך פאַרשטיין ריכטיק, אַנדערש קאָן ניט זײַן...

איך האָב אופגעהויבן דעם קאָפּ צו דער פרוי און זיך באַגעגנט אויף א רעגע מיט איר בליק. זי איז געזעסן שוין א רויקע, גלײַך ווי גאָרנישט איז ניט געשען. מיט פאַרלעגנהײַט האָט זי א הייב געטאָן די אַקסלען, ווי געוואָלט זיך פאַר מיר אַנטשולדיקן און אַרויסגע-שלעפּט פונעם בײַטל א קליין פּודער-שאַכטל...

נו, אָט, — האָב איך זיך אַליין אײַנגערעדט, — מיט פרויען טרעפט זיך אַזוינס אָפּט: א שלעכטע שטימונג, א קורצווײַליקע מעלאַנכאָליע...

איך בין געשטאַנען איינער אַליין אינמיטן דער נאַכט. די צוויי באַלויכטענע הינטערשטע פּענצטער פונעם טראָלייבוס האָבן מיט א שטומען פאַרוואָרף אַלץ מער און מער זיך דערווײַ-טערט פון מיר.

אַזוי שמעקן אירע האָר!.. אָפּגעזונדערטע אינדזלען... ערגעץ... די צעשווענקטע קאָסמע-טיק אויף איר פּנים... — ניין, ניין, אַלץ איז שוין פאַרשוווּנדן געוואָרן, פאַרבליבן אינעם „נעכטן" — איך האָב עס ניט באַוויזן צו פאַרהיטן.

שאָלעם־אַלײכעמס שטראַלן

ו

שאָלעם-אַלייכעם — די דאָזיקע צוויי ייִדישע ווערטער האָבן זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זיקאָרן פון קינדווײַז אָן. אָפטמאָל פלעג איך זיי הערן פון מײַן זיידן, אַלעווהאַשאָלעם. בייסן באַגעגענען א גאַסט, צי עמעצן פון זײַנע באַקאַנטע, וועמען ער האָט שוין לאַנג ניט געזען, מאַכמעס יענער איז א שטיק צײַט ניט געווען הי, פלעגט ער אויסשטרעקן זײַן ביינערדיקע האַנט און מיט א וואַרעמען שמייכל אויפן פּנים זאָגן: „שאָלעם-אַלייכעם!..". דעמלט האָב איך געמאַכט פאַר זיך אַן אויספיר, אַז ווען עס זעען זיך צוויי ייִדן, באַגריסן זיי איינער דעם אַנדערן מיט אָט די ליבע ווערטער: שאָלעם-אַלייכעם, אַלייכעם-שאָלעם...

די גאַס אין בעלץ, ווו כ'בין געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, האָט מען גערופן קוזניעטשנאַיא. געווען איז מײַן קוזניעטשנע-גאַס ניט בעסער און ניט ערגער פון אַנדערע בעלצער גאַסן, ווו נאָך א רעגן האָט מען קוים אַרויסגעשלעפּט א פוס פון דער בלאָטע — פון דער באַרימטער בעלצער בלאָטע.

לענגויס דעם צעקלאַפּטן, גריבערדיקן ברוק האָבן זיך אויסגעשטעלט פון ביידע זײַטן קליינע שטיבלעך מיט קרומע, נאָר ווי אפּצולאַכעס, ריין־אָפּגעקאַלכטע ווענט. בא איינעם זײַנען די פיר ווענט געווען געדעקט מיט אַטשערעט, בא אַן אַנדערן — מיט שינדל, און בא א דריטן, שוין ווי עפּעס א כאַריפּעס, — מיט בלעך. געוווינט האָבן אין די שטיבלעך פּראָסטע מענטשן: סטאָליערס, מאַליערס, באַלעגאָלעס — ייִדן, מאָלדאַוואַנער, ציגײַנער...

אין די וואַרעמע פאַרנאַכטן פלעגן די ווײַבער זיך אויסזעצן בא עמעצן אַף דער פּריזבע און פאַרפּירן צווישן זיך א שטיקל שמועס. ס׳איז פּאַשעט געווען א פאַרגעניגן שטיין אין א זײַט און נאַשן פון זייערע רייד:

— מײַנער ווערט מאַמעש גרעבער ווי לענגער, ווען אַף אָנבײַסן מאַך איך אים א מאַמעליגע מיט ברינזע! — רופט איינע זיך אָן אַף ייִדיש, און אַן אַנדערע ענטפערט איר אַף מאָלדאַוויש:

— Да’ ал меу таре-й плак «юх мит локшн»! („און מײַנער האָט זייער ליב יויך מיט לאָקשן!”).

און ביידע פאַרשטייען זיך זייער גוט אײַן.

אין איינעם א טאָג האָט זיך לעבן דער שטוב נומער איינס אָפּגעשטעלט א מאָדנער פּאַרשוין, מיט א בלעכענעם קעסטעלע אין דער האַנט, און פונעם קעסטעלע האָט אַרויס־געשטעקט א הענטל פון א העמערל. ווי ס׳האָט זיך אײַנגיכן אַרויסגעוויזן, איז דער אומבאַ־קאַנטער מאַנצבל געקומען בײַטן דאָס אַלטע שילדל מיטן נאָמען פון אונדזער גאַס אַף א נײַ שילדל. שוין שטייענדיק אַפן לייטער, וואָס עמעצער האָט אים אַרויסגעבראַכט, האָט ער אַראָפּגעריסן פון דער וואַנט דאָס פּירעקיקע פאַרזשאַווערטע בלעכל, ווו ס׳האָט זיך שוין קוים אָנגעזען דאָס וואָרט „קאָזניעטשנאַיאַ”, און אַפן זעלבן אָרט צוגעקלאַפּט דאָס נײַע שילדל.

אין דער צײַט האָבן זיך אַרום לייטער צונויפגענומען עטלעכע נײַגעריקע כעוורע, צווישן וועלכע איך בין אויך געווען. פאַרענדיקט זײַן שטיקל אַרבעט, האָט דער מאַנצבל א קוק געטאָן אַף אונדז פון אויבן אַראָפּ און געמאָלדן, ווי פון א טריבונע:

— נו וואָט, בילאַ קאָזניעטשנאַיאַ — סטאַלאַ שאָלאָם־אַלייקים!

דאָס אַלץ איז געשען אין נײַן־און־פופציקסטן יאָר, אין זעלבן יאָר, ווען די גאַנצע וועלט האָט געפײַערט שאָלעם־אַלייכעמס הונדערטיאָריקן יובילייִ. איך אָבער האָב דעמלט קוים געוווּסט, ווער שאָלעם־אַלייכעם איז.

ווי א פּריטשמעליעטער בין איז אַרײַנגעלאָפן צו זיך אַהיים און אויסגעשאָסן אין איין אָטעם:

— זיידע, קום, קום מיט מיר!...

בא דער שטוב נומער איינס זײַנען געשטאַנען רעדלעך מענטשן: שוין, אָפּאַנעם, אַרומ־גערעדט די הײַנטיקע געשעעניש.

— אָט, זיידע, גיב נאָר א קוק! — און איך האָב אָנגעוויזן מיטן פינגער אַפן נײַעם שילדל. — מיט דײַן שאָלעם־אַלייכעם, וואָס דו גיסט טאָמיד אָפּ, האָט מען איצט אָנגערופן אונדזער גאַס!

דער זיידע איז געשטאַנען א ווײַלע, ווי מע וואָלט אים פאַרקישעפט: ער האָט פונעם שילדל ניט געקאָנט קיין אויג אָפּרײַסן.

— ניין, אייניקל, — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט ווי פון שלאָף, — דאָס איז ניט גלאַט שאָלעם־אַלייכעם, וואָס איך גיב אָפּ, דאָס איז א נאָמען פון א גרויסן ייִדישן שרײַבער.

דער זיידע מײַנער האָט מיך א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט ווײַטער:

— פאַרגעדענק אים, קינד, דעם דאָזיקן נאָמען: שאָלעם־אַלייכעם!

2

מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט שאָלעם־אַלייכעמס ביכער איז געשען אויך אין דער קינד־הײַט. געהאָלפן האָט מיר אין דעם, שטעלט זיך פאָר, סידי טאַלס אַפּישע, אַף וועלכער ס׳איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע רוסישע אויסיִעס:

„שאָלעם־אַלייכעם. לאַכן איז געזונט. דאָקטוירים הייסן לאַכן”.

איבערגעלייענט אָט די ווערטער, איז אַף מיר אָנגעפאַלן א געלעכטער, גלײַך ווי מע וואָלט מיך פלוצעם אינמיטן דער גאַס אָנגעהויבן קיצלען.

אף סידי טאָלס קאָנצערט בין איך, צום באַדויערן, ניט געווען, און ניט נאָר דערפאַר, ווײַל אין בעלצער טעאַטער, ווו זי האָט געשפּילט, האָט זיך געטאָן אין יענעם אָוונט אַף טיש און אַף בענק — נײַין! מײַנע עלטערן האָבן פּאַשעט געהאַלטן, אַז איך בין נאָך צו קליין, קעדײַ פאַרפאַלן ווערן אין די „טעאַטערס" ביז שפּעט באַנאַכט. מיילע, וואָס קאָן מען טאָן? אַלע עלטערן האָבן איין טעות: זייער גיך פאַרגעסן זיי, אַז אַמאָל זײַנען זיי אויך געווען קינדער.

מײַן נײַגער אָבער האָט זיך פון זייער פאַרבאָט נאָך מער צערייצט און, ווי אַף א שטרי־קעלע, געבראַכט מיך צו פירן צו דער עטאַזשערקע מיט ביכער. א סאַך ביכער האָבן מײַנע עלטערן ניט געהאַט, נאָר שאָלעם-אַלייכעמס זעקס בענדער אין דער רוסישער איבערזעצונג זײַנען געשטאַנען אויבנאָן אַף דער אייבערשטער פּאָליצע.

זאָגן דעם עמעס, האָט מיך דעמלט מער געצויגן אין דרויסן זיך שפּילן מיט מײַנע כאַווײרים, איידער האַלטן א ביכל אין די הענט, דערצו נאָך א גראָבן באַנד. דער נײַגער האָט אָבער גענומען איבער מיר די אויבערהאַנט.

ווי א קליין קישעפדיק טירעלע, האָב איך אופגעמאַכט דעם טאָוול פון שאָלעם-אַלייכעמס בוך, שטילערהייט אַרויסגעבראַכט אַף די ליפּן: „מײַסעס פאַר ייִדישע קינדער", און ס'איז מיטאַמאָל געשען א נעס: כ'בין אַרײַנגעגאַנגען אינעם „סעזאַם" פון שאָלעם-אַלייכעמס אוצרעס...

„צו קיין זאַך אַף דער וועלט האָב איך אַזוי קיין כיישעק ניט געהאַט, ווי צו האָבן א מעסערל; קיין זאַך אַף דער וועלט האָב איך אַזוי ניט געגאַרט, ווי צו האָבן א מעסערל, אַן אייגן מעסערל. דאָס מעסערל זאָל זיך ליגן אין קעשענע, און ווען איך וויל, זאָל איך מיר דאָס אַרויסנעמען, און וואָס איך וויל, זאָל דאָס מיר שנײַדן — און לאָזן מײַנע כאַווײרים וויסן!.."

פּונקט דעם זעלבן כאָלעם האָב איך אויך ניט איינמאָל געהאַט. עפּשער דערפאַר האָב איך באַלד פאַרשטאַנען יענץ ייִנגעלע פון דער דערציילונג „דאָס מעסערל", און שוין פון די ערשטע שורעס זיך אָנגעהויבן צו כאַווערן מיט אים.

— נאַרעלע, — האָב איך אים געטרייסט, — וואָס ערגערסטו זיך אַזוי?.. אַוואַדע, גאַנ־ווענען איז זייער מיעס. אָט, אַשטייגער, בא אונדז אין שול האָט איינער א שילער פּונעם פּערטן „ב" (כ'וויל ניט אָנרופן זײַן נאָמען) צוגעגאַנוועט בא א מיידעלע פון זײַן קלאַס א גאַנצע פּושקע קאָליר-בלײַערס, האָט מען דעם שילער אויסגעשלאָסן פון די פּיאָנערן! בא דיר אָבער איז גאָר אַן אַנדער זאַך. ווער איז ער, דער הער הערצנהערץ? א גוויר, א בורזשוי, אַן עקספּלואַטאַר!.. און אויב דו ווילסט וויסן, האָסטו דאָס מעסערל זײַנס ניט צוגעגאַנוועט, האָסט עס בא אים נא-צי-אָ-נא-לי-זירט! און ביכלאַל פרעג איך דיך, ווער נעמט אַזא שפּאָגל־נײַ מעסערל, ווי דו מאָלסט עס אויס, אַן אַנטיקל, א כאַריפעסל, מיט צוויי שטאָלענע קלינג־לעך, מיט א ווײַס ביינערן קלעצל און וואַרפט עס אַרײַן אין ברונעם? כ'לעבן, בעסער וואָלסטו דאָס מעסערל מיר געשענקט... כאָטש צוריק גערעדט, וואָלט איך עפּשער אַף דײַן אָרט געטאָן דאָס זעלבע: פאַרוואַרפן, און אַן עק, אַבי פּאָטער ווערן!..

בעשאַסן לייענען פלעג איך אײַנגאַנצן פאַרגעסן, אַז שאָלעם-אַלייכעמס יונגע העלדן האָבן געלעבט גאָר אין אַן אַנדער צײַט און גאָר אין אַן אַנדער וועלט; זיי זײַנען געוואָרן מײַנע מיטצײַטלער, מײַנע בעסטע פרײַנט.

אַדאַנק דעם קליינעם נאָכעם שאָלעם וועוויקס פון דער דערציילונג „אַפן פידל", האָב איך מיטאַמאָל אַנדערש אָנגעהויבן זיך באַציִען צו מײַן אייגענעם פידל, וואָס די עלטערן האָבן מיר געקויפט. געקויפט און פאַרטיק! אַפילע ניט געפרעגט בא מיר צי כ'וויל יאָ, צי כ'וויל ניט לערנען זיך שפּילן פידל. האָב איך שוין געמוזט אָפּשטיין, ווי אַף שפּילקעס, כאָטש איין שאָ אין טאָג מיטן פידל אין דער האַנט און רײַבן דעם סמיטשיק.

אויסגעהערט ביזן סאָף שאָלעמלס טרויעריקע געשיכטע, האָב איך אַף אים אַזוי ראַכ־מאָנעס באַקומען, אַז כ'האָב אים באַלד געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן:

— ווייסטו וואָס, נאַ דיר מײַן פידעלע, נאַ דיר מײַן סמיטשיק און שפּיל, ברודערל, געזונטערהייט! עפּשער וועסטו טאַקע ווערן א צווייטער פּאַגאַניני אָדער א דאַוויד אויסטראַך... נעם, שעם זיך ניט! פון מיר, ווי מײַן באָבע זאָגט, וועט שוין סײַווי קיין לײַט ניט ווערן! איבער מײַן פּוילקײַט, זאָגט זי, וועט פון מיר אויסוואַקסן א היצעל, א הינטשלעגער!

איך געדענק, אַז אין איינעם א זומער האָב איך ביגנייווע פון מײַנע עלטערן געוואָלט אַנטלויפן פון דער שטוב. און ווהין מיינט איר? טאַקע קיין קאַסרילעווקע, קעדײַ נעקאָמע נעמען פאַר דעם בידנע פערדל מעסושעלעך. קוידעמקאָל האָב איך געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט דעם „ספּירטאָווע" ייִנגל רוועלע, און שוין דערנאָך מיט די איבעריקע דאָרטיקע כעוורע.

כ'האָב אפילע צוגערעדט פֿאַרן איינעם מיט מיר מײַן בעסטן כאַווער מוישע-וואַראַנען, וועלכער איז קיינמאָל ניט געקראָכן אין קעשענע נאָך א פּאַטש. ווער ווייסט, האָב איך געטראַכט צו זיך, וואָס פֿאַר א שפּיצל קאָן מיר דער גוטער רווועלע אָפּטאָן: פֿון אזא טאָך קאָן מען אַלץ דערוואַרטן! און איינעם מיט מוישען וועט מיר פּאָרט זײַן א ביסל גרינגער.

דער דאָזיקער „אָפּעראַציע" איז אָבער באַשערט געווען דורכפֿאַלן בא איר סאַמע אָנהייב אָן. איבער וועמען מיינט איר? טאַקע איבער מוישע-וואַראַנען, וואָס האָט באַלד צעפּיקט אַף דער גאַנצער גאַס, אַז ער מיט מיר אַנטלויפֿן ניט היינט-מאָרגן קיין קאַסרילעווקע, קעדיי מאַכן צווישן די קאַסרילעווקער „פּאַצאַנעס" אַן אָרדענונג.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מײַן סאָד איז שוין געוואָרן אויס סאָד — א סאָד אַף גאַנץ בראָד — איז ער אַוואַדע דערגאַנגען צו מײַנע עלטערן...

נאָר ניט די פּאָר פּעטש, וואָס מײַן טאַטע האָט מיר געשענקט, האָבן מיך דעמאָלט אויפֿגעבראַכט — פּעטש פֿאַרגעסן זיך אין דער קינדהײַט גיך. נאָך דער ערגעכער אויסקומעניש, וואָס כ'האָב געקראָגן, האָט מיר דער טאַטע מײַנער דערקלערט, אַז קיין שום קאַסרילעווקע איז קיינמאָל אַף דער וועלט ניט געווען און ניטאָ! „אָט די קאַסרילעווקע, — האָט ער מיר געזאָגט, — וווהין דו ביסט שוין גרייט געווען מיט דײַן כאַווער אַנטלויפֿן, האָט אינגאַנצן אויסגעטראַכט שאָלעם-אַליינכעם!.."

„ניין! — האָב איך ניט געוואָלט גלייבן מײַנע אייגענע אויערן. — ווי קאָן דען אַזוינס זײַן?.. א שטעטל, עפּשער ניט קלענער פֿון בעלץ, א גאַנץ שטעטל מיט לעבעדיקע מענטשן, קינדער, ציגן, הינט, פֿערד... זאָל זײַן אַן אויסטראַכטעניש!.. דער טאַטע האָט, אַפּאָנעם, א טאָעס!"

3

פֿון יענעם ווײַטן זומער ביז היינט איז דורכגעגאַנגען ניט איין יאָר. יענע קינדעריש-נאַיווע גלויבעניש לעבט אָבער אין מיר איצט אויך.

בייסן לייענען שאָלעם-אַליינכעמען שוין אַף ייִדיש, האָב איך, ווי נאָך א לאַנגער נעסיִע, זיך ווידעראַמאָל אומגעקערט אַהיים. און דאָרט, בא דער שטוב נומער איינס, וווּ עס הייבט זיך אָן די שאָלעם-אַליינכעם-גאַס, האָט שוין אַרויסגעקוקט אַף מיר מײַן מוטער-שפּראַך, מײַן ייִדיש.

א מוטער האָט צו שלעכטס, זאָגט די וועלט, א שלעכטן זיקאָרן. דאָס ביטערע פּעקל, וואָס פֿאַלט איר אַרײַן פֿון די אייגענע קינדער, פֿאַררוקט זי אינעם פֿינצטערסטן ווינקעלע פֿון איר נעשאָמע, פֿאַרשאַרט עס אַזוי ווײַט, אַז איניגיכן פֿאַרגעסט זי אַליין אין אָט דעם פּעקל אוולעס.

מײַן מוטער-שפּראַך האָט מיך באַגעגנט מיט צעשפּרייטע אָרעמס; זי האָט מיך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און מיר מויכל געווען, דאַכט זיך, אַלע מײַנע זינד. כ'האָב זיך אײַנגעקוקט אין איר טמימעסדיק-איידעלן פּאָנעם, אין אירע טיפֿע אָנגעפֿלאָגטע אויגן, זיך אײַנגעהערט אין איר יעדעס וואָרט, זיך געקוויקט, ווײַל די דאָזיקע ווערטער האָבן געהאַט דעם טאַם פֿון מײַן קינדהײַט.

אָט הער איך זי, די אַלטע ייִדישע וויגליד, וואָס מײַן באָבע פֿלעגט מיר זינגען פֿאַרן שלאָף:

אונטער בערעלעס וויגעלע
שטייט א גאָלדן ציגעלע,
דאָס ציגעלע איז געפֿאָרן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...

און אָט טראָגט זיך איבער דער גאַנצער גאַס א קליינשטעטלדיק-בעסאַראַביש, זינגעוודיק קעלכל: אונדזער שכיינע, מומע ברײַנע, האָט זיך שוין צעפֿילדערט, צעשריגן, צעקוויטשעט אַף אירע דרײַ זין, אַף די דרײַ „אויסוווּרפֿן", ווי זי פֿלעגט זיי רופֿן. און א שפּראַך האָט די מומע ברײַנע געהאַט ניט קיין ערגערע, איידער יענע בערדיטשעווער שטיפֿמאַמע: „א גלאַטע, א רײַכע, א בלומענדיקע. אַף יעדעס וואָרט א קלאָלע, און צום גראַם, און דאַפּקע אין גוטן מוט..."

לעמאָשל: עסן — „עסן זאָלט איר שוין רויע שטיינער"; שלאָפֿן — „שלאָפֿן זאָלט איר אַף דער סטעליע, צוגעקלאַפּט מיט צוועקעס"; שטיין — „שטיין זאָלט איר נאָך אַן אָרט אַפֿן

בעסויִלעם"... האַקיצער, קימאַט דער זעלבער "לעקסיקאָן קלאַלעס", וואָס כ'האָב געפֿונען אינעם בוך "פונעם יאַריד", איז אויך געווען אַף דער צונג בא אונדזער מומע ברײַנע.
אָדער נעמט, אַשטייגער, אַן אַנדער שכײַנע, די מומע פייגע. אַן אַלמאָנע, נעבעך, דעם מאַן האָט מען געהאַרגעט אַף דער מילכאָמע, פלעגט זי צײַטנווײַז זיך אַרײַנכאַפּן צו אונדז "נאָר אַף אַ מינוטקעלע", קעדיי אַנטלײַען בא מײַן באָבען אַמאָל דאָס זיפּל, אַמאָל די גרויסע מעשענע שיסל — די ליגיאַן, ווי מע פלעגט זי נאָר רופן בא אונדז אינדערהיים, — און שוין שטייענדיק בא דער טיר מיט דער אַנטליִענער זאַך אין דער האַנט, פלוצעם אָנהייבן עפּעס דערציילן. און פון דער מומע פייגעס "מינוטקעלע" האָט זיך, קיין אײַנהאָרע, אויסגעלאָזט אַ גאַנצע שאָ.
"אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: אַן אַלמאָנע... איך בין געבליבן אַן אַלמאָנע, ניט דאָ געדאַכט, נאָך גאָר אַ יונגע, הייסט עס, מיט אַ קליין קינד..."
געאַרבעט האָט די מומע פייגע אַף דער פוטער-פאַבריק. געהאָרעוועט, נעבעך, אין צווײ וואַכטעס — פון אינדערפרי ביז באַנאַכט, — און אַלץ צוליב אים, צוליב איר "אויצער", צוליב יאַשעלען, ער זאָל קאָנען, אַימירצעשעם, פאַרענדיקן דעם טעכניקום און ווערן, מיט גאָטס הילף, אַ מענטש.
"— ...יאָ, אַקעגן וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: אַ בעניאָכיד... ער איז בא מיר איין-און-איינציקער, ווי זאָגט איר: איין אויג אין קאָפּ..."
איך האָב געלייענט דעם מאַנאָלאָג "דאָס טעפל", נאָר געזען האָב איך פאַר זיך, ווי אין אַ שפּיגל פון דוירעס, יענטע די קורעלאַפּניטשקעס אָפּשפּיגלונג — די מומע פייגע פון דער שאָלעם-אַלייכעם-גאַס.
"איך סטאַרע זיך אופכאַפּן, — האָט געשריבן שאָלעם-אַלייכעם, — דעם אינווייניקסטן זין אינעם לעבן פון די אײַנוווינער פונעם "טכום" און איך געפין דאָ דאָס ליכטיקע געשטאַלט פונעם מענטשן, מיט אַלע זײַנע פריידן, טרויערן און שטרעבונגען צום אידעאַל. די ווידער-שפּרוכן, וואָס מיר באַגעגענען צווישן די אויסערלעכע באַציִונגען פונעם לעבן אינעם פּינצ-טערן "טכום" און די ריינע באַוועגונגען פון דער נעשאָמע, שאַפן צומאָל קאָמישע סיטואַ-ציעס, וואָס רופן אַרויס אַמאָל אַ שטילן שמייכל, אַמאָל אַ הויכן געלעכטער..."
די פּינצטערע טכום-האַמיִשעוודיקע צײַטן זײַנען פאַרשוווּנדן אַף אייביק. שאָלעם-אַלייכעמס געשטאַלטן: זײַנע מענטשן, באַלעכאַים, אין וועלכע ער האָט, ווי אַן עכטער באַ-שעפער, אַרײַנגעאָטעמט נעשאָמע, זײַנען גווווער געווען די צײַט און דעם רוים און לעבן ביז הײַנט: זיי האָבן זיך צעשמאָלצן אינעם פאָלק, זיך צעמישט מיטן פאָלקס בלוט, זיך אינעם פאָלק פאַרייביקט.
אַף שריט און טריט קאָן מען הײַנט הערן: "ווי שאָלעם-אַלייכעם האָט געזאָגט", "האַ, שאָלעם-אַלייכעם זעט עס ניט!". גלײַך ווי ער וואָלט געשטאַנען מיט אונדז אין אַ רעדל. גערעדט, זיך געכאָכמעט און איז ערשט-אָ אַוועקגעגאַנגען.
איך מיין, אַז ס'איז טאַקע אינדערעמעסן אַזוי: אָט האָבן אַ גלאַנץ געטאָן אַף דער זון די גלעזלעך פון זײַנע ברילן, דאָס שפּיציקע בערדל האָט זיך פאַרהאַלטן אַ רעגע אין רוים, און אין דער נאָך קילבלעכער, אָנגעזאַפּטער מיט פרישקייט וועסנע-לופט טראָגט זיך זײַן שטענדיק לעבעדיק קאָל:
"איך ווינטש אײַך, ייִדן און גלאַט מענטשן אַף דער וועלט, איר זאָלט מער לאַכן, איי-דער וויינען. לאַכן איז געזונט. דאָקטוירים הייסן לאַכן..."

איין קאָטער און צוויי באַכאָנים

איין כאָכעם האָט געזאָגט דעם אַנדערן:
— אַף אַלץ און פאַר יעדער זאַך איז דאָ אַ שאָ, אַ צײַט אונטערן הימל.
— וואָס זשע ווילט איר מיט דעם זאָגן?..

דער קאָטער וואַסיאַ מאַכט שוער אוף די אויגן. דאָס ערשטע, וואָס ער דערזעט פאַר זיך, איז דער גרויסער, גרויער שטיין, וועלכער ליגט איצט רויִק. אָבער נאָך מיט אַ ווײַלע צוריק... די וואַרעמע טראָפּנס בלוט גליטשן זיך פונעם קאָטערס קאָפּ אַראָפּ, פאַלן אַפן שניי

און הייבן אים אָן גיריק פרעסן. א טונקל-רויטער פלעק צעשווימט זיך אפן קלאָר-ווײַסן שניי אַלץ מער און מער.

דער קאָטער פרוווט זיך פאוואָלינקע אופהייבן: מע דאַרף, וואָס עס זאָל ניט זײַן, אוועקריכן כאָטש א ביסל ווײַטער פון דעם שוידערלעכן אָרט. דער ווייטיק האָט זיך אָבער אײַנגעקלאַמערט אין אים, ווי א הונט מיט די ציין, נאָך שטאַרקער צוגעדריקט אים צו דער פאַרפרוירענער ערד. דער גרויסער שטיין פאַרדרייט זיך, און וואסיע הייבט אָן זינקען אין א פינצטעניש...

די מוטער זײַנע האָט דער קאָטער ניט געדענקט, פאַר דער פיפּקע זי ווינציק-וואָס געצויגן. א געטרײַע מוטער איז אים געוואָרן דאָס ווײַסע שיסעלע מיט דעם בלאָוון קאַנט. ער האָט שוין אַף שטענדיק פאַרגעדענקט יענעם טאָג, ווען מ'האָט אים מיט זײַן איבערגעשראָקן מאָרדעלע ארײַנגעשטופּט אין א שיסעלע מיט מילך, מיט וועלכן ער האָט זיך באַלד פאַרכלינעט. קוים געכאַפּט דעם אָטעם, איז ער אוועקגעקראָכן אין א זײַט, נאָר עמעצער — א גרויסער און א שטאַרקער — האָט אים א כאַפּ געטאָן פאַרן פעלכל און ווידעראַמאָל אָנגעהויבן טרינקען. דאָס קעצל האָט שוין, דאַכט זיך, געזען פאַר זיך דעם טויט, האָט ער אַרויסגעשטופּט דאָס ראָזעווע שמאָל צינגל פונעם מויל און צופעליק א לעק געטאָן די מילך.

ניין, דאָס לעבן, ווי ס'האָט זיך וואסיען דעמלט אויסגעדאַכט, האָט אים ניט פאַרלאָזט. פאַרקערט, פון טאָג צו טאָג — נאָך מער פאַרפעסטיקט זיך אין אים. און קויעך אַף צו לעבן האָט דאָס קעצל געשעפּט טאַקע פון דעם דאָזיקן ווײַסן שיסעלע מיט דעם בלאָוון קאַנט, וואָס האָט אים פריִער אַזוי איבערגעשראָקן.

דערהערנדיק דאָס ערשטע מאָל זײַן נאָמען, האָט וואסיע אפילע קיין פינטל ניט געטאָן מיט אן אויג: א פּוסטער קלאַנג, ניט מער, פון אים וועסטו זאַט ניט זײַן. נאָר ווען מ'האָט נאָכאַמאָל א זאָג געטאָן: „וואסיע, עס, נאַרעלע!‟ — און אונטערגעשטופּט אים אונטער דער נאָז דאָס שיסעלע, אָט דעמלט איז דעם קאָטער מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן: „וואסיע‟, — דאָס מיינט מען אים. און אַזוי איז שוין פאַרבליבן, פאַרקריצט געוואָרן אין זײַן קאָטערישן זיקאָרן.

...אין דרויסן האָט אָנגעהויבן טונקלען. דער ווינטערדיקער אָוונט האָט זיך געײַלט אײַנהילן די בלאַסע ערד אין די ביינהאַשמאָשעסדיקע מאַלבושים. אַהער, צו דעם מיסט-פּלאַץ, קומט די פינצטערניש מיט א באַזונדערן כיישעק. אָנראַכמאָנעסדיק צעטרײַבט זי פונדאַנען די הינט און די קעץ, וועלכע האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן, וואָס הייסט א דאַך איבערן קאָפּ. אפילע דער הונגער קאָן זיי אין די שאָען ניט פאַרהאַלטן צווישן די פאַרפראָסטיקטע קופּעס מיסט און אָפּפאַלן — אַזוי איז דאָ באַנאַכט פאַרבאָרגן-שרעקלעך.

דער פאַרוווּנדעטער קאָטער איז נאָך ניט געקומען צו-זיך. ער האָט איינזאַם געבלאָנדזשעט אין זײַנע וויזיִעס, צווישן דער- און יענער-וועלט, צווישן זײַן פאַרגאַנגענהײַט, וואָס האָט אים ווי פאַרן עק געשלעפּט צוריק, און זײַן צוקונפט, וואָס האָט קוים געשווינדלט פאַר זײַנע אויגן, ווי א סוידעספול פלאַטערל.

פון דער גאַנצער שטוב, ווו וואסיע האָט פריִער געוווינט, איז אים מער געווען צום האַרצן די קיך. די באַלעבאָסטע פלעגט נאָר באַווײַזן אַהין ארײַנצוגיין, איז ער שוין באַלד געווען דאָרט, געדרייט זיך אַרום איר, געריבן זיך מיטן רוקן אין אירע ווייכע פיס און יעדעס מאָל געוואָרפן אַרויף צו איר געטרײַע איבערגעגעבענע בליקן, געוואַרט אָן געדולד, ווען זי וועט אָנפילן זײַן שיסעלע מיט שפּײַז. וואָסיע האָט שוין גוט געוווּסט פון זײַן אייגענער דערפאַרונג, אַז פונעם טיש און פון די הענט טאָר מען ניט כאַפּן — גוט ענדיקט זיך עס ניט. יענעם פאַל האָט וואסיע פאַרגעדענקט אַפן גאַנצן לעבן.

די באַלעבאָסטע איז דעמלט אַרויסגעגאַנגען אַף א ווײַלע פון דער קיך, איבערלאָזנדיק אַפן טיש א שטיק פלייש. אין איין אויגנבליק האָט עס דער קאָטער פאַרשלעפּט פונעם טיש צו זיך אין ווינקל.

א היפּשע צײַט נאָך דעם פאַל זײַנען וואסיען נאָכגעגאַנגען דער באַלעבאָסטעס ווערטער: „גאַנעוו! גאַזלען!‟. די אויגן פלעגן זיך אים דערבײַ קאָסען צום בעזעם, וואָס איז געשטאַנען אין א ווינקל, און דער רוקן פלעגט אים אָנהייבן מעשונע-ווילד בײַסן.

יאָ, די קיך מיט אירע קאָלערליי רייכעס און קלאַנגען האָט וואסיע זייער ליב באַקומען; זי האָט אים טאָמיד געדרייצט און געצויגן צו זיך. ס'איז אים גענוג געווען בלויז דערהערן דעם קלאַפּ פונעם אײַזקאַסטן, האָט ער שוין געוווּסט, אַז דאָס בעסטע, וואָס עס קאָן מיט אים געשען ווײַטער, איז פאַרבונדן מיט אָט דעם קלאַפּ. און ווי געשמאַק קלינגען די טעפּלעך, ווי באַטאַמט טרעשטשעט אַפן פײַער די סקאָווראָדע! באַזונדערס געפעלט אים, ווען די באַלעבאָסטע שאַרפט איין מעסער אין אַנדערן, איידער זי נעמט זיך מאַכן א הון. די פלייצע

בייגט זיך אים פון האנאַ אויס, דער עק שטעקט אַף ארוף, ווי א ליכטל — נאָר דער סאמע שפּיץ שאָקלט זיך קוים-קוים, ווי דאָס פלאַקער-צינגל פונעם פײַערל. די אויגן ווערן ענלעך אַף צוויי אַליוון, אויסגעוויקטע אין בוימל.

פון רייכעס איז ביכלאַל ניטאָ וואָס צו ריידן. ווו וואסיע זאָל זיך ניט געפינען — איז שטוב צי אפן גאנעק. וואס ער זאָל ניט טאָן — ארומגעדרייט זיך, צי געשלאָפן — ער דאַרף נאָר דערפילן א געשמאַק רייעכל, — פארגעסט ער באַלד אַלעמען אַף דער וועלט, ער איז באַלד דאָרט, אין קיך.

מערסטנס האָט ער ליב פיש. אוודע ניט די פארשיידנקאַליריקע פישלעך פונעם אַק-וואריום: די זײַנען צו קליינינקע און געפינען זיך דערצו צו הויך, אזש אפן סערוואנט. אַף זיי איז נאָר גוט צו קוקן זאַטערהייט. וואסיע האָט מעסוקן ליב יענע פיש, וועלכע די באַ-לעבאַסטע ברענגט פון דער גאס אין א פאַליעטילענאַווע פאַקעטל. אוי, זײַנען זיי געשמאַק, ביפראט די קישקעלעך און די זשאברעס!

און ווי פריילעך איז אין קיך געווען פארנאַכט, ווען די באַלעבאַטים זײַנע פלעגן זיך זעצן עסן וועטשערע. דאָס געפּעס קלינגט, דער רייער שוועבט אין דער לופט. אַלץ ארום און ארום צערטלט דעם אויער, קיצלט די נאָז, פרייט די אויגן און טרײַבט די סלינע. דער באַלעבאָס ווארפט אביינדל: „נאַ, נאשער! נאַ, בעטלער!” — וואסיע אָבער האָט אַף אים קיין פאריבל ניט, אבי גיב! בעטן באַ אייגענע איז ניט קיין ביזאָיען. ס'איז בעסער, איידער באַ א פרעמדן גאַנווענען.

ניט ווייניקער פון דער קיך האָט וואסיען געצויגן צו זיך דאָס ווייכע בעט, וואָס אין שלאָפצימער. ער וואָלט זיך געקאַנט אַף דעם וואלגערן טאָג ווי נאכט, ווען ניט די באַלע-באָסטע זײַנע. יאָ, דאָס ברייטע בעט איז אוודע א גאנץ פארמעגן. ווי גוט איז צוניפדרייען זיך דאָרט, ווי א בייגל, און דרעמלען, זאָלן בלויז די שפּיציקע אויערלעך שטיין אַף דער וואך — מאַלע וואָס ס'קאָן זײַן.

אָך, וואָס פאר א זיסע כאַלוימעס פלעגט ער דעמלט זען אַף דעם באַלעבאָס' בעט! אָט שפּאַנט ער, וואסיע, איבער דער שטוב, אשטייגער, און די שטוב פארוואנדלט זיך פלוצעם אין א גרויסן אקוואַריום, נאָר אָן וואסער. ארום אים פליִען, ווי פייגעלעך, גאָלדענע פיש, פארשטייט זיך, גרויסע און פעטע. ער דאַרף נאָר אופמאכן דאָס מויל, און די פיש גליטשן זיך אהינצו אַליין ארײַן. ער שלאָפט, און פון האנאָ באַלעקט ער זיך, מורמלט. וואסיע כאַפּט זיך, מיטאמאָל אוף, באקוקט מיט א שלעפעריקן בליק דעם צימער — אַלץ איז ווי פריִער: באַ דער וואנט שטייט דער הויכער סערוואנט, אַף אים — דער אקוואריום מיט קליינע פארשיידנקאַליריקע פישלעך. גיט ער זיך פויל א צי, א געניעץ און הייבט זיך אָן וואשן. א האַרעלע אַף זײַן טיגער-פעלכל וועט ער ניט דורכלאָזן, אויסלעקן אַלץ, פון קאָפּ ביזן שפּיץ עק...

איין כאַכעם האָט געזאָגט אַן אנדערן:
— פריי זיך אין דײַן יוגנט, און זאָל וויל זײַן דײַן הארץ אין דײַנע טעג פון דער יוגנט.
— וואָס זשע ווילט איר דערמיט זאָגן?

איינציקע הינט און קעץ דרייען זיך נאָך ארום אפן מיסט-פּלאַץ. זיי גראָבן זיך אײַן מיט די מאָרדעס אין די אומריינע קופּעס, זוכן עפּעס א ביסן פארן שלאָף. דעם קאָטער, דעם גויסעס, באַמערקן זיי אפילע ניט, און עפשער מאכן זיי זיך פּאַשעט ניט-זעענדיק. דאָ, אפן מיסט-פּלאַץ, איז עס א געוויינלעכע זאך: יעדער לעבט און פּייגערט וויאַזוי ס'איז אים באַ-שערט.

וואסיע איז געלעגן אומבאוועגלעך אפן זעלבן אָרט. די אויגן זײַנען אים געווען פאר-מאכט, בלויז די שוואכע פּארע ארום זײַן פּאָנעם האָט באַוויזן, אז ער אָטעמט נאָך. איין וויזיע האָט זיך געביטן אַף אַן אנדער וויזיע: זיי האָבן ווי ארויסגעשוועבט פון א פינצטערער טי-פעניש, אָנגעצייכנט מיט דינע ליניעס בילדלעך פון זײַן לעבן און פאמעלעך צערונען זיך. אין יעדעס בילדל האָט וואסיע געזען זיך אַליין, נאָר ווי פון דער זײַט. ס'האָט אים געפּײַ-ניקט דער דאָרשט. כאָטש איין טרונק וואסער. א לעק. א טראָפּן. עפשער וואָלט אים געוואָרן א ביסל גרינגער... כאָטש איין לעק...

עמעצער לעקט אים איבערן קאָפּ, פונקט דאָרטן, פונוואנען עס גייט ארויס דער ווייטיק און צעגיסט זיך דערנאָך איבערן גאנצן לײַב. וואסיע איז געקומען צו-זיך. א פּאָר גרינע

פּיִערלעך זײַנען געבליבן הענגען גלײַך אַנטקעגן אים. ער גיט אַ צי אײן זיך די פּראַסטיקע לופּט. טאַקע אַזוי איז עס — דאָס איז איר רייעך. אַזוי שמעקט נאָר זי...

זיי האָבן זיך באַקאַנט װעסנע-צײַט. דער קאַטער איז דעמאָלט געלעגן צעלײגט, װי אַן עמעצער לײב, אױף די הילצערנע פּאַרענטשעס פונעם גאַנעק און געװאַרעמט אױף דער זון זײַנע יונגע ביינער. פֿאַרן װינטער איז ער געװאָרן לענגער װי ברײטער. אין זײַן יעדן טראַט האָט זיך באַװיזן אַ זיכערקײַט, אין די אױגן — אַ שאַרפער בליק. איצט איז װאַסיע װײנציק־װאָס ענלעך אױף יענעם אױסגעדאַרטן, נעבעכדיקן קעצל. אױף דער באַלעבאָסטעס קעסט איז ניט שלעכט צו זיצן.

װען ער איז דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן אַרױסגעגאַנגען אױפֿן גאַנעק און אַ קוק געטאָן אַראָפּ, האָט זיך אים פון דער הױכקײַט אַזש פאַרדרייט דער קאָפּ, װי עס טרעפט זיך אַמאָל מיט מענטשן. אונטן, װי ס'האָט זיך אַרױסגעװיזן, איז געװען אַן אַנדער װעלט פון קאָלערלײ ניט-געװײנלעכע קלאַנגען און רייכעס. די נײַע אומבאַקאַנטע װעלט פלעגט אים די ערשטע צײַט אַפילו שרעקן. פּאַמעלעך האָט זיך דער קאָטער צו אַלעמען צוגעװױנט, און פלעגט שױן איבערליגן אױף די הילצערנע פּאַרענטשעס שאָענװײַז.

יאָ, ס'איז געװען דעמאָלט אַ װאַרעמער װעסנע-טאָג. און פּלוצעם האָט װאַסיע דערזען זי. אַ װײַסע קאַץ מיט אַ שװאַרצן כײנעװודיקן פלעק אױפֿן שטערן איז געזעסן אױפֿן קאַרניז פונעם פענצטער בישכײנעס מיט אים. אױ, האָט איר געפּאַסט דער שװאַרצער כײנעװודיקער פלעק צװישן אירע דינע אױערלעך — װײַכהאַריקע פון אױסן און מאַט-ראָזעװע פון אינװײַניק! זי האָט אױף אים אַ װאָרף געטאָן אַ גלײַכגילטיקן, װי אַ צופעליקן בליק און אױסגעקערעװעט דעם קאָפּ. װאַסיע האָט פּלוצעם דערפילט, אַז באַ אים, אינװײניק, הײבט עפּעס װילד אָן צו קלאַפּן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס „עפּעס" װעט באַלד אַרױסשפּרינגען פון אים, זיך אַ װאַלגער טאָן אױפֿן אַספאַלט און זיך צעברעכן אױף שטיק-שטיקלעך. די שװאַרצאַפלען זײַנען אים נאָך שמעלער געװאָרן. אַ ביז איצט ניט באַקאַנטער באַגער האָט װאַסיען אַ שטופּ געטאָן צו דער קאַץ.

אין מעשעך פון אַ גאַנצער װאָך האָט װאַסיע זיך אינדערהײם ניט באַװיזן. אַנטלאָפן, געדרייט זיך אַרום דער װײַסער קאַץ טאָג װי נאַכט, אײַנגערעדט און אײַנגעבעטן. ביז אַט דער באַגעגעניש האָט דער קאָטער אַפילו זיך ניט אָנגעשטױסן, אַז כּוח די פיר װענט, װוּ ער װױנט, איז אין דער שטוב דאָ אַזאַ װוּנדערלעכער בוידעם. ערשט דאָ, אױפֿן בוידעם, האָט װאַסיע אין אַ פולער מאָס פאַרשטאַנען, װאָס אַ פרײַ לעבן איז. אָט װוּ עס זײַנען אים צוניץ געקומען זײַנע שאַרפע נעגל, װאָס ער פלעגט דעם גאַנצן װינטער שאַרפן, סטאַם אַזױ, פון גאָרנישט ניט טאָן, אינעם פיסל פון דעם קיך-טישל. ניט אײן קאָטער האָט זיך איצט מיט זײ באַקענט, דערפילט אױף זיך זײער שאַרפקײַט. יאָ, די ניצכױנעס פלעגן זיך אים אײַנגעבן ניט גרינג, אָבער װי זיס איז געװען דערנאָך כאַפּן אױף זיך אירע שטאָלצע בליקן, װאָס האָבן געדאַרפט הייסן: „אַזױ פירט זיך אױף דער װעלט — װער ס'איז שטאַרקער, דעם געהערט אַלץ!", און פילן איר װײַך-הײלנדיק צינגל אױף זײַן שלאַכט-צעדראַפּעטקײַט.

אין אַ װאָך אַרום איז װאַסיע, אַ קױטיקער און אַ מידער, געשטאַנען באַ זײַן טיר, און װען די באַלעבאָסטע האָט זי אױפגעמאַכט, איז ער אַרײַן, װי אַן אָפּגעבריטער, זיך געלאָזט גלײַך אין קיך אַרײַן צו זײַן ליבן שיסעלע. אין אײן אױגנבליק האָט ער אױסגערײניקט אַלץ, װאָס איז אין שיסעלע געװען, און אױװעקגעפאַלן, װי אַ דערהאַרגעטער.

איצט אָבער האָט יעדער צוריר דער קאַצס אַרױסגערופן באַ װאַסיען אַ מעסוקענעם װײטיק. ער האָט פּאַמעלעך אױפגעהױבן דעם קאָפּ און צערטלעך געגעבן דער קאַץ אַ לעק צװישן די פּאָר גרינע קײַלעכדיקע פּיִערלעך, פונקט אין יענעם אָרט, װוּ ס'דאַרף זײַן איר שװאַרצער כײנעװודיקער פלעק — זײַן ליבע, זײַן פּײַן, זײַן טױט. ער האָט געװאָלט מיט דעם לעק זאָגן איר: „אָט דאָס איז עס, הײַנט האָב איך אַלץ פאַרלױרן... זײַ מיר מױכל". און זי האָט אים פאַרשטאַנען: טרױעריק אַ מיאַוקע געטאָן און פאַרשװוּנדן אין דער פינצטערניש.

...דער בוידעם האָט געצױגן צו זיך װאַסיען אַלץ מער און מער. דאָרט איז געװען זי מיט אירע װילדע ליבע-טענץ און ניגונים, דאָרט איז געװען אַ פרײַע װעלט. ניין, פירן װײַטער אַזאַ לעבן, װי ביז איצט, האָט דער קאָטער שױן ניט געקאָנט און ניט געװאָלט! די פיר װענט האָבן אים געשטיקט. נאָר אײנגאַנצן זיך אָפּזאָגן פונעם פריִערדיקן לעבן, װאָס איז געװען פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיטן װײַסן שיסעלע, מיט דער װײכער בעט, מיט די פריִ־לעכע פאַרנאַכטן אין קיך, האָט װאַסיע אױך ניט געקאָנט און ניט געװאָלט! און פון צײַט צו צײַט פלעגט ער זיך אומקערן צו זײַן אײגענער טיר און גראַבלען זי אױף אַרײַנצוגײן.

דאָס פירן אַ העפקער-לעבן האָט װאַסיען אױף אַזױפיל אױסגעמאַטערט, אַז ער האָט אַפילו ניט באַמערקט, װי אין שטוב קומען פאָר עפּעס מאָדנע זאַכן: די צימערן זײַנען פאַר־

שטעלט מיט גרויסע קאַסטנס, מיט צעבלאָזענע טשעמאָדאַנעס, גלײַך ווי ס׳איז ניט קיין שטוב, ווו עס וווינען מענטשן, נאָר א קאַמער פון אומניצלעכע כפייצים. און אוואדע האָט דער קאָטער ניט געקאָנט באַמערקן דער באַלעבאָסטעס פאַרלוירן פּאָנעם, וואָס האָט שימע-רירט צווישן די דאָזיקע אָנגעשטעלטע קאַסטנס און טשעמאָדאַנעס און געוואָרפן אַפן קאָטער ראַכמאָנעסדיקע בליקן. יעדעס מאָל, דורכגייענדיק לעבן אים, פלעגט זי זיך א ווײַלע פאַר-האַלטן, צודריקן אירע פוכקע הענט צום הארצן און שווער א זיפץ טאָן: „נו אַט, וואַסקע, פאָרן מיר אוועק אין אַן אַנדער שטאָט... וואָס זשע וועט ווײַטער זײַן מיט דיר... מיט אונדז?" וואַסיע איז אָבער אין דער צײַט געשמאַק געשלאָפן און געזען, אפּאָנעם, זײַנע זיסע קאָטע-רישע כאַלוימעס.

איין כאַכעם האָט געזאָגט דעם אַנדערן:

— וויפל טעג דו וועסט לעבן, זאָלסטו אין זיי אַלע פריילעך זײַן, און זאָלסט שטענדיק געדענקען די טעג פון פינצטערניש, ווײַל זיי וועלן זײַן פיל.

— וואָס זשע ווילט איר דערמיט זאָגן?

די אויסגעבלייכטע לעוואָנע רוקט זיך ווען-ניט-ווען אַרויס פון די שווערע שניי-וואָלקנס, צערײַסט דעם רוים אַף שטיקער שאָטנס און פאַרלאַטעט מיט זיי די ערד. אין איינער א וויזיע האָט וואַסיע דערזען זיך א גייענדיקן איבער א ניט באַקאַנטן וועג. דאָס ווײַסע סוי-דעספולע פלאַטערל האָט געשווינדלט, ווי פריער, פאַר זײַנע אויגן. גערופן נאָך זיך. וווהין? צו וואָס? וואַסיע האָט עס ניט געוווּסט. ער האָט זיך געשלעפּט ווײַטער, צוהערנדיק זיך צום אינסטינקט.

...אין יענעם טאָג איז דער קאָטער געשטאַנען אונטער דער טיר, שוין ווייסנדיק אַפריער, אַז באַלד וועט זי זיך אופעפענען און ער וועט, ווי טאָמיד, דערהערן דער באַלעבאָסטעס זינ-געוודיק קעלכל: „א, דער הוליאַקע האָט זיך שוין, דאַנקען גאָט, געיאַוועט!". און די טיר האָט זיך טאַקע אופגעמאַכט, אַף דער שוועל איז אָבער געשטאַנען ניט די באַלעבאָסטע און ניט אפילע דער באַלעבאָס, נאָר א פרעמדער מאַנצבל. וואַסיע האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַ-נען: געשטאַנען און געקוקט אַרוף אַף דעם אומבאַקאַנטן פאַרשוין, גלײַך ווי געוואָלט בא אים פרעגן: „וואָס האָסטו דאָ פאַרלוירן?"

דער פרעמדער האָט זיך אָנגעבויגן צום קאָטער און פלוצעם אים א בלאָז געטאָן אין אויער אַרײַן. וואַסיע האָט א ניט-צופרידענער א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ: וואָס איז דאָס פאַר א שפּיצלעך? נאָר דעם פרעמדן איז, אפּאָנעם, זײַן שפּיצל געפעלן געוואָרן. נאָכ מער: מיט זײַנע צוויי גראָבע פאַרשוויצטע פינגער איז ער שוין גרייט געווען אַרײַנפאָרן דעם קאָ-טער אין די אויגן. דאָס איז שוין איבער דער מאָס. דאָס בלוט האָט אים א זעץ געטאָן אין קאָפּ אַרײַן, די האָר האָבן זיך אים אופגעשטעלט, די אויגן האָבן אָנגעהויבן צעוואָרפן בייזע פונקען. א רעגע — און דער קאָטער פליט אַרײַן מיט די צעלאָזטע נעגל דעם פרעמדן גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן. ס׳האָט זיך דערהערט א געשריי, דער פרעמדער האָט מאַמעש אונטערגע-שפרונגען און באַלד נאָך דעם האָט וואַסיע דערפילט א שטאַרקן זעץ אין בויך אַרײַן. בייסן קאַטשען זיך טרעפּ-אַראָפּ האָט זיך נאָך אים געטראָגן:

— אויסוווּרף!.. מענוול!.. פאַל נאָר אַרײַן צו מיר אין די הענט!

מער האָט זיך וואַסיע אַהיים ניט באַוויזן. און מע קאָן דען רופן היים דאָס אָרט, פונ-וואַנען מ׳האָט דיך אַזוי אַרויסגעטריבן? איצט פלעגט ער גאַנצע טעג פאַרפאַלן ווערן אַפן מיסט-פּלאַץ, ווי אויך אַנדערע היימלאָזע הינט און קעץ. גראָבן זיך אין די מיסט-קופּעס, שלאָגן זיך איבער א ביסן און בלויז פאַרנאַכט זיך אומקערן אַפן אַלטן בוידעם.

דער קאָטער האָט זיך זייער געענדערט. די אויסגעדאַרטע ביינער זײַנע האָבן אַרויס-געשטעקט פון אונטער זײַן פעלכל, וואָס האָט שוין אינגאַנצן פאַרלוירן דעם פריערדיקן בלישטש; די אויגן — זיך אָנגעגאָסן מיט אומעט און מיט בייזקײַט. אַף די מענטשן האָט וואַסיע געוואָרפן אַן אומכיין, און ווען עמעצער פון זיי האָט זיך באַוויזן אַפן מיסט-פּלאַץ, פלעגט ער אָנהייבן פירקען און שיפען, ווערן ענלעך אַף א פרוזשינע, וואָס וועט אָט-אָט אונטערשפּרינגען און זיך צעוויקלען אינדערלופטן. און איבער דער גאַנצער שטאָט האָט זיך צעטראָגן א קלאַנג, אַז אַפן מיסט-פּלאַץ בלאָנקעט אַרום א ווילדער קאָטער, א ניט-גוטער.

וועגן דעם פאַרגאַנגענעם לעבן האָט וואַסיע ניט געוואָלט טראַכטן. בלויז באַנאַכט, אויסער זײַן ווילן, פלעגט זיך אים צײַטנווײַז כאָלעמען זײַן מוטער — דאָס ווײַסע שיסעלע מיטן בלאָוון קאַנט, די וואַרעמע בעט, דער אַקוואַריום מיט די פישלעך. און צומאָל האָט ער אפילע געזען אין כאָלעם דער באַלעבאָסטעס צערטלעכע הענט, וואָס גלעטן אים איבערן

רוקן. נאָך אַזעלכע כאַלוימעס פּלעגט וואַסיע זיך אויפכאַפּן אינמיטן דער נאַכט און שוין ביז אינדערפרי קיין אויג ניט צומאַכן — ליגן און קוקן אין דער פֿענצטער מיט אַן אויסגלאָשענעם בליק.

פונקט אַזאַ כאַלעם האָט ער געזען הײַנטיקע נאַכט. דעם גאַנצן טאָג האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן מיסט-פּלאַץ אַ דערשלאָגענער און אַ בייזער, אומזיסט געטשעפּעט זיך צו די קעץ, און איינמאָל אַפילע אַ וואָרף געטאָן זיך אָף אַ הונט אויך.

דעם מאַנצבל, וואָס האָט זיך געיאָוועט אַהער, אויפן מיסט-פּלאַץ, האָט וואַסיע ניט באַמערקט, אַנדערש וואָלט ער אין אים באַלד דערקענט יענעם פרעמדן פאַרשוין, וועלכער האָט אים אַרויסגעטריבן פון זײַן שטוב. נאָר דער פאַרשוין האָט אויפן קאָטער באַלד געלייגט אַן אויג. אַרומקוקנדיק זיך, האָט ער גיך געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. דער קאָטער איז אין דער צײַט געשטאַנען און האָט אויסגעגראַבלט פונעם שניי אַ צוגעפרוירן שטיקל ברויט. פּלוצעם, אינסטינקטיוו האָט וואַסיע דערפילט, ווי עפּעס אַ שווערס און אַ שרעקלעכס פליט גלײַך צו אים. ער האָט אונטערגעקליבן אונטער זיך די לאַפּעס, גרייט געווען אַ שפּרונג טאָן אין אַ זײַט — צו שפּעט: דער שטיין האָט אים ווי צוגענעגלט מיט זײַן שווערקײַט צו דער ערד. אין די אויערן האָט אָנגעהויבן פּײַפן, דער שוואַרצער פלעק אויפן שטערן פון זײַן געליבטער האָט זיך צו אים מיטאַמאָל צוגערוקט, און דער אַרום איז זיך פּאַמעלעך צעשוווּמען אין דער שוואַרצקײַט...

דער וועג איז ברייטער געוואָרן. דאָס ווײַסע פלאַטערל האָט זיך שוין פאַרוואַנדלט אין אַ שימערירנדיק פײַערל, וואָס האָט זיך צעבערענט אַלץ העלער און העלער. וואַסיען האָט זיך ענדלעך אײַנגעגעבן אַרויסרײַסן זיך פון זײַנע פאַרגאַנגענע יאָרן. ס'איז אים איצט געווען אַזוי גוט, פרײַ און גרינג, ווי, ס'קאָן זײַן, קיינמאָל אין זײַן לעבן ניט.

דער קאַיאַר איז געקומען צו דער צײַט. באַנאַכט איז אויסגעפאַלן אַ שניי — אַ פרישער און אַ ציכטיקער. ער האָט געשײַנט און געפינקלט אויף די שטראַלן-שפּיצן פון דער באַגינען-זון. די פּראָסטיקע לופט איז געווען שטיל און ליכטיק.

איין כאַכעם האָט געזאָגט דעם אַנדערן:

— ע, אַלץ אין דער וועלט איז העוועל-האַוואָלעמדיק.

— יאָ. וואָס זשע האָט איר אָבער געוואָלט מיט דעם אַלעמען זאָגן?

ווי טײַער איז די וועלט

איך בין פאַרגאַפּט

מיר דוכט, איך הער, ווי ס'זינגט דער וואַלד א שיינעם ניגון,
איך שטיי און הער, און ס'פּליט מײַן בליק — איך בין צופרידן.
דער האַרבסט קומט אָן אפּסנײַ א קאָן, ער גרייפּט איצט אָנעט
מיט זאַטן ברויט, מיט העלער פרייד, מיט זיסן האָניק.
אָ, זעט, ווי שיין דער וואַלד זיך זעגנט מיטן זומער
און וויפל כיין ס'האָט נאָך דער רעגן און דער דונער.
איך קוק און קוק — איך בין פאַרגאַפּט, עס ווילט זיך קוקן.
זעט, ווי עס טראָגט זיך אַפן שליאַך די העלע צוקונפט!
א פויגל זינגט און מאַכט אין טעקסט קיין מינדסטן פעלער,
און ווי א קינד פון דעם זיך פרייט איצט ליפע העלער.

דערמאָנונגען

עס טרעפט: איך רעד מיט זיך אַליין,
ווי ס'וואָלט מיט מיר א פרײַנט געזעסן.
עס קומט צו מיר אַראָפּ מײַן היים,
און כ'זע פאַר זיך אַן אָרעם געסל.

סע שטעלן זיך פאַר מיר אויס טעג,
סע שטעלן זיך פאַר מיר אויס יאָרן —
און כ'זע פאַר זיך א לאַנגן וועג
מיט פרייד, מיט לייד, מיט קריג, מיט קוואָרים...

אַף אייגענער ערד

א טײַך האָט צוויי ברעגן,
א מענטש — נאָר איין ברעג,
פון טויזנטער וועגן
ער קלײַבט אויס זײַן וועג.

ער וויל זיך ניט וואַרפן
אַהין און אַהער.
א מענטש האָט איין האַפן,
אַן אייגענע ערד.

באַוווּסט איז עס יעדן —
דאָס ווייס איך, איך ווייס!

ס'באַגיסט זיך דאָס לעבן
מיט ביטערן שווייס.

דעם מענטשן איז ליבער
פון אַלץ, וואָס איז שווער,
פון האַרצן די לידער,
פון אויגן די טרער.

א טײַך האָט צוויי ברעגן,
א מענטש — נאָר איין ברעג.
פון טויזנטער וועגן
ער קלײַבט אויס זײַן וועג.

די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון
„סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַר-
ציק דעם דיכטער ליפּע העלער אין
צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 70-טן געבורטס-
טאָג און ווינטשן אים געזונט, אַרי-
כאַס-יאָמים און נײַע שעפערישע דער-
פאָלגן.

ווי גוט איז אַף דער ערד

ווי טײַער איז די וועלט,
די שײנע זון, וואָס העלט,
דער הימל, וואָס איז בלוי,
און אַפן גראָז דער טוי,
דער עפּלבוים, וואָס וואַקסט,
דאָס גרעזל אַף דער גאַס,
דער נײַ־ינקער טראַמוויַ,
דער מויער, וואָס איז נײַ, —
ווי טײַער איז די וועלט!
ווי טײַער איז דער זײַן,
פון העלער זון די שײַן,

דער בויער, וואָס דאָ בויט,
דער פויער מיטן ברויט,
די מוטער בא איר וויג,
דעם אײפּעלעס בליק,
דער יונגער פּיאָנער,
וואָס אים איז גראַניט שווער,
דער זיידעניו, וואָס שטראַלט,
כאָטש ער איז שוין גאָר אַלט.
נו זאָגט, צי כ'בין גערעכט,
אַז גוט איז אַף דער ערד!

עס שטילט זיך אײַן דער ווינט

דער ווינט האָט אויך זײַן לעבן,
דער ווינט האָט אויך זײַן טויט.
ער אײַלט צו זײַנע ברעגן
און פאַלט בא אַט דעם פלויט.

דאָרט איז ער ווי א קראַנקער,
וואָס איז געפאַלן מיד,
דערווײַל בא די געדאַנקען,
נאָר לעבן קאָן שוין ניט.

דער טאָג מיך רופט

מיר דוכט, מיר דוכט:
דער טאָג מיך רופט.
ער האַלט פאַר מיר
א פלאַש מיט לופט.
ער קלאַפּט אין טיר —
אַזוי מיר דוכט.

ער האַלט פאַר מיר
א הימל ווײַן,

א זון מיט שײַן —
ער קלאַפּט אין טיר —
ער וויל אַרײַן.
מיט אים איז טאַקע
גוט צו זײַן.

שקיַע

עס איז די זון פֿאַרגאַנגען אומגעריכט
און האָט פֿאַרגעסן אַפּן הימל
אַ גאַנצן קנויל מיט העלער ליכט.
דער שיינער קנויל איז פֿײַערדיק געווען
און רויט,
האָט אים אַ וואָלקנדל געפּרוּווט ווי פֿרישן
ברויט.

דאַן אַף אַ הויכן, הויכן בוים
האָט זיך אַ פֿייגעלע צעזונגען.
איך האָב זיך צוגעהערט געשמאַק
געוואָלט פֿון אַט דער שקיַע
כאַפּן כאָטש אַ פֿרישן ביסן,
נאָר פּלוצלינג האָט די ווײַטע נאַכט
דעם פֿאָדעם פֿונעם טאָג איבערגעריסן.

זײַט נאָר מענטשן

מענטשן, מענטשן, זײַט נאָר מענטשן —
כּײַעס האָט די וועלט גענוג, —
וועל איך וועלן יעדן בענטשן
פֿאַר זײַן האַרץ און פֿאַר זײַן קוק.

מענטשן, מענטשן, שוועסטער, ברידער,
גוט פֿאַרשטייט די שטרענגע צײַט.

ניט פֿאַרגעסט די קוואָרים, גריבער —
יעדע גרוב נאָך איצטער שרײַט.

מענטשן, מענטשן, זײַט ניט ברויגעז,
וואָס איך רעד מיט אײַך אַזוי,
איך בין דאָך געווען אַן איידעס —
ווייס איך גוט פֿון בלוט און וויי...

ווײַל איך לעב

דאָ — געלאָפֿן,
דאָ — געפֿאַלן,
דאָ — געזיגט.
מערער האָפֿן,
ווייניק שאַלן —
דאָס איז גליק.

סײַ אין טײַגע,
סײַ אין טונדרע,
סײַ אין סטעפּ
האָב איך דײַגעס
צען מאָל הונדערט,
ווײַל איך לעב.

קומט אַ טאָג אַ נײַער

קומט אַ טאָג אַ נײַער,
קומען נײַע לידער.
ווידער ברענט מײַן פֿײַער,
לעבן ווילט זיך ווידער.

ווידער כ'שפּאַן זיך אײַנעט
און איך שלעפּ דעם וואָגן.
שלעפּן איז מײַן טײַנעג,
וואָס איר זאָלט ניט זאָגן.

גלאַט אַזוי זיך ליידיק
קאָן איך קיינמאָל זיצן,
ס'הויזן מיט מיר פֿריידיק
דונערן און בליצן.

קומט אַ טאָג אַ נײַער,
קומען נײַע לידער.
ברענט און ברענט מײַן פֿײַער —
ליפּע העלער ווידער.

דינע קאַלינאָווסקאַיאַ

ניט אַ שיינעם געמעל אויפֿן דנאָ

ס'איז געווען אין אַ זונטיק, אין אַ גאָר הייסן באַטאָג. די סקולפּטור-פֿיגורן, די אַט-לאַנטן, אויף דער אַנדערער זייט גאַס האָבן זיך געזשמורעט קעגן דער זון, אַזש ווי צוגעזיפּצט. קיין מענטשן אויף דער גאַס האָט מען ניט געזען. אין אַזאַ זונטיק ליגט די גאַנצע שטאָט איבער אויפֿן פּליאַזש. בלויז דער וואַך-סאָלדאַט פֿון דער מאַטראָסן-שול איז פֿון צייט צו צייט אַרויס-געקומען אין דרויסן, פֿון אונטערן אויגן אַראָפּגערוקטן היטל זײַנעם אָנעם דאַשעק אַ קוק געטאָן צום לויטערן הימל, צוגעקלאַפּט דערביי מיט דער קאָלבע פֿון דער ביקס, און באַלד ווידער נעלעם געוואָרן אין קילן וועסטיביול פֿון דער מאַטראָסן-שול.

— בעסער, כ'לעבן, אַראָפּכאַפּן זיך צום פּליאַזש! — האָט אויבן אויפֿן לייטער אַ זאָג געטאָן סעראַפֿימע.

— אַבי פּלאַפּלען! — האָט איר פֿון אונטן געענטפֿערט מאַרוסיע.

די מאַליערס האָבן צוגעזאָגט צו קומען פֿאַרנאַכט-צו, ביז זייער קומען איז נאָך דאָ גענוג וואָס צו טאָן. אונטער דער סאַמע סטעליע האָט סעראַפֿימע אָפּגעריסן פֿון די ווענט פֿײַכטע אַלטע שפּאַלירן, אונטן האָט מאַרוסיע אויך געטאָן דאָס זעלבע.

— האָסט אומזיסט און אומנישט געזאָגט... אונגערופֿן די מומע יאַסיען, — האָט סעראַפֿימע גע-זאָגט, — מיר האָבן דאָ אַרבעט אויף צוויי שאָ, ניט מער.

— לייען ווייניקער, וועלן מיר גיכער ענדיקן, — האָט איר מאַרוסיע געענטפֿערט. זי האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגן, וואָס סעראַפֿימע לייענט אַלץ די אונטערגעקלעפּטע צײַטונגען אונטער די שפּאַלירן. — די טשאַשקע האָסטו באַהאַלטן? — און מאַרוסיע האָט אַ קערעווע געטאָן דעם קאָפּ, זיך איבערצײַגט, אַז די טשאַשקע וואַרפֿט זיך ניט אין די אויגן.

די מומע יאַסיע האָט שטאַרק כיישעק געהאַט צו לייגן די האַנט אויף דער באַבעס לעצ-טער טשאַשקע, און מ'האָט די טשאַשקע געמוזט באַהאַלטן, ווען נאָר מ'האָט זיך גערייכט אויף דער מומע יאַסיעס וויזיט.

מאַרוסיע האָט צונויפֿגעשאַרט אויפֿן דיל אַ קופּע צעפּליקטע שפּאַלירן, און דעם גאַנצן בינט אויף זיך אַרויסגעטראָגן אין דרויסן אַרויס, צום מיסטקאַסטן.

„לויט פּינקטלעכע ידיעות, זײַנען אין לעצטן מעסלעס אַראָפּגעקלאַפּט געוואָרן ניט זעקס און פֿופֿציק, נאָר הונדערט און צוויי פֿײַנטלעכע אַעראָפּלאַנען. צוויי און צוואַנציק אונדזערע אַעראָפּלאַנען האָבן זיך ניט אומגעקערט", — האָט סעראַפֿימע געלייענט. די צײַ-טונגען זײַנען געווען פֿונעם איין-און-פֿערציקסטן יאָר. זיי האָבן זי מאַמעש ניט אָפּגעלאָזט. „אָפּערעטן-טעאַטער: זונטיק באַטאָג „דער וועג צום גליק", אין אָוונט — „מאַריצאַ". די פּרײַזן פֿון די בילעטן ביליקער אויף פֿופֿציק פּראָצענט" — טעאַטער-אָנאָנסן אין דער צײַט פֿון באָמבירונגען און באַשיסונגען.

— זי איז נאָך ניט געקומען? — האָט מאַרוסיע, אומקערנדיק זיך און אָפּטרעסענדיק זיך, געפֿרעגט.

— ניין, נאָך ניט.

אַמאָל זײַנען די דאָזיקע טשאַשקעס געווען אַ האַלב טוץ — מיט אַ קו און אַ קעלבעלע, מיט אַ שקאָפּע און אַ לאַשעקל, מיט אַ גאַנדז און מיט גענדזעלעך, מיט אַ הון און הינדע-לעך, מיט אַ ציג און מיט ציגעלעך. איבערגעבליבן איז נאָר די טשאַשקע מיט דער כאַזערטע און די כאַזיירימלעך. דער מומע יאַסיען האָט קיין רו ניט געגעבן אָט די דורך אַ נעס גאַנצ-געבליבענע, ניט גרויסע פֿאַרצעלײַענע טשאַשקע, מיטן הענטל פֿאַרדרייט ווי אַ בייגעלע, די עקן אַרײַנגעבויגן אינווייניק, און מיטן שיינעם געמעל אויפֿן סאַמע דנאָ.

— דאָס קינד פון טראַטואַרן! אָנבײַסן־צײַט וועט זי זיך באַלד אַרײַניאַוען! — האָט מאַרוסיע א וואָרטשע געטאָן.

די מומע יאַסיע האָט אײנגענעם מיט דער טאַכטער אירער, מיט נעליען, געווינט ערגעץ באַם וואָקזאַל, ווײַטלעך א ביסל. פונדעסטוועגן איז די מומע יאַסיע קײנמאָל מיטן טראַמוויי ניט געפאָרן, געגאַנגען צופוס, און מ׳האָט זיך מאַמעש געקענט אָפּשטעלן און זיך פּאַרקוקן אָף איר, ווי זי שפּאַנט עס אַזוי אַן אײַנגעבויגענע, זוכנדיק עפּעס אָף דער ערד. די מומע יאַסיע האָט געזוכט געלט. און די מומע יאַסיע האָט טאָמיד געפונען. די מומע יאַסיע האָט פּריִער געאַרבעט ערגעץ אַלס קוריער, פאַר א מאַגערן, פאַרשטײט זיך, געהאַלט, און דאָס געפינען געלט אין גאַס איז געוואָרן א מין געוווינהײַט אירע, א מין באַרוף. וווּהין זי איז ניט געגאַנגען, האָט זי נאָר געזען פאַר זיך ערד. קײן אײן מאַטבייע, מ׳האָט די מאַטבייע געמעגט פאַרלירן אַפילע אײערנעכטן צי פאַרצווײנעכטן, איז ניט געבליבן אָן קײן אײגנטי־מער, אויב דורך יענעם אָרט איז נאָר דורכגעגאַנגען די מומע יאַסיע. „געלט וואַלגערט זיך אונטער די פיס״ — דאָס איז געווען אירער אַן עקאָנאָמישער לאָזונג, אַזוי צו זאָגן. און דער דאָזיקער לאָזונג פלעגט מעקויעם ווערן קימאַט אָף שריט און טריט אירן. זי האָט געוווּסט, אָף וועלכע ערטער עס ליגן צעשפּרייט מעשענע מאַטבייעס און ניקלנע מאַטבייעס.

און אַמאָל אַפילע פּאַפּירענע באַנקנאָטן אויך.

מאַרוסיע האָט געלאַכט. סעראַפימע — ניט.

— דאָס קינד פון טראַטואַרן! — האָט איר מאַרוסיע צוגעטראַכט א צונאָמען.

— דו פאַרשטײסט ניט גאָרנישט! — איז סעראַפימע ניט געווען מאַסקים.

— בעסער וואָלט זי זיך אויסגעלערנט עפּעס פאַרדינען ווי ס׳קער צו זײַן! — האָט מאַרוסיע פילאָסאָפירט.

— וואָס זשע וואָלט דעמלט געווען דער כילעק צווישן איר און דיר?

— כ׳זע ניט קײן זינען דערבײַ, אַז צווישן מיר און עמעצן זאָל מוזן זײַן א כילעק, קײן סייכל דערבײַ! וואָס איז, איך בין א שלעכטע? — האָט מאַרוסיע א זאָג געטאָן, און בײדע האָבן זיך צעלאַכט.

— דו ביסט באַ אונדז א גראַטענע! — האָט סעראַפימע אופריכטיק געזאָגט.

— וואָס זשע, נײן?

— נאָך ווי — יאָ!

איצט, ביפראַט ווען זײ האָבן געביטן די דירע, האָט מאַרוסיע בעפּיירעש געמעגט שטאָלץ זײַן מיט זיך.

— הער שוין אוף לײענען, לאָמיר גיכער ענדיקן, די מאַליערס קאָנען געבן א קום אָן נאָך פריִער ווי זײ האָבן געזאָגט! — האָט מאַרוסיע אונטערגעיאָגט, א צעשאָקל געטאָן דעם לײטער, אַז סעראַפימע האָט אַזש אויבן אָנגעהויבן קוויטשען. — לײען ניט, הערסט! ס׳איז נישטאָ ווען!

— אײַ־אײַ־אײַ! — האָט סעראַפימע געקוויטשעט.

דאָס בײַטן די דירע מיט גאַנצע זעקס אַנטײלנעמער האָט מאַרוסיע אויסגעטראַגן אין זיך, ווי א טרוים, אַלע צוועלף נאָכמילכאָמע־יאָרן. און אָט איז דער טרוים פאַרווירקלעכט געוואָרן, כאָטש אויסגעזען האָט עס אומעגלעך — קײנער פון די אַנטײלנעמער איז אין דעם ניט געווען באַזונדערס פאַרינטערעסירט, קײנער, כוץ איר, מאַרוסיען. מאַרוסיע האָט געשײַנט. איר גאַנצע איבערצײַגעוודיקײַט, אָף וועלכער זי איז געווען פעיִק, וועלכע איז, מעגלעך, איר געשענקט געוואָרן אָפן גאַנצן לעבן, האָט מאַרוסיע געפּאַטערט אָף אײַנצורעדן די פּאַרט־ניאָרן אירע. אירע אַלע אַפּשפּאָרענישן זײַנען אויסגעגעבן געוואָרן אָף אונטערצוהאַלטן די דאָזיקע איבערצײַגעוודיקײַט. און עס איז דערצו פאַרקויפט געוואָרן דער באַבעס טעפּיך מיט די אויסגעשטיקטע העלפאַנדן און מאַרוסיעס אַלמאַנעדיק כאַסענע־רינגל, און אָט האָבן זײ זיך איבערגעפירט פון דער ניט גרויסער, נאָר באַזונדערער דירע, דער גאַנץ גוטער, נאָר פרעמדער, אין זײער ערעוו־מילכאָמעדיקער, מיט שכײנים, מיט די פריִערדיקע ערעוו־מיל־כאָמע־שכײנים. און אָט רײַסן זײ שוין אָפּ די שפּאַלירן, וועלכע האָבן באַשײַנט דאָס לעבן פון יענעם שרעקלעכן מענטשן, וואָס האָט זײ ניט אַרײַנגעלאָזט צו זיך אהײם, ווען זײ האָבן זיך פון דער עוואַקואַציע אומגעקערט פאַריאָסעמטע. דאָס איז געווען מאַרוסיעס א ניצאָכן.

— איצט וויל איך דיר עפּעס שײנס דערציילן, — האָט מאַרוסיע אופגעהויבן אַרוף צו סעראַפימען א פּאָר ברענענדיקע אויגן.

— נו, נו, דערצייל! — האָט סעראַפימע איר געענטפערט.

— נוקע ניט, כ׳בעט דיך.

מאַרוסיע האָט אַנגעשפּאַרט אין דער וואַנט דעם הויף-בוזעם; נאָרוואָס האָט זי געטוג-קען דעם בוזעם אין אַן עמער וואַסער, באַשפּריצט מיט אים, ווייך געמאַכט די וואַנט. זי האָט זיך צוגעזעצט אויף דער פּאַרענטשטע פּונעם דיוואַן, וואָס איז, ווי דאָס גאַנצע מעבל אין שטוב, געווען פאַרדעקט מיט צײַטונגען. זי האָט פון זיך אָפּגעטרעסעט די שטיקלעך שטוקאַטור, וואָס האָבן באַשיט אירע האָר, דעם ציכטיק-ריינעם שרונט אין דער מיט, דעם קוים-קוים גראָו-ווערנדיקן קאָפּ אירן. זי האָט אוועקגעלייגט די הענט אויף די קני און, צוהערנדיק זיך צו די אייגענע רייד און צו די אייגענע נײַע געפילן, שטיל געזאָגט:

— אָט די שפּאַלירן האָבן מיר מיטן טאַטן געקויפט א פּאָר טעג ערעוו דער מילכאָמע. אַפן פריוואָז אנטקעגן דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן. כ'האָב זיי ערשט איצטער דערקענט. כ'גע-דענק, מיר האָבן זיך מיטן טאַטן געאַמפּערט איבערן קאַנט: דער טאַטע האָט געוואָלט א ברייטן קאַנט, און איך האָב געוואָלט א שמאָלן, א געגילדעטן.

— וואָס רעדסטו? — האָט סעראַפימע א געשריי געטאָן מיט א הייזעריקלעכן שעפּטש.

— יאָ, ס'איז מיר ערשט איצט געקומען אַפן זיקאָרן. די שפּאַלירן זײַנען געלעגן אין קאַמער, און ער, דער דאָזיקער, האָט זיי אויסגעקלעפּט, ווען ער איז אין אונדזער שטוב אַרײַן. — מאַרוסיע האָט פאַרביסן די ליפּן און פאַר ווייטיק אויסגעקנאַקט זיך אַלע פינגער.

— פּאַשעט ניט אויף צו גלייבן!

ווי אין די קינדער-יאָרן, ווען זי פלעג אַמאָל א שפּרונג טאָן פון דער שאַפע גלײַך אין בעט אַרײַן, אַזוי האָט איצט די צוואַנציקיאָריקע סעראַפימע אַראָפּגעטאַנצט צו דער מוטער פונעם לייטער גלײַך אַפן דיוואַן. ס'האָבן זיך צעשורשעט די צונויפגעקוועטשטע צײַטונגען, דער דיוואַן האָט אַזש א קרעכץ געטאָן.

— ס'קאָן ניט זײַן, מאַמע. מיר וווינען שוין דאָ א גאַנץ יאָר, און דו האָסט זיי ערשט קוים איצטער דערקענט?

— יאָ, יאָ, דאָס זײַנען זיי. געווען זײַנען זיי באָרדאָווע, נאָר זיי זײַנען, אַפּאַנעם, אָפּ-געבליאַקעוועט געוואָרן.

די שפּאַלירן האָבן איצט אויסגעזען בלייך-ראָזעווע, בלויז אין די עקן און דאָרט, וווּ עס זײַנען געהאַנגען בילדער, האָבן זיי נאָך געוואָרפן אין א רויטקײַט.

די גיפּסענע פיגורלעך אין די פאַרקויטיקטע ווינקלען פונעם צימער, די אַמורן האָבן געצילט די פײַלנבויגנס זייערע גלײַך צום נאַקעטן עלעקטרישן לעמפּל אויף דער סטעליע. די אַמורן האָט מען גערופן: טאַסיק, לאָסיק, גאַשאַ, קיעשאַ. דאָ איז סעראַפימע געבוירן גע-וואָרן. דאָ האָט מען זי פאַרן לייגן שלאָפן געבאָדן אין א בלעכענער מולטער. דער טאַטע פלעגט אָנוואַרעמען דעם ליילעך באַם קאַמין-פײַער, אײַנהילן אין ליילעך די נאַסע סעראַפימ-קען, דרייען זיך מיט איר אַרום טיש, א הייב טאָן זי אַרויף צום לאָמפּ אויף דער סטעליע און אַלץ איבערכאַזערן: „טעכטערל, טאָכטערוניע מײַנע! מאַלעכל מײַנס!״ צערטלעכער האָט צו איר קיינער קיינמאָל ניט גערעדט.

— מאַמע! — האָט סעראַפימע געשעפּטשעט. — די צוגעקלעפּטע צײַטונגען זײַנען ניט דעם פּאַפּעס?

מאַרוסיע האָט שוין ווידער געטאָן אירס: געשאַרכעט מיטן איבערגעטריקנטן בוזעם, צונויפגעשאַרט אין א קופּע די אָפּגעריסענע שטיקער שפּאַלירן. זי האָט זיך א רעגע אָפּגע-שטעלט, זיך פאַרטראַכט.

— מעגלעך, אַז יאָ, — האָט זי געזאָגט, — באַ אונדז אין שטוב האָט מען קיינמאָל קיין צײַטונגען ניט אַרויסגעוואָרפן. מע פלעגט זיי יאָרנווײַז צונויפזאַמלען. אין קאַמער איז פאַר אַלטע צײַטונגען געווען א באַזונדער ווינקל. ט'וועל איך דיר באַלד זאָגן — מיר פלעגן אויסשרײַבן די „מעדיצינסקאַיאַ גאַזעטאַ״, פאַרשטייט זיך, די „פּראַוודאַ״, די „טשאַר-נאָמאָרסקאַיאַ קאָמונאַ״. אַנו, ווײַז. אוואָדע, די „באָלשעוויסטסקאַיאַ זנאַמיאַ״ אויך.

— דאָס זײַנען זיי. ס'איז אונדזערע, — האָט סעראַפימע געשעפּטשעט.

דער בוזעם איז אַרויסגעפאַלן פון מאַרוסיעס הענט אַפן דיל. מאַרוסיע האָט זיך ווי-דעראַמאָל אויסגעקנאַקט די פינגער.

— אוואָדע האָט זיי דער דאָזיקער אויסגענוצט, — האָט זי געזאָגט. און מיטאַמאָל האָט זי זיך צעשריִען, אַזש געפּאַכעט די פויסטן אירע:

— שטיי אויף! שטיי אויף, זאָגט מען דיר! וואָס האָסטו זיך צעלייגט, ווי א קימפּעט-טאָרן? שטיי אויף! — האָט זי אַלץ געשריגן, אַפילע דערנאָך, ווען סעראַפימע איז שוין צוריק געווען אַפן לייטער, שוין ווידער אָפּגעקראַצט מיטן מעסער די צעווייקט-געוואָרענע שטוקאַטורקע.

— הערסט, דאכט זיך, אז סע ראַשט זיך שוין דאָרט ווידער, — האָט אין דרויסן אײַן אַטלאַנט אַ שושקע געטאָן זיך מיטן צווייטן.

— פאַרשטייט זיך, — האָט דער צווייטער צוגעזיפצט, — ווײַבער!

די יאַרשים פון יענעם מענטשן, וועלכער האָט מאַרוסיען מיט די קינדער ניט אַרײַנגעלאָזט צו זיך אין זייער שטוב, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע, האָבן באַם בײַטן זיך מיט די דירעס איבערגעלאָזט אין שטוב אַ פאַרשטאַרבענעם פעטער זייערנס אַן אַלטן סקריפּענדיקן טיש און אַן אָפּגעדינטן צעפּאַרענעם דיוואַן: וווּהין וועלן מיר זיך דערמיט שלעפּן!? מאַרוסיע האָט געהויבן מיט די שמאָלע אַלמאַנעדיקע אַקסלען: מיילע, וועל איך דינגען אַ דוואָרניק, ער זאָל די דאָזיקע שיינע שטיקלעך מעבל אוועקטראָגן אויפן מיסט-פּלאַץ. פונדעסטוועגן, די יאַרשים זײַנען נאָר אַרויס אויף יענער זײַט טיר, קיינמאָל מער אַהער ניט אומצוקערן זיך, האָט מאַרוסיע דעם דעמבענעם סקריפּענדיקן טיש, מיט די אויסגעטאָקטע אָדלער-פיסלעך אויף פיר רעדעלעך אַרויסגערוקט פון דעם פאַרשטופּטן ווינקל, וווּ ער איז געשטאַנען, אין סאַמע מיט שטוב, פונעם דיוואַן האָט זי אַראָפּגעשלעפּט די אויסגעריבענע דעק, וואָס האָט פאַרשטעלט דאָס צעטראַסקעטע לעדער, האָט גוט אויסגעווישט דאָס שפּיגעלע אויפן געשניצטן דיוואַן-צוקאָפּנס און האָט פאַר דעם אַלעמען געמאַנט שוואָכים.

— נו? — האָט זי געקוועלט.

— מירן לעבן, ווי די קייסאָרים! — האָט סעראַפימע זיך באַגײַסטערט.

— מורזינקע וועט אויפן דיוואַן שלאָפן, ווען ער וועט זיך אומקערן, — האָט מאַרוסיע אָנגעשטעקט זיך מיט סעראַפימעס היספּײַלעס.

— זאָל זײַן מורזינקע!...

מורזינקע האָט בײַ זיי געהייסן דער ברודער סיגיזמונד, וואָס האָט שוין פון אַ יאָר צײַט געדינט אַלס מאַטראָס.

אין דיוואַן האָט סעראַפימע געפונען אַן אוצער. עס זײַנען דאָרט געלעגן אַלטע אַלבאָמען מיט אויסגראַווירטע מיטלאַלטערלעכע דײַטשישע שלעסער, מיט אָנגעמאָלטן ריטערלעכן קליידזײַען, מיט מוסטערן פון אַלט-יאַפּאַנישע סאַמורײַער מיליטער-קליידער. אין פאַרשטויבטן אינווייניק פונעם דיוואַן האָט סעראַפימע געפונען עטלעכע ביכער אויך.

— זאָלסט דאָס דאָזיקע פּאַסקודסטווע ניט לייענען! — האָט מאַרוסיע זיך צעשריגן, ווען סעראַפימע האָט מיט מאַרליע און מיט קליי, וואָס זי האָט ספּעציעל געבראַכט פון דער אַרבעט, צונויפגעקלעפּט די צעשיטע זײַטלעך פון אַ בוך. — פאַרברענען דאַרף מען עס, הערסט!

— אַנו, פּרווו נאָר, — האָט סעראַפימע אַ פאַרכמורעטע זיך פאַרטיידיקט.

— אַזעלכע ביכער דאַרף מען נאָר אין פײַער וואַרפן! — האָט מאַרוסיע זיך געערגערט.

— וואָס איז די מײַסע? פאַרוואָס? — סעראַפימע האָט זיך קילבלעך געכידעשט, פאַרקלעפּט די פאַרגעלטע צעהאַקטע זײַטלעך, און קיין בעסער טועכץ דערפון זיך ניט פאַרגעשטעלט: געראַטעוועט ביכער פון אומקום.

— פאַרוואָס, פרעגסטו? ווייסט גאָר ניט, בײַ וועמען די דאָזיקע ביכער פלעגן ליגן אויפן טיש? ווער ס'איז אָן זיי געווען ווי אָן אַ האַנט?

— כ'ווייס ניט, מאַמע.

— וואָס מע דאַרף ניט, ווייסטו דאָפּקע זייער גוט.

— נו, ווער, מאַמע, זאָג.

— די גאַנצע וועלט ווייסט, און זי ווייסט ניט! ביכלאַל קענסטו ווייניק-וואָס דאָס לעבן און לייענסט ווייניק. און אַז דו לייענסט שוין יאָ עפּעס, מיז עס דאָפּקע זײַן פּאַסקודסטווע. היטלער האָט דעם דאָזיקן ניצשען פאַרגעטערט. היטלער! — און מאַרוסיע האָט אויסגעשפּיגן אויפן דיל, לעבן די פיס אירע.

— טאַקע? — סעראַפימע האָט מיט אַ פּאַסיקל מאַרליע פּונקט פאַרקלעפּט דעם רוקן פונעם בוך.

— אויב ס'איז דיר ווייניק, וויס זשע, אַז בײַ דעם דאָזיקן ניצשען האָט היטלער געלערנט זיך פאַשיזם.

— נו איז וואָס? איז עס טאַקע זייער טשיקאַווע.

— און דו האָסט שוין אַלע טשיקאַווקייטן איבערגעלייענט?

— מאַמע, געשיקט זיך, אַז איין האַלבע שאָ שווייַגן איז אַזאַ שווערע זאַך, האַ?

לייענען האָט מען געקאָנט נאָר באַנאַכט, ווען מאַרוסיע איז שוין געשלאָפן, ווען נאָך האַלב-נאַכט איז אַנשוויגן געוואָרן די אייביק-ריידנדיקע ראַדיאָ, דאָס צווייטע האַרץ מאַרו-סיעס.

אַזוי ווייַנען באַ אַ ביכל האָט נאָך סעראַפימע קיינמאָל ניט געוויינט, עפּשער נאָר באַם ערשטן ביכל, וואָס זי האָט אין איר לעבן איבערגעלייענט.

— די מומע נאַדיען געדענקסטו? — האָט מאַרוסיע איינמאָל אין אַ באַנאַכט אויפֿ-געכאַפּט זיך פֿונעם שלאָף און דערזען, ווי סעראַפימע לייענט, אַ באַגאָסענע מיט טרערן. ס'איז שוין אָט-אָט געווען קאַיאַר, מ'האָט שוין באַלד געדאַרפֿט אויפֿשטיין צו דער אַרבעט.

— די מומע נאַדיע פֿון טיראַספּאָל? — די מאַמע האָט געהאַט צוויי כאַוועראָטעס מיטן נאָמען נאַדיע.

— ניין, פֿון דער ענגעלס-גאַס.

— נו?

— נוקע ניט, כ'בעט דיך. זי פֿלעגט אין דייַן עלטער טאָג-ווי-נאַכט לייענען שאָפּענ-הויערן.

— איז וואָס?

— גאָרניט. איז זי פֿאַרבליבן אויף אייביק אַ פֿאַרזעסענע מויד.

מאַרוסיע האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט. דאָס אייַזערנע בעטל האָט אַ טרעשטשע געטאָן, זי איז ווידער אַנשלאָפֿן געוואָרן.

אין איינזאַם פֿאַרפּײַניקט ייִנגל אויף אַ צעשאָקלטן גוריל-סלופּ האָט סעראַפימען אויס-געזען דער, וואָס האָט אָנגעשריבן אָט די אין אַ פֿרעמדן דיוואַן געפֿונענע ביכלעך. זי האָט זיי איבערגעלייענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל. זי האָט געלייענט פֿון דער מיט, פֿון דאָרט, ווו דער בוך האָט זיך צופֿעליק צעעפֿנט, דער אָטעם דעם בוכס האָט דערשטיקט שטאָלצע שיינקייַט.

— אָ, אַ ביטער ייִנגל!

באַם פֿענצטער, אַנטקעגן דער מאַטראָסן-שול, האָט דער לאַמטערן זיך באַוועגט, צע-וואַקלט שאָטנס אויף דער גאַס. אין אַקאַציע-צווייַגל האָט געדראַפּעט אַ שויב. פֿונעם פּאַרט האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל אין דער אָפּגעשפּאַרטער פֿאַרטקע. ס'האָט אַ שמעק געטאָן אין צימער מיט יאַם און מיט אייַזן-זשאַווער. ס'האָבן זיך אהער דערטראָגן ניט-פֿאַרשטענד-לעכע קאָמאַנדע-קוילעס אָנצולאָדן און אויסצולאָדן. פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך דערהערט אַ טראַכקענדיקע סאַפּערײַ פֿון אַ לאַסט-צוג אונטער אַ הייבקראַן.

„דעם, וואָס פֿאַלט, שטופּ אונטער!" — האָט סעראַפימע געלייענט און געוויינט.

„גייסט צו אַ פֿרוי, — האָט זי געלייענט, — פֿאַרגעס ניט די בײַטש!" — סעראַפימע האָט געוויינט פֿון דעם, וואָס זי האָט דערפֿילט הינטער אָט די ווערטער.

„ליבע איז אַ טועכץ פֿאַר אַ פּוסטעפּאַסניק און אַ פֿאַרגעניגן פֿאַר אַ קריגסמאַן!" — האָט זי געלייענט. סעראַפימען האָט מען ניט געקאָנט אָפּנאַרן. אָ, האַרבע זשעדנעקייַט נאָך ליבע! אָ, אויסגעמוטשעטע וויל-יונגישקייַט!

„איך צי זיך דען צו גליק? איך צי זיך צו איינאָנים מייַנעו!" — האָט זי געלייענט און דערהערט אַ ווייַטן זיך בעטנדיקן איבערוף:

— איר קאָנט קיין מענטשן ניט ליב האָבן, האַרגעט זשע מענטשן!...

זיי האָבן שוין די אַרבעט זייערע קימאַט ווי פֿאַרענדיקט. איצט קאָנען שוין די מאַ-ליערס קומען אַרבעטן. מע דאַרף נאָך נאָר אָפּרייניקן די שטיק וואַנט איבערן קאַמין — און שוין, מ'עט שוין אַפֿילע קאָנען אַראָפּגיין צום פּליאַזש, ס'איז פֿונדעסטוועגן זומער אויף דער וועלט, זונטיק, די מאַמע וועט זי אָפּלאָזן. מיטן געדאַנק וואָס גיכער צו באַפֿרײַען זיך, האָט סעראַפימע צוגעשלעפּט דעם שווערן לייטער צום קאַמין, איז ווידער אַרופֿגעקראָכן אויף אים, אַ ריס געטאָן דעם פּײַכטן, אויפֿגעבלעזלטן, געגילדעטן קאַנט.

„אַנטאָנעסקוס סאָלדאַטן" — האָט זי אויף דער לינקער זייַט איבערגעלייענט.

אַרומגערעמלט מיט אַ פֿעט שוואַרץ רעמל, ווייַט אָפּגעטיילט פֿון די צייַטונגס-שפּאַלטן, קעדיי ניט פֿאַרומרייניקן מיט נאָענטער שכיינעשאַפֿט אונדזערע ביטערע פֿראָנט-סוואָדקעס,

אזוי האָט די שטאָטישע צײַטונג פֿאַרגעשטעלט פאר די אײַנוווינער און די באַשיצער פונעם באַלאַגערטן אַדעס אַ רומעניש פֿלוגבלעטל.

„די שטאָט, וואָס געפינט זיך פאר אײַך, — האָט זיך דאָרט געזאָגט, — איז ניט נאָר דער גרעסטער פּאָרט אפן שווארצן יאַם, נאָר איז אויך דער טויער צו די פּרוכטבאַרע אוק-ראַיִנער סטעפּעס. אײַנגיכן וועט איר באַקומען גרויסע ערד-כאַלאָקים און וועט קאָנען ברענ-גען אהער אײַערע מישפּאָכעס, עס וואַרט אף אײַך אופּבלי. נאָר קריגן דאָס ווילן בלויז יענע, וואָס וועלן אַרויסווײַזן געוואַגטקײַט באַם שטורעמען די שטאָט. איִב עמעצער וועט זיך אָבער אַ קער טאָן צוריק, וועט ער אָן ראַכמאָנעס באַלד דערשאָסן ווערן. אין די אַטאַ-קעס וועלן הינטער אײַך טאָמיד נאָכפאָלגן ספּעציִעלע אָטריאַדן מיט קוילנוואַרפערס. סאָל-דאַטן! זײַט אף דער הייך פון אײַער גוירל!”

— לייענסט שוין ווידעראַמאָל? ס'איז איצט אַ צײַט צו לייענען, האַ? — מאַרוסיעס אויגן זײַנען געוואָרן ווײַסע, ווען זי האָט זיך אַ בייזער געטאָן.

ס'איז אוואַדע ניט קיין צײַט איצט צו לייענען.

— רוים און צײַט, פּאָרויס! שטאַרק זיך, אַלט האַרץ! — האָט סעראַפימע ניט אײַנ-געהאַלטן זיך.

ניצשעס קלינגענדיקע שורע האָט מאַרוסיען באַלײדיקט. מעגלעך, די ווערטער „אַלט האַרץ”. זי האָט אופּגעהערט קערן מיטן בעזעם דעם קאַלך-שטויב, איז שטיין געבליבן אַ פאַרהילצערטע.

— כאַסערדייעניצע!

נאָר — גאָרניט. אָט האָט זי באַלד אַ שפּרונג געטאָן, ווי אַ מיידעלע, אַרויסגעשלעפּט פון סעראַפימעס הענט דעם אָפּגעריסענעם קאַנט. אָט שאַרט זי שוין צונויף אפן דיל אַ קופּע אָפּגעפּליקטע שפּאַלירן, קוועטשט זיי אײַן מיט אַ פוס, פאַרקאַטשעט זיי, טראָגט דעם בינט אַרויס אין דרויסן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אין קאָרידאָר פאַסן שטויב און שטיק-לעך קאַלך.

— הער, הער, קיין שום דערעכערעץ ניט פאַר געשיכטע! — סעראַפימע איז אַראָפּ פונעם לייטער, אַ פאָר רעגעס געשטאַנען קעגן שפּיגל, אויך דערנאָך אַרויס אין דרויסן. אין דער מיט הויף, אף דער זון, האָט זי זיך מיט דער מאַמען באַגעגנט, — הער, הער, קיין שום אַרכעאָלאָגישן אינטערעס ניט!

— כאַסערדייעניצע, פוילע און כוצפּעניצע! — האָט איר מאַרוסיע געענטפערט, צוריק אַרײַנגייענדיק איז שטוב, — זוכט אַ טערעץ גאָרניט צו טאָן!

סעראַפימע האָט צעדרויבלט אין מיסטקאַסטן די אַרויסגעוואָרפענע שפּאַלירן, אָפּגע-זוכט דאָרט דאָס פלוגבלעטל.

פון די פענצטער האָט זונטיקדיק אַרויסגעשמעקט הייסער קאָמפּאָט, וואַניל, ערגעץ האָבן זיך געפּרעגלט קאַרטאָפל. דרײַ געלע קאַטערס האָבן זיך צעלייגט אף די אָנגעוואָ-רעמטע פּירעקיקע שטיינער אין ברוקירטן הויף, פונקט אַנטקעגן דער באָבע סמאָלסקעס קעלערשטוב-פענצטערל; דרײַ שוואַרצע קאָטערס — אַנטקעגן דער באָבע זאַמרויסקעס פענצ-טער. אפן בײַשטידל פון דער באָבע גאַנטשאַרוקס פענצטער האָט, צוגעבונדן באַ אַ פיסל, געקוואַקעט אַ הון, אפּאָנעם געוואָלט לייגן אַן איי. אַבריקאָסן-ביימער האָבן שוין לאַנג אָפּ-געצוויטעט, ס'האָבן זיך שוין אָנגעזען אף די צווײַגן קליינע אַבריקאָסלעך — מ'עט זיי, מירטשעם, אופעסן גרינערהייט, דאָ, אין שטאָט, דערלעבן זיי ניט, נעבעך, קיינמאָל צײַטיק צו ווערן. שוועלבעלעך האָבן זיך אויסגעבויט צוויי נעסטן אונטערן פליגל-גאַנעק, אַלעמאָל פון די נעסטן אַרויסגעפליגן און אַרײַנגעפליגן. טערקלטויבן האָבן געוואָרקעט אף די קאַר-ניזן אונטערן דאַך. ס'האָט זיך געדאַכט, ערגעץ גאָר נאָענט טאַנצן ציגײַנערטעס: אָי! אָי! אָי!

אײַ, איז סעראַפימע געווען צופרידן, וואָס מאַרוסיע האָט אזוי אויסגעדרייט, אז זיי זײַנען ווידער דאָ, אין זייער לײַבלעכן הויף! קיין איין באָמבע איז דאָ ניט אַראָפּגעפאַלן, קיין איין סנאַריאַד האָט ניט אופגעריסן, אַלץ איז זיך דאָ נאַטירלעך צעפאַלן פון זיך אליין — ס'האָבן זיך פּאַוואָלינקע צעשיט די געדריידלטע צאַצקעס אפן פאַסאַד פונעם פליגל, ס'האָבן זיך אײַנגעבראָכן די אויסגעקײַלעכיקטע אָנלענען אף דער ווערענדע, פון די צוויי מאַר-מאָרנע וואַזעס פאַרנט באַ דער פּאַראַדנע האָט שוין איינע געפעלט, די צווייטע האָט זיך געשאָקלט. נאָר די מילכאָמע האָט דעם הויף זייערן ניט געטשעפּעט. אפילע דער טאָפּאָל אין הויף איז געבליבן גאַנץ. כאָטש גראָד אפן טאָפּאָל, אין דער געדיכטער קרוין זײַנער, איז איינמאָל, ווען מאַרוסיע האָט פונקט דעזשורעוועט אפן דאַך, אַראָפּגעפאַלן אַ צינד-באָמבע, געבליבן הענגען צווישן די צווײַגן, נאָר ניט אופגעריסן. און אָט שטייט ער, דער טאָפּאָל, אַ גאַנצער און אַ הויכער, אַ גלײַכער, ווי אַ שפּינדל.

ס'איז ערשט געווען אָנהייב זומער, סאָף מײַ. די הויף־קעץ האָבן נאָך פֿרילינגדיק געדראפּעט דעם טאָפּאָל־שטאַם, אָפּגעקראַצט די קאָרע זײַנע. אױף די נאַקעטע ריטלעך פֿון ווילדן ווײַנטרויב האָבן ערשט ניט לאַנג געפּלאַצט די רויטלעכע קנאָספּן, און פֿון יעדן קנאָספּ באַזונדער האָבן איינציַיטיק אַרויסגעשפּראָצט פֿינף רויטלעך־האַריקע לעבנס, פֿינף בלעטעלעך מיט שפּיצלעך, ווי אַ שײַטערל פֿון פֿינף פֿלאַם־צינגלעך. אין זייער פֿרײַנטלעכער אויפֿירונג, אַליין אין געדאַנק פֿון איינציַיטיקן געבוירן ווערן, איז געלעגן שפּיל, אָנדײַט אױף פֿריילעכקײַט. און אָט — אַזוי גיך! — זעט מען שוין פֿאַר זיך אַ געדיכטע טונקל־גרינע צעוואַקסנקײַט פֿון רײַפֿן זומער. און ס'איז פֿאַרשטענדלעך, אַז פֿון איין געבוירן־קנופּ אױף די ריטלעך זײַנען אַרויס ניט פֿינף בלעטעלעך, נאָר איין בלעטל אַ פֿינף־פֿינגערדיקס, און די אומאָפּהענגיקײַט איינס פֿונעם אַנדערן איז נאָר געווען אַן אויסדאַכטעניש. סעראַפֿימען האָט דאָס אויסגעזען זייער טשיקאַווע — אַ זעלבסטזיכערקײַט אין דער פֿריִער יונגשאַפֿט, אַן אָפּנאַרערישע זיכערקײַט אין אומאָפּהענגיקײַט.

— כ'וועל סײַווי־סײַ ערגעץ אַוועקפֿאָרן פֿונדאַנען! — האָט סעראַפֿימע אַ בורטשע געטאָן צו די ווײַנטרויבן־צווײַגלעך. — איך פֿיל עס. אײַ, מאָסקווע!..

דער גרוי־פֿאַרשטויבטער ווײַנטרויבן־שטאַם האָט זיך געצויגן פֿון סאַמע אונטן, פֿון דער ערד, פֿאַרדרייט און איבערגעפֿלאָכטן, ווי אַ יאַם־שטריק; אין אים האָבן די הויף־קעץ, אָפּהויקערנדיק די רוקנס זייערע, אויך געשאַרפֿט זיך די נעגל; ער אַליין האָט נאָך פֿרילינגדיק געקרעכצט, געסקריפּעט, אַלץ אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך פֿאַראַיאָריקע אײַנגעשרומפּענע יאַגעדעס — צעקוועטשטע, האָבן זיי איבערגעלאָזט אױף די הויף־שטיינער פֿיאָלעטאָווע פֿלעקן. דער הויף האָט אויסגעזען ווי פֿאַרשפּריצט מיט שילערישער טינט.

— זדראַסטיע!

— זײַ געגריסט!

— וואָס טוט זיך?

— נאָרמאַל.

אין אַ ווינקל פֿונעם הויף איז געלעגן אַ באַרג קוילן. דאָס האָט זשאָריק זאַמרויסקי, דער באָבעס כאַסענע־געהאַטער אייניקל, פֿאַרזאָרגט זיך מיט הייצונג אױפֿן ווינטער, וואָס וועט אָנקומען נאָכן, סאָפּקאָלסאָף, גיך־איבערלויפֿנדיקן זומער. אָט איז ער אַרויס פֿון דער קאַמער מיט צוויי עמערס אין די הענט, קרום אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו סעראַפֿימען, זויער געפֿרעגט: „וואָס טוט זיך?“ זייערע צווישנבאַציִונגען שטאַמען נאָך פֿונעם קינדערגאָרטן, פֿון דער מיטלדיקסטער גרופּע.

— אָך, זשאָרקע, — פֿלעגט זיך מיט אים סעראַפֿימע רייצן אין די שול־יאָרן, — ווילסט פֿאַר מיר ניט כאַסענע האָבן? און דאָס הייסט אַ כאַווער?

— זאָל פֿאַר דיר כאַסענע האָבן אַ קאָמאַר! — פֿלעגט ער איר ענטפֿערן, און ביידע פֿלעגן זיך צעלאַכן. נאָר גוטסקײַט אין זייער ביידנס וויצלען זיך איז געווען ווייניק.

— פֿאַרוואָס האָב איך דיך אַזוי ניט ליב? — האָט זיך געדאַכט, אַז זי זאָגט אים. — נו, כ'האָב דיך ניט ליב, כאָטש נעם און הארגע מיך. פֿונעם קינדער־גאָרטן אָן, ס'הייסט, דאָס גאַנצע לעבן!

— און איך? ווייס זשע, אַז איך דיך נאָך ווייניקער! — האָט זיך געדאַכט, אַז ער ענטפֿערט איר.

ער האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן זיך וואַשן אונטערן קראַן, זיך אָפּפֿרישן. ער האָט אַראָפּגעצויגן פֿון זיך די מײַקע און צעפּליעסקעט זיך בײַ דער וואַסער־קאָלאָנקע מאַמעש ווי אַ דעלפֿין, צעשמירט אױף די הענט און אױפֿן פּאָנעם דעם פֿעטן קוילן־שטויב.

— גייסט אױפֿן פּליאַזש? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן סעראַפֿימען, פֿאַרבעטנדיק זי, אַרונטערגעשטופּט אונטערן שטראָם וואַסער דעם האַלדז־און־נאַקן און געכאַפּט אױף איר אַ קוק צווישן די שוואַרצגעוואָרענע וויִעס זײַנע. פֿון זײַן האַלדז־און־נאַקן האָט געשפּריצט, ווי פֿון אַ פֿאָנטאַן.

— רעמאָנט! — האָט זי אים איידל אָפּגעזאָגט, גלײַך ווען ס'איז ניט קיין רעמאָנט, וואָלט זי זיך באַלד צעלאָפֿן מיט אים.

— און מיר גייען! — טייקעף נאָכן כאַסענע האָבן האָט ער שוין אומעטום נאָר גערעדט מיט אַ „מיר“.

ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, אָפּגעטרעסעט פֿון זיך די טראָפּנס וואַסער, אײַנגעריבן זיך מיט די דלאָניעס דאָס לײַב. אַ ווױלער באָכער, אַ גוטהאַרציקער. דאָס פּאָנעם זײַנס — ווי אַ זונרויז, די ברעמען — דעכעלעך איבער די אויגן, אַ ספּאָרטסמען — מאַכט וועלאָסיפּעד־ספּאָרט פֿאַר דער קאָמאַנדע „וואָדניק“, רעכנט אַרײַנצוכאַפּן אַמאָל דורך דער דאָזי-

קער ספּאָרט־גרעזשאָפּט א פּאַרעכץ מיט דער שיף קיין איסלאַנד. קיין שום שלעכטס ווייסט מען ניט פון אים, כוץ יענער געשיכטע אין לאַגער „זאַרקא", ווען ער האָט צעלאָזט די צונג צווישן דער גאַנצער לאַגער האָט געהערט, אז אין קינדער־גאָרטן האָט ער זיך הינטער דער שאַפע געשפּילט מיט סעראַפימען אין טאַטע־מאַמע.

— זשאַרקאַ! — האָט סעראַפימע צערטלעך א זאָג געטאָן. — מיר זײַנען דאָך מיט דיר באַקאַנט א גאַנץ לעבן! פונעם קינדער־גאָרטן אָן!

— כאַ! — האָט ער זיך צעשמייכלט. — איין קלייניקייט, האַ? אלצדינג ווייסן מיר איינער וועגן אנדערן! — ער האָט ארופגעצויגן די מײַקע אפן נאַסן לײַב, אויסגעגלײַכט די פּלייצעס.

— ניין, ערנסט! — האָט סעראַפימע געזאָגט. — מיר זײַנען איינעם אזויפיל דורכגעגאַנגען! געדענקסט, ווי מיר האָבן צוניפגעקליבן שפּליטערס נאָך א באָמבירונג? געדענקסט דעם מיראַזש? נו, דאָס זעגל־שיפל! אין פּאַרק! געדענקסט ניט? דו האָסט דאָך דער ערשטער עס באַמערקט. מיר זײַנען מיט דיר געגאַנגען איינס לעבן אנדערן, דו האָסט א זאָג געטאָן אף א קאָל: „א שיף!"

ניין, דעם מיראַזש האָט ער ניט געדענקט.

— גיי, וואָס הייסט ניין? ווי קאָן עס זײַן? — האָט סעראַפימע זיך אָנגעברויגעזט. — אזוינס פאַרגעסט זיך ניט. מ'האָט אונדז געפירט אף שפּאַציר, מיר זײַנען מיט דיר געגאַנגען איינס לעבן אנדערן, דו האָסט דער ערשטער דערזען אפן הימל דעם מיראַזש און א געשריי געטאָן אף א קאָל: „א שיף!". אלע זײַנען מיר שטיין געבליבן אין דער מיט גאַס, ווי די סוסליקעס. די דערצײַערן איז שיר פון זינען ניט אראָפּ — אזוי האָבן מיר זיך אלע איבערגעשראָקן. געדענקסט ניט?

די שפּיל הינטער דער שאַפע האָט ער יאָ געדענקט.

— נו, גענוג! — האָט סעראַפימע א מאַך געטאָן. — א שרעק, וואָס פאַר א זיקאָרן דו האָסט! — זי האָט דערפילט, אז מאַרוסיע קער שוין דאָרט ארויס פון די קיילים, וואָרטנדיק אף איר. זי האָט נאָך זשאַריקן געוואָלט איבערלייענען דאָס רומעניש פלוגבלעטל און האָט עס שוין אָבער ניט געטאָן. זײַ אף דער הייך פון דײַן גורל!

— פאַר א קאָמאַר! — האָט ער איר נאָכגעשריגן.

— האָסט ניט געוואָלט כאָסענע האָבן פאַר מיר, און הייסט נאָך א כאַוואַר! — איז זי אוועק דורך דער אַרקע פון זייער הויף.

נאָר זי איז ניט געגאַנגען אהיים. זי איז ארויס אין גאַס, א קוק טאָן, צי עס זעט זיך פונדערווײַטנס ניט אָן דאָס מאָגערע גופל אין לאַנגן קלייד, דער גראָו־געוואָרענער, אייביק צוגעבויגענער צו דער ערד, אייביק זוכנדיקער קאָפּ, צי עס באַווײַזט זיך ניט די מומע יאַסיע.

זי האָט זיך ניט באַוויזן.

די מומע יאַסיע האָט אירע האַצלאָכעדיקע ערטער ניט געהאַלטן בעסאָד. פאַרקערט, זי האָט אפילע אויסגעלערנט סעראַפימען געפינען געלט, ווען סעראַפימע האָט זי א בעט געטאָן.

„יענע, וואָס קוקן אפן הימל, פאַרמאָגן א פּײַג!" — דאָס איז געווען דער מומע יאַסיעס קלאַל.

און סעראַפימע איז, ווי א יעגער־הינטל, אין ערשטן טאָג פון איר יאַגד מאַמעש רײַך געוואָרן — א שיין צוניפגעלייגט צענערל באַם טויער פונעם סטאַדיאָן; א דרײַערל לעבן דער קאַסע בא די פיס פון די, וואָס זײַנען געשטאַנען אין דער ריי; און צום סאָף — א פאַרקנייטשטער רובל, זי האָט ניט באַלד דערקענט, וואָס דאָס איז, ער האָט זיך גלאַט געקאַטשעט פאַר אירע אויגן אין שטויב, געטראָגן פון א לײַכט ווינטל. מאַטבייעס זײַנען איר ניט ארײַנגעפאַלן, קיין מאַטבייעס האָט זי ניט באַגעגנט.

„יאָ באַגעגנט, — האָט די מומע יאַסיע געהאַט טײַנעס צו איר און שטרענג א טרעסע געטאָן מיט די גראָוע פּאַסמעס האָר, — נאָר ניט דערזען! ס'איז זייער שלעכט, וואָס דו האָסט אָנגעהויבן מיט באַנקנאָטן. די אויגן דײַנע ווילן זיך ניט צעבײַטן אף קליינגעלט. דאָס איז א שלעכטער סימען. ווער עס לייגט ניט קיין אכט אף קליינס, קאָן ברעכן דעם קאָפּ, ווען ער פאַרמעסט זיך אף גרויס".

סעראַפימע האָט זיך צו די אייצעס צוגעהערט, נאָר ס'איז געווען אזא זומער, נאָך וועלכן מ'האָט זיך געדאַרפט אָפּגעווינען פון דער דאָזיקער אײַנגעבויגנקייט.

ס'האָט זיך מעסוקן געוואָלט א בליק טאָן אפן יאַם. ער איז דאָך גאָר־גאָר נאָענט, עטלעכע שפּאַן פונדאַנען. קעדיי מאַרוסיע זאָל זי דורכן פענצטער ניט דערזען, האָט זיך

סעראַפֿימע געריבן באַ די ווענט, אַנגעהויבן דערנאָך לויפֿן, הינטער איר האָבן זיך געבאַמבלט די אָפּגעריסענע רימענדלעך פֿון אירע אַלטע זומער־שיך.

„אַהין און צוריק!“

צווישן די פֿלויט־גראַטעס האָט זיך דער גאַנצער אויסגוס צעעפֿנט אין אַ פֿריילינגדיקער פֿײַערלעכקײַט פֿון בלויקײַט און פֿינקלדיקײַט. דער יאַם האָט געבלישטשעט קעגן דער זון, זיך פֿאַרייניקט אין דער ווײַט מיט אַ קלאָרן האָריזאָנט. אויף יענער זײַט אָנגעהיצטע גראַטעס איז דער באַרג־אַראָפּ נאָך געווען פֿריילינגדיק ווייך. די לופֿט האָט אַנטקעגן סעראַפֿימעס אויגן אונטערגעציטערט מיט אַ צעפֿאַרעטקײַט. ס'האָט זיך געדאַכט, די אָפּגעפֿאַרבטע דעכער אויף די פֿאַרט־בנינים אָטעמען. בײַגעווידיק האָבן זיך געשאָקלט די קוימענס אויף אַ קאַנאַדער לאַסטשיף, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צום ברעג, אָנגעלאָדן מיט טוווע. פֿייגל זײַנען זיך צונויפֿגעפֿלויגן, סטײַעסווײַז געקרײַזלט זיך אַרום די צעעפֿנטע טריומען, באַפֿאַלן די וואַגאָנען אויפֿן ברעג, אין וועלכע מ'עט די טוווע באַלד אָנשיטן. ווײַסע מאָטאָרשיפֿלעך זײַנען געשטאַנען באַם פּאַסאַזשיר־האַפֿן, אַ יאַכטע מיט אַ דרײַעקיקן זעגל האָט זיך געוויײַסט אין דער ווײַט, אַ ווײַסער האָט זיך געהויכט דער לײַכט־טורעם.

מיטאַמאָל האָט פֿונעם קאַראַנטין־האַפֿן זיך אַ טראָג געטאָן צווישן די שיפֿן מיט אַ ניט־דערלויבטער שנעלקײַט אַ שוואַרצער, מיט גראָבע בײַטשן רויך איבער זיך, בוקסיר־קאַטער. זײַנע באָרטן זײַנען געווען אַראָפּגעלאָזט, דער קוימען — אָנגעבויגן. הינטער אים האָט זיך נאָכגעצויגן אַ סמאָלע־רויך, אָפּגעזעצט זיך אויפֿן וואַסער, אויף די ווײַסע שיפֿדעקן, ניט צעגאַנגען זיך, געגליווערט אויפֿן אָרט אָן אַ מינדסט ווינטל איבער זיך. דאָס אַלץ איז זייער געווען ענלעך אויף אַ זיך דורכטראָגנדיקן ריזיקן סקאַנדאַל. האַגאַם געווען איז עס פּאַשעט דעם בוקסירס אַ מין דורכרייניקן זיך, אַ דורכבלאָזן זיך. מערער — אַזאַ רעפּעטיציע, ווי מעלדנדיק די ווײַסע מאָטאָר־שיפֿלעך, אַז ער האָט זיי גוט אין זינען, און פֿאַרטשאַדענדיק אין דער זעלבער צײַט דעם גאַנצן אַרום, איז דער בוקסיר פֿאַרשווונדן געוואָרן אין די ווײַטקײַטן.

— אָרעמער בוקסיר! — האָט אים סעראַפֿימע נאָכגעשריגן אין געדאַנק. די אויפֿירונג פֿון אָט דער שלעפּ־קראַפֿט דעם יאַמס האָט זי גערירט. — אומגליקלעכע בוקסיר־נעשאָמע! קיין איין גרויסע שיף קאָן אָן דיר, פֿאַרשטייט זיך, ניט אַרויסרוקן זיך פֿונעם פּאָרט, וועגן קיין שום קרעפֿטיקײַט זייערע קאָן ניט זײַן קיין רייד. אַזוי קומט זיי! זאָלן זיי אַ ביסל אונטערשפּרינגען! דו פֿאַרמאָגסט אין זיך אַן אַקעאַנישן פֿאַרנעם פֿון פֿעיִקײַטן. מע שעצט דיך ניט, מ'האָט דיך ווייניק ליב, נאָר דו ביסט אַ כאַריפּעסל. מע זעט עס באַלד — ביסט דער סאַמע שטאַרקסטער, דער סאַמע שענסטער!

סעראַפֿימע איז אַוועק אַהיים, און הינטער איר איז נאָכגעלאָפֿן מיט אַ פֿאַרבענקטער — אַפּאָנעם, איבער דער היץ — אויסטערלישער האַוקערײַ אַ באַקאַנט הינטל פֿון אַ נאָענטן שכײנעסדיקן הויף.

— נאָך ניט געקומען די מומע יאַסיע? — צוליבן רעמאָנט זײַנען אַלע טירן אין שטוב געשטאַנען צעעפֿנטע.

— ווו ביסטו פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? — האָט איר מאַרוסיע געענטפֿערט. — נו, שטיי ניט!

— אַרויסוואַרפֿן, צערײַסן — איז די גרינגסטע זאַך! — האָט סעראַפֿימע אויסגעגלײַכט אויפֿן טיש דאָס פֿלוגבלעטל. — אָפּראַטעווען און פֿאַרהיטן — דאָס מאָנט געדולד.

— נו, שטיי ניט, צערעד זיך ניט, כאַכאַמע מײַנע!

„די ווענדונג פֿונעם שטאָט־קאָמיטעט און געגנט־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי צו דער באַפֿעלקערונג. כאַווײרים! דער סוינע שטייט באַ די טויערן פֿון דער שטאָט. אין סאַקאָנע איז אַלץ, וואָס אונדזערע הענט האָבן געשאַפֿן. אין אַ סאַקאָנע איז דאָס לעבן פֿון אונדזערע קינדער. ס'איז געקומען די צײַט פֿון גרויסע קאָרבאָנעס...“

— כוצפּעניצע! — האָט מאַרוסיע אַ געשריי געטאָן און אַרויסגעריסן פֿון סעראַפֿימעס הענט דאָס שטיק שפּאַליר. — דער טאָג שטייט ניט. אָדער זי שפּאַצירט, אָדער זי לייענט!

מאַרוסיע האָט אַרויסגעטראָגן צום מיסטקאַסטן דעם לעצטן בינט. אויפֿן פֿאַרגעלטן שטיקל צײַטונג צווישן סעראַפֿימעס פֿינגער האָט מען געקאָנט איבערלייענען, אַז אין מיליטערישן טריבונאַל זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן בירגער, וואָס זײַנען אויוער געווען אויפֿן געזעץ פֿון שײַן־פֿאַרמאַסקירונג.

די אַטלאַנטן אויף יענער זײַט גאַס האָבן זיך געזשמורעט קעגן דער זון, זיך איבערגעוווּנקען.

— נו, אַנוואַרעמען דאָס עסן?

זיי האָבן שוין פאַר די מאַליערס אַלצדינג צוגעגרייט, אַפילו פאַרשפּרייט דעם דיל און דאָס מעבל מיט צײַטונגען.

— לאָמיר וואַרטן אױף דער מומע יאַסיען.

— ערגער זיך ניט, זי האָט א גוטן ניוך, באַלד אין דער מינוט וועט זי זיך אַרײַנ־יאַוועז. — און מאַרוסיע איז אַוועק אין קיך דורכן לאַנגן קאָרידאָר זייערן, געבראַכט פון דאָרט מיט א שמאַטע דאָס טשוהוגנע קעסעלע, דאָס זעלבע קעסעלע, וואָס אַן אומשטערב־לעכע פירמע האָט עס אויסגעפּורעמט אַזוי, מע זאָל עס קענען אי אײַנזעצן אין אויוון, אי פונעם אויוון אַרויסכאַפּן.

— עס! — האָט מאַרוסיע אויסגעקליבן סעראַפימען די בעסטע שטיקלעך פלייש פונעם ראָסל. — עס מיט ברויט, דאַרער דראַנדזשיק. ס'א בושע פאַר מענטשן, הויט און ביין! פאַר מידקײַט האָט סעראַפימע געגעסן אָן כיישעק, מאַלעגיירעט די שטיקלעך פלייש און מיט אַן אומעט אין די אויגן באַטראַכט דער מאַמעס ליב פּאָנעם — א ליטערער שטערן, די נאָז — ווי אויסגעטאַקט פון פּאָרצעלײַ, צעשאָטנטע באַקן, רויקע, לײַכטע ליפּן. קיין שענערע פּענעמער האָט נאָך סעראַפימע ביז הײַנט ניט באַגעגנט.

— עס, — האָט מאַרוסיע געוואָרטשעט, געפּילט, אַז סעראַפימע טראַכט וועגן איר, — עס, צעדרויבל ניט, קוק, ווי דו זעסט אויס!

— א מיִעסע? — האָט סעראַפימע, קײַענדיק, פונדעסטוועגן געוואָלט וויסן.

— מיִעס — איז ניט דאָס וואָרט, — האָט מאַרוסיע געענטפערט.

— אין א סאַך פאַלן איז מיִעסקײַט א גוטע באַשיצונג, — האָט סעראַפימע געזאָגט.

— די בעסטע באַשיצונג איז שיינקײַט, — האָט די מוטער זיך ניט געלאָזט. און האָט זיך באַלד פאַרטראַכט, זיך דערמאָנט אין עפּעס.

— איינמאָל האָט געליאַפּעט א שטאַרקער רעגן, און ס'איז מיר אויסגעקומען באַ־האַלטן זיך פאַר אים אין א קאַזאַרמע. פאַרשטייסט, איינע אַליין, א שיינינקע, ווי א מאַלעכל, א גימנאַזיסטאַטשקע, הונדערט, אָדער טאַקע גאַנצע צוויי הונדערט סאָלדאַטן, און — גאָר־ניט! קיינער האָט מיך אַפילו מיט קיין פינגער ניט אָנגערירט!..

סעראַפימע האָט געשײַנט פאַר היספּײַלעס:

— אָבער אַזוי קומט ניט פאָר, מאַמוליע!

— מיט דיר, אַלקאַלפּאָנעם, וואָלט עס פאָרגעקומען אינגאַנצן אַנדערש.

— וויִאַזוי?

— אַזוי!

— וואָס זשע וואָלט פאָרגעקומען?

— אַלצדינג.

— און די מיִעסקײַט מײַנע וואָלט מיך ניט באַשיצט?

— דיך וואָלט גאָרנישט ניט באַשיצט.

— נו, און דער, וואָס וואַרט אױף מיר אַלע גאַנצפרי, ער איז אַן אויסגעלאָסענער?

— דער סאַמע גרעסטער! — און קעדיי ניט צו צעלאַכן זיך, האָט מאַרוסיע פאַרקע־רעוועט אין א זײַט. — עס, עס, און דול ניט דעם קאָפּ!

וויפל מאַנצבלען, וואָס האָבן געוואָלט מאַרוסיען, געגאַרט די האַנט אירע, דרייען זיך אום אױף דער ליכטיקער וועלט, אין ווײַטע און נאָענטע קאַנטן מיט צעבראָכענע הערצער! וואָס פאַר אַן אופשריפטן אױף דער לינקער זײַט פון אייגענע פאָטאָגראַפיעס זײַנען ניט צוגעטראָגן געוואָרן אױף א הייליקן און אייביקן אָנדענק דער דאַזיקער שטאָלצער אָדער האַרטער מאַרוסיענקען! די גאַנצע קאָלעקציע האָט מאַרוסיע פאַרהיט אין א ברעזענטענעם בײַטל פון א קעגנגאַז־מאַסקע.

— האָסט ניט קיין גאָט אין הערצן — דאָס זעט באַלד יעדער. דערפאַר צערעמאָ־ניעט מען זיך מיט דיר ניט. מע דאַרף אױף דיר טאָמיד האַלטן אַן אויג. כוץ דעם, פאַר־מאָגסטו אינגאַנצן קיין אייגנליבע ניט, באַליידיקסט זיך קיינמאָל ניט, דאָס איז פּאַשעט געפערלעך, אַזוי לעבט מען ניט! — האָט זיך מאַרוסיע ווידער צערעדט, אַכטונג געבנדיק, סעראַפימע זאָל עסן מיט ברויט, אַלעמאָל צורוקנדיק צו איר איין ריפּל נאָכן אַנדערן.

— בין איך, הייסט עס, א פאַרפאַלענע?

— אַזוי הייסט עס.

— אייגנליבע, מאַמוליע, קומט פון א קליין האַרץ.

— און דו האָסט א גרויס? מאַך מיך ניט לאַכנדיק. ס'האָט זיך באַקומען א מין פאַרפלאָנטערטקײַט: נעליִטשקע האָט בא מיר געדאַרפט געבוירן ווערן.

— און איך — בא דער מומע יאסיען, ניט אזוי?

— א שיין מישפּאָכעלע וואָלט עס געווען.

נעליע, דער מומע יאסיעס טאָכטער, איז אַף א האַלב יאָר ייִנגער פון סעראפימען. נע־ליע האָט טאָמיד געדינט ווי א בײַשפּיל פאר סעראפימען. נעליע האָט זיך געלערנט אַף אויסגעצייכנט, נעליע איז געווען א ציכטיקע. אלע זאכן זײַנען בא איר געלעגן אָדער איינע אַף דער אנדערער, אָדער איינע לעבן דער אנדערער. נעליע האָט זיך גערעכנט פאר א שיינער, נעליע איז געווען א מענטש, אי אין איר וואָרט, אי אין איר טאַט. נעליע האָט אלע גאנצפרי געמאכט גימנאסטיק. נעליע איז געווען א שפּאָרעוודיקע, זי האָט שוין פאַר־מאָגט א שפּאָר־ביכעלע. נעליע איז אַנגעקומען אין שפּײַז־אינסטיטוט. א גלאַטע, אָן א מינדסטן פגאם איז געווען נעליעס בי־אָגראַפיע.

— ווי, איך זע, וועל איך נעלקען מוזן דערהארגענען! — האָט סעראפימע א זאָג געטאָן.

— דיך דאַרף מען דערהארגענען! — האָט איר מארוסיע געענטפערט. — נעליע איז א מענטש, נעליע איז א כאַכאַמע. אָט ווער ס׳קאָן אפּאנעמעסן אָן קיין ביכל ניט לעבן!

— ווי א שוועסטערקינדל נעליעס באומרויִקט מיך דאָס, מאמע, — האָט סעראפימע געזאָגט. — שרעקלעך, ווען א מענטש האָט מוירע איבערצובלײַבן מיט זיך אליין...

— נעליע אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק, ס׳א פארגעניגן מיט איר צו ריידן. און דו מיינסט מיסטאמע, אז דו ביסט עפּעס ווערט. אין פארגלײַך מיט נעליען ביסטו פינצטער, ווי א קעלער, ווי צוויי קעלערס. מיר מעגסטו גלייבן, כ׳בין דאָך ניט קיין סוינע דײַנער, כ׳בין דאָך דיר א מאמע.

— דער דאַזיקער נויעף, — האָט מארוסיע פאַרגעזעצט אָן שום איבערגאנג, — דער דאַזיקער נויעף, וואָס דרייט זיך אלע פארטאָג באם פענצטער דײַנעם און דו גייסט מיט אים אוועק צו דער ארבעט, — און אז ער איז א נויעף, שטייט אים שווארץ אַף ווײַס אָנגעשריבן אפן פּאָנעם, — ער וועט צוליב אזא פוילער און כוצפּעדיקער ציג, ווי דו, דאָס ווײַב זײַנס קיינמאָל ניט אוועקוואַרפן. זעסט, כ׳ווייס אלצדינג. פארשמירן דיך — יאָ, דאָס קאָסט אים גאָרניט. אין הויף האָט מען מיר שוין אָנגעהויבן שטעלן פראַגעלעך. איר קומט איניינעם צו גיין אפן זאוואָד — און וואָס מע טראכט דאָרט און וואָס פאר א רייד עס גייען דאָרט וועגן אײַך, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן.

און מארוסיע האָט מיטאמאָל זיך צעשריגן, אוועקגעשלײַדערט דעם גאָפּל, אריינגע־כאַפּט אין ביידע פויסטן דאָס פּאָנעם אירס:

— שווײַגסט? אין דײַנע אָדערן רינט קאַליע בלוט! דאָס מעשוגענע בלוט פון דײַן פאָפּעטשקען, אָט וואָס ער האָט מיר צוגעוואָרפן באם געזעגענען זיך! טו א קוק אַף זיך אין שפּיגל, מ׳יעסע בריִע! טו א קוק, פויל זיך ניט! ווילסט ניט? פארשטייט זיך! ער זאָל דאָרט אזוי שיין ליגן אין קייווער, טאטע זיסער! אוי, פארוואָס האָב איך דיך ניט דערשטיקט אין וויגל? מ׳האָט שוין דעמלט געזען, וואָס פאר א פּיירע דו ביסט!

סעראפימע האָט איבערגעוואָרט צוויי סאַקאָנעסדיקע רעגעס: דאָס ניט־ווישערדיקע וואָרט „נויעף" און דעם פאָטערס אומבאקאַנטער קייווער, אוואדע א ברידער־קייווער. די אַט־לאַנטן אַף יענער זײַט גאס האָבן איר צוגעשמייכלט: „ערגער זיך ניט, האָב אַף איר ראַכמאָ־נעס, זי איז אָן אומגליקלעכע, פיל איר מיט!"

און סעראפימע האָט געזאָגט:

— מאמע, געשיקט זיך, אז מ׳האָט אזא אומבאהאָלפן פּיצעלע, אין די וויקעלעך, געקאָנט פארמישפּעטן צום טויט?

— אָן אומבאהאָלפן פּיצעלע? — איז מארוסיע אופגעשפּרונגען. — דו ביסט, ווי דו ביסט נאָר געבוירן געוואָרן, קיין איין רעגע ניט געווען אומבאהאָלפן. מיר אלע ארום דיר זײַנען געווען אומבאהאָלפן, ווי דו ביסט נאָר געבוירן געוואָרן.

— מאמע! נאָר וואָס פאר א שלעכטס קאָן שוין טאָן אָן אומשולדיק אייפעלע?

— אָן אומשולדיק אייפעלע קאָן שוין גוט טרינקען דאָס בלוט.

— אזוי שטארק האָט עס געוויינט?

— געיעכצט, גלײַך מע וואָלט עס געקוילעט.

— אומגליקלעכער קינד! ס׳האָט מיסטאמע געוואָלט עסן, און מ׳האָט קיין עסן ניט גע־געבן.

די שפּיל האָט געווירקט. מארוסיעס אויגן זײַנען פון ווײַסע געוואָרן נאָרמאַלע, טיי־גערדיקע.

— ס׳האָט איר גאַרניט וויי געטאָן. און געפּרעסן האָט זי וויפֿל ס׳איז אין איר אַריַין. כ׳פֿלעג די קינדער מיַינע טאָמיד האַדעווען אַפֿן זייגער.

אויב מאַרוסיע האָט זיך שוין דערמאָנט, אַז קינדער פֿאַרמאָגט זי צוויי, אַז ס׳איז נאָך דאָ אויף דער וועלט דאָס דאָזיקע שטילע ייִנגל אירס מורזינקע, הייסט עס: זי האָט זיך שוין באַרויִקט און וועט אים אָפּדערנאָכט אָנשריַיבן אַ בריוול.

— און וואָס זשע גייט עס, מאַמע? ס׳איז מיר פּאַשעט אַ ראַכמאָנעס אָפֿן קינד.

— נישטאָ אויף וועמען ראַכמאָנעס צו האָבן! אָן עמעסע פֿאַרשיווקע פֿונעם ערשטן טאָג פֿון איר לעבן! — האָט מאַרוסיע אַ שפּריץ געטאָן פֿון איר מויל אַ גיך, נערוועז געלעכטערל.

מאַכן מאַרוסיען לאַכנדיק איז אַ גרויסע האַצלאָכע. אויף סעראַפֿימעס כאַכמעלער האָט די מאַמע אָפּטמאָל געענטפֿערט גאָר אַנדערש — אויסגעריסן איר זשמוטן האָר פֿונעם קאָפּ, זי האָט זיך אַזש געמוזט אָפּשערן, און אויף דער גאַס האָט מען, קוקנדיק אויף סעראַפֿימען, געהויבן מיט די אַקסל: אַזאַ אָפּגעציקעטע ייִנגלשע פֿריזור איז אין שטאָט געווען אַ פֿרישע נײַס.

— אַ וווּיל מיידל, — האָט מאַרוסיע ווידער אָנגעהויבן וועגן נעליען, — אַ שטילע, אַ געלאַסענע, האַלט זיך קיינמאָל ניט גרויס.

— געפֿאַלענע און שוואַכע — דאָס איז דײַן קאָמפּאַניע. — האָט סעראַפֿימע צוגעשטימט.

— דיר דאַכט זיך, אַז זי איז אַ נאַרעלע נאָך דערפֿאַר, ווײַל דו האָסט וועגן זיך אַ געהויבענע מיינונג. איינדערעמעסן ביסטו גאָר דאָס נאַרעלע.

— נו, לאָז שוין אויף, מאַמע!

מאַרוסיעס אויסגעטאָקטע נאָז האָט זיך פֿאַרקנייטשט. קיין געשריי האָט מען דערוויַיל ניט פֿאַרגעזען. זי האָט גאַנץ שטיל געזאָגט:

— געפֿאַלענע און שוואַכע... און דו האַלטסט זיך נאָך פֿאַר אַ קלוגער!.. האָסט גלאַט פֿאַרגעסן, וועמעס וויַיב איך בין געווען... געפֿאַלענע און שוואַכע... יאָ, יאָ, געפֿאַלענע און קראַנקע, און אומגליקלעכע!.. נאַרישע ציג! — האָט זי זיך מיטאַמאָל שרעקלעך צעשריגן און אויסגעקנײַפּט זיך דאָס פּאָנעם. — אָפּגעריסענער נאַר! ווען דו וואָלסט כאָטש איין וואָך געהאַט מיַין לעבן, וואָלסטו עפּשער געווען גאָר אַן אַנדערער מענטש!

— שריַי ניט, מאַמע, וואָס שריַיסטו אַזוי! — האָט סעראַפֿימע אָוועקגערוקט פֿון זיך דעם טעלער, אַראָפּגעלאָזט די הענט.

מאַרוסיע האָט געשריגן:

— ווען דו ווייסט, וואָס פֿאַר אַ מענטשן עס פֿלעגן קומען צו אונדז! וואָס פֿאַר אַ שמועסן מע פֿלעג פֿירן אַרום אונדזער טיש! אָט, אָט, טאַקע וועגן געפֿאַלענע און שוואַכע! וועגן קראַנקע! וועגן וואָס דען האָט מען געדאַרפֿט שמועסן? און דו, וואָס מיינסטו, איז די סאַמע וויכטיקסטע זאַך, האַ?

— ביכלאַל? אין לעבן?

— יאָ, אין לעבן. זאָג גיכער, טראַכט ניט קיין סאַך, נו! — האָט מאַרוסיע געשריגן.

— איך מיין, אַז ליבע! דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין לעבן איז ליבע!

— וואָס? הערסט כאָטש, וואָס דו רעדסט? — מאַרוסיע האָט צעעפֿנט די פֿויסטן, ביידע הענט אָוועקגעלייגט אַפֿן טיש, די וויַיסגעוואָרענע אויגן אירע אײַנגעבויערט אין סעראַפֿימען. — דאָס וויכטיקסטע אויף דער וועלט איז גוטהאַרציקײַט! דו פֿלעגסט שלאָפֿן אָט אין יענעם-אָ ווינקל, און מיר פֿלעגן דאָס פֿענעמל דיַינס פֿאַרשטעלן פֿון דער שיַין מיט אַ בענקל. און אַרום טיש האָבן געשמועסט וועגן גוטהאַרציקייט די בעסטע מענטשן פֿון דער שטאָט... יאָ, יאָ, וועגן געפֿאַלענע און שוואַכע!.. — זי האָט ווידעראַמאָל אָנגעהויבן שרײַען. — פֿאַר געפֿאַלענע און שוואַכע האָט ער אָוועקגעגעבן דאָס לעבן זײַנס. צוליב געפֿאַלענע און שוואַכע האָט ער געלערנט און געאַרבעט!

— שריַי ניט, מאַמע! איך ווייס עס!

— גוט... כ׳על רעדן שטילער. — דאָס קאָל אירס איז געוואָרן נידעריקער, קימאַט שעפּטשענדיק. — קיין שום זאַך, אַבי צו העלפֿן געפֿאַלענע און שוואַכע, איז פֿאַר אים ניט געווען שווער. דו קאָנסט ניט פֿאַרשטיין, ווען אַן אַלטער מענטש בלײַבט אָן קויכעס, דיך עקלט גאָר אַזוינס... און דער טאַטע דיַינער האָט געהיילט אַלע אַלטיטשקע באַ אונדז אין הויף, זיי פֿלעגן אַפֿילע ניט דאַרפֿן גיין צו קיין דאָקטער. נאָר וואָס דאָס איז אַזוינס כאַסענע-פֿרישטשיקלעך, דאָס ווייסטו דאָך, דאָס, מיין איך, קאָנסטו שוין יאָ פֿאַרשטיין. דאָס באַשטימט אַמאָל דעם גורל פֿון אַ מענטשן. איז וויים זשע, אַז נאָר דער פּאַפּע דיַינער,

מעגלעך, ער איינער אין דער גאַנצער שטאָט, האָט פון אַזעלכע פּרישטשיקלעך געקענט אויסהיילן. אין איין וואָך פלעגט ער פון מיִעסקייטן מאַכן כאַסאַנים. די אַלטע לײַט אין אונדזער הויף פלעגן צו אים ברענגען זייערע ניט כאַסענע־געהאַטע אייניקלעך פון ווײַטע דערפער. דער פּאַפּע דײַנער האָט זיך געלערנט אין בוקאַרעשט. גאַנץ אייראָפּע האָט דעמלט דעם אַפּטייקער־פאַך געלערנט אין בוקאַרעשט. באַ אונדז איז לערנען זיך אין בוקאַרעשט געווען גאָר אַ זעלטנקייט...

מאַרוסיע איז מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען, דאָס בענקל לעבן איר האָט זיך איבערגעקערט, זי האָט עס מיט אַ פוס אַוועקגעשאַרט, אָנגעהויבן אומשפּאַנען איבערן צימער און נאָכאַמאָל אָנגעהויבן שרײַען מיט אַזאַ אָפּגעריסן, שטעכיק, פויגלש קוילקל:

— פאַרוואָס איז ער אומגעקומען? ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו קריכן אין פײַער. די פּאַדערשטע ליניעס זײַנען ניט פאַר אַזעלכע. כאָטש דעם, איז ער גאָר געווען פאַרבראַנירט. וואָס האָט ער געהאַט צו מיר? ער האָט דאָך גוט געוווּסט, אַז איך בין פאַרשאָלטן געטרײַ צו בלײַבן ביזן סאָף פון מײַנע טעג. אָן עגאָאיסט! אָן אָנסייכלדיקער! ווו איז ער, ווו? האַ? ווו איז ער אַצינד? און ווער בין איך איצט? וואָס פאַר אַ לעבן האָב איך? — האָט זי גערעדט צו די ליידיקע ווענט, און אירע הייסע ווײַסגעוואָרענע אויגן האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן צימער פון איר צעשטערט ערעוומילכאָמע־לעבן.

אין דרויסן באַם פענצטער האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואַרעמער ווינט, צעבלאָזן דעם שטויב אויף דער גאַס, געריסן די פּילקאָליריקע פענדלעך אַפן דאַך פון דער מאַטראָסן־שול, ס'האָט זיך געהערט, ווי זיי פלאַטערן דאָרט אַפן ווינט פרײַלעך און יאָמטעוודיק. אַפן אַלטן אַקאַציע־בוים האָבן זיך צעטרעשטשעט די דריבנע צווײַגלעך, זיך צעשורשעט, אָפּגעשיט פון זיך די פאַראיאָריקע פאַרטריקנטע צעעפנטע שוטלעך. די אַטלאַנטן האָבן זיך איבערגעוווּנקען און צעשעפּטשעט זיך.

— הערסט, ס'איז שוין דאָרט ווידער אַ ראַש, — האָט דער ערשטער געשעפּטשעט, — מיט וואָס קאָן מען זיי טרייסטן?

— מיט וואָס קאָן מען זיי העלפן? — האָט געשעפּטשעט דער צווייטער.

מאַרוסיע האָט אויפגעהויבן דאָס אומגעפאַלענע בענקל, צוגעזעצט זיך דערוף, געקוקט מיט שולדיקע אויגן:

— דער פּאַפּע פלעגט פרעגן: „ס'טעכטערל אונדזערס שלאָפט?" דו ביסט געפּאַפּן גלײַך ווי גאָרנישט ניט. מיטן גראָבן פינגערל אין מויל, פאַרשטייט זיך. דער פּאַפּע האָט געקוועלט. איך האָב געליטן. באַ קיינעם פון אונדזערע באַקאַנטע זויגן ניט די קינדער אין שלאָף זייערע פינגער. מיט וואָס האָבן מיר ניט אָנגעשמירט דעם דאָזיקן פּאַסקודנעם פינגער דײַנעם! מיט ביטערקײַט, מיט הארבקײַט. יעדערן האָט ער צוגעטראַכט רעפּועס, דער טאַטע דײַנער, נאָר קעגן איין זאַך האָט ער קיין רעפּוע ניט פאַרמאָגט — קעגן דײַן זויגן דעם פינגער. אַ געלעכטער, כ'לעבן.

סעראַפימע איז אַוועקגעגאַנגען פונעם טיש, אַראָפּגעוואָרפן אַפן דיל די צײַטונגען פונעם דיוואַן און זיך צוגעלייגט.

— אַט אַן אומפאַרשעמטע, — האָט מאַרוסיע שטיל אַ זאָג געטאָן, — אַפילע דאָס געפעס ניט איבערגעוואַשן.

— כ'בין מיד, מאַמע! כ'האָב זיך אָנגעלייענט מיט צײַטונגען.

— פון דעם ווערט מען ניט מיד. נעליע וואָלט זיך אויך געלייגט אַפן בעט, ניט איבערוואַשנדיק די טעלער?

— פינף מינוט!.. — האָט שוין סעראַפימע גערעדט מיט צוגעמאַכטע אויגן. — אין פינף מינוט אַרום!.. כ'בעט דיך, מאַמע!

זי האָט געהערט, ווי מאַרוסיע האָט אַראָפּגענומען פונעם טיש, ווי זי איז אַוועק אין קיך דורכן לאַנגן קאָרידאָר, ווי אין דער צײַט, וואָס מאַרוסיע איז דאָ ניט געווען, האָט אַ שקראַבע געטאָן דאָס הענטל באַ דער טיר דער שכײנעס צווייאָריק ייִנגעלע.

— גיי, כ'בעט דיך! — האָט זי דערנאָך דערהערט מאַרוסיעס שעפּטשענדיקע רייד. — זי איז קיינמאָל ניט געווען דײַנע! פאַרוואָס זאָג איך ניט, אַז די דעק מיט די הענדלעך איז מײַנע?

סעראַפימען האָט זיך געכאַלעמט פּושקין. באַם אָנהייב האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז דער פּאַפּע, אַז ער וועט איר באַלד זאָגן, ווו מ'איז אים מעקאַבער געווען. נאָר ער

האָט זיך דערנעענטערט, די אונטערציטערנדיקע לופט ארום אים איז פאַרגליווערט גע-וואָרן, געוואָרן דורכזיכטיק, לאָזט זיך אויס — ס'איז פּושקין.

— נו, און די האַנטעכער מיט די מאָנאָגראַמען? פאַרוואָס זײַנען די האַנטעכער דײַנע? כ'בעט דיך, רעד מער ניט דערפון! — האָט סעראַפימע געהערט, און ס'האָט זיך איר אין דער זעלבער צײַט געכאָלעמט פּושקין.

— ס'איז פּאַשעט א געלעכטער, וואָס דו האָסט זיך אָנגעטשעפּעט אין דער טשאַשקע, ס'לעצטע, וואָס איז מיר געבליבן, ווי אַן אָנדענק פון אונדזער שטוב. די האַנטעכער זײַנען שוין מיסטאָמע אלט הונדערט יאָר, נאָר זעען אויס ווי נײַע. די דעק מיט די הענדעלעך ליגט בא דיר אין שאַפע, בא מיר וואָלט זי געלעגן אופגעשפּרייט! — האָט סעראַפימע גע-הערט. — וואָס, ס'איז ניט אזוי?

— זיי ליגן אין שאַפע, נאָר זיי וואַרעמען מיר די נעשאָמע, און שאַ — רעג זיך ניט אוף! — האָט סעראַפימע געהערט דער מומע יאַסיעס שעפּטשענדיקן ענטפער, און צווישן דעם האָט זיך איר געכאָלעמט פּושקין.

— סימעלע, — האָט ער געזאָגט, — נעשאָמע מײַנע! כ'בעט דיך, ווי גאָט איז דיר ליב, אויב דו וועסט באַגעגענען פּעטרושע וויאַזעמסקין, גיב אים איבער א גרוס מײַנעם און זאָג אים, אז כ'האָב אים ליב.

— א שיינער פּילם, אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש! — האָט אים סעראַפימע געענט-פערט אין נוסעך פונעם אכטן קלאַס, און האָט, ייִנגלש אײַנהויקערנדיק זיך, אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס פון דער טוריסטישער קורטקע, וואָס זי האָט אין אכטן קלאַס געטראָגן אָנשטאָט א ווינטערדיקן מאַנטל. — נו, דערלאַנגט איר עס! ווען איז גרינגער צו באַגעגענען זיך מיט וויאַזעמסקין: אײַך — דאָרט, אָדער מיר — דאָ? כ'האָב עס גאָר פון אײַך ניט דערוואַרט.

זי האָט געהערט, ווי די מומע יאַסיע האָט א שטאָך געטאָן מאַרוסיען:

— וועסט עס ניט מיטנעמען אין קייווער אַרײַן!

און ווי זי האָט דערנאָך איבערבעטעריש שטיל א זונג געטאָן:

— סילווע, דו האָסט מיך ניט ליב!..

און פּושקין האָט דערווײַל געענטפערט:

— אַך, סימעלע! — האָט ער גערעדט טרויעריקער פון טרויעריק, שטיל, מיט א זיפץ, מיט דער האַנט א וויש געטאָן זיך דעם שטערן. — אַך, סימעלע, נעשאָמע מײַנע, דו ווייסט ניט גאָרנישט... ווען באַגעגנט מען דאָ, אין אָט די ברייטקייטן!..

ער האָט אָנגעהויבן דערווײַטערן זיך, איז וואָס אַמאָל געוואָרן א ווײַטערער, נאָר פון העט ווײַט האָט ער זיך מיטאַמאָל אומגעקוקט, א שמייכל געטאָן, לאָזט זיך אויס — ס'איז דער פּאַפּע.

— פּאַפּע! — האָט סעראַפימע א געשריי געטאָן. — פּאַ, ווו האָט מען דיך מעקאַבער געווען?

זײַן שמייכל און דער ענטפער זײַנער מיט א מאַך פון דער האַנט האָבן געקאָנט באַ-טײַטן נאָר איינס: „וואָס איז דער כילעק, טעכטערל? אַלציינס!"

סעראַפימע האָט זיך אופגעכאַפּט, נאָר זי האָט זיך געמאַכט שלאָפנדיק. עפּעס סוידעס-דיקס פאַרמאָגט אין זיך דער דאָזיקער ליכטיקער, ניט-גרינגער, ווייניק פאַרשטענדלעכער, פילבאַטײַטנדיקער כאָלעם.

— זי איז א קאַמצנטע, מאַרוסקע, אפן סאַמע ערגסטן אויפן, דאָס איז א פאַקט, און דאָס איז דער ריינער עמעס! — די מומע יאַסיע האָט מילד באַדויערט די ייִנגערע שוועס-טער אירע פאַר איר אײַנגעבוירענער ניט-פאָלקומקײַט. — וואָס זשע, איך בעט דען בא דיר? ניין, איך צווייפל שוין אינגאַנצן אין דײַן געוויסן. איין זאַך וויל איך פון דיר — זאָלסט זיך אליין ריכטיק פאַרשטיין. מער דאַרף איך בא דיר גאָרניט!

אויב די מומע יאַסיע האָט עפּעס געוואָלט אַרויסבאַקומען, האָט מען זיך אָפּטשעפּען פון איר בעשום-אויפן ניט געקאָנט. זאָל זײַן אין יאָרן ארום, נאָר אירס האָט זי זיך דער-שלאָגן. צום סאַלפעטקעלע מיט דער אויסגעשטיקטער בלויער רויז, פון מאַרוסיעס נאָדן, האָט זי זיך צוגעבונדן מיט דער גאַנצער נעשאָמע אירער — ליגט איצט דאָס סאַלפעט-קעלע, צונויפגעפּרעסט אינפּירן, בא דער מומע יאַסיען אין שאַפע. צום זיידנס אשבעכער, א בראָנזן פעסעלע אף א גראַניטן געשטעלעכל, האָט זי זיך געצויגן מאַמעש מיטן האַרצן אירן — שטייט איצט דעם זיידנס אשבעכער אפן דעקל פון איר גאַז-אייוועלע, און די מו-

מע יאסיע ווארפט אהין אריַין די איסגעברענטע שוועבעלעך. איז, הייסט עס, געקומען די רייַ אף דער באָבעס טשאשקע. מארוסיע האָט געקעמפּט פאר איר מיט אירע לעצטע קויכעס.

— סעראפימע האָט זי ליב, — האָט זי געשעפּטשעט. — סעראפימע וועט זי בעשום-אויפן ניט אוועקגעבן.

— הער, הער! דאָס איז א טשאשקע פון אונדזערע קינדער-יאָרן, וואָס זשע קער זיך דאָ אָן סעראפימע? — האָט די מומע יאסיע געשעפּטשעט.

— שטעל זיך פאָר, זי געדענקט גוט אונדזער שטוב! — האָט מארוסיע געשעפּטשעט.

— נו, און באַנאַפּארטן געדענקט זי ניט? — האָט די מומע געפרעגט מיט א שעפּטש. סעראפימע האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן, זי האָט זיך אפילע אָנגעשטרענגט ניט צו אָטעמען.

— אייגנטלעך, גלייב איך איר אויך ניט, — האָט מארוסיע נאָך שטילער געשעפּ-טשעט, — פּרינציפּיעל גלייב איך איר ניט! וואָס וועל איך איר גיין גלייבן, וואָס? זי האַלט אַזוי אויך פון זיך א וועלט... וויפל בין איך אַלט געווען, ווען די באָבע האָט מיך גענומען מיט זיך קיין ווארשע? א צען יאָר, ניט מער. הער זשע אויס! זאָגט זי, אז זי געדענקט, וויאַזוי די באָבע איז דעמלט געווען אָנגעטאָן, וואָס פאר א שפּאַלירן עס זיַינען געווען באַם פּעטער עליען אין שטוב. איך געדענק ניט, און זי געדענקט...

— אויב דו געדענקסט ניט, הייסט עס, אז זי פאַרדרייט דיר פּאַשעט דעם קאָפּ! — האָט זיך די מומע יאסיע צעשמוכט.

— זי הייבט מיר אָן דערציילן, הייב איך זיך אָן דערמאָנען! זי געדענקט די טשאשקעס ניט? נו, נו, נאָך א מין געדענקען! — האָט מארוסיע געשעפּטשעט.

אוואדע האָט זיי סעראפימע גוט געדענקט. א האַלב טוץ זיַינען זיי געווען. גרויסע, פאַרצעלײַענע, אַלציינע טשאשקעס. נאָר יעדע מיט איר באַזונדערן פּילקאַלירינקן געמעל אַפן דנאָ: א קו מיט א קעלבל אין א שטעלכל, א שקאָפּע מיט א לאַשעקל אף א גרינעם פעלד, א ציג מיט ציגעלעך טשיפּען א ביימל, א גאנדז מיט גענדזעלעך בא א וואסער, א הון מיט הינדעלעך אין א גאָרטן און צום סאָף, די איינציקע איבערגעבליבענע — א כאַזוערטע מיט איר קליינוואָרג אין אן אידילישער בלאָטיקער קאַליוזשע.

דעם זומער, די ווערענדע, דאָס געפלאָכטענע מעבל האָט סעראפימע קלאָר געדענקט. צווישן די בלעטלעך פונעם אַלטן נוסנבוים האָט די זון באַשטראַלט דעם אויסגעוועקסלטן דיל און דעם טישטעך אפן טיש מיטן אויסגעשטיקטן בלײַענדיקן טשערעט, דאָרט, אין דער שטוב, ווו סעראפימעס באָבע איז געבוירן געוואָרן, ווו זי האָט דערנאָך אליין געבוירן פיר קינדער, צווישן וועלכע מארוסיע איז געווען די מיזינקע. און די עלטערבאָבע, וועמעס איני-ציאַלן נ. ג. זיַינען געווען אויסגענייט אפן טישטעך און אויסגעגראַווירט אפן מישפּאָכע-זילבער, האָט סעראפימע געדענקט, און טאקע זי, די עלטערבאָבע, וואָס איז שוין דעמלט פונעם געלעגער ניט אופגעשטאַנען. לעבן בעט אירן פלעגט טאָמיד שטיין א ווײַס קינדערש פּערדל, און די עלטערבאָבע נ. ג. פלעגט, האַלטנדיק א פּאַרמעטענע האַנט אפן פּערדלס רוקן, שאָקלען עס אהין און אהער, ניט ווויסנדיק שוין אליין, זעט אויס, וואָס עס טוט זיך מיט איר.

און מארוסיעס רייַזע מיט דער עלטערבאָבען, נאָך דעמלט ניט קיין אַלטע, בעקאָוועַ-דיקע דאַמע, האָט סעראפימע געדענקט. זי האָט פּינקטלעך געקענט אויסמאָלן דער על-טערבאָבעס הוט, און איר קאַפּטל, און דאָס קייטעלע אף איר האַלדז, און דאָס הויז אין ווארשע, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביז דער ווארשעווער גראַווירער וועט אויסמאָנאָגרא-מעווען זייער מישפּאָכע-זילבער. סעראפימע האָט געקענט אויסמאָלן דעם קאָרידאָר אָן פענצטער, וואָס איז געווען אויסגעפּאַנירט מיט דעמבן-האָלץ, און דעם גלעזערנעם גרינעם אבאזשור, און אפילע דעם ווײַסן קאָטער אפן בענקל אין שטוב באַם פעטער עליען. זי האָט געקאָנט אויסמאָלן די געדרייטע טרעפּ ארויף צום צווייטן עטאזש, דאָס קײַלעכיקע בוידעם-פענצטערל אין צימער מיט דער קאָסער סטעליע, ווו מ'האָט זיי באַזעצט — די צענ-יאָריקע מארוסיען מיט דער עלטערבאָבען אירער נ. ג.: און טאקע אליין דעם צימער, ווו די ווענט זיַינען געווען אויסטאַפּעצירט מיט פּאַסנדיקן ציץ, און דעם קאַסטיאָל, וואָס האָט זיך אָנגעזען דורכן פענצטער, און דעם קסיאָנדזס שטוב, ווו אפן גאנעק זיַינען געשטאַנען לאַנ-גע קעסטלעך מיט קווייטן.

— נו, גוט, — פלעגט מארוסיע אויסהערן די אַלע איינצלהייַטן און זיך אַזש דער-שרעקן פארן דאָזיקן אומדערקלערבארן אין סעראפימען, — זאָג זשע מיר נאָר, וואָס פאר א פּאַסיקל פלעג זיך אָנזען אף זייערע שפּאַלירן?

— א געל פּאסיקל, א פּאסיקל, באפּוצט מיט רייזעלעך! — האָט סעראפימע פּײַערלעך געענטפערט און ארײַנגעקוקט דער מאמען אין די אויגן, אויגן, ווי בא א לאָקערנדיקער טיגערן.

פונעם מישפּאָכע־זילבער זײַנען איבערגעבליבן נאָר צוויי טיי־לעפעלעך. מיט מארוסיעס כיילעק יערושע האָט אײנמאָל, ווען ער איז נאָך געווען א יונג באָכעריל, צעבאלעבאטעוועט זיך, ניט פרעגנדיק בא קיינעם, מורזינקע. דאָס איז געווען א טרויעריקע געשיכטע. מיטן אנדערן כיילעק, דער מומע יאסיעס, איז פּאָרגעקומען א ראָמאנטישע געשיכטע, וואָס האָט געוואַרט אף אן ענדע, געוואַרט אף געוואגטקײַט און באפּעלערישקײַט, קורץ — אף א מאנצבלשער האנט. ווו זשע זאָל מען אזוינס געווען נעמען אין זייער קליין מישפּאָכעלע?

— אוי, שוטע, שוטע! — פלעגט צומאָל מארוסיע א זאָג טאָן. דאָס האָט זי אזוי געזידלט יאסיעס מאן, וואָס איז אומגעקומען אין סעוואסטאָפּאָל. — אלצדינג האָבן זיי געטאָן ניט געטראכט! — האָט זי זיך שוין פארייניוועגס געבייזערט אי אפן שוואָגער, אי אפן אײגענעם מאן. אפילע איצט, אין צוועלף יאָר ארום נאָך דער מילכאָמע, האָט זי נאָך אלץ געלערנט סייכלביידע אומגעקומענע מענער זייערע. „גע־דענקסט, — פלעגט זי א זאָג טאָן דער מומע יאסיען, — ווי זיי האָבן אונדז די גאנצע צײַט אָפּגערעדט?" דערמיט איז געמיינט געוואָרן, אז די מענער האָבן זיי ניט געייצעט צו עוואקוירן זיך. „אין צוויי וואָכן ארום וועט אלץ זײַן געענדיקט. איר וועט זיך נאָר גוט אָנמוטשען מיט די קינדער". גע־דענקסט, וואָס זיי האָבן געטײַנעט, די כאכאָמים אונדזערע? „וווהין? צו וואָס? נארישקײַטן!" יאסיע, וואָס וואָלט פון אונדז אלע געוואָרן, ווען ניט איך? ס'הייסט, ווען ניט דער וואָיענקאָם!..

— מע וואָלט אונדז אויסגעהארגעט אין געטאָ! — האָט געזאָגט די מומע יאסיע, — אָן שום סאָפעק.

— אָט, אָט. דאָס מיין איך טאקע. כ'בין ארײַנגעגאנגען אין קאבינעט מיט מורזינקען אפן שויס און מיט סימעלען באם הענטל, כ'האָב זיך ארײַנגעשטופּט אײנײנעם מיט עטלעכע רויטארמייער, דער וואָיענקאָם האָט איין קוק געטאָן אף מיר, האָט ער באלד אלץ פארשטאַנען. ער האָט א זאָג געטאָן: „פּאָרט אוועק, מאדאם!" ער האָט מיך אפילע קיין וואָרט ניט געפרעגט און מיר באלד אויסגעשטרעקט די טאלאָנען. און איך האָב אים באלד געגלייבט. — מארוסיע האָט טאָמיד מער געגלייבט פרעמדע, איידער אייגענע.

הייסט עס, אזוי. דער מומע יאסיעס מאן האָט יאסיען ניט געלאָזט שלעפּן מיט זיך אין דער עוואקואציע קיין איבעריקע מאסע. דאָס מישפּאָכע־זילבער מיט די ווארשעווער מאָנאָגראמען — „נאָר צוליב דעם, דו זאָלסט זײַן רויִק" — האָט ער פארגראָבן אין דער קאַמער פון זייער פארמילכאָמעדיקער דירע מיט די מארגאריטקעס אין גערטנדל בא די פענצטער, וואָס ער אליין האָט פארזעצט און אופגעכאָוועט. וואָלט ער דאָס זילבער בעסער פארגראָבן צווישן די מארגאריטקעס, וואָלט מען עפשער איצט געקאָנט קומען אין א באַנאכט און עס אופגראָבן...

אין זייער דירע האָבן געוווינט אנדערע מענטשן. די מומע יאסיע האָט, אומקערנדיק זיך פון טאשקענט, זיך באזעצט אין צווייטן עק שטאָט אין א צימער מיט די פענצטער צו א טויבן פלויט ארויס, דערפאר אָבער מיט א סוידעסדיקן פארגראָבענעם אויצער אין הארצן. עמעצער, ווען מע וואָלט זיך געקענט אײגן פארטרויען, וואָלט אין א טאָג, בעסער אין א יאָמטעוו, געדארפט ארײַנגיין אין זייער ביזמילכאָמעדיקער דירע און איידל, נאָר גאנץ פעסט, א זאָג טאָן, אז ער מוז צעגראָבן די ערד אין זייער געוועזענער קאמער צוליב א ציל, וואָס האָט מיט די איצטיקע אײַנוווינער קיין שום שײַכעס ניט. אזא עמעצער איז אָבער ניט געווען. פאר אזא עמעצן, ווען ער טוט זיך א יאווע ארויס, וואָלט מען געמעגט כאסענע מאכן נעליען.

— שטיי שוין אוף, פעפערז, וועלן מיר טרינקען טיי! — האָט מארוסיע באמערקט, אז סעראפימע שלאָפט שוין סײַוויסײַ ניט, זי מאכט זיך נאָר שלאָפנדיק. — שטיי אוף, באלד קומען זיי שוין (די מאליערס, הייסט עס)! אָט ליגט אפן טיש א בריוו פון אים (פון מורזינקען, הייסט עס).

— אָ, א שיינעם גוט־מאָרגן דיר! — האָט די מומע יאסיע א זאָג געטאָן, ווען סעראפימע האָט געעפנט די אויגן. — וואָס הערט זיך עפּעס נײַס?

סעראפימע האָט זיך אופגעזעצט אפן דיוואן מיט די פיס אונטער זיך — זי איז שוין אינגאנצן געווען וואכנדיק. די זון האָט זיך שוין אויסגעקערעוועט אף דער זײַט גאס, צעקעסטלט אין צימער אף גרויסע קוואדראטן דעם רעמאָנט־טאראראם. די אָפּגעשינדענע

וועגט, שטאַרק באַלויכטענע, פֿלעקנדיקע, האָבן מיט זייער נאַקעטער און אָפֿענער ניט־געמיטלעכקייט געפּרייט דאָס אויג, ווי אַ מין אַרויסרוף, אַ מין פּראָטעסט קעגן פֿאַרגלעט־קייט און פֿאַרשטעלטקייט.

— פּושקין האָט זיך מיר געכאַלעמט! — האָט סעראַפֿימע געזאָגט.

— פֿון נעכטן אָן ליגט אין וואַנע עפּעס אײַנגעוויקט דײַנס, איבערוואַשן עס וועט אויך פּושקין? — האָט מאַרוסיע איר געענטפֿערט.

— און דער פּאַפּע, — האָט סעראַפֿימע געזאָגט, — דער פּאַפּע האָט זיך מיר אויך געכאַלעמט.

— דאָס קען ער — כאַלעמען זיך!.. — האָט זיך מאַרוסיע אָנגערופֿן.

„ס'איז מיר דאָ גוט, — האָט מורזינקע געשריבן, — מע גיט גוט עסן, און שלאָפֿן לאָזט מען אויך גוט".

דאָס איז געווען מורזינקעס הומאָר. אַזוי פֿלעגט ער אָנהייבן אַלע זײַנע בריוו פֿונעם קינדערהיים — מאַרוסיע איז ניט געווען בעקוויער אָפּצוכאַוון צוויי קינדער אין די ער־שטע נאָכמילכאָמע־יאָרן.

מאַרוסיע און די מומע יאַסיע האָבן געטרונקען טיי, דאַפֿקע גאַנץ געמיטלעך אײַנ־געאָרדנט זיך צווישן דער רעמאָנט־סומאַטאָכע — אָן אָנקראַכמאַלעט סערוועטל אויף די צײַ־טונגען, מיט וועלכע מ'האָט צוליבן קאַלכן פֿאַרשפּרייט דעם טיש, פֿאַרצעלײַ, זילבער, גע־בעקס און אײַנגעמאַכטס. די מומע יאַסיע האָט, פֿאַרטראַכטנדיק זיך, געדרייט אין דער האַנט איינס פֿון די צוויי לעצטע לעפֿעלעך מיט די מאָנאָגראַמען פֿונעם וואַרשעווער גראַ־ווירער, דאָס לעפֿעלע געהאַלטן מיט צוויי פֿינגער העט אויבן באַם הענטל, און די מאָנאָ־גראַמען האָבן זיך אַלעמאָל אַ קערעווע געטאָן אָט צו איר, אָט צו מאַרוסיען. די מומע יאַסיע האָט געהאַט האַנאָע פֿון דער דאָזיקער שפּיל, און אי סעראַפֿימע, אי מאַרוסיע האָבן די שפּיל פֿאַרשטאַנען און זיך איבערגעקוקט — ס'איז שוין, הייסט עס, געקומען די צײַט, מע זאָל פֿאַר דער מומע יאַסיען די טיי־לעפֿעלעך אויך באַהאַלטן.

— נו, וואָס, מאַרוסיע, — האָט די מומע יאַסיע מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן און דעם קאָפּ אירן לײַכט צוגעבויגן צום אַקסל, — האָסטו די טשאַשקע מײַנע ערגעץ פֿאַרשטעקט, האַ?

מאַרוסיע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט אַ דלאָניע אָפּן טיש:

— אַ גוט־שאַבעס, מעכוטענעסטע! ס'לידל אונדזערס איז אַ קורצס, הייב עס אָן פֿונעם אָנהייב!

— מומע יאַסיע, — האָט סעראַפֿימע זיך אַרײַנגעמישט, — מיר האָבן באַשלאָסן די טשאַשקע קיינעם ניט אוועקגעבן. פּעסט באַשלאָסן. ענטפֿערט מיר בעסער אויף אַן ערנסטער פֿראַגע, געשעצטע מײַנע: וויאַזוי האָט געהייסן דער עלטערזיידע אונדזערער פֿון דער מאַ־מעס צאַד?

וואָס? — האָט די מומע יאַסיע איבערגעפֿרעגט און זיך געטראַכט אירס, וועגן דער טשאַשקע, פֿאַרשטייט זיך. — ווער קאָן עס וויסן, ווער?!

— אַז מײַן זיקאָרן געדענקט עס ניט, ווי זשע קאָן עס געדענקען יאַסיעס זיקאָרן? — האָט מאַרוסיע מיט די ווערטער געגעבן אָנצוהערן, אַז ווען די מומע יאַסיע וואָלט געווען געהאַט פֿעיִקייטן, וואָלט מען זי, און ניט מאַרוסיען, געוואָלט געשיקט זיך לערנען אין גימ־נאַזיע, וואָלט זי, און ניט מאַרוסיע, געווען פֿאַרבראַכט די יונגע יאָרן אירע אין דער גובערניע־שטאָט צווישן געבילדעטע מענטשן, וואָלט מען פֿאַר איר, און ניט פֿאַר מאַרוסיען, יאָר בײַ יאָר געווען אָפּגעצאָלט אין קאַזנאַטשייסטווע ניט קיין גרינגע פֿינף רובל גאָלד פֿאַר די רעכט צו לערנען זיך.

— נו, גוט, — האָט סעראַפֿימע געזאָגט, — אויב אַזוי, שטעל איך די פֿראַגע אַנ־דערש. איך דאַרף וויסן דעם פֿאָטערנאָמען פֿון אײַער אײגענער באָבען. זי האָט דאָך אוודאי געהאַט אַ פֿאָטערנאָמען! נ. ג. — דאָס ווייס איך. נעכאָמע גאַרדאָן. שיין, ביפֿראַט מיט לאַ־טײַנישע אויסיִעס. נאָר דער פֿאָטערנאָמען אירער?

— אײַ, הער אויף! — אַז די מומע יאַסיע איז געזעסן באַ דער זײַט, איז מאַרוסיע געווען רויִק. — האָסט ניט וואָס צו טאָן! ווער דאַרף אים האָבן, דעם אָפּשטאַם? ווער זײַנען מיר — גראַפֿן?

— קיין לעמער זײַנען מיר אָבער אויך ניט!

— נעכאָמעס פֿאָטערנאָמען פֿעלט איר, — האָט מאַרוסיע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — נעכאָמעס געבוירן־טאָג דאַרפֿסטו ניט וויסן? טרינק, טרינק טיי! — און מאַרוסיע האָט זיך אויסגעדרייט צו דער מומע יאַסיען מיט אַ פּאָנעם, וואָס האָט געבעטן מיטגע־

פּיל: אָט אַזוי לעב איך. גאַנצע טעג נאָר נאַרישקײַטן. — האָסט געהערט דאָס נײַס? קיין מאָסקווע רײַסט זי זיך! זי וויל דאָך נאָר וווינען אין מאָסקווע!

— דאָס נײַס האָב איך געהערט, — האָט די מומע יאַסיע געענטפערט, — איך אַף איר אָרט וואָלט קיין איין טאָג ניט פאַרלוירן!

— פאַרשטייט זיך! — האָט מאַרוסיע אונטערגעכאַפּט. — אין אירע יאָרן דאַרף מען שוין טראַכטן וועגן א צוקונפט!

— יאָ, יאָ! — האָט די מומע יאַסיע מאַמעש אויסגעשריגן. — זאָגסטו עס טאַקע זייער גוט. און וואָס, מײַנסטו, איז דער פרויס צוקונפט? דער פרויס צוקונפט איז קינדער. נאָר יענער, פון וועמען זי וויל האָבן קינדער, — האָט זי ניט געכאַפּט אָנגעהויבן אויסטאָלקע-ווען, קעדיי מאַרוסיע, וואָס האָט געענדיקט א גימנאַזיע, זאָל באַנעמען און פאַרשטיין. — ס'הייסט, יענער, מיט וועמען זי קאָן האָבן קינדער און פון וועמען די קינדער זאָלן גע-בוירן ווערן געראָטענע און מיר זאָלן זיך מיט זיי ניט דאַרפן שעמען, יענער וווינט פּונקט אין מאָסקווע. דאָס איז עס אינגאַנצן. פּראָסט און פּאַשעט!

— פּוסטע מײַסעס! — האָט מאַרוסיע אַנטוישט געזאָגט. — וואָלט עס כאָטש אַף איין פּראָצענט געווען אַזוי. קיינעם האָט זי ניט אין מאָסקווע — אפילע קיין באַקאַנטן ניט. זי איז שוין צוויי מאָל אַהין געפאָרן — צוריקגעקומען א פאַרגרינטע און פאַרגעלטע, קיינעם פעלט זי דאָרטן ניט. נאָר שאָלעם מאַכן דערמיט וויל זי ניט.

— זיי האָבן פּאַשעט זיך ניט באַגעגנט, מאַרוסיע. זיי זוכן איינס דאָס אַנדערע, און האָבן זיך נאָך פּאַשעט ניט באַגעגנט. כ'בין זיכער, אַז אים ציט אַהער, צו אונדז קיין אָדעס, ער גייט מאַמעש אויס. ער טראַכט, אַז אָדעס איז די שענסטע שטאָט אין דער וועלט. און זי — פאַרקערט. זי פילט די בענקשאַפט זײַנע, דאָס איז א געזעץ פון דער נאַטור! און דו וועסט קיינעם ניט איבערמאַכן!

— הער אויף! — האָט זיך מאַרוסיע צעשריגן. — זי איז אַזוי אויך מעשוגע!.. וואָס ביסטו געקומען אַהער? גיב אַף איר א קוק, ווער איז זי דיר — א פרעמדע? פאַרוואָס וויל-סטו זי אראָפּפירן פונעם וועג? זאָל נעליע פאָרן! נעליען לאָזסטו אין ערגעץ ניט אָפּ פון זיך!

— נעלקע — איז עפּעס אַנדערש, — האָט די מומע יאַסיע געענטפערט מיט א שמיי-כעלע, זי איז געווען רויִק, ווי איינער, וואָס האָט געמאַכט א וויכטיקע דערפינדונג און ווייסט די ווערט אירע, — נעלקע האָט צו דעם קיין כיישעק ניט. וואָס זשע, אַלע זײַנען גלײַך?

— יאַסיע, — האָט מאַרוסיע געשריגן, — פאַרקלאַפּ איר ניט דעם קאָפּ, ער איז איר אַזוי אויך פאַרקלאַפּט. א קליינינקייט, אַן אַרטיסטקע מאַמעש, ווער דאַרף זי אין מאָסקווע? זי האָט דאָך אפילע ניט קיין ווינטערדיקע פּאַלטאָ!

— עס דאַרף זי דער, — האָט די מומע יאַסיע רויִק געענטפערט, — פון וועמען מע געבוירט קינדער.

— איר זײַט אַלע צעדרייטע! — האָט מאַרוסיע א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער.

באַם אַנדערן פענצטער האָט סעראַפימע צוגעניט זיך א קנעפּל צום ליפּטשיק.

— מומע יאַסיע, כ'האָב דאָרט לאַכלוטן קיינעם ניט.

— אַז איר זענט נאָך ניט באַקאַנט, הייסט ניט, אַז איר האָט זיך נאָך ניט, — האָט פריילעך געענטפערט יאַסיע.

און אַלע זײַנען אַנשוויגן געוואָרן.

וועגן וואָס האָט מאַרוסיע באַם פענצטער געטראַכט? פאַרוואָס האָט זי זיך פון דעם אַליין, ווי עס זעט נאָר אויס דער יונגינקער וואַך-סאָלדאַט אין זײַן אוניפאָרם און מיט דער ביקס אַפן אַקסל, לעבן דער שווערער פּאַראַדנער טיר פון, דער מאַטראָסן-שול, באַרויִקט? נאָר אָט האָט זי דאָס פּאָנעם אירס א קער געטאָן פונעם פענצטער, און סעראַפימע האָט זיך באַגעגנט מיט איר בליק. דאָס האָט אַזוי געקוקט מאַרוסיע, וועלכע האָט דאָס גאַנצע לעבן אירס קיין איין מאָל ניט פאַרשפּעטיקט אַף דער אַרבעט. מאַרוסיע, וועלכע האָט אויפ-געצויגן צוויי קינדער, בלײַבנדיק אַן אַלמאָנע נאָכן אומגעקומענעם אַף דער מילכאָמע ברויט-געבער אירן. די זעלבע מאַרוסיע, וואָס איז געווען זיכער, אַז די מעלוכע איז טאָמיד אַף דער וואַך און וועט די ביז גאָר ערלעכע מאַרוסיע ניט לאָזן באַאוולען. זי האָט זיי ניט געזאָגט, ניט דער טאָכטער און ניט דער שוועסטער, אַז אין מאָסקווע איז סײַוויסײַ שווער צוצושרײַבן זיך.

— זאָל זי פֿאָרן. — האָט זי ניט אַף קיין הויך קאָל געגעבן איר האַסקאָמע און זיך אומגעקערט צום טיש. — זי וויל קיין מאָסקווע — וווּנדערלעך! ווער האַלט זי דען דאָ צו? זי האָט אַזוי באַשלאָסן — אויסגעצייכנט! קאָטיִע זיך דורך, טאָכטערקע! איצט בלייַבט נאָר איבער איין זאַך, איין קלייניקייַט: מע דאַרף אַ פֿרעג טאָן באַם גראַף פּאָטאָצקין. אויב ער איז אויך מאסקים, ווער זשע קאָן דען זייַן קעגן?

אין אַן אָפּערעטקע וואָלט נאָך אַזאַ מאַנאָלאָג באַלד נאָכגעקומען פּונקט אַזאַ אַריִע. עס וואָלט זיך אין איר געזונגען וועגן ניט-געזעענע ווייַטקייַטן, וועגן אַ וועלדל באַ אַ טייַך, וועגן זון-פֿאַרגאַנגען, וואָס מע קאָן זיך גאַרניט אויסמאָלן, און זון-אויפֿגאַנגען, וואָס מע קאָן זיך גאַרניט פֿאַרשטעלן, גראַד אַף יענעם עק פֿון דער וועלט, ווו דער סאָלאָוויי האָט אויסגעזונגען זייַן פֿריִע יוגנט און דאָס גאָלדענע פֿישל האָט אין אַ ניט-רוישיקן טייַך אויסגעפּליעסקעט זייַן ערשטע ליבע. און ווו ס'איז איינמאָל באַם טייַך, אין אַ קאַרעטע, איינגעשפּאַנט אַפֿן פּויליש שטייגער מיט זעקס ווייַסע פֿערד, דורכגעפֿאָרן, אַפֿן וועג צו דער קרוינשטאָט... די אַריִע וואָלט זיך איבערגעריסן, קיין שום ווערטער און קיין שום געזאַנג וואָלטן שוין ניט געקאָנט אַרויסרופֿן קיין געפֿילן פֿון דער מיט זיכרוינעס-היספּייַלעסן איבערגעפֿילטער נעשאָמע. ראַטעווען די לאַגע וואָלט שוין נאָר געקאָנט אַ טענצל.

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט געהאַט דעם קאָוועד צו זייַן אַ העלד פֿון אַן אַלטן ייִדישן אַנעקדאָט.

— כאַיִם, — רופֿט זיך אַבראַם אָן אין אַנעקדאָט צו אַ גוטן-ברודער זייַנעם, — זאָג מיר נאָר, דו וואָלסט מאסקים געווען אויסצוגעבן דייַן עלטערע טאָכטער פֿאַרן גראַף פּאָטאָצקי?

— פֿאַרוואָס ניט? — ענטפֿערט כאַיִם און שמירט זיך אָן אַ שטיקל ברויט מיט גאַרטשיצע, אַזוי געפֿעלט אים; און קומען קומט פֿאַר דער שמועס גראַדע באַם אָנבייַסן, מעגלעך, אַפֿילע אין אַ יאָמטעוו-טאָג, מעגלעך, אַף דער וועראַנדע.

— הייסט עס, ביסטו פּעסט מאסקים? — פֿרעגט אַבראַם איבער און שטעקט זיך אָן אַפֿן גאָפּל אַ שטיקל געזייַערטע אוגערקע.

— פּעסט, וואָס פּעסט הייסטו! — זאָגט כאַיִם און לייגט זיך אַרויף אַף דער גאַרטשיצע אַ דין ציינדעלע קנאָבל, אַזוי געפֿעלט אים.

— בין איך זייער צופֿרידן, — פֿרייט זיך אויך אַבראַם. — אַ האַלבע אַרבעט איז שוין אָפּגעטאָן. בלייַבט איצטער נאָר איבער אָפּצוטאָן די צווייטע העלפֿט: פֿרעגן פּאָטאָצקין, צי ער איז אויך מאסקים!

די מומע יאַסיע האָט אַ שטופּ געטאָן דאָס זילבערנע לעפֿעלע מאַמעש מאַרוסיען אין פּאָנעם אַרייַן.

— ניין, דו האָסט פּאַשעט קיין בושע ניט! קיין געוויסן ניט! די מאַמע האָט מיר געזאָגט קלאָרע דיבורים: „יאַסיענקע, אויצער מייַנער, אַז כ'וועל שטאַרבן, זאָל די דאָזיקע טשאַשקע פֿון מייַנע מיידלשע יאָרן זייַן דייַנע, אַזוי איז מייַן ווילן". דו האָסט עס גוט געהערט!

— זאָג ניט קיין ליגן, כ'האָב עס ניט געהערט! — האָט מאַרוסיע געענטפֿערט. — און דו האָסט עס אויך ניט געהערט!

אַף די רייד האָט די מומע יאַסיע אָנגעהויבן זידלען זיך.

מאַרוסיע האָט געשריגן:

— הער אויף, זאָגט מען דיר!

האָט די מומע יאַסיע מיט אַ געלעכטערל אַ זינג געטאָן:

— סילוואַ, דו האָסט מיך ניט ליב! — דערנאָך האָט זי פּוילבלעך געזאָגט: — שוועסטער-לעבן, ווו איז דייַן אָרנטלעכקייַט? ווו איז דאָס, וואָס די מאַמע פֿלעג מיט אונדז אייַנלערנען? — און זי האָט ווידער אַ שיט געטאָן ווערטער, וואָס אין קיין לייַטישער שטוב הערט מען זיי ניט.

— גיי, הערסט, שלאָגסט מיר שוין צו דער גאַל! גיי, גיי, עמעצער האָט שוין דאָרט אַראָפּגעלאָזט אַ פּאָר קאָפּיקעס! — האָט מאַרוסיע געשריגן, און אָט וואָס ס'איז דערנאָך פֿאָרגעקומען:

די מומע יאַסיע האָט זיך אויפֿגעהויבן, אַ ביסל נאָך אַ דריי געטאָן זיך באַ דער טיר, צעשאָקלט דעם קאָפּ מיט אַן אויסדרוק פֿון אַ נאַרוואָס געבוירנגעוואָרענער ווענוס — באַרויקט, שמייכלענדיק. די צווייענדיקע אָנגעגלאָזטע טיר האָט זיך הינטער איר ווייך פֿאַרמאַכט, ס'האָבן זיך קוים געהערט די טריט אירע אין קאָרידאָר. נאָר מיטאַמאָל האָט אונטן אין גאַס אַ הילך געטאָן אירער אַ ווילדער קוויטש:

— מאַרוסיע!

— האָסט עפּעס פאַרגעסן? — האָט מאַרוסיע אַרויסגעבויגן זיך פונעם פענצטער.

די מומע יאַסיע האָט געקוויטשעט איבער דער גאַנצער גאַס:

— מאַרוסקע, אומפאַרשעמטע פּאַסקודסטווע, גיב מיר אָפּ די טשאַשקע מײַנע, כוצפּע!

מאַרוסיע האָט געגעבן אַ שפּרונג אָפּ פון דעם דאַזיקן ביזאַיען פאַר דער גאַנצער גאַס, אין אירע אויגן האָט אַ פלאַקער געטאָן דאָס ווײַסע פלאַמפּײַערל אירס, זי האָט אַרויסגעכאַפּט פון דעם קאָמאָד די טשאַשקע און זי אַרויסגעשמיצט דורכן פענצטער אַרויס.

— נאַ, ווער מיט איר דערוואָרגן! — האָט זי געיעכצט, און איר יעכץ האָט זיך אויך געהערט אַף דער גאַנצער גאַס. אייגנטלעך, זײַנען קיין סאַך מענטשן אַף דער גאַס ניט געווען, פאָרט — זונטיק.

די טשאַשקע האָט, אַ פלי טוענדיק פונעם צווייטן גאָרן, אָנגעצאָקעט זיך מיט אַ שטייערנעם קלונג אין אַספאַלט און איז, מאָלט אײַך, ניט צעשיט געוואָרן אַף שטיקלעך, נאָר הויך אונטערגעטאַנצט, ווי עס טוט אַ טאַנץ אונטער אַ טעניס-באָל, צוגעטאַנצט צו דער צעצוויטעטער קרוין פונעם אַלטן אַקאַציע-בוים באַם פענצטער, ווידער אַ פאַל געטאָן צו דער ערד, ווידער אונטערגעטאַנצט, שוין ניט אַזוי הויך, ווי פריִער, כאָטש דער פאַל איז צום צווייטן מאָל אויך געווען גאָר אַ קלינגענדיקער, און צולעצט אָפּגעשטעלט זיך אַף איר פלאַטשיקן דנאָ לעבן דער מומע יאַסיעס פיס, אַ גאַנצע, ווי זי איז געשטאַנען אין דעם קאָמאָד.

די מומע יאַסיע האָט זיך אָנגעבויגן, באַטראַכט די טשאַשקע און גאָר ניט מיט קיין שעמעוודיקער פרייד אַ מאַך געטאָן:

— האָסט עס שוין לאַנג אַזוי געדאַרפט טאָן, מאַרוסיע, איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז זי איז מײַנע! — און זי איז אַוועק מיט דער טשאַשקע אין דער האַנט, קוקנדיק אַראָפּ צום אַספאַלט פון אויבן, פון איר ניט גאָר הויכן וווּקס, ווי אַן אָדלערן אונטערן הימל קוקט אַראָפּ צום אומבאַגרענעצטן, אומענדלעכן, ראַכוועסדיקן סטעפּ.

דער זומער איז איבערגעלאָפן, ס'איז אָנגעקומען אַ לאַנגער טרוקענער אָסיען. די בלעטלעך האָבן זיך שוין אָפּגעטרעסעט, דער הימל האָט זיך נאָך זומערדיק געגאָלדיקט, אַף די גאַסן האָבן אומגעשוועבט לײַכטע שפּינוועבס-פעדעם, ס'איז נאָך געווען וואַרעם. און די סקווערן האָבן דערצוויטעט די רויזן און ס'האָבן זיך אויסגעפּיקט נײַע גרעזעלעך. די גרויסע פאָנטאַנען זײַנען שוין אַף ווינטער געווען אויסגעשלאָסן, און די קלענערע, מיט צוויי צי דרײַ דינע שטרעמעלעך, האָבן געמורמלט אַף די פאַרמאָכיקטע שטיינער פון געקינצלטע גראַטן, אַף פאַרזשאַווערטן מאַרמאָר. די זון-פאַרגאַנגען זײַנען געוואָרן לענגער, נאָר די נאַכט איז אַלץ צוגעפאַלן פרי, און ווײַט אין יאַם האָט זיך געהערט אַ צאַרטע פליעסקערײַ פון נאַכט-כוואַליעס.

די אויסגעקלעפּטע אַבריקאָסעווע שפּאַלירן אין צימער האָבן אויך דערמאָנט אין אָסיען. די פּריש-אָפּגעקאַלכטע טאַסיק, ליאַסיק, גאַשאַ און קיעשאַ האָבן זיך געצילט מיט זייערע פײַל-און-בויגנס אין געל-זײַדענעם אַבאַזשור מיט די מאַזאָליעס-צייכנס אַרום און אַרום אַפּן ריעמל. סעראַפימע איז אַוועקגעפאָרן אַף שטענדיק. אַלץ איז שוין געווען באַשלאָסן, און מאַרוסיע האָט אומזיסט געהאָפּט אַף מעלוכישער שטרענגקײַט. מורזינקע האָט זיך נאָך ניט אַזוי גיך געזאָלט אומקערן פון זײַן פלאָט-דינסט, און אַז ער וועט זיך אומקערן, וועט ער באַלד כאַסענע האָבן און וועט מיטן יונג ווײַבל זײַנס דינגען זיך אַ צימער אַרויס דער שטאָט, מאַכמעס מאַרוסיע וועט, פאַרשטייט זיך, מיטן שנירל ניט אויסקומען. קיין שום זאַך האָט נאָך ניט פאַרגעזאָגט דאָס, וואָס עס וועט מיט מאַרוסיען געשען שפּעטער, אין עטלעכע קורצע יאָר אַרום. ס'איז נאָך גאָרניט געווען נאָענט יענער טאָג, ווען זי וועט איינמאָל אין אַן אָוונט, באַ אַ פאַרשלאָסענער טיר, מיט אַ ריס צעשפּיליען די צוויי אײַזערנע פאַרזשאַווערטע ספּראָנטשיקלעך פונעם ברעזענטענעם קעגנגאַז-בײַטל, וועט אויסשיטן אַפּן טיש אַלץ, וואָס עס איז דאָרט יאָרן געלעגן און פאַרלעגערט געוואָרן, פאַרגעלט און איבערגעטריקנט געוואָרן, און וועט דאָרט אויסזוכן די בריוו אַף העל-בלויע בייגעלעך פּאַפּיר, אויך אַזוי פאַרגעלטע און קרוכלע, אין וועלכע יעדע שורע הייבט זיך דאָרט אָן ווי מע דאַרף און פאַרקריכט דערנאָך קאָסע אַרוף. ביז סעראַפימעס אַוועקפאָרן וועט נאָך פאָרקומען נעליעס אַ געבוירן-טאָג. דער מומע יאַסיעס קליין צימערל וועט זײַן אָנגעשטאָפּט מיט אַ גרויסן אוילעם. סעראַפימע און נעליע וועלן שטיין ביידע לעבן דער ביכער-פּאָליצע און דער באַבעס טשאַשקע וועט דאָרט ליגן אויסגעבויגן אַ ביסעלע אַף אַ זײַט, די כאַזערטע מיט די

כאזיירימלעך וועלן זיך גוט אָנזען, וועלן זײַן גאָר נאָענט — מיט דער האַנט צו דערלאַנ-
גען, און סעראַפימע וועט א פרעג טאָן דאָס שוועסטערקינדל:

— מע מעג?

— איך מאַך זיך ניט זעענדיק, — וועט איר דאָס שוועסטערקינדל ענטפערן.

— דו האָסט זי געגומען? — וועט אין עטלעכע טעג ארום די מומע יאַסיע פרעגן
סעראַפימען און איר ארײַנקוקן גלײַך אין די אויגן ארײַן.

— ווער זשע דען? — וועט סעראַפימע זאָגן.

— נו, מיילע! — וועט קומען א מילד-ווייכער ענטפער.

און כאַטש מאַרוסיע וועט אינגיכן ווינען אליין אין איר אַבריקאָסעוון צימער, וועט,
ווי פריִער, ארבעטן אין דער בוכהאַלטעריע פון דער שיף-פאַרוואַלטונג, וועט ווײַטער טרינ-
קען טיי און אַמפּערן זיך מיט דער מומע יאַסיען, וועט נאָך קיין שום זאַך ניט פאַרזאָגן
דעם אָפּדערנאַכט און די רעגע, ווען זי וועט א רײַס טאָן די ספּראָנטשיקלעך פון דער
קעגנגאַז-מאַסקע, אויסטערסען פון דאָרט די בריוו, און זיי וועלן מיט איר א רעד טאָן
וועגן קאַטעגאָרישקייט.

און אין עטלעכע יאָר ארום, סעראַפימע וועט שוין ווינען אין מאָסקווע, וועט אין איי-
נעם א פאַרנאַכט, נאָך זײַן אורלויב, מורזינקע ארײַנזיאווען זיך צו איר אין שטוב און וועט
אומדערוואַרט א זאָג טאָן:

— נו, וואָס, שוועסטערקע? האָסט אָפּגעשטעקט די טשאַשקע מײַנע, האַ?

און קאָן זײַן, אז גראָד אין אַט דעם איינזאַמען בײַנהאַשמאַשעס-פאַרנאַכט, וועט מאַרו-
סיע זיך פאַרשליסן אין צימער, וועט אָנצינדן דעם אָפּגעבליאַקעוועטן אַלטמאָדישן אַבאַזשור
מיט די מאַזאַליעס-צייכנס ארום און ארום אפן רעמל, וועט ארויסשלעפּן פונעם דיוואַן דעם
ברעזענטענעם קעגנגאַז-בײַטל, וועט אופשפּיליען די ענגע פאַרזשאַווערטע ספּראָנטשיקלעך,
וועט א זיפץ טאָן, און ס׳וועט איר באַלד קומען אין קאָפּ ארײַן א געדאַנק, אז מע וואָלט
עפּשער געקאָנט ארײַנשרײַבן א בריוו אין אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ, און ס׳וואָלט זיך
גאַנץ מעגלעך געקאָנט אָפּזוכן דער אַדרעס פון איינעם א האַלב-פאַרגעסענעם נאַוואַגאַד-
ניק. ס׳וועט דאָך קיין שום באַזונדערס ניט געשען, אויב זי וועט אים אָנשרײַבן א בריוו,
און ער וועט איר ענטפערן מיט א בריוו, אויב ער לעבט נאָר. און, ווער ווייסט, עפּשער
וועלן זיי זיך אַמאָל נאָך זען אויך?

— וויאַזוי דאַרף מען עס פאַרשטיין? — וועט מיט דער גאַנצער שטרענגקײַט פון אַן
עלטערער שוועסטער סעראַפימע איבערפרעגן. — אוי, ביסטו אַן אַזעספּאַנעם, מורזינקע!
פונוואַנען נעמסטו, אז זי איז דײַנע?

— אַט וועל איך דיר באַלד זאָגן, — וועט מורזינקע ענטפערן ניט געײַלט, — ווער
עס איז דער עמעסער יורעש פון מישפּאָכע-רעליקוויעס?

באַם ברודער וועט קעגן סעראַפימעס היפּט-שטאַטישן מאַזל זײַן צו יענער צײַט אַן
אומבאַשטרײַטלעכע העכערקײַט — א זון בא סעראַפימעס אַקאַרעדיקייט.

— פינצטערניש, און ווײַטער גאָרנישט! — וועט סעראַפימע ענטפערן. — טיפּישע
פּראָווינציִעלע פינצטערניש! אין וואָס זעסטו רעליקוויעס? וואָס ערגערט דיך, וואָס? מיט
וואָס פאַר א ריזיקע קלייניקײַטן דײַן קאָפּ איז פאַרנומען! שעמסט זיך ניט?

צווײ וואָכן פאַר דעם וועט דער ברודער פאַרברענגען אַף א בײַדאַרקע אין די אַסטראַ-
כאַנער שווים-פּלעצער, וועט אופלייגן א שיין שטיק וועג און וועט פאַרקערעווען קיין מאָסק-
ווע, מעגלעך גראָד צוליב דעם דאָזיקן שמועס.

באַזלײַ ניט! — וועט דער ברודער ארויסלאָזן פונעם מויל א פּאַרט-וואָרט פון דער
מומע יאַסיעס לעקסיקאָן. דאָס וואָרט איז, זעט אויס, צונויפגעפּאַרט פון „באַזאַר“ און
„לײַ“ — „מאַרק“ און „האָוקע“, ס׳הייסט רעד ניט, ווי מע רעדט אפן מאַרק, און האָוקע
ניט, ווי יענע, וואָס האָוקען. — דיר אליין, שוועסטער, איז דאָך ערגער, אויב די קינדער-
יאָרן פון דײַן איין-און-איינציק פלימעניקל וועלן דורכגיין אָן מישפּאָכע-קלייניקײַטן, וואָס
זײַנען אַזוי נייטיק אַרויסצורופן קרווישע געפילן צום אייגענעם שטאַם. עס ליגט אַף מיר
א כויוו צו דערציילן דעם קינד מישפּאָכע-געשיכטעס!

— יאָ, מורזינקע! געשיכטעס זײַנען פאַראַן בא אונדז א סאַך! — וועט זי זיך דער-
פרייען.

— איך דאַרף האָבן וואָס צו ווײַזן! — וועט ער זאָגן זײַנס.

— ווער וואָלט געקאָנט טראַכטן! — וועט סעראַפימע אָנהייבן זיך בייזערן. — איך
בין דאָ אליין, ווײַט פון דער היים... די טשאַשקע וואַרעמט מיך!.. ווער וואָלט געקאָנט

טראכטן, אז א מענטש, וואָס האָט פאַרטאַכלעוועט אין א קאָמיסיע־מאַגאַזין דאָס גאַנצע מישפּאָכע־זילבער, וועט שטיין און קרעכצן נאָך א נישטיק טשאַשקעלע!

ווען דער ברודער איז אַלט געווען זעכצן יאָר, און עפּעס א מיידל האָט אים אויסגעזען ענלעך אַף לאַליטע טאַרעס, און ער האָט צוליב דעם קעסיידער געדאַרפט האָבן געלט אין קעשענע, האָט ער, קיינער זאָל ניט וויסן, פאַרקויפט די לעפל און די גאָפל מיט די מאָנאָגראַמען נ ג., וואָס דער וואַרשעווער מײַסטער האָט אויסגראַווירט, אַף בראָך.

— איצט עס איך זיך אוף! — וועט מורזינקע טרויעריק א זאָג טאָן.

און סעראַפימע וועט זיך אוועקשטעלן אַנטקעגן אים, וועט אַרופלייגן אירע בײדע הענט אַף זײַנע אַקסל, וועט אַרײַנקוקן אין די ליַיבלעכע טיגער־אויגן דעם ברודערס, וואָס זעט שוין אויס אַזוי מענעריש, פאַרמאָגט שוין הויכע ווינקלען בא די שלייפן, די הענט זײַנע — פול מיט אַלטע שניטן פון טאָקערײַ־סטרוזשקעס, פאַר ראַכמאָנעס און ליבשאַפט צו אים, קימאַט וויינענדיק, א זאָג טאָן:

— עס ווערט מיר שווער אַפן האַרצן, ווען איך דערמאָן זיך אונדזערע קינדער־יאָרן... געדענקסט, ווי מיר פלעגן זיך שלאָגן? איך בין געווען שטאַרקער פון דיר... דיך האָט נאָך כױץ דעם גוט אָנגעבױקעט די באַלעבאָסטע דײַנע... מיר דאַכט זיך, אַז דו ביסט געווען זייער אַן עלנט ייִנגל. ניין? כ׳פײַניק זיך אַזוי דערפון.

— איך בין דעמלט געווען ייִנגער פון דיר, — וועט ער זאָגן, — דערפאַר האָב איך פריִער פון דיר אָנגעהויבן ברענגען אַהיים פאַרדינסטן. דערפאַר האָב איך, זײַ מיר מויכל, פרי כאַסענע געהאַט, און פאַרמאָג שוין א יוירעש. איך בין שוין פון לאַנג געוואָרן עלטער פון דיר, און זע אויס עלטער, ניט אַזוי?

— זעסט אויס סאָליד, — וועט זי זאָגן און וועט נאָך אַלץ האַלטן בײדע הענט אירע אַף זײַנע אַקסל.

— פון דער הייך פון מײַן אויסזען עלטער פון דיר, סימעלע, — וועט ער א זאָג טאָן, — וויל איך דיר מעלדן: גיב מיר אָפּ דער באָבעס טשאַשקע! און דו וועסט זײַן גערעכט!

— ווידער דאָס זעלבע? — וועט זי זיך אופרעגן.

אין יענעם אָפדערנאַכט, בא א פאַרשלאָסענער טיר, וועט מאַרוסיע די בריוו לייענען און לייענען:

„סטאַמבול, 2־טער דעקאַבער, 1919.

טײַערע מאַרוסיענקע! מײַן לעבנס לעבן!

געדענקסט די שטימונג מײַנע פאַרן אוועקפאָרן? איצט איז זי נאָך אַן ערגערע. ווען דו וועסט לייענען מײַן בריוו, וועסטו מיסטאָם לאַכן ביז טרערן. איך לעב ניט, איך ליג אײַנגעלייגט, ווי א שטיין. איך בין אַזוי שולדיק קעגן דיר, ליבע מײַנע, אַז ווי כ׳זאָל זיך ניט באַמיִען, געפין איך קיין ווערטער ניט צו בעטן בא דיר, זאָלסט מיר מויכל זײַן. איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט קיין רעכט קומען צו דיר מיט מײַן וווּנד אין יענער אומרויִקער צײַט אײַערער. כאָטש, פאַרקערט: גראָד אַזוי קומען צו זייערע געליבטע שיינקײַטן שטאַרקע און ראָמאַנטישע מאַנצבלען. איך מאַך צו די אויגן און לעב נאָכאַמאָל איבער יענע פּאָר טעג, ווען מיר זײַנען געווען אײנײנעם, יענע איינציקע טעג אין מײַן לעבן, וואָס מײַן אַרײַנפאַלן אין ברונעם און מײַן פאַרוווּנדעטער אַקסל האָט מיר געבראַכט. איך פאַרשטיי, אַז בלויז א פאַרוווּנדעטער האָב איך געקאָנט קריגן בא דיר דײַנע צערטלערײַען. דו האָסט אַף קיין צענטכיילעק אַזוי ניט ליב, ווי עס האָט דיך ליב אָט דער שלעפּער, וועמען דו האָסט פאַרקישעפט אַף אַלע אייביקײַטן.

דאָס ליכט אַף מײַן וועג! דער שטערן אין מײַנע וואַנדערונגען! גלייב מיר! איך וועל רײַך ווערן! כ׳דאַרף זײַן אַזוי רײַך, קעדיי דו זאָלסט האָבן אַזאַ לעבן, וואָס דו ביסט ווערט. נאָר גלייב מיר טאָמיד. און געדענק טאָמיד, אַז דו ביסט מײַן לעבן, דו ביסט מײַן אַלצדינג, געדענק, אַז מײַן האַרץ איז געבליבן בא דיר, מײַן גאַנצע נעשאָמע איז געבליבן אין דײַנע הענט, אַז איך לעב קיין איין טאָג ניט אָן טויזנטער טראַכטענישן וועגן דיר, א מיליאָן מאָל אין טאָג כאָזער איך איבער דײַן נאָמען, אָן דיר בין איך א טויטער מענטש. און ס׳וועט קומען דער טאָג, ווען איך וועל קענען אײַנפלעכטן אין דײַנע צעפּ א גאַנץ שנירל איידלשטיינער. דו האָסט זיך מיר געכאָלעמט מיט די צעפּ אַף דער ברוסט, און א לאַנג שנירל איידלשטיינער איז אין זיי פאַרפלאָכטן, — דאָס האָב איך דיר געשענקט, אָט ווי דו האָסט זיך מיר געכאָלעמט!

איך אַרבעט, ווי פֿריִער, מײַן באַלעבאָס האָט געהאַלטן וואָרט, און איך בין אים זייער דאַנקבאַר, כאָטש איך ווייס גוט, אַז אַזאַ סעקרעטאַר, ווי איך, וועט ער ניט געפֿינען, ניט פֿאַר אַזויפֿיל געלט, ניט פֿאַר אַ סך מער געלט — אַזאַ סעקרעטאַר מיט אַזאַ קענען, ווי איך, אַזויפֿיל מיזרעך-שפּראַכן. דאָ איז איצט אין אַנלויף פֿון דער רוסישער עמיגראַציע, די לאַגע זייערע איז אַ שרעקלעכע. וועמען וואָלט אין רוסלאַנד געקאָנט קומען אפֿן זינען לערנען זיך טערקיש? איך קען די טערקישע שפּראַך גאָר פֿרײַ, זעסט, ווי כ'האָב אַלצדינג פֿאַרגעזן? און פּערסיש דאַרף מען דאָ אָפֿט האָבן. און פֿראַנצויזיש גאָר אָפֿט. אַזוי אַז, אייגנטלעך, בין איך דאָ זייער געשאַצט. פֿונדעסטוועגן אָבער איז דאָס אַלץ ציטווײַליק. איגיכן וועל איך מיך מיט מײַנע באַלעטוויוועניקעס אָפּגעזעגענען, מײַן האַרץ פֿילט אַ ווײַטן וועג, ווו איך וועל בא דער ענדע באַגליקט ווערן. דו דאַרפֿסט נאָר אַלע טאָג וויסן איין זאַך: כ'האָב דיך ליב! ווען מײַן האַרץ איז פֿול מיט אומעט, אָדער צווייפֿל פֿאַרסאַמט מײַן נעשאָמע — האָב איך דיך ליב. און באַנאַכט, ווען איך ליג אָן שלאָף, האָב איך דיך שרעקלעך ליב. און פֿאַרטאָג, איך כאַפּ זיך נאָר אויף און מאַך נאָר די ערשטע עטלעכע שפּאַן, טראַכט איך באַלד וועגן דיר.

וויאַזוי אַרבעט איצט, אין דער דאָזיקער שווערער צײַט, די פּאָטשט? ווען וועסטו מײַן בריוו דערהאַלטן? און צי וועסטו אים ביכלאַל דערהאַלטן? מאַניעטשקע, איינציקע מײַנע! פֿאַרגעס מיך ניט! כ'האָב דיך ליב!

דײַן, אף אַלע אייביקייטן, גרישע".

„אַטען, 12-טער אויגוסט, 1920.

שײַן מײַנע! לעבן מײַנס! אָטעם מײַנער! כ'האָב באַקומען דײַן בריוו — טויזנט דאַנקען דיר דערפֿאַר! כ'האָב אים געלייענט און געקושט! מײַנע אָרעמע פֿרײַנט קאָנען ניט פֿאַר-שטיין, פֿאַרוואָס איך בין אַזוי צעשײַנט און אַזוי גליקלעך. איך זאָג זיי — די גאַנצע וועלט איז מײַנע! פֿרעגן זיי מיר: וואָס איז, באַקומען אַ ירושע?

כ'האָב דיך ליב. כ'האָב דיך שטאַרק ליב, אַ גאַנצער באַרג ליבע ליגט אין מײַן ברוסט. אַ וואָך האָב איך געאַרבעט בא בויען וועגן, נאָר אינגיכן וועט זיך דאָס ענדיקן, און כאָטש קיין אַנדער אַרבעט איז דערווײַל ניטאָ, נאָר אַזאַ היץ אונטערן הוילן הימל איז פּאַ-שעט ניט איבערצוטראָגן. אַ היגע רײַזע-ביוראָ האָט מיר צוגעזאָגט אַ שטעלע פֿון אַן איבערזעצער, און אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי אופגענומען אַ צווייטן. פֿאַרוואָס בין איך אוועקגעפֿאָרן אָן רוסישע ביכער? כ'הייב שוין, דאַכט זיך, אָן פֿאַרגעסן רוסיש. נאָך גוט, וואָס איך קען פּערסיש. כ'מיין, אַז אין דער נאָענטער צוקונפֿט וועט דאָס האָבן אַ גרויסע וואָרט, עס וועט מיר דינען אין דער גאַנצער ערשטער העלפֿט פֿונעם יאָרהונדערט. מע זאָגט, אַז די וועלט הערט זיך איצט גוט צו צו פּערסיע. גריכיש, אַגעוו, איז אויך ניט קיין שווערע שפּראַך.

איך קוש דיך שטאַרק פֿיל מאָל. כ'וואָלט דיך געוואָלט זען, ווי אַ בלינדער וויל זען די זון!"

און אין מאָסקווע וועלן אפֿן באַלקאָן פֿלאַמען קעגן זון-פֿאַרגאַנג סעראַפֿימעס שיינע קווייטן, און דורך די קווייטן וועט זיך אָנזען און וועט רוישן די הויפּט-שטאָט, די ריזיקע שטאָט.

— צוגעלאַקכנט די טשאַשקע מײַנע, קלעפּיקע פֿינגער! — וועט מורזינקע אַ זאָג טאָן אפֿן פּאַרט-לאָשן.

— וואָס'ט ער זיך אָנגעטשעפּעט צו מײַן טשאַשקע? — וועט זיך סעראַפֿימע ווידעראַ-מאָל אופֿרעגן און אַ זאָג טאָן אַ וואָרט פֿון דער מומע יאַסיעס לעקסיקאָן, וואָס מע קען עס ניט אָפּדרוקן.

— פֿע, ניט שיין! — וועט ער זיך אויך אופֿרעגן.

— סילוואַ, דו האָסט מיך ניט ליב!.. — וועט זי זיך צעזינגען און צעוויינען פֿאַר צערט-לעכקײַט צום ייִנגערן ברודערל אירן, וואָס איז שוין אַזוי עלטער געוואָרן.

„7-טער אַפּרעל, 1924, ליסאַבאָן.

טײַערע מאַניעטשקע מײַנע! דאָס בין איך, גרישע. געדענקסט מיך נאָך? אַ סך טעג שוין וויל איך דיר אָנשרײַבן אַ בריוו און ווייס אַפֿילע ניט, פֿאַרוואָס איך שרײַב דיר ערשט הײַנט. אין די לעצטע כאַדאָשים האָב איך געהאַט אַזויפֿיל איבערלעבענישן, אַז ס'איז אַזש גלײַכער וועגן דעם ניט צו רעדן. נאָר די וויכטיקסטע סיבע פֿון מײַן שווײַגן איז דאָס, וואָס כ'האָב ענדלעך פֿאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן זיך שוין, אַפּאַנעם, מיט דיר קיינמאָל מער ניט

זען. אָף וואָס קען איך האָפֿן? איך טראַכט די גאַנצע צײַט וועגן דיר, נאָר — אָף וואָס זאָל איך האָפֿן? דו ביסט מײַן אָטעם. כ'האָב פֿאַרלוירן די האָפֿענונג דיך צו זען, און כ'האָב ניט מיט וואָס צו אָטעמען אָן מײַן מאַרוסיען. מער ווי דערמאָנונגען פֿאַרמאָג איך ניט. וואָס וועט מיט מיר מאָרגן געשען גוטס, כוץ גאָרנישט ניט? איך בין געבליבן ניט מער ווי אַ בעטלער. אוי, וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכער כאָלעם האָט זיך מיר הײַנט געכאָלעמט! איך שיף זיך איינער אַליין אָף אַן אַזערע אין אַ שיפֿל, ס'איז פֿינצטער-כוישעך, אַפֿילע די לעוואָנע זעט מען ניט, און פּלוצעם טוט זיך גלײַך אָף מיר אַ רוק אָן אַ מיליטערישע שיף מיט האַרמאַטן, אַ פּאַנצער-שיף. און אָף דער דעק פֿון דער שיף שטייסטו אָנגעטאָן, ווי אַן אָפֿיצער. כ'האָב אָנגעהויבן פּאַכען צו דיר מיט די הענט, שרײַען אָף קוילע-קוילעס, די שיף איז דורכגעשווומען לעבן מיר, דו האָסט מיך דערזען, נאָר האָסט געקוקט אָף מיר מיט גלעזערנע אויגן, האָסט מיר אָף מײַן האַרצרײַסנדיק געשריי גאָרנישט ניט געענטפֿערט, און די שיף איז אַוועק אין דער פֿינצטערניש. כ'האָב זיך אופֿגעכאַפּט, ס'איז געווען צוויי אַזייגער באַנאַכט, און איך האָב אַלץ געטראַכט וועגן דיר, וועגן יענע אומפֿאַרגעסלעכע טעג פֿון אונדזער האַרבסט. וואָס זאָל דער דאָזיקער כאָלעם באַטײַטן? דו האָסט, זעט אויס, כאַסענע געהאַט... זײַ מיר מויכל פֿאַר מײַן שלעכטן קסאַװו און פֿאַרן גאָר קורצן בריוול. די הענט ציטערן מיר, מיר האָבן הײַנט זייער שווער געאַרבעט. איך קוש דיך און האָב דיך שטאַרק ליב, מער נאָך, ווי פֿריִער. אין גריכנלאַנד האָב איך דיך מער ליב געהאַט ווי אין טערקײַ, און אין פּאָרטוגאַל — מער ווי אין גריכנלאַנד, הײַנט — מער ווי נעכטן, יעדן טאָג מער ווי פֿאַר דעם טאָג. איך זאָג דיר זייער צו אָנצושרײַבן דיר אַ לאַנגן בריוו וועגן אַלצדינג, פֿון אַמעריקע. נאָך איין קליין קושעלע. אַדיע!

דײַן גרישע".

ייִדיש — יעכיעל שרייבמאַן

מײַן גראַמאַטיק

כ'האָב קיין דיקדוק ניט ליב.
ס'מאַטערט מיך זײַן פּאַרגלײַוערטער גאַנג.
(ס'הייסט ניט — שפּילן מיט ווערטער אַזוי,
וווי אין צירק אַ זשאָנגליאָר).
אויף גראַמאַטישע קלאַלימלעך
וואַרף איך אַרויף זיך מיט דראַנג
אין דער פרײַער מאַניר
פונעם הײַנטיקן יונגן דאָר.

און עס שרײַען מעווינים: אַמהאָרעץ,
געפערלעך די שפּיל!
אין די שפּראַכן דאַרף זײַן
אומבאַדינגט אַ באַשטימטע סטרוקטור.
כ'ענטפער שעמעוודיק אויף אָט די טײַנעס:
נו, יאָ... נאָר איך וויל
איבערלאָזן אין ייִדישן לאָשן מײַן אייגענעם שפּור.

ס'איז מיר ייִדיש ניט פרעמד.
איך בין אויך פון זײַן שאַפונג אַ גליד.
כ'האָב געהערט עפּעס-וואָס
פון מײַן באָבען פון וויגעלע אָן.
און איך ווייס דאָך אַפילע
און טײַל אײַך, ראַבויסײַ, ד'רום מיט:
ס'איז פּיעטוך ניט קיין הון;
ריכטיק ליטוועקעס זאָגן: „אַ האָן".

די גראַמאַטיק איז אָבער
דער שומער, דער גרונט פון אַ שפּראַך.
און אָן איר איז, פאַרשטייט זיך,
אומעגלעך צו קלעפּן די ליד.
אָן דעם דיקדוק וועט וואָרטן
אויף דיכטער אַ שטענדיקער קראַך,
און עס וועט זיך צעפאַלן
די שורע — אַ גליד נאָך אַ גליד.

ווײַל אַ וואָרט איז ניט פּאָשעט אַ וואָרט,
ווערטער זײַנען פאַראַן אומעטום,
ס'איז אַ סימבאָל אַזאַ
און אַ ביסל פּאָעטיק צו דעם.
יאָ, איך הער זיי קאָל-יאָמײַ,
כ'בין, כאָלילע, ניט טויב-שטום,
און איך האָב אין דער צוקונפט
מיט ווערטער זיך קריגן אַ שעם.

כ׳הער ארום און ארום
די פּילפּאַרביקע רוסישע רייד.
און איך קאָן דאָך אַנטלױפֿן
אַ געװיסע צאָל קלאַנגען פֿון זײ.
און די ליד װערט באַרײַכערט,
און גרויס איז אין הארצן די פרייד,
און ניט איינער אַליין
צו די ראַכװעסן ברייטע איך גיי.

װען איך לאָז זיך אַװעק
פון די ברעגן צום אָפענעם יאַם.
און זיך דורכריידן דאַרף איך
מיט אַלעמען און מיט אַלץ, —
דאַן די רוסישע װערטער
פאַריידיש איך, בוי אויס דעם גראַם
און ס׳גיט צו די גראַמאַטיק
צום מײַכל אַ ביסעלע זאַלץ...

איך אַטנאַסיע זיך גוט
צו דעם טשיסטי יעװרייסקי יאַזיק,
ער האָט עפּעס אַזױנס,
װאָס װאַלנויעט מײַן סערדצע באַהאַלט.
נאָר דער טשיסטי יאַזיק
איז אַזאַ מין מעציִע-אַנטיק,
פּרוּװ, געפֿין אים אַצינד
אין דער איבערגעמישטער װעלט.

און די אַלטע גראַמאַטיק
האַלט די װערטער, כּאַטש ס׳ציטערט איר האַנט.
און כ׳פאַרטרײַב דעם פרעמדשפּראַכיקן װאָלף,
װאָס גייט נאָך טריט און שריט.
מיט דעם דיקדוק איך בין,
כּאָטש נאָך װײניק, נאָר טאַקע באַקאַנט.
און מיר שרײַבן איבײנעם,
אײנצװײען, די דאָזיקע ליד.

מיר צעקריגן זיך אָפּט,
ער ניט ליב האָט מײַן װאָרט-שפּילערײַ,
און, אויב זאָגן דעם עמעס,
האָב איך אויכעט קיין דיקדוק ניט ליב...

אַ װיגליד

לעבן פענצטער שטייט די נאַכט,
אײַנגעבויגן און פאַרטראַכט.
זי איז אַלט און זי איז גרוי.
זינגט זי צו דעם קינד אַזױ:

אימירצעשעם, אימירצעשעם,
װעט די נעשאָמע װיסן דעם
קאַלירטן סאָד פון אונדזער זײַן.
שלאָף, מײַן קינד! שלאָף גיכער אײַן!
און הער די לאַנגע מײַסע װעגן
דעם מענטשן, װאָס איז שטענדיק קעגן
דעם טויט. ער איז אַצינד שוין מיד.
ער פאַרט פאַמעלעך פונ׳ם יאַריד.
אין אַט דער װעלט, װי אויך אין יענער
באַם האַקן װעלדער פּליִען שפּענער.
פאַרמאַך די אויגן, — ס׳איז מײַן טנײַ, —
װי מעגלעך לאַנג בעשאָלעם זײַ!
די מײַסע כ׳האָב דיר צוגעטראַכט,
איך, אַלטע, גרויע באָבע-נאַכט.
אימירצעשעם, אימירצעשעם,
װעט די נעשאָמע װיסן דעם
קאַלירטן סאָד פון אונדזער זײַן.
שלאָף, מײַן קינד! שלאָף גיכער אײַן!

אייביקייַט

מייַן הימל! דו שטייסט ווי א בארג,
א בארג צווישן אנדערע בערג.
עס הודיעט דייַן גלאָק-אייַזנווארג.
זיך הודיעט דייַן פייַערווערק.

אצינד ווער איך בין, ווייס איך ניט,
נאָר איבער דעם קאָסמישן טהאָם
א טרוימעריש פייגעלע פליט
און שרייַט מיר: „נעס גאָדל האָיאָ שאָם!"[1]

בא דעם יאם

דער דאָזיקער יאם
האָט אן אייגענעם טאם,
א טאם אף ניט צו פארגלייַכן.
דאָס גליק און דעם צאר,
דאָס אייַז און דעם פלאם, —
אלץ טראָגן צו אים די טייַכן.

אין שטורמישע נעכט
און אין שטורמישע טעג
פארזינקען די הימלען אין וואסער.
און איך זיץ אליין
בא דעם יאם אפן ברעג
א נארישער, נאקעטער, נאסער.

דער מאקסימאליסט

אין אורוואלד עס הערט זיך די אייביקע ליד.
דאָס הארץ איז אין פלוג, און דער קערפער איז מיד.
דו גלייבסט, אז אין פייַער דו גייסט ניט אומזיסט,
מייַן ברודער, מייַן צאָרע, מאקסימאַליסט.

עס האָבן אויך ענדלאָזע וועגן א סאָף.
האָסט דורכגעשפאנט זיי פון אלעף ביז טאָף.
אָדער אין בעזעם, אָדער אין מיסט
קאָנסטו פארוואנדלען זיך, מאקסימאַליסט.

דאָס בין איך

איך וויין, איך, א בלאָנד ייַנגעלע.
די ייִדן האָבן בישטיקע ארויסגעוואָרפן מיך
פון דער קאלאָנע:
„שייגעץ, טיקיי!"
די דייַטשן האָבן עס ניט באמערקט.
די אוקראַינער האָבן אף מיר ראכמאָנעס.

און די קאלאָנע גייט אוועק, —
מיט דייַטשישע אויטאָמאטן און הינט,
מיט שטויב און בערדיקע זקיינים,
מיט מייַן מאמען און מיט מייַן היים,
מיט מייַנע שווארצהאָריקע שוועסטערקינדער.
און איך שטיי אליין בא דעם וועג...

[1] נס גדול היה שם (העבר.) — א גרויסער נעס איז געווען דאָרט.

דאַניעל שעכטער

די געשיכטע פון דזשולי סעמאָ

אין הויז איז געוואָרן טישעבאָוו. א טישעבאָוו אינמיטן אָסיען, ווען פון דרויסן, פון דער טינע[1], רײַסט זיך אַרײַן צו אַלע צאָרעס אזא עסעריקער נעפּל.

דער פאָטער, אבע סעמאָ, האָט פארשלאָסן די טיר צו זיך אין קאבינעט און דעם שליסל א וואָרף געטאָן אין א זײַט. ער האָט שוין ניט געקאָנט איבערטראָגן די געשפרעכן, דאָס רעדן און אײַנרעדן. די מוטער, שאָשאַנע, איז געזעסן באַם פענצטער, וואָס גייט ארויס צום טײַך, אײַנגעקוקט זיך אין דרויסן, און ס'האָט זיך געדוכט, אז זי זעט גאָרניט, ניט דאָס, וואָס עס טוט זיך אין סאלאָן, און ניט די גראָוולעכע נעפּל-וואָלקנס, וועלכע דער ווינט טרײַבט איבערן טײַך. די צוויי זין זייערע אף דער קאנאפּע זײַנען אלעמאָל אונטערגעשפרונגען, געוואָלט ארײַנוואַרפן א וואָרט און זיך באַלד צוריק אוועקגעזעצט, געקוקט צו דער מומע דינע, זי זאָל זאָגן דאָס ריכטיקע און לעצטע וואָרט, ווײַל זיי לאָזט עס ניט טאָן מיט איר בייזן קוק די שוועסטער דזשולי. ס'איז געוואָרן טישעבאָוו. זי, די שוועסטער דזשולי, די מיזינקע, האָט זיך נאָכאמאָל דערמאָנט, אז זי וויל פארווירקלעכן איר טרוים — לערנען באַלעט, און מוז זיך צוליב דעם ארויסרײַסן אין דער הויפט-שטאָט. און נאָך זאָגט זי: וואָס איז עס פאר א טאכלעס זיצן בא טאטע-מאמע אפן קארק? דזשולי'ס באַלעט-כאָלעם האָט געוואָרפן א פּאַכעד אף דער גאנצער רײַכער שפּאניאָלישער סאָכרים-מישפּאָכע סעמאָ און אף זייערע קרויווים כודיאָ. די מומע דינע האָט געטײַנעט: „פונוואנען נעמט זיך אזא קלאָלע, אזא כארפּע אף א מישפּאָכע, ווי אונדזערע? זי קוילעט אונדז אוועק אָן א מעסער. כ'וואָלט א באַלן געוועזן צו הערן, וואָס עס זאָגט אף דעם דער זיידע, דער גראַנפּאַדראַ?” נאָר דער אלטער סעמאָ, יעסאָמער סעמאָ, איז זיך שטיל ארויסגעגאַן, און קלאָגן אפן אומגליק איז געבליבן זי אליין, זי, די מומע, דער גאנצער באלדייע אין ביידע מישפּאָכעס סעמאָ און כודיאָ. זי, דער געלט-שידעך בא שליסן שוטפעס, בא צעגיין זיך, בא „אָפּראַטעוועך” אָדער „דערשטיקן” א שוטעף, בא שרײַבן טנאָים, בא כאַסענעס, בא בריסן — זי, דער דאַם-סוינע פון לייענען ביכער, פון די ביכער, וואָס איר ברודער לייענט, פון די, וואָס דזשולי בלעטערט, און דעריקער — פון איר שוועגערן שאָשאנעס ביכער...

„פון די ביכער זייערע וועט מען אומקומען”, — פלעגט זי וואָרטשען, ווען זי האָט נאָר דערזען, אז איר ברודער אָדער די שוועגערן טראָגן, ווי געשמוגלטע סכוירע, א בוך אונטערן אָרעם. זאָל זי, דינע, זײַן אמאָל די סיבע, וואָס וועט כאָרעוו מאכן די גרויסע רײַכע שפּאניאָלישע מישפּאָכע? אין דעם האָט זי ניט אָנגעהויבן גלייבן, ווײַל זי איז דאָך קאָשער, ווי ס'קאָן נאָר זײַן קאָשער א ספאַרדישע נעשאָמע. אײַ, וואָס עס פלאַפלען פאר קינע סאָנייכינעם — זאָל איר ספאַרדישער גאָט זיי שטראָפן, ווי זיי פארדינען עס.

פון אן אָפּגעגילדט קריגעלע טרינקט דינע שווארצע טערקישע קאווע. א זופּ, און זי ציט צונויף די רויטע ליפּעלעך אירע. זי איז אופגעטראָגן, אָט די הויכע, שיינע און וואזשנע דאמע. זי ווארפט בייזע בליקן אפן יונגן מיידל, וואָס זיצט זיך אזוי בא דער זײַט און בלעטערט, ווי אפצולאָכעס, א בוך ווידעראמאָל מיט האלב-נאקעטע טענצערנס. פּלוצעם

[1] טינע — דונײַ־טײַך.

הייבט זי זיך אויף, דזשולי, גייט צו צום פענצטער, הערט זיך אײַן אין די גלאָקן-קלאַנגען פון דער שכיינעסדיקער „פּרעטשיסטע"[1], שמייכלט נאָך דערצו, פרייט זיך עפּעס, אַפּאָנעם, מיט גאָיִשע קלאַנגען — באַך, באַך. צו אַלדי שוואַרצע יאָר! דאָס שמייכעלע פון אָט דער כּצופע שטעכט דינען, ווי נאָדלען. און ווײַל זי ווייסט שוין, אַז אונטער אַזאַ שמייכעלע באַהאַלט דאָס מיידל כּוויזעק, קערט זי זיך אום צו איר שוועגערן:

— און דו שווײַגסט? שווײַגסט, שאָשאַנע?..

זי טוט אַ שטעל אַוועק דאָס קריגעלע אין שעלעכל, רוקט עס האַסטיק אָפּ פון זיך, גלײַך זי וואָלט אונטערגעצויגן אַ מין סאַכאַקל-פּאַסיקל, און פאַרטרינקט די קאַווע מיט אײַז-וואַסער. יעדער זשעסט אירער איז פון אַ דערצאָרנטער האַרנטע. פּאַכעד ווײַל זי אָנוואַרפן אָפן מיידל. אונטער דער שוואַרצער זײַדענער קלייד אָטעמט שווער די הויכע ברוסט אירע. דער מאַסיווער גאָלדענער מעדאַליאָן אויף איר האַלדז טוט זיך אַזש אַ קרום אויס אינײַנעם מיט דער קייט.

— שווײַג, שווײַג, שאָשאַנע, ביסט גאָט די נעשאָמע שולדיק... און זאָלסט אפילו יאָ עפּעס זאָגן, וועסטו מיר די ציין ניט פאַרעדן. איך ווייס, פונוואַנען די קלאָלע קומט...

— פון די רומעניש און רוסישע ביכער!.. — שיסט אויס מיט אַ געלעכטער די שולדיקע, דאָס מיידל, — איר האָט דאָס שוין ניט איין מאָל געזאָגט, מומינקע...

נאָר די מומע באַרויִקט זיך ניט, זי טוט אַ ווײַז מיטן פינגער אָפן קאַבינעט, פונוואַנען עס הערט זיך, ווי עס שפּאַנט דאָרט אום הין און צוריק איר ברודער:

— און פון זײַן פלאַפּלערײַ, דעם לוי-יוצלעכס. און פון זײַנע אי-דיי-ען, זאָלט איר מיר מויכל זײַן: „מיר לעבן זיך אויס הײַנטצײַטיק: פראַנסעז, אינגליש, ניצשע, קאַוטסקי", — און זי מאַכט אַ באַוועגונג אויסצושפּײַען, ווי מאַנצבלען באַם דאַווענען.

די מוטער, די טודעסקאַ[2], שווײַגט. זי שווײַגט אויס איר ביטער מאַזל צווישן די רײַכע, גאַדלעסדיקע און פאַנאַטישע שפּאַניאָלן, די מעיוכאָסים. איר מאַן, אַבאַ סעמאָ, איז פאַר דער שוועגערן דינע אַ לוי-יוצלעך, ניט נאָר ווײַל ער האָט ניט אָנגעזאַמלט אַזאַ אַשירעס, ווי זי, דינע, און איז מערער אַ „מענטש" אירער איידער אַ שוטעף, נאָר ווײַל ער האָט געקאָנט דערגרייכן אַנדערע שידוכים און ניט כאַסענע האָבן מיט אָט דער פון אָרעמען שטאַנד טודעסקאָ (אַ מײַסע פון אַריבער פינף און צוואַנציק יאָר צוריק). אין דער רעגע טראַכט זי טאַקע דערפון, דינע... אַרײַנגעבראַכט אַהער אָט די שאָשאַנע, וואָס איז מיט גאָרניט ענלעך צו די שפּאַנישע ספאַרדישע פּרויען. זי קאָן איר ניט מויכל זײַן, וואָס זי איז אַ קליינוווקסיקע, אָן איידעלע, אַ בלוי-אויגיקע, און האָט, נאָך אַזויפיל קינדלען, אָפּגעהיט איר מיידלשן כיין... איין גאָט האָט זי מאַציל געווען דערמיט, וואָס די קינדער אירע זײַנען כאָטש אַלע געראָטן אין די סעמאָס, אין די כודיאָס: שוואַרץ-אויגיקע, הויכע, און אַלע, כוץ דזשולין, — סאָכרים. דזשולי וויל אָבער ניט לײַדן, וואָס די מומע מאַכט זיך ניט-זעענדיק, אַז זי שטייט לעבן איר, און גאָרניט, ווי פּריִער, ווען זי איז געווען מעכויִעו אויסצוהערן מיט דערעכערעץ דער מומעס בייזע דראָשעס, ענטפערט זי סײַ פאַר דער מוטער, סײַ פאַר זיך:

— זאָלט איר וויסן, מומינקע זיסינקע, ס'זאָל אפילו אופשטיין פון יענער-וועלט דער גאַנצער ייִכעס סעמאָ און כודיאָ אינײַנעם, וועט שוין גאָרניט העלפן. — און שוין מיט קאַס גייט זי איבער פונעם סאַלאָן-רומעניש אויף דער מומעס שפּאַניש-ייִדיש — יעו נו וואָ קאָמער, מאַ וואָ אַזער לאָ קע קעראָ — און ווערט נעלעם.

— הערסט, שאָשאַנע, דיבורים? זי וועט ניט עסן, נאָר זי וועט טאָן אירס!..

אויך דער פאָטער, דער הײַנטצײַטיקער געשעפטס-מענטש פון דער מישפּאָכע, פון דינעס פירמע, איז קנאַפּ געווען אַנציקט פון דזשולים קינסטלערישע אַמביציעס. אומזיסט האָט ער זיך געסטאַרעט גיוווער צו זײַן „דעם אַקשן".

— באַלעט, באַלעט... מעגלעך, אַז ס'איז טאַקע אַ טועכץ, ווי פאַר וועמען, נאָר מאַכן דערפון אַן אידעאַל איז אַן אומזין, אַ מעשוגאַס!.. מיר, די אָפּגעשטאַנענע, האָבן זיך אונדזער מיינונג... — זאָגנדיק „אָפּגעשטאַנענע", איז, פאַרשטייט זיך, אַבאַ אויסן געווען דעם הייפּעך — אונדזער כּיוּוו איז פאָדערן פון אײַך אַכרײַעס פאַר אײַער אייגענעם גוירל. באַלעט, אידעאַל?.. רעדט מען שוין פון אידעאַלן, איז דער איינציקער — די סאָציִאַלע רעפאָרם...

דזשולין איז שוין פון לאַנג נימעס געוואָרן דעם פאָטערס בוכהאַלטעריע מיטן גוירל פון דער וועלט, זײַן כעזשבענען, ווער ס'איז גערעכט: קאַוטסקי צי לענין. „צום באַלאַנס וועלן

[1] פּרעטשיסטע (מאָלד.) — אַן אוראַלטע קלויסטער־פּעסטונג אָפן ברעג פונעם דונײַ.
[2] טודעסקאָ (לאַדינאָ) — אַשקענאַזישע פרוי.

מיר זען"... „מיר האָבן צײַט צו וואַרטן"... אבע סעמאָ האָט ליב געהאַט, און אָפט געפונען צײַט, פירן א שמועס מיקויעך דעם יאָרהונדערט. און ס'איז אים אויסגעקומען צו דערמאָנען אפילע מארקס' נאָמען. מיט שרעק.

און ער האָט זיך וויניק-וואָס געקימערט, וואָס פאר א געפילן דער יאָרהונדערט האָט געבראַכט זײַן קינד, וואָס פאר א געדאַנקען זי טראַכט, און וויאַזוי זי איז צו די געפילן און צו די געדאַנקען געקומען.

— וואָלט איך ניט זײַן צוגעבונדן צו מײַן טרוים, — האָט אים אמאָל דזשולי א זאָג געטאָן, — וואָלט איך שוין געפונען אן ענטפער, ווער עס איז גערעכט. איידער דײַן צווייטיקייט, איז שוין בעסער, כ'לעבן, ווי די מומע דינע זאָגט: „געווען און בלײַבן סאָכרים — אזא גוירל!..." און ניט נאָר סאָכרים. מיר הייסן אויך וווכערניקעס. בלײַבן, הייסט עס, וווכערניקעס, האַ?

דער איינציקער, וואָס שרײַט ניט אין אָט דעם הויז, בייזערט זיך ניט און מוסערט ניט, איז גראָד דער זיידע, דער סאָוואָ, יעסאַמער סעמאָ, וואָס וווינט אין אן אָפּגעווײַטערטן צימער אין הויז. אייניקע מאָל קומט אויס, אז מ'האָט אין אים ווי פארגעסן. דאָס הויז איז גרויס, פארמאָגט אָן א שיר צימערן, א ראַכוועסדיקע ווערַאַנדע מיט הויכע פענצטער, זאָל ער זיך זיצן און קוקן צו די וואַסערן, צו די בערג פון יענער זײַט טײַך... זאָל ער זיך זיצן אין זײַן ביידער-מעיוכעד, אָפּהיטן דאָס שווארצע מעבל, די פּאָליצעס מיט פארגעלטע ספּאָרים, דעם אָרן...

מ'איז אים כוישעד אין אלדאָס בייז. צי ער זיצט שאָענווײַז איבער א סייפער, בלעטערט אים, און מע ווייסט ניט, צי ער לייענט, צי ניט (קיין ברילן טראָגט ער ניט), צי ער שאָקלט מיטן קאָפּ אָפּ ניין און מישט גאָר דעם סייפער אָפּ צוריק, ברומט זיך צו א ניגן, קלאַפּט מיטן גאָלדענעם רינג אין זילבערנעם אש-שעלעכל...

זאָל ער ציִען זײַנע יאָרן. מ'איז אים אלץ מויכל געווען. אי דאָס, וואָס ער האָט פארצײַטנס ארײַנגעבראַכט אין שטוב א נײַע גראַן-מאַדרע, א טערקישע פרוי, א טײמענער ייִדישקע, וועלכע ער האָט אויסגעקויפט, צי גאָר געקויפט אין זײַן לעצטער נעסיִע אפן מיזרעך, געפּאַטערט אָפּ איר א מאַטמען גאָלד און זי איז דערנאָך אויקער געווען; אי דאָס, וואָס ער האָט צעטיילט זײַן פארמעגן, און מ'איז אים כוישעד, אז ער האָט נאָך גענוג באַהאַלטן... נאָר זאָל ער כאָטש ניט באַלעווען דזשולין, נאָכגעבן איר די שמאַד.

מ'האָט דעם אלטן ארומגערינגלט, ווי מיט א וואַנט, מיט ביטל און כשאַד. ווײַל אלעמאָל ווארפט ער זיך אָפּ זײַנע ארומיקע, ווי א ניט-דערקוילעטע כײַע, וואָס נעמט זיך אָן מיט אלע קויכעס און ווארפט אום איר קוילער. „כאַמוירים, בלינדע הינטלעך!" און יוּאָלט נאָר געווען דאָס. פלוצעם ווערט ער נעלעם און באַווײַזט זיך ערעוו שאַבעס מיט א מאַכנע שלעפּערס — אָרכים. ער נישטערט זיי אויס אין האַפן בא די שיפן, אין די אַכסאַניעס. בערדיקע ייִדן פון די מיזרעך-שטעט, אפילע קיין סאָכרים ניט, געהילפן, שאָמרים, און מ'איז מעכוייעוו צו פרייען זיך מיט זיי אינײַנעם מיט אים. די אָרכים קוקן מיט קעלבערנע אויגן אָפּ די זילבערנע לײַכטער, די שווערע געפעסן, אָפּ די טעפּיכער און אפן צירונג פון די פרויען. אונטער די אויגן וואָרטשען דזשולים ברידערלעך, ביידע אין איין קאָל: „מע גיט בעסער עפּעס צושטײַער אין דער טודעסקישער „האַכנאָסעס-אָרכים", און פּאַטער אן אייסעק. ניין, ער שלעפּט זיי אהערצו!" ער טוט אָן אגמעסנעפעש דער מישפּאָכע סעמאָ און כודיאָ. אלע אָן אויסנאַם פארשליסן די קאָנטאָרן, די געשעפטן, פאָרן אָפּ יאָמים-נוראָים אין דער הויפּט-שטאָט באַווײַזן זיך צווישן לײַטן, זײַן אין פראַכטפולן שפּאַניאָלישן גראַן-טעמפּל, אויסהערן א דראָשע פונעם גראַן-ראָוו סאַבאַטאַי דזשאַיען, ער, דער אלטער, האָט אויפגעהערט פאָרן, ער וועט גיכער גיין אין דער אָרעמער שול פון די האַפן-ארבעטער די „טאָגלוינער". ער לאַכט: „אָפּ אויסצוטרייסלען די זינד איז די הויפּט-שטאָטישע ריטשקע צו קליין, האַלעווײַ זאָל די טינע גענוג זײַן. און אומעטום איז איין גאָט..." פון „גראַן-פאַדראָ" איז ער געוואָרן „דער אויוורבאָטל"...

— איין גאָט... — וואָרטשעט דינע.

האָט מען טאַקע געוואַרט, וואָס דער אלטער וועט זאָגן אָפּ דזשולים דראָונגען. וועמען וועט ער דערנאָך צערטלען און באַלעווען, אויב זי וועט אוועק אין דער פרעמד?

נאָר דער אלטער האָט גאָר דזשולין געגעבן א מין שטומע האַסקאָמע זײַנע. אָט רופט ער זי ווידעראַמאָל ארײַן צו זיך, זיצט, קוקט ארײַן אין סייפער און דערציילט, דערציילט, ווי פונעם סייפער ארויס. דזשולי ווייסט, אז דאָס מאָל וועט זי אויספירן אירס, די שטוב וועט זי פארלאָזן. ווער זשע וועט איר נאָך דערציילן אזעלכע ליבע געשיכטעס וועגן די גרויסע דיכטער, וועגן דער ליבער שפּאַניע, פונוואַנען אירע אורזיידעס זײַנען אוועק אין

גײרעש מיט א סײפער אונטערן אָרעם, צעשפּרײט זיך דערנאָך איבער לענדער, באַגעגנט אַנדערע אומעס און לעשוינעס, און דאָך אָפּגעהיט, װי א הײליקע ירושע, זײער שפּאַניש ייִדיש... און ער זאָגט איר טאַקע:

— ס'איז דען פאַראַן א שענער לאָשן פון אונדזער קאַסטיליאַנאַ?..

ער זיפצט:

— אײַ, אַזױפיל לענדער געזען, און אויף דער שפּאַנישער ערד ניט געטראָטן... אָפּגעהיט דעם כײרעם...

דאָ איז, װי א װיכער, אַרײַן אין צימער דינע. אַרײַן מיט אירע טאַרומעס:

— א קינד רײַסט זיך אין דער פרעמד, און קײנעם אַרט עס ניט. זאָל עמעצער א װאָרט זאָגן. װער װײסט, װאָס עס קאָן זיך אָפּשפּילן. א װעלט — לעס דין װועלעס דאַיען. און דעריקער: זי רײַסט זיך אויף פונעם שוירעש...

דינע דאַרף קײן װאָרט אין קעשענע ניט זוכן. זי װאַרפט א בליק צו דזשולין. נאָר דזשולי, צוליב דער װיכטיקײַט פון דער שאָ, בלעטערט איצטער ניט איר בוך מיט די טענצערנס, נאָר דעם זײדנס אַלטע האַגאָדע מיט די ניסים-צײכענונגען.

דער אַלטער קוקט אויף דער טאָכטער זײַנער, אויף דינען, װי א װילד-פרעמדער, אַקוראַט ער האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען: צי ער פאַרשטײט ניט, װאָס זי װיל, צי ער װײסט ניט, װאָס איר צו ענטפערן, װײַל זי װעט אים ניט פאַרשטײן. א רעגע רײַבט ער זיך דעם שטערן, זאָגט דערנאָך:

— ביסט גערעכט, דינע. גערעכט בא אונדז... נו, און אַז עמעצער קומט צום סײכל, אַז ניט דער שוירעש איז דער אײנציקער איקער? ס'איז פאַראַן אַן ערד, אויף װעלכער אַלצדינג װאַקסט. עפּשער רײַסט זי זיך ניט אָפּ? זי צעברעכט גלאַט דײַנע אָפּגעטער, דינע: געלט, מיסכער, גאָלד!

דונערט שוין דינע אין זאַל אויף קוילע-קוילעס:

— אויװוערבאָטל!..

און װען ס'קומט דער טאָג, װאָס דזשולי האָט באַשטימט צו פאַרלאָזן די הײם, איז שװערער פון אַלעמען אים, דעם זײדן. און דזשולין רײַסט דאָס האַרץ: ער װעט בלײַבן אײנזאַם. ער, דער גוטער, דער פאַרביטערטער, קוקט אויף איר מיט זײַנע גרױסע מילדע אויגן, און זי זעט אין זײ עפּעס א פאַרבאָרגענעם ביטאָכן. זי טוליעט זיך צו אים, זי קושט זײַן אויסגעטריקנט באָקסער-פּאָנעם. ער פאַרשליסט די טיר, נעמט אַרױס פון צװישן די צוגעגרײטע טאַכריכים א פּעקל באַנקנאָטן און דערלאַנגט עס איר:

— דער זײדע װעט בא א נויט נאָך קומען צו הילף. אויף איר, אויף דײַן מוטער, איז יאָ א ראַכמאָנעס — א קאַטשקעלע אָן לאָשן.

און ער בענטשט איר לעכלעכאָ מיט א פּראַזע, װאָס זי פאַרשטײט אינגאַנצן ניט:

— גײ מײַן קינד. אונדזער אומע איז פּונקט װי מעכױעװ צו זײַן אין װעג... גײ אװעק פונדאַנען. גײ און זוך זיך דײַן דערעך, דײַנעם א ברעג!..

עס דערװײַטערט זיך און דערװײַטערט זיך די הײם. די ליבע שטױביקע האַפן-שטאָט. אירע קלאַנגען, דער טײַך מיט זײַנע שיפן, שיפלעך, באַרזשעס, פלאַכע װי אומגעהײערגרױסע טשערעפּאַכעס, דאָס גרילצן פון קײטן, װען די שיפן שטײען צו צום ברעג אָדער זײ פאַרלאָזן אים. עס דערװײַטערט זיך דאָס געפיל, װאָס דזשולי האָט צענדליקער מאָל געהאַט, װען זי איז געשטאַנען און געקוקט, װי א שיף װערט װאָס א מאָל קלענער און קלענער, עס שלינגט זי אײַן די װײַטקײַט. און זי אַלײן? װעט זי צושטײן צו אַן אַנדער ברעג? װאָס פאַר אַן אױגן װעלן זי באַגעגענען?

די אײַזנבאַן שלענגלט זיך צװישן באַרג און טאָל, יאָגט פאַרסאַפּעט צװישן װאַלד און פעלד, איבער טײַכן און בריקן. א נאַכט געדױערט די רײַזע ביזן גרױסן קראָך, װוּ דזשולי װעט פאַרװירקלעכן אירע כאַלוימעס. א גאַנצע נאַכט האָט דזשולי, א װאַכנדיקע, אַלץ געזען פאַר די אױגן די מוטער אירע. זי זעט, װי יענע שטײט א פאַרשטײנערטע אױפן פּעראָן. באַגלײטערס פון אַנדערע פּאַסאַזשירן האָבן געפאָכעט מיט די הענט, מיט טאַשן-טיכלעך, און זי, דזשולי, װען די באַן איז אַרױס פונעם װאָקזאַל, האָט געזען, װי די מוטער אירע, שאָשאַנע, װערט אַלץ קלענער און קלענער, עפּעס א קלײן פּינטעלע בלײַבט אונטערן שװאַרצן דאַשעק פון װאָקזאַל. קײנער פון דער מישפּאָכע איז ניט געקומען זי באַגלײטן, און די מוטער איז געװען אַזױ דערשלאָגן, ניט געװוּסט, װאָס צו זאָגן דער טאָכטער. דזשולי האָט געפילט, אַז אַלץ, װאָס די מוטער האָט איבערגעלעבט אין דער מישפּאָכע, האָט זיך איצט, װי א קנױל, אָנגעזאַמלט אין איר האַרצן, אין האַלדז, די טרערן האָבן געזאָלט מילדערן

דעם ווייטיק אירן, און מערער ווי א פּאָר ווערטער האָט זי פּאר א גאנצער שאָ דזשולין ניט געקענט זאָגן:

— כ'האָב מוירע... קיין סוינע וועט ניט צוטראכטן אזוינס, וואָס קומט אפן געדאנק... ס'רײַסט דאָס הארץ. פארשטייט מיך. וווהין וועסטו צושטיין?.. זײַ מאצל'יעד... זאָל דיר גיין גוט!..

דערנאָך, ווען ס'האָט זי מיטאמאָל באהערשט א געפיל פון כאראָטע, וואָס זי צעשיידט זיך מיט דער מוטער, מיטן זיידן, מיט דער שטאָט, ווו זי איז געבוירן געוואָרן און אופגעוואקסן, האָבן זיך די בילדער צוניפגעגאָסן, און זי האָט געזען, ווי די מוטער קומט אהיים, פארשפארט זיך אין איר צימער, שפּאנט ארום ביז שפּעט אין דער נאכט, די הענט צוניפגעקלעמט אפן רוקן... זי עפנט דאָס פענצטער און קוקט אין דער פינצטערניש צום טײַך... זי נעמט דערנאָך אין די הענט א בוך... דזשולי ווייסט, אז אין אזא צושטאנד וועט זי נעמען פונקט א רוסישן בוך... די מוטער האָט צוליב דעם געלערנט רוסיש. מילכאָמע-צײַט האָט זי בא א רוסישער מיליטערישער קראנקן-שוועסטער און בא איינעם אן אָפיצער א רוסישן באקומען א גאנצן קאסטן ביכער... דאָס מאָל אָבער וועט זי נעמען „טשטאָ דיעלאַט?" אין אן איבערזעצונג. דעם בוך, איבער וועלכן דזשולי האָט געיארשנט א צוגאָב-נאָמען — ווערא... און באם סאָף, ווײַל קיינער זעט דאָס ניט, וועלן קומען דער מוטערס ריטשקעס טרערן...

ווײַטער האָבן זיך די בילדער געוויקלט, ווי אין דער טונקלקײַט פון א קינאָ. קינדער־יאָרן. דער פאָטער איז אף דער מילכאָמע, אין דער עסטרײַכישער געפאנגענשאפט. אין שטאָט מאכט די דײַטשישע ארטילעריע כאָרעוו איין ביניען נאָכן צווייטן, צעשיסט די מיל, אלע הײַזקעס ארום... קאיאָר שטעלט מען זיך אין א לאנגער ריי אף צו באקומען ברויט און געקעכטס בא די רוסישע ארמייישע קיכן. זי גייט מיט דער מוטער קוקן, ווי די רוסישע סאָלדאטן פארפלייצן די גאסן, מארשירן מיט בונטע פאָנען, זינגען דאָ אין דער פרעמדער שטאָט זייערע לידער. אין שטוב איז קאלט, דאָס אייוועלע האָט אופגעפרעסן קימאט דאָס גאנצע מעבל און אלע קאָנטאָר-ביכער, וועלכע מ'האָט געבראכט אהיים. די רוסישע קיכן זײַנען אוועק מיט זייערע סאָלדאטן אין זייער צאָפן-מיזרעך-לאנד. די גאסן פארפלייצן שוין היימישע מענטשן. אויך מיט פאָנען און געזאנגען. זי שטייט אפן טראָטואר, קוקט, און עס קומט איר אויס, אז דאָס זײַנען ניט קיין מארשן, נאָר טענץ. דער אוילעם מארשירט ניט גלאט — ער טאנצט.

און ווען זי איז אין א טאָג, נאָך אזא פּראָצעסיע, ארײַן אין הויז פון איר מומען, פארסאפעט פון פרייד, האָט דינע זי אָפּגעפירט אהיים צו דער מוטער און אויסגעמוסערט שאָשאנען, געשריגן אף איר, ווי אף א דינסטמיידל:

— א קינד שליאָנדערט זיך ארום אָן האזשגאָכע אין אזא בעהאָלע, און ארום און ארום ראָצכים — באָלשעוויקעס!..

די מוטער האָט עפעס געשמייכלט, דינע איז געוואָרן בייז: „ראָצכים! ראָצכים!" און זי, דזשולי, האָט די גאנצע צײַט געפיבערט אין יענער נאכט. זי האָט געזען אין כאָלעם, וואָס עס האָט פּאסירט בייס די מומע האָט זי אָפּגעפירט אהיים אין איר קארעטקעלע. ארום גרויסן דענקמאָל זײַנען געשטאנען סאָלדאטן אין בלויע אוניפאָרמעס, מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן צו מענער מיט אנטבלויזטע ברוסטן. דאָס קארעטקעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט. ניט געקאָנט זיך דורכרײַסן צווישן האמוין. ס'האָבן זיך געהערט קולעס: „שיסט, קאינס, שיסט אין ברידער!" און ווען די קארעטע האָט זיך צום סאָף דורכגעריסן, האָבן אופגעקנאלט שיסערײַען, און מענטשן זײַנען געלאָפן און געפאלן...

שאָשאנע האָט זיך לאנג קעגנגעשטעלט, ניט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך דזשולין, נאָר דינע האָט אויסגעפירט אירס. מ'האָט דזשולין פארשפארט אין א פּאנסיאָנאט. דאָרט, בא די שווארץ-געקליידטע באָנעס, וועט זי לערנען גוטע מידעס, צוביסלעך פראנצויזיש, כעזשבן, סטענאָ, קלאוויר, טאנצן. און ס'האָבן געשטוינט אירע גאָטספּאָרכטיקע לערערנס: א קינד טאנצט, ווי מע שטרעקט אויס די האנט נאָך ברויט... ווי מע פאלט אף דער גאס...

וועג דער הויפּט-שטאָט, וועגן בוקארעשט, האָבן דזשולי און אירע שול-כאווערטעס געוווּסט, אז געגרינדעט האָט זי פארצײַטנס א פּאסטעך — בוקור. זיי האָבן געוווּסט, אז אין דער הויפּט-שטאָט וווינט דער קיניג און די קיניגן מיט זייערע צארטע און שיינע טעכטער, וועלכע פארנעמען זיך אלע ראָק מיט טאָן טויוועס ווויסנדאָרשטיקע און טאלאנטירטע דאָרפישע מיידלעך, און אז מיטן איניקל, דעם קיניגס טראָן-יורעש, לערנען זיך אין איין קלאס פּויערים-קינדער. זיי האָבן געוווּסט, אז ס'איז ניט פּאָשעט א הויפּט-שטאָט,

ס׳איז דער באַלקאַנישער פּאַריזש. ווײַל אין קאַבינעט באַם פּאַטער איז טאָמיד געווען אַ צײַטונג, האָט זיך דזשולי צונויפֿגעזאַמלט דערוווּסט וועגן דער הויפּט-שטאָט אויך אַנדערע זאַכן: „גנייוועס, רעציכעס, זעלבסטמאָרדן". זי האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז דאָרט זײַנען פֿאַראַן אַ שיר טעאַטערס, און זיי וואַרטן מאַמעש אַף די, וואָס שטרעבן צו קונסט. זי האָט ניט געוווּסט, אַז כוץ איר פֿאַלאַצן, פֿאַרמאָגט די שטאָט אַן אַ צאָל לאַנגע אומעטיקע, גאַסן, מיט שטיבער ווי קעסטעלעך, מיט שמאָלע הויפֿן, אָנגעשטאָפּטע מיט אָרעמקייט און נויט, און ווי נאָר דו גייסט אַראָפּ פֿונעם צוג, קאָן זיך מיט דיר באַלד טרעפֿן אַ „קליי-נע טראַגעדיע".

פֿאַרנדיק פֿונעם וואָקזאַל מיטן הילכיקן טראַמוויי, האָט דזשולי געלאַכט צו זיך אַליין, ווי נאַריש זי האָט זיך צעליאַרעמט: „מ׳האָט מיך באַגאַנוועט. כ׳האָב געהאַט נאָך איין טשעמאָדאַנדל!"

די סיבע פֿונעם באַגאַנווענען איז געווען איר אייביקע נײַגעריקײַט. זי האָט זיך אָפּגע-שטעלט צווישן אוילעם קוקן, און האָט זיך פֿאַרקוקט. פֿון אַ וואַגאָן האָט מען אַראָפּגעפֿירט אַ הײַפֿל מענטשן אין גרויע געשטרײַפֿטע בגאָדים, מיט קייטן אַף די פֿיס. זי האָט געזען, ווי איינעם פֿון זיי טראָגט מען אַראָפּ אַף די הענט און מע זעצט אים אַרײַן אין אַ וועגעלע. פֿאַרוואָס קאָן ער אַף זײַנע פֿיס ניט גיין? פֿאַרוואָס מוז מען אים פֿירן אין אַ וועגעלע? זי האָט זיך געשטופּט צווישן אוילעם, געוואָלט אים גוט אָנקוקן. אַן אַלטע פֿרוי האָט זיך געציילעמט, צוגעלאָפֿן, געטיילט עסן פֿון איר קוישל. אַ מיידעלע האָט מיט אַ דערשראָקן קאָל געפֿרעגט: „פֿאַרוואָס, מאַמע, טראָגן די מענטשן אַזעלכע קליידער? פֿאַרוואָס זײַנען זיי פֿאַרקאָוועט אין קייטן?" דערנאָך אַ באַפֿעל: „מאַרש!" און דער מאַמעס ענטפֿער: „שלעכטע מענטשן". מיטאַמאָל האָט דזשולי דערזען, אַז עס פֿעלט איר דער צווייטער טשע-מאָדאַן, און אָנגעהויבן גוואַלדעווען. און מענטשן זײַנען געשטאַנען און געלאַכט.

— זײַ צופֿרידן, וואָס מ׳האָט דיך אַליין ניט אַוועקגעגאַנוועט!... — האָט עמעצער גע-זאָגט.

דער צוג, מיט וועלכן דזשולי איז געפֿאָרן אין דער הויפּט-שטאָט, האָט אַף אַ סטאַנציע פֿאַרכאַפּט אַ טפּיסע-וואַגאָן. פֿאַרכאַפּט אים אין בעסאַראַבער סאַמע דאָרעמדיקן ווינקל — אין אַקערמאַן.

אין דער רומענישער מעלוכע האָט מען אַזאַ וואַגאָן גערופֿן „די דובאַ". דער צוג האָט פֿון אַקערמאַן געבראַכט אָט די דובאַ אַפֿן דער הויפּט-וואָקזאַל פֿון דער הויפּט-שטאָט, ווײַל אין דער הויפּט-שטאָט איז פֿאַראַן אַ הויפּט-טפּיסע, און אַ שפּיטאָל פֿאַר קראַנקע קאַטאָרזשני-קעס, אַן עטאַפּ פֿאַר אַסירים, וואָס מע דאַרף נאָך מישפּעטן אין הויפּט-געריכט.

אָט דעם וואַגאָן, אָט די דובאַ, האָט געזען דזשולי.

זי האָט געזען, ווי מע טראָגט אַראָפּ דעם אַרעסטאַנט אין די געשטרײַפֿטע בגאָדים און מע זעצט אים איבער אין אַ וועגעלע. דאָס פּאָנעם זײַנס האָט זי ניט געזען, זײַן קאָל ניט געהערט, זי האָט נאָר געזען איין האַנט זײַנע, וואָס איז געלעגן אַפֿן שוואַרצן געוואַנט פֿונעם וועכטערס אוניפֿאָרם.

ווי האָט זי דעמאָלט געקאָנט וויסן, אַז דער דאָזיקער אַרעסטאַנט אַפֿן וועגעלע וועט שפּעטער ווערן איר גוירל אין לעבן?

דער אַרעסטאַנט, וואָס איז אַזוי געפּײַניקט געוואָרן, אַז ער האָט אַף די פֿיס זײַנע מער ניט געקאָנט גיין און מ׳האָט אים געמוזט פֿירן אַף אַ וועגעלע, איז אַן אַקערמאַנער, אַ באַן-אינזשעניער.

אַקערמאַן, די אוראַלטע שטאָט באַם דניעסטער-לימאַן, די שטאָט, וואָס עס האָבן באַ-זונגען פּושקין און מיצקעוויטש, איז שוין ניט מער יענע פֿאַרצײַטיקע „ווי שטיל" — שטאָט. די צײַט, ווען רומעניע האָט אַוועקגעכאַפּט בעסאַראַביע באַ דער רעוואָלוציע, די צײַט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. קעגן די פֿאַרכאַפּער זײַנען אין אַקערמאַן און אין דער סוויווע אויפֿ-געקומען איינער נאָכן אַנדערן רעוואָליוציאָנערע קאָמיטעטן. זיי האָבן ווי פֿאַרווירקלעכט די סאָוועטישע מאַכט אונטער דער רומענישער הערשאַפֿט. געשטראָפֿט די רויבער, געשטראָפֿט פֿאַרעטער. די סוויווע איז אָרעם אין פֿאַבריקן, רײַך אין ערד. די באַוווינער פֿון אַקערמאַנער אויעזד זײַנען טאָמיד געווען גוטע זעלנער, קאַוואַלעריסטן, אַרטילעריסטן, פּויערים-אויפֿ-שטענדלער. אַ נאָמען פֿון אַן אַקערמאַנער מאַטראָס איז פֿאַרשריבן אַף אַ טאַלינער טורעם— מאַטראָסן-אויפֿשטאַנד אין רעוואָל 1905: קאָסטין. דאָס צעטל פֿון די גיבוירים איז אַ לאַנגס. און איינער פֿון די, וואָס האָבן אַף זיך גענומען דעם אָל לערנען די פּויערים, גע-

וועזנע קאוואלעריסטן, געוועזענע מאטראָסן-אופשטענדלער, קונציקער אויסנוצן דאָס באַלטענע געווער, איז געוועזן דער באַן-אינזשעניער אלעקסאנדער גוראָוו.

ער האָט אי פארשאפן געווער, אי אליין געשריבן א פלוגבלעטל, אי עס אָפגעדרוקט, אי געגאַן אינײנעם מיט אלע אופרײַסן א בריק, אי געהאלטן א הייסע הארציקע רעדע, געפאָדערט גערולד, אויסגעהאלטנקייט.

אזוי, אויסערלעך, האָט עס אויסגעזען גאָר אנדערש: דער רעזידענט פון דער „זאַקאַרדאָנסקאיא קאָלעגיִא" איז ניט מער ווי א באַן-אינזשעניער, א פינקטלעכער פעדאנטער אָנגעשטעלטער פון דער באַן-פארוואלטונג. א שפּענדעלע פון דער באַן לאָזט ער ניט גיין לעיִבעד. ער איז קלוימערשט כאוועך מיט דער פניי פון דער שטאָט. מיט אָפּיצערן מאכט מען אמאָל א קויסע, מע גייט אינײנעם אף א באל, מע הערט, ווי דער מיליטערישער אָרקעסטער שפּילט סימפאָניעס. אין א פרײַער צײַט זיצט ער באם ברעג פונעם לימאַן און כאפּט מיט זײַנע ווענטקעס ביטשקעס. אָרעמע קליינע שווארצקעפּיקע פישעלעך. זאָגט מען אים: „ניט קעדײַ, אזא פערזאָן, ווי איר, זאָל פארלירן צײַט אף ביטשקעס... קוקן אף יענער זייט, צו די באָלשעוויקעס, קוקט איר ניט. פארוואָס מאכט איר ניט קיין פאָליטיק, דאָס איז דאָך די שענסטע קאריערע". ענטפערט ער: „זאָל מיך גאָט שוימער אומאציל זײַן... מײַן שטעלע, מײַן שטיקל ברויט מיט פוטער, מײַן קאָס ווײַן... איר ווייסט גאָר ניט, ווי באַטאמט ס'איז א פישער — יויך אין א כמורנע טאָג..." א צווייט מאָל זעט מען אים מיט מאָלערײַ-מאכשירים. ער מאָלט באגינענס, שקיִעס, וואָס באלויכטן די גרויע אוראלטע אקערמאנער פעסטונג-ווענט. גייט מען דורך די גאס, ווו ער וווינט, הערט זיך, ווי אין דער שטוב זײַנער שפּילט קלאוויר, וויינט א פידל.

וועמענס גורל באוויינט גוראָווס פידל?

אין דער סוויווע קומען פאָר געשעענישן נאָך געשעענישן. א מיליטערישער צוג האָט זיך אופגעריסן אף די רעלסן. אין דערפער פארטרײַבן פויערים די שטײַער-מאָנערס. פארברענען זייערע קאָנטאָר-ביכער. די סיגוראנצע באקומט א ביטערן פסאק. די פניי-איר זײַנען מאָלע-רעציכע: מע וועט זיך דערפון דערוויסן אין דער הויפּט-שטאָט. „וואָסי, ווייניק זשאנדארן? ברענגט מען נאָך. דער פרעפעקט איז א לוי-יוצלעך? — וועט מען שטעלן א נײַעם". יעדער וועג און שטעג ווערט באוואכט, יעדעס פויעריש פורל באטאפּט. יעדע שטוב איז מען כוישעד — א נעסט פון טעראָריסטן. א קוריער פון רעווקאָם האָט מען, ווי א ווילדע כײַע, נאָכגעשפּירט און נאָכגעיאָגט. די פאָר גראנאטעס זײַנע אף צו פארטיידיקן זיך האָבן זיך אויסגעלאָזט. ער האָט א ריס געטאָן א קאראבין בא א זשאנדאר, פארבאריקאדירט זיך ביז דער לעצטער קויל. ער איז אוועקגעפאלן צעלעכערט, ווי א רעשעטע, און גוראָווס נאָמען אין זיך דערשטיקט.

דעם אומבאקאנטן אופשטענדלער באוויינט גוראָווס פידל.

צום סאָף, ווען מ'האָט זיך צו אים, צו אלעקסאנדערן, דערקליבן, איז זיך קיין אקערמאן צונויפגעפאָרן די גאנצע מאכנע שפּיר-הינט, וואָס האָבן געבאלעבאטעוועט אין בעסאראביע. „הער, הער, אָט דער היימישער אינזשעניער, מ'איז דאָך שוין צענדליקער מאָל געוועזן בא זײַן נאָמען". כאווײרים האָבן איינער נאָכן אנדערן גענומען אף זיך די קויל און זײַן נאָמען ניט דערמאָנט. פון אים אליין, פון אלעקסאנדערן, האָט מען זיך נאָך ווייניקער דערוווּסט. א קליין הײַפעלע פויערים ארום אים איז אויסגעשטאנען אלע פײַניקונגען. אין דער סוויווע זײַנען פונדעסטוועגן פארבליבן פונקען, נעסטן, פון וועלכע ס'האָט מיט א דרײַ יאָר שפּעטער זיך צעפלאקערט דער גרויסער טאטארבונארער אופשטאנד.

ארײַן אין די הענט פון די אויסשפּירער א קרעפּטיקער, א גוואר, איז ער פון זיי „ארויס" א שיורעקיילע, א באלמום. די פיס האָבן אים מער ניט געדינט, און נאָך גאָר לאנג, אפילע צום פראָצעס האָט מען אים געמוזט ברענגען מיט באנדאזשן אפן קאָפּ. „וואָס האָט איר געוואָלט, יונגערמאן, מע זאָל אײַך געוועזן מעכאבעד זײַן מיט א שווארצער קאַווע?" — האָט מען אין געריכט געענטפערט אף זײַנע פּראָטעסטן. „זאָגט בעסער, וואָס איז דאָס פאר א ביכעלע?" — האָט דער געריכט-פאָרזיצער געפאָכעט מיט גוראָווס נאָטיץ-ביכל אין דער האנט. נאָר דאָס דאָזיקע נאָטיץ-ביכל, די שיפרירטע נעמען דערין זײַנען אף אייביק געבליבן א סאָד פאר די זשאנדארמען. עמעס: זיי האָבן אים ארויסגעריסן פון די רייען, איבערן לאנד ווילדעוועט ווײַטער די בײַטש, די ביקס, די פרוי זײַנע זאָגט זיך אָפּ פון אים, וואָס פאר א טרוימען קאָן ער נאָך טרוימען? וועמען וועט ער נאָך קאָנען רופן: גיי, טו?.. זיי האָבן אים פארמישפּעט אף גאנצע פופצן יאָר, צעבראָכן אף אייביק. אזוי מיינען זיי. — די פיס וועלן אים מער ניט דינען, דאָס איז זיכער. און אינגיכן דער גערדאנק אויך ניט...

— ער איז נאָך גענוג קרעפּטיק. קוקט אים אָן, ווי ער לאַכט.

— איבערשיקן אין דער הויפּט-טפיסע... זאָלן זיי זיך דאָרט מיט אים וואַרגן...

אַזוי קומט אַלעקסאַנדער אָן פון אַ בעסאַראַבער טפיסע אין דער הויפּט-שטאָטישער טפיסע.

און דזשולי זעט אים, צום ערשטן מאָל, באַם וואָקזאַל, אַזוי ווי זי האָט אים געזען.

ווײַטער קומט עס פּאָר מיט דזשולין געשווינדער, ווי עס דערציילט זיך. וויפל הויז-באַלעבאָסטעס האָבן דזשולין אופגענומען ווי אַן אייגן קינד! נו, איז זי דען געקומען אין דער הויפּט-שטאָט, נאָר קעדיי אַלעמאָל אַריבערפאָרן פון איין דירע אין דער אַנדערער? אין וויפל טירן האָט זי שוין ניט אָנגעקלאַפּט! וויפל מאָל האָט זי אַלץ געזוכט דעם אַרײַנטריט אַף דער געגאַרטעטער בינע! געפיבערט, געפלאַטערט, געוואַרט, ביז עס וועט קומען די שאָריעסדיק דער „אַרײַן“, און ס'איז אַזוי אומגעריכט-אַכזאָריעסדיק דער „אַרויס“, דער אָפּזאָג, דער צווײדײַטיקער: „קומט, פרײַלן, עפּשער מיט אַ צוויי וואָכן שפּעטער...“

דאָ, בײַ די הינטער-טירן, האָט זי זיך איבערבאַקאַנט מיט צענדליקער מיידלעך אַזעלכע, ווי זי. אַלע זײַנען באַגלײַך מיט איר גרייט צו גיין אַף די גרעסטע קאָרבאָנעס פאַר זייער בינע-כאָלעם-באַלעט. שטייענדיק בײַ די הינטערשטע טירן, ווײַזט זיך איר אויס, אַז אַף דער בינע הענגט אַ מין גרויסער שווערער שלאָס, צענדליקער מאָל שווערער און קונצירײַכע פאַרשלאָסן איידער די שלעסער, מיט וועלכע מע באַוואָרנט אין איר היים די גרויסע רײַכע סכוירע-סקלאַדן. אייניקע מאָל קוקט איר אויס, אַז די מומע דינע שטייט באַם פאַרשליסן אָט דעם שלאָס, ווי זי שטייט דאָרט לעבן סקלאַד אירן, באַהאַלט דערנאָך דעם גרויסן שליסל אין איר שוואַרצן לעדערנעם טאַש. הײַנט ווײַזט זיך דאָס איר אויס, אַף מאָרגן פאַרגעסט זי עס און בלײַבט באַם אַלטן: זי וועט ניט אָפּטרעטן, זי וועט קעמפן. זאָל אַפילע אין די נעכט דער צווייפל נאָגן דאָס האַרץ, ווי אַ וואָרעם...

„איך וועל ניט עסן, נאָר טאַנצן וועל איך“.

טאַנץ זשע, שטאָלצע דזשולי סעמאָ! אַ פּאַטעפאָן האָסטו מיטגעבראַכט. שאַלפּלאַטן פון באַוווּסטע באַלעט-שטיק האָסטו אײַנגעקויפט. נאָטן, לערן-מאַכשירים. די הויז-באַלעבאָסטע פאַרמאָגט אַפילע אַ פּיאַנע אויך. טאַנץ! פון דער גאַליאָרקע קאָנסטו צוקוקן אײַן באַלעטזיך ברייטלעך אַוועק אין פּאַרטער, מע גאַנוועט זיך אַרײַן אַף דער בינע און דער שטערן איז לעבן דיר, אויב די באַרימטקײַט געפעלט דיר שטאַרק, טאַנץ נאָך, מיט מערער ברען. און אַז די באַלערינעס פאַלן צומאָל אומגעלומפּערט אַוועק, ווי די זעק, וואָס די טרעגערס וואַרפן אין האַפן, פאַרבײַס די ליפּ, שמייכל ניט, מאַך זיך ניט זעענדיק און ניט וויסנדיק. טאַנץ אויס, דזשולי, דײַנע אייגענע הונגער-גאַסן-פּראַצעסיעס-טענץ! רעפּעטיר! געוווין זיך צו. אויך דאָ אין דער הויפּט-שטאָט שטרעקן זיך אויס הענט: ברויט! ברויט! ברויט!

און עס קומט אַ טאָג — און ווײַל זי האָט זיך אַליין צוגעזאָגט, אַז פאַרן כאָלעם אירן וועט זי גיין אַף אַלע קאָרבאָנעס, לאַכט זי פון זײַן אָנקום — ס'לאָזן זיך אויס דעם זיידנס באַנקנאָטלעך, זי בלײַבט אָן אַ גראָשן אין טעשל. דאָס בעטל דאַרף מען באַפרײַען, די באַלעבאָסטע זינגט איר דאָס לידל „דירע-געלט, דירע-געלט דאַרף מען צאָלן“. ניטאָ די פּיר ליי אַף אַ קריגעלע זויערמילך אין דער מילך-קיך. אַהיים שרײַבן וועט זי ניט. קיינער פון די קינפּטיקע זינגערס, מאָלערס, טענצערנס, שרײַבער, קאָמפּאָזיטאָרס, וואָס זיצן אין די אָוונטן שאָענווײַז בײַ די בלעכענע טישלעך אין מילך-קיך, וואַרטן ניט אַף קיין הילף פון זייערע עלטערן. פאַרקערט: פון די אָרעמע פּאַרדינסטן זייערע, פון די „שאָען“, פונעם פאַרקויפן צײַטונגען אַף די גאַסן, פונעם טראָגן די טשעמאָדאַנען בײַ אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן, שיקט מען נאָך אַמאָל אַ מוטער אַ קליידל אַף אַ יאָמטעוו. דאָ, בײַ די שוואַרצע טישלעך, באַם שוואַרצן אָנגעגליטן אײַוועלע מיט די באַזילבערטע רערן, דערוואַרעמט מען זיך אַ ביסל. מע דערטראַכט די ניט דערטראַכטע ראָמאַנען, וואָס מע שרײַבט בעשוטפעס מיט פיר און פינף מעכאַברים פאַר אַ פאַרלאַג, וואָס גיט די דאָזיקע „שפּאַנענדיקע“ ראָמאַנען אַרויס העפטנווײַז... „עריקאַ — די געטין פון די וועלדער“...

די נײַע כאַווערטע דזשולים, מאַשע זאַראַקיע, איז געווען עלטער פון דזשולין אַף גוטע פינף יאָר. אויך אַן אָנגעקומענע פון בעסאַראַביע. זי האָט דאָ געפונען אַ טועכץ ערגעץ אין אַ סאָכרישער ביוראָ.

מאַשע פלעג אין דער מילך-קיך אופקלעפּן אופרופן, ברענגען אַלע וואָך דרײַ פּיצינקע צײַטונגלעך, אײַנשרויפן זיי אין די רעמלעך צווישן די גרויסע צײַטונגען, וואָס פלעגן טאָ-

מיד ליגן אַף א טישל. אַן אויסגעדייוועטע, מיט גוטע לױפֿנדיקע אויגן. זיי לױפֿן אום, די אויגן אירע, אַהין און אַהער, גלייַך זי, מאַשע, איז כוישעד, אַז עמעצער שפּירט איר נאָך, אָדער גלייַך זי אַליין שפּירט עמעצן נאָך. דזשולי איז געזעסן מיט מאַשען בא איין טישל, געלייענט א צייַטונג, אייַנגעקוקט זיך אין מאַשעס פּאָנעם. מאַשע האָט איר פֿאַרגעלייגט קויפֿן בא איר א ביכעלע, עפּעס א קליין ביכעלע מיט רויטע טעוועלעך פֿון אַן אומבאַקאַנטן שרייַבער אי. ערענבורג: „צוויי ליולקעס". „פֿאַרוואָס נאָר צוויי?" — האָט דזשולי שטיפֿעריש געפֿרעגט. זי האָט ניט געהאַט קיין כיישעק צו קויפֿן. נאָר די יונגע פֿרוי האָט אַף איר עפּעס א מאָדנע שאַרפֿן קוק געטאָן: „איר האָט ניט קיין געלט, וועט איר מיר באַצאָלן אַן אַנדערס מאָל. ס'איז א נייַער שרייַבער, א רוסישער".

דזשולי האָט דאָס ביכעלע גענומען. די ליולקע פֿונעם קאָמונאַר האָט זי דאָ אַפֿן אָרט איבערגעלייענט, ניט אויסגעהאַלטן, אַזש אויסגעשריגן: „אַזא דערהויבנקייַט!.."

אין א וואָך אַרום זייַנען זיי געזעסן באַם זעלבן טישל, און מאַשע האָט פֿאַרגעלייגט דעם אוילעם קויפֿן קליינע רויטע צעטעלעך, אַף וועלכע ס'איז געווען אָנגעצייכנט, ווי א האַנט צעפֿלאַטערט א פּאָן הינטער גראַטעס. בא מאַשען זייַנען אַלע ווערטער אַרויסגעקומען אַזוי פּאַשעט, ווי „א גוט-מאָרגן"... „אונדזערע מענטשן"... „טפּיסעס"... „קעמפֿער"... „באַפֿרייַען"... און ווען דזשולי איז געבליבן אָנעם בעטל און געזוכט אין די צייַטונג-אַנאָנסן א נייַע דירע, האָט איר מאַשע פּלוצעם א זאָג געטאָן: „קומט צו מיר. מיר האָבן צוויי צימערן, מייַן זאַראַקיַע פֿאָרט א גאַנצן כוידעש אַרום". אַזוי האָט זיך דזשולי באַזעצט בא מאַשען און איז מיט דער צייַט געוואָרן ניט נאָר א קוואַרטיראַנטקע, נאָר א כאַווערטע אירע. מאַשע האָט איר אַלץ צוגעגעבן ביטאָכן: „אַלע כאַלוימעס מוזן סאָפּקאָלסאָף פֿאַרווירקלעכט ווערן!.."

— הערסט, — האָט איר מאַשע איינמאָל א זאָג געטאָן, — עפּשער וואָלט געווען א פּלאַן, זאָלסט זיך אייַנאָרדענען בא מייַן סויכער? ער זוכט א סטענאָגראַפֿיסטקע. קענסט, דאַכט זיך, סטענאָגראַפֿיע, ניין? עמעס, ס'איז דאָרט גאָרניט ראָמאַנטיש. ביכלאַל איז מען דאָרטן, ווי אין א קאַזאַרמע. נאָר מיר זייַנען דאָך דאָרט צייַטווייַליק. דו וועסט אויך זייַן צייַטווייַליק...

מיט אירע אומרויִק-לויפֿנדיקע אויגן, מיט אירע אָן א שיר אופֿגאַבעס און אָן א שיר סוידעס, האָט מאַשע נויסע כיין געווען בא דזשולין. ס'איז איר געווען ליב די שאָען, ווען זיי זייַנען ביידע איינינעם. אָט טוט זיך מאַשע מיטאַמאָל א כאַפּ: „זיץ און וואַרט אַף מיר, כ'האָב א באַגעגעניש". „אַזוי שפּעט א באַגעגעניש?" — כידעשט זיך דזשולי. „א נאָפֿקע-מינע — שפּעט, פֿרי". — ענטפֿערט מאַשע און אַנטלויפֿט. ביז דזשולי זעט מאַשען צוריק פֿון די באַגעגענישן, קומען איר אין קאָפּ קאָלערליי סאַקאָנעס, אָנפֿאַלן... זי דערפֿרייט זיך, ווען מאַשע קומט צוריק א שטראַלנדיקע, ווייַל עפּעס „איז נישקאָשע", און ווערט אומעטיק, ווען מאַשע פֿאַלט אַרייַן אין שטוב א בייזע, אַן אופֿגערעגטע, און זאָגט: „ס'איז שוין, אפֿאַנעם, געווען צו גוט, טאַטע זיסער!.." אין וואָס עס באַשטייט דער „נישקאָשע" און אין וואָס „ס'איז שוין געווען צו גוט", האָט דזשולי ניט געוווּסט, פֿאַרשטאַנען, אַז ס'האָט מיסטאָם צו טאָן מיט דער צייַטונג, אָדער מיט דער הילף פֿאַר די אַרעסטירטע. און דאָ איז געשען א נייַס: ס'איז צוריקגעקומען פֿון זייַנע אַרומפֿאָרענישן מאַשעס מאַן — זאַראַקיַע. ער האָט פּאַשעט געכויזעקט פֿון מאַשען: „ווייַל איר זעגט ניט פֿעיִק צו געווינען אַן אַרבעטער, זוכט איר זיך אָפּ די ניצשעאַנישע... וואָס וועט זי טאָן? זי וועט שטרייַקן בא דייַן באַלעבאָס? זי וועט העלפֿן קרעכצן?.. קיין קרעכצערס דאַרף דער אַרבעטער-קלאַס ניט. ער וועט זיך יאַקאָס אַליין באַשטיין זייַן שטעטל". אַזא פֿאַרשוין איז געווען אָט דער זאַראַקיַע. „מיר דאַרפֿן ניט קיין שאָפּענהויערישע עלעמענטן, — טייַנעט ער. — מיר דאַרפֿן זיי ניט און זיי דאַרפֿן אונדז ניט. אַלע צאָרעס קומען בא אונדז פֿון זייערע וואַקלענישן און זייער קאַלטער פֿלאַמפּייַערדיקייַט". צי ער איז אין עפּעס געווען גערעכט, צי ניין, נאָר מאַשע האָט אים א זאָג געטאָן: „זעסט אָט דאָס מיידל, עמעס טאַקע, גאָר צופֿעליק האָט זי געגנאַשט בא איר פֿאָטער אין ביבליאָטעק קאַוטסקיס „עקאָנאָמישע לערע", נאָר זי קאָן דיר דערקלערן דעם סאָד פֿון מערוועט". דער קליינוווקסיקער רירעוודיקער זאַראַקיַע האָט א רעגע פֿאַרמאַכט זייַנע שוואַרצע אויגן, מיט פֿאַרקוועטשטע אויגן א זאָג געטאָן: „בא די שאָפּענהויערישע עלעמענטן איז אַפֿילע די לערע פֿון מערוועט גאָרניט די ווערט", און איז אַנשוויגן געוואָרן. נאָר מיט דזשולין איז ער געבליבן „א גוט-מאָרגן — א גוט-יאָר". ער איז געווען א באַרגאַרבעטער, אין זינען געהאַט נאָר זייַנע ענגע פֿאַריין-אינטערעסן: שטרייַק, לוין. ער האָט, פֿאַרשטייט זיך, געוווּסט אין די „קליינע אויסיעס" אויך, נאָר גאַנץ ערנסט געוואָלט, אַז באַם אַרבעטער זאָל שוין איצט „זונטיק זייַן א הון אַפֿן טיש".

5*

מאשע האָט זיך געטאָן אירס. לויט איר כּעזשבן איז אויסגעקומען, אַז אָט די דזשולין דאַרף מען נאָר אַ ביסעלע „אויסקריסטאַליזירן". מאַכמעס ניט נאָר וויסן וויסט זי דעם איקער, זי האָט זיך שוין אַליין אָנגעבידעוועט אויך, און דעם איקער, פֿילט זי שוין. אַקשאַנעסדיק האָט מאשע אײַנגעטײַנעט אי מיט דזשולין, אי מיט זאַראַקין: „מע דאַרף מוטיק איבער-קומען אַ שווער שטיקל צײַט — די סטאַביליזאַציע[1], דערנאָך וועט מען אַרויס אַפֿן שליאַך, די מאַסן אַליין וועלן דיך שוין טרײַבן!..." פֿון קאָוטסקין, פֿון וועלכן דער פֿאָטער דזשוליס, אַבע סעמאָ, האַלט אַ שטיק וועלט, האָט מאשע ניט נאָר ניט געהאַלטן, נאָר גאָר באַוויזן, אַז ער איז ניט קיין פּאַכדן, נאָר אַ פֿאַרעטער. אײַ דאָס בוך „עקאָנאָמישע לערע", אייסעך — אַ סטיל פֿון אַ גאַלעך אַ פּריידיקער. און מאשע האָט אַ ליכטיקע דערמאָנט לענינס נאָמען.

קומט, הייסט עס, אונדזער דזשולי צו צום זעלבן פּינטל, פֿון וועלכן זי איז אַוועק, קומט צו פֿון אַן אַנדער זײַט. זי הייבט אַלץ מער אָן וויסן, אַז פֿאַר די כאַלוימעס, וואָס מע וויל פֿאַרווירקלעכן, דאַרף מען פֿריִער אָפּראַמען דאָס אָרט... אָפּט פֿרעגט זי זיך: וואָס איז זי? אַ זאַמד-קערנדל אין אַ וועלט פֿון עלנט?

— אונדזער אַוודע, — ענטפֿערט איר מאשע, — איז טאָן דאָס, וואָס מע דאַרף. עס זאָל פֿון אונדזערע זון-קערנדלעך ניט ווערן קיין אַש. אוי, עס זאָל נאָר סטײַען קויער, וועלן מיר צעברעכן די האַנט, וואָס שטיקט און וואַרגט...

און טועכץ איז פֿאַר דזשולין פֿאַראַן אַ יאַם. אין דער מילך-קיך, אין אַ קינאָ, אין דער סטודענטן-היים, אומעטום דאַרף אָנקומען די קלײנינקע אַרבעטער-צײַטונג, אָט די ביכעלעך, ווי ערענבורגס, ווי וסעוואָלאָד איוואַנאָווס „פּאַנצערצוג", גאָרקיס „וו. אי. לענין".

אין דער מילך-קיך לייגט זי פֿאַר דעם אוילעם די זעלבע קליינע צעטעלעך מיט דער אָנגעצייכנטער האַנט, וואָס צעפּלאַטערט אַ פּאָן הינטער גראַטעס. זי איז מאַלע-געדולע, ווען זי ברענגט די גראָשנס, וואָס די קינעפּטיקע קינסטלער, שרײַבער, קאָמפּאָזיטאָרס שפּאָרן אָפּ פֿון זייערע „האַכנאָסעס". נאָר דאָ האָט זיך מיט איר געטראָפֿן אַ ניט פֿאַרשטענדלעכע זאַך. עפּעס אַ גוט געקליידעטער מאַנצבל האָט זי בייז געפֿרעגט: „וואָס איז דאָס אַזוינס?" און ווען דזשולי האָט אים קלאָר געמאַכט, האָט ער אויסגעריסן בײַ איר דאָס גאַנצע פּעקל צעטעלעך, באַצאָלט זייער פּרײַז און זיך צעשריגן:

— פּרײַלן, איך ראָט אײַך ניט צו שנאָרען אַף אַזאַ אופֿן. אויב איר פֿאַרמאָגט ניט אַף קיין מיטיק, זײַנען פֿאַראַנען אַנדערע, קאָשערע מיטלען...

מאשע האָט וועגן יענעם מאַנצבל געזאָגט: „אַ מענוול, אַ שערעץ!" און דזשולי האָט זיך ווידער באַוויזן אין דער מילך-קיך מיט אַ ביכעלע אין בלוי-גרויע טעוולעך. מיט לענינס נאָמען אַפֿן שאַרבלאַט.

קומט אָן אַ טאָג, וואָס ווײַזט זיך שפּעטער אַרויס, אַז ער איז פֿאַר דזשולין געווען דער גרויסער „אַהין אָדער אַהער".

— וועסט מיט מיר זונטיק גיין קיין וואַקאַרעשט, אין טפּיסע, הייסט עס, — טוט אין אַ שאַבעס-טאָג מאשע אַ זאָג דזשולין. — ווילסט?.. — זי האָט עס אַ זאָג געטאָן אַזוי פּראָסט, גלײַך זי זאָל געווען זאָגן: „וועסט מיט מיר זונטיק גיין שפּאַצירן אין פּאַרק".

— צי איך וויל? — האָט דזשולי געענטפֿערט פֿרעגנדיק, און מאשע האָט באַשטע-טיקנדיק איבערגעכאַזערט: „מירן גיין!"

דזשולי האָט קיין רעגע ניט געטראַכט צו זאָגן ניין. נאָר זי האָט אין יענער רעגע ניט געדאַכט, אַז אין לעבן זײַנען פֿאַראַן אַזויפֿיל אומדערוואַרטקײַטן.

מאשע איז באַלד געוואָרן שטיפֿעריש, מיידלש:

— כ'וויל, זאָלסט זיך באַקענען מיט אַ סימפּאַטישן רוסישן. אַן אויסערגעווייכלעכער סימפּאַטישן... — דאָס וואָרט „אויסערגעוויינלעכער" איז מאשעס אַ ליבלינג-וואָרט. — אַלעק-סאַנדער הייסט ער. ער זאָגט, אַז ער קען דיך שוין פֿון מײַנע רייד... — און ווײַל דזשולי איז מיטאָמאָל רויט געוואָרן, האָט מאשע זי צוגעצויגן צו זיך. — נאַרעלע, נאַרעלע, — און האָט שטיפֿעריש צוגעגעבן: — אַ באָכער אַ שיינהייט!

אַף מאָרגן, זונטיק, זײַנען בײדע, מאשע און דזשולי, געגאַנגען אין טפּיסע. מאשע, ווײַל זי דאַרף דאָרט גראָד האָבן אַן אויסערגעוויינלעכן שמועס מיט אַלעקסאַנדערן, דעם אויסערגעווינלעכן סימפּאַטישן רוסישן, וועלכער, זיצנדיק אין טפּיסע, מאָלט ער דאָרט ביל-דער, שניצט פּושקעלעך און שפּילט פֿידל... נו, פֿאַרשטענדלעך: זיצן דאַרף ער נאָך אַן אײַ-ביקײַט — גאַנצע צען יאָר.

[1] סטאַביליזאַציע — געמיינט: צײַטווײַליקע סטאַביליזאַציע פֿונעם קאַפּיטאַליזם.

זיי טראָגן אים אין זייערע פּעקלעך קאָלבעס און פּאָווידלע, שמעקנדיקע זייף, געקעכטס, וואָס מאשע האָט אָפּגעקאָכט אַף איר רוישנדיקן פּרימוס, ריין וועש, וואָס זי האָט געוואַשן, און דזשוליִ האָט עס אויסגעפּרעסט. און נאָך טראָגן זיי אים אין א באַזונדער קוישעלע — עפּל און בארן, וואָס מ'האָט אים צוגעשיקט פון זײַן היימשטאָט אקערמאַן.

און אָט איז די טפּיסע. דזשוליִ אַליין וואָלט זיך קיינמאָל ניט דערנעענטערט צו די שווארצע טויערן, צו די וואכמענער אין די שווארצע בגאָדים, צו די ביקסן זייערע... דעמלט אפן וואָקזאַל האָט זי זיי געזען און ניט אָנגעהויבן טראכטן, אז זי וועט אמאָל מיט די דאָזיקע שרעקלעכע וועכטער דארפן ריידן, ריידן מיט זיי און נאָך שמייכלען דערבײַ. זי וואָלט דען געקאָנט אזוי דרייסט, ווי מאשע, אָנקלאַפּן אין דורכגאנג-טויערל, אפן וועכטערס פראגע „צו וועמען?" ענטפערן: „נו צו וועמען, צו גוראָוון, פארשטייט זיך!", אקוראט דער וועכטער באַם טויערל, דאָס דאָזיקע רויטהאָריקע מענטשל מיט די מײַזל-אייגעלעך און מיט די לאַנגע שטארע וואָנצעס, ווי די פליגעלעך בא א גאלעך-פערדל, איז מעכוייעוו צו וויסן, צו וועלכן ארעסטירטן אָט די דארינקע מאשע גייט. מע דארף בעפּיירעש האָבן ניט ווייניק דרייסטקײַט ארײַנצושטויסן אים אין דער האנט, מײַסע דערלויבעניש, א מאטבייע און נאָך שפּילעוודיק א מאך טאָן דערבײַ: „אָפּגעגעבן א כויוו, איז רויִקער די נעשאָמע. און דאָס איז מײַן שוועסטערל".

פון טכילעס אָן האָט די טפּיסע גופע געשראָקן דזשולין ווייניקער איידער די טויערן אירע. נאָך דעם, ווי זיי זײַנען דורכגעגאנגען א צווייטן מויער, און א דריטן, האָט זי זיך געכידעשט, וואָס אַף דער וואך שטייען שוין ניט די שווארץ-געקליידעטע שאָמרים מיט די ביקסן אין די הענט, נאָר אסירים אין געשטרײַפטע קליידער, און יעדער, דאכט זיך, באַגעגנט זיי מיט א פרײַנטלעכן שמייכל. דערנאָך, אין א גרויסן הויף מיט א קלויסטערל אין דער מיט, מיט מויערלעך, ווי אין מײַסע-ביכלעך, זײַנען געוועזן לאַנגע טראָטוארלעך פון רויטע ציגל, און ס'האָט זיך געפילט א געשמאקער רייעך פון פרישן קאלך, מיט וועלכן מ'האָט, אפּאָנעם, נאָרוואָס באשמירט די ראנדן זייערע. און די די זון האָט געשײַנט, ווי אין שטאָט-גאָרטן, באלויכטן די פּאָר רויטלעכע ריצין-ביימלעך. דער לאַזארעט, וווּ מע היילט גוראָוון, איז געוועזן ענלעך צום שפּיטאָל, וואָס דזשוליִ האָט געזען אין איר היימשטאָט. אויך א פּארוואָרלאָזטער, די ווענט אין די קאָרידאָרן — קויטיקע, אָפּגעליאפּעטע, א שארפער קאַרבאָלקע-גערוך האָט זיך געפילט אין אַלע ווינקעלעך, די פּאלאטע גוראָווס — פול מיט בעטלעך.

ווי נאָר אלעקסאנדער האָט זיי דערזען אַף דער שוועל, האָט ער זיך באלד דערפרייט, זיך צעשײַנט. הינטער גוראָווס פּלייצע האָט זיך אָנגעזען א פענצטער מיט שווארצע אײַזערנע גראטעס. ער האָט אראָפּגעכאפּט פונעם קאָפּ א מין רויט מיצל און אָנגעהויבן פאָכען דערמיט צו זיי. און דזשולין האָט זיך מיטאמאָל א דאכט געטאָן, אז עס פּלאטערט אזוי די פאָן אין דער האנט אַף די „מאָפּרשע" מארקעס.

נאָר פארוואָס הייבט זיך גוראָוו ניט אוף? אָט כאפּט ער זיך אָן אין איין בעטל, אָט אין אַן אנדערן, טוט א באוועג דעם שטול, אַף וועלכן ער זיצט... א שטול, וואָס איז נאָך ניט קיין שטול, נאָר א וועגעלע. און אזוי רוקט ער זיך צו צום ווינקל, ווו זיי זײַנען שטיין געבליבן. דזשוליִ האָט ניט געוווּסט, אַף וואָס פריִער צו קוקן. אַף די בעטלעך, אַף אים, צי גאָר נאָר אַף דער האנט זײַנער, וואָס ליגט אומבאווועגלעך אפן גרויען געוואנט פון דער קאָלדרע, פונקט ווי יענע האנט, וואָס זי האָט געזען באַם וואָקזאַל, איז געלעגן אפן שווארצן בעגעד פונעם וועכטער. דזשוליִ איז א רעגע געוועזן ווי פארטשאדעט. זי האָט דערהערט, ווי מאשע שטעלט זי פּאָר: „די כאווערטע סעמאָ, פון וועלכער כ'האָב דיר דערציילט!" זי האָט אויסגעשטרעקט די האנט, און ער, גוראָוו, קושט איר די פינגער, ווי מע קושט די פינגער פון א קינד... אָט דאָס איז ער, הייסט עס, מאשעס אויסערגעוויינלעכער רוסישער... זי האָט זיך געסטארעט אָפּטרייסלען פון זיך דעם טשאד, און אפן געדאנק זײַנען איר געקומען די נעפּלדיקע פרימאָרגנס, ווען זי פלעג גיין מיט דער מוטער צו די רוסישע קיכן נאָך ברויט און געקעכטס, און יענער רוסישער אָפּיצער, וועלכער האָט דער מוטער איבערגעלאָזט דעם קאסטן מיט ביכער. זײַן אויסזען, געדענקט זי, איז געוועזן פון א מענטשן, וואָס מע פירט צו דער טליִע, ווי עפּעס איינער פון אנדרייעווס „זיבן געהאנגענע"... דער, זעט זי, איז גאָר אן אנדערער. אזעלכע טיפע טונקל-בלויע אויגן, א הויכער שטערן — פונקט ווי באַם זיידן; די ליפּן, די בלייכקײַט, דער פארקישעפנדיקער, אָט קינדערשער, אָט גאָר שטרענגער קוק... דזשוליס אויגן בלאָנדזשען איבער די צענדליקער אײַזערנע בעטלעך, צונויפגערוקטע איינס אין אנדערן, באדעקטע מיט גרוי-ברוינע און ברוין-אשיקע געלאטעטע קאָלדרעס, און פון אונטער זיי קוקן ארויס, ווי אַלטע ליימענע טעפּ, אָפּגעשוירענע קעפּ

מיט פאַרייִעשטע אויסגעלאַשענע בליקן... דאכט זיך, איין רעגע געדויערט דאָס פאַרשטעלן און באקענען זיך. מאשע צעלייגט ארום גוראַוון, אפן וועגעלע, די מאטאַנעס, שטעלט אוועק אפן שאפקעלע לעבן זײַן בעטל דאָס קושל מיט פּיירעס, אפן בעטל — דאָס וועש. נאָר אַף דזשולין זײַנען אלע געזעצן פון צײַט און רוים ווי באַטל געוואָרן. זי איז ניט אין טפיסע-לאזארעט, אין אָט דעם ליכטיקן טאָג פונעם זעקס-און-צוואַנציקסטן יאָר, נאָר ערגעץ-ווו מיט הונדערטער יאָר צוריק. עס הויכט מיט פּײַניקונג, מיט שײַטער-פלאַמען, מיטן קידוש-השעם פונעם יידנס דערציילונגען...

אלעקסאנדער האָט אָפּגעלאָזט איר האנט, א זאָג געטאָן „גוראַוו, סאשע", זיך צע-שמייכלט, און די הארטע שטרענגקייט איז באלד אנטרונען פון זײַן פּאָנעם.

— דזשולי סעמאַ, — האָט דזשולי איבערגעכאַזערט. — און אינדערהיים רופט מען מיך מיט א צונאָמען, אן עמעס רוסישן — ווערא. איר האָט דאָך אמאָל געלייענט „וואָס טוט מען?" («Что делать?»)

דאָ האָט א קראַנקער אַף זײַן בעטל, ניט ווײַט פון זיי, איבערגעדרייט זיך מיטן פּאָנעם צו דער וואנט, צי פון וויטיק, צי פּאַשעט פון קינע, ניט געוואָלט צוקוקן ווי צו זיי, צו די אײדעלע, קומען צוגאסט אזעלכע צארטע פרויען. פון זײַן באוועגן זיך האָבן זיך צע-קלונגען די קייטן, וואָס ער האָט געטראָגן אַף די פיס, אונטער דער קאָלדרע.

דזשולי האָט זיך אָנגעקלעמט אין מאשעס אָרעם. א רעגע זײַנען אלע דרײַ געבליבן פארטראכט, ווײַל מאשע האָט געדארפט אײַנאָרדענען מיט גוראַוון עפּעס א וויכטיקן איניען, איז דזשולי שוין געשטאנען אין א זײַט, אײַנגעקוקט זיך אין די פּנעמער פון די אסירים און ביגנייווע געכאַפּט א קוק אַף גוראַוון. ווען גוראַוו האָט פארענדיקט מיט מאשען, האָט ער זיך א קער געטאָן צו דזשולין:

— כ'טראכט וועגן א זאַך, וואָס איז עפּשער ניט אזוי וויכטיק, נאָר עס טראכט זיך. וועגן אײַער פאמיליע-נאָמען. וואָס פאר א טיפּעש איך בין, כ'האָב ניט טייקעף פארשטאנען. „סעמאַ" — ס'איז דאָך א זכיע צו טראָגן אזא נאָמען.

מאשע האָט זיך נאָך עפּעס דערמאָנט, דזשולי איז ווידער געשטאנען אין א זײַט און ניט געוווּסט, אז זי האָט אפן דרייסטן קעמפער געמאכט א שטארקן רושעם. ער איז געווען איבערראשט פון איר שיינקײַט, פון איר אויסערגעוויינלעכן כיין. זי האָט אויך ניט געוווּסט, אז אלעקסאנדער כויזעקט אין געדאנק פון מאשען: „נו, נו, אונדזער מאשע האָט ניט געזען דעם איקער, געזען נאָר דעם קאפּריז „טאנצן". און שפּעטער פון זיך אליין געכויזעקט, זיך געשטראָפט: „און דו זעסט אויך נאָר די בעדויִנישע ליפּן, די הארטע שפּיציקע בריסט-לעך אונטער דער טיראַלעזע...". אפן אשיק-גרויען פּאַן פונעם לאזארעט, פון די נישעס מיט צלאָמים איז זי ארויסגעשווומען מיט איר יונגקײַט, מיט איר פארכאַלעמטקײַט, מיט איר רייץ און מיט איר אקשאָנעס. קעדיי צו פארגלײַכן זי מיט עמעצן, האָט ער ארויסגע-רופן אין זיקאָרן בילדער פון פרויען-העלדן. „אזא איז געווען יעהודיס!". און ווען ער האָט סאָפּקאָלסאָף געענדיקט באראטן זיך מיט מאשען, — דער וועכטער קוקט שוין אפן זייגער, די האלבע שאָ לאָזט זיך באלד אויס, — זאָגט ער דזשולין:

— הייסט עס אזוי: מיר טאנצן. און ניט נאָר מיר טאנצן, מיר האָבן פארקאטשעט די ארבל צו אן אנדער ארבעט אויכעט...

און ער דערמאָנט איר א באוווּסטע קינסטלערן, ער האָט זי געזען טאנצן אין כארקאָוו, נאָך אלס סטודענט, אמאָל-אמאָל. ווי נאָר ער דערמאָנט דעם נאָמען פון דער קינסטלערן, דריקט דזשולי צו די האנט צום הארצן: „מאיקע[1], סארא גליקו!". וועגן דעם, וואָס זי האָט פארקאטשעט די ארבל, זאָגט זי: „אייסער, קלייניקײַטן". וועגן איר באלעט: „זאָל זי נאָר זײַן זיכער, אז זי פארמאָגט דאָס עמעסע, וועט זי טאנצן. אַף דער גאס טאנצן, נאָר טאנצן!"

— איצטער שוועבט איבער אונדז אן אכזערישער בלינדער גורל, — ענטפערט ער איר. — בלינדערהייט טרעפט ער אונדז מיט זײַנע פײַלן. מירן אָבער איבערהאלטן. און ווי ס'וועט זיך נאָר באווײַזן אונדזער שטערן, וועלן זײַן באלעט-שולן פאר יעדן. וויפל דאָס הארץ וועט גלוסטן... קליינע צוקינפטיקע דונקאנס...

— כ'בין ניט קיין קלייניקע, — האָט זיך דזשולי צעלאכט, אויסגעגלײַכט זיך, פאר-הויבן דעם קאָפּ, די אויגן אירע האָבן געברענט, די שפּיציקע בריסטלעך האָבן זיך דער-פילט שטײַפער אונטער דער ענגער טיראָלעזע...

---

[1] מאיקע — (לאדינאָ) מוטער.

מאשע האָט זיך געזעגנט, א קוש געטאָן גוראַוון אין שטערן. און זי, דזשולי, האָט אַרומגענומען זײַן קאָפּ, צוגעדריקט אים צום הארצן.

א רעגע. איין רעגע.

ביז ארום האלבער נאכט האָבן מאשע און דזשולי פאַרבראַכט אין דער אַרבעטער-היים. א גרויסער אוילעם, רעדעס, א פאַרשטעלונג מיט לידער און פאַנען אויף דער בינע, דערנאָך טענץ: שימי, טאַנגאָ.

געקומען אַהיים זײַנען זיי נאָך שפּעטער. זאַראַקיִע איז ווידער געווען אוועקגעפאָרן אין זײַנע „טאַלן", די אינדוסטריע־געגנטן. מאשע האָט געזיפצט. דאָרטן האָט זיך געגרייט אויב ניט קיין שטרײַק, לעכאַלהאַפּאַכעס שווערע דינגענישן מיט די טרעסטן. זי האָט זיך דערנאָך צעשמייכלט און דערציילט, ווי זאַראַקיִע האָט געזאָגט: „אַט אַזוי וועל איך זיי נעמען באַם גאַרגל!". איצטער וועט ער שוין דאָרט פאַרפאַלן ווערן אויף א פּאָר כאַדאָשים. ניט דו ווייסט, ווו ער איז, ווו ער טאָגט און ווו ער נעכטיקט, און קאָנסט זיך נאָך ריכטן, ער זאָל דאָרט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, אָדער נאָך ערגערס — מע זאָל אים דאָרטן גוט אונטערהאַקן די זײַטן. די טרעסטן דינגען שלעגערס, ווי באַ מוסאָליניַן.

דזשולי האָט שוין ביזן גרויען טאָג קיין אויג ניט צוגעמאַכט. האַלב וואַכנדיק, זעט זי דעם קליינוווּקסיקן, אָנגעכמורעטן זאַראַקיִע, ווי ער דראַפּעט זיך אויף שווארצע קוילן־בערג, ווי עס יאָגן זיך נאָך אים ניט קיין מענטשן, נאָר אַזעלכע אײַזערנע כײַעס, און ווי ער כאַפּט אָן באַם גאַרגל מיט זײַנע קליינע פּולבלעכע הענטלעך ניט קיין מענטשן, נאָר בערג.

און ווען זי האָט שוין דערנאָך יאָ צוגעמאַכט אַן אויג, האָט זי אָנגעהויבן מאַטערן אַן אַנדער קאָשמאַר. אין מויער זײַנען אַלץ אָנגעשוואָלן ניט־דערזאָגטע ווערטער. מאשע האָט טאַקע דערציילט, וואָס מיט גוראַוון איז געווען ביז ער איז געבליבן מיט געליימטע פּיס. עפּעס האָט זי אָבער ניט דערזאָגט... אין כאַלעם האָבן זיך צעוויפּגעמישט דערפלעך, באַ־האַלטענע אין אַקאַציע־ביימער, כאַטקעס, וואָס גייען אוועק מיטן פלאַם, זשאַנדאַרם־קאַזאַר־מעס, אויפגעריסענע פון גראַנאַטעס...

א צײַט איז זי געגאַנגען אין טפיסע איניינעם מיט מאשען, דערנאָך האָט זי אָנגע־הויבן גיין אַליין. מאשע האָט געהאַט אַנדערע, עפּעס גאָר „ברענענדיקע" באַגעגענישן. דזשולי איז געווען צופרידן פון איר זעלבשטענדיקײַט, סאַשע — איבעראַשט: „איינע אַליין?". זי האָט זיך צוגעוווינט, דזשולי, צו דער טפיסע, ווי אַלע, וואָס גייען אוועק אין אונ־טערערד, געוווינען זיך פּאַמעלעך צו זיצן כאַדאָשימווײַז אין א האַלב־קעלער, האַלב־שטוב מיט א דרוקמאַשינדל, און אַפילע א האַלבע שאָ אין מעסלעס ניט אַרויסוויַזן די נאָז אויף דער פרישער לופט.

און דאָ איז נאָך אונטערגעקומען א וועלט מיט אַרבעט אין קינסטלערישן קרײַזל פון דער אַרבעטער־היים. אַן איינאַקטער. דעקלאַמאַציע פון רעוואָליוציאָנערער דיכטונג. זי דעקלאַמירט עמינעסקוס „אימפּעראַטאָר און פּראָלעטאַריער" און ס'קלינגט איר שטים ברייט און מענעריש, גלײַך ווי ער אַליין, עמינעסקו, שטייט דאָ אויפן קליינעם בינעכל און רופט די פּאָר הונדערט אַרבעטער אויף די גרויע ניט־אָפּגעפאַרבטע בענק פון דער אַרבעטער־היים:

צעשטערט די אכזאָרישע, אומגערעכטע אָרדענונג,
וואָס צעטיילט דעם מענטשן אויף אָרעם און רײַך...

זי איז מיד, נאָר אין זאַלכל זיצן הײַנט געסט פון די אַרומיקע דערפער, טוער פונעם „אַרבעטער־ און פּויערים־בלאָק". טרעט זי אַרויס מיט קאָזשבוקס „מיר ווילן ערד".

און זאָל אײַך דער הייליקער אָפּהיטן,
ווען מיר וועלן מאָנען ניט קיין ערד,
נאָר בלוט...

און אַז מע זעט, אַז דו ביסט אַזוי אַקטיוו, ווערסט א נאַשבראַט, זוכט מען דיר אויף אַרבעט אָן א שיר. וואָסי, אויף איין גוראַוון צוויי „פאַרבינדונגען"? ס'איז ניט קיין כ׳יעוו. בלײַבט נאָר פרעגן, צי וועט זי נעמען אויף זיך דעם אָל. און דזשולי ווערט בייז, פײַער:

— וואָס פאַר אַן אָל? גוראַוו איז פאַר מיר ניט קיין אָל...

פון ערשטן טאָג אָן, ווען זי האָט דערזען די קלײנע בינע אין ארבעטער־היים, האָט זי אַלץ געזוכט און געזוכט און אויסגעזוכט כעוורע, וואָס וועלן טאַנצן ניט נאָר שימי און ניט נאָר טאַנגאָ. מ׳האָט זיך צונויפגעזאַמלט „אונטערערדיש“, געפּלאַנעוועט. ס׳איז ניט געווען אַזוי פּאָשעט צו דערווייַזן, אַז טענץ קאָנען זײַן פּונקט אַזוי אײַנהאַלטלעך און פּונקט אַזוי איבערצײַגעוודיק, ווי גוטע רעדעס. אַז אוילעם וועט ניט נאָר זען און פאַרשטיין, נאָר אויך פילן...

ס׳האָבן זיך געפונען יאָ־זאָגערס, ניין־זאָגערס און פּאָשעט לייצאָנים:

— אַהאַ. די לערע פון מערוועט דורך באַלעט!... פילן? מע פילט, מע פילט, באָרעכ־האַשעם, גוט אין די קריזשעס...

דרײַ־פיר מאָל האָט זי אויסגעטאַנצט מיט די כעוורע די כאָרעאָגראַפיע „קוילנגרעבער“. זאָל דער גרויסער אוילעם זען, ווי בלוטיק עס ארבעט זיך אין די שאַכטעס, ווי אין שטוב באַם קוילנגרעבער איז קאַלט, און די קינדער, וואָס מע זעט אַף דער בינע (כאָטש קיין קינדער זײַנען ניטאָ), ווילן ברויט... און ניט קיין פיאַנינע — אַ פּאָר אָרעמע גיטאַרעס באַגלייטן די טענצער. און דער אוילעם זעט ווי מע שטרײַקט (מע וואַרפט אַוועק די טאַטש־קעס, וואָס זײַנען אויך ניטאָ אַף דער בינע). און ווען מע ברענגט פּויערים, זיי זאָלן זײַן שטרײַקברעכער, זעט מען אַף דער בינע, ווי העענט רופן צו אַכדעס, ווי מע טאַנצט אויס אַ פאַרייניקטן פראָנט פון גרויע ארבעטער־רעקלעך און ווײַסע פּויערישע הויזן און העמדער...

דערנאָך קומען די זונטיקן באַ גוראַוון... די דערהויבענע זונטיקן...

מיט גוראַוון ווערן די געשפּרעכן אַלץ היימישער און וואַרעמער. מע שמועסט נאָכאַמאָל וועגן איר באַלעט־אופּטו, וועגן געלויף אירן נאָכן שטיקל ברויט אין דער „אומגליקלעכער“ סאַכרישער ביוראָ, וועגן דעם, אַז מאַשע פאַלט שוין פון די פיס. אַ האַלבע שאָ סטײַעט ניט אַף אַלעמען, וואָס מ׳האָט זיך אײנער דעם אַנדערן צו זאָגן. און סײַוויסײַ: וואָס אַ מאָל מערער סטײַען ניט קיין ווערטער, ניט איר, ניט אים. און עס קומט דער טאָג, די שאָ, די רעגע, ווען זיי שטייען אײנער קעגן אַנדערן אין שווײַגנדיקע, אין שטוינענדיקע. און דזשולי וואָלט ניט געווען דזשולי, זי זאָל ניט געווען אַ גלײַך טאָן זיך, אַ בלישטשעטאָן מיט די אויגן און אַ זאָג טאָן:

— פאַר מיר, סאַשע, ביסטו ניט קיין אַל און ניט פּאָשעט קיין כויוו. פאַר מיר ביסטו מײַן פרייד אין האַרצן. כ׳וועל דיך קײנמאָל ניט פאַרלאָזן. איך בלײַב מיט דיר אַף שטענדיק...

דערנאָך קומט דאָס בריוול אירס דער מוטער:

„...ווי ס׳ווערן צעזייט די נעפּלען, ווען עס צעשײַנט זיך די זון, אַזוי האָבן זיך צעזייט מײַנע ספּייקעס, מאַיקע ליבע. ווען זאָל איך אָנזאָגן מײַן פרייד, אויב ניט דיר? ווייס, אַז נאָך איידער כ׳האָב אים דערקענט, סאַשען, האָט מײַן נעשאָמע געגאַרט אים געפינען. מאַיקע, מוטער טײַערע. ס׳איז ניט קיין בלענדעניש. אַלץ, אַלץ, וואָס כ׳האָב דיר אַמאָל פאַרטרויט, איז געווען פון אים און וועגן אים...“

טאָג־אײַן, טאָג־אויס, אָוונט־צו באַפאַלן דעם טפיסע־לאַזאַרעט וועכטער, צײלן איבער די קראַנקע קאַטאָרזשניקעס. קלאַפּן מיט הילצערנע העמערלעך אין די גראַטעס, באַטאַפּן די קייטן אַף די פיס, נישטערן אונטער די מאַטראַצן. וואָס האָט מען געקאָנט געפינען באַ גוראַוון? דאָס ביכעלע „צוויי ליולקעס“ און אַ ניט־פאַרענדיקטן בריוו אין אַ רעדאַקציע. „אַהאַ! אַזוי געפּעסטעט, ווי באַ אונדז, און ער באַשרײַבט אונדז נאָך. גענוג, גענוג געליטן זײַנע באַשרײַבעכצן!...

און גוראַוון פאַרשיקט מען אין דער באַרג־טפיסע דאַפּטאַנע. ווי אַ כויזעק אָפן מענטשן שטייט די טפיסע אַף אַ הויכן פעלדז־באַרג, אַרומגערינגלט מיט סאָסנעס, מײַסע שלאָס, אין דער גאַנײדן־שיינער געגנט באַם טײַך פּראַכאָווע... די באַן ליופט צווישן בלוילעכע בערג, אין גרינע טאָלן, איבער קרישטאָל־ריינע טײַכלעך, און אַלעקסאַנדער דערזעט דורכן פענצטערל פונעם טפיסע־וואַגאָן זײַן נײַע מאָקעם־מענוכע. „דאָפּטאַניצע!“ — שרײַען די קאַטאָרזשניקעס. זיי פאַרציִען דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן לעבעדיקן קייווער פאַר דוירעס קעמפער און אויפשטענדלער.

די „דובאַ“ האָט זיך אָפּגעשטעלט באַ דער קלײנער באַן־סטאַנציע טעלעגאַ. די צײַט האָט זיך ראַפּטום געביטן. באַרג־שפּיצן זײַנען אײַנגעהילט געוואָרן אין גרויע כמאַרעס, ס׳האָט זיך צעטריפט אַ רעגנדל, געטריפט דריבנע, ווי דורך אַ געדיכטער זיפּ, פאַרדעקט באַרג און טאָל און וואַלד. אָט וועט מען אים ווידער אַראָפּטראָגן ווי אַ פּעקל שמאַטעס, און מ׳וועט אים דאָרט אַרײַנזעצן אין אַ שטײנערנעם זאַק... ער ווייסט גוט, וואָס עס טוט

זיך אַף אין אַט דעם קיווער. די צענדליקער פּאָליטישע זיינען צעשפּרייט איבערן אומגעהייערן ביניען, אָפּגעריסן איינער פונעם צווייטן... די וועכטער ציילן איבער די אַרעסטאַנטן, וואָס זיי באַקומען אַרויס פונעם וואַגאָן. זעכצן... זיבעצן... זיי באַקוקן און באַטאַפּן די קייטן, וואָס יעדער טראָגט, וואַרפן אַוועק אין אַ זייט די כּפּייצים, וואָס מ׳האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פונעם „וואָקזאַרעשטער גאַניידן"... גוראַוו טראַכט, אַז דאָ קערן אויך זיינע אַקערמאַנער כאַוויירים, די קליינע פויערים-גרופּע.

די געדאַנקען זיינע האָט איבערגעריסן אַן אויסגעשריי „סאַשע!". דזשולי׳ס קאָל. און אַט איז זי באַלד לעבן אים. די אומראַכמאָנעסדיקע וועכטער ווערן עפּעס ווי פאַרטומלט. צי איבער דזשולי׳ס דרייסטקייט, צי איבער אַ פּלוצעמדיקן מיטגעפיל, לאָזן זיי זי איינוויקלען אין אַ שאַל, וואָס זי נעמט אַראָפּ פון איר אַקסל. זיי לאָזן זי גיין ביזן טויער פון דער טפּיסע. פונדאַנען פאַרטרייבט מען זי שוין.

אַריינקומען אין דאַפּטאַנע איז שוין ניט אַזוי פּאַשעט. אין וואָקזאַרעשט, דאָרט האָט מען געקאָנט אָפּקומען מיט אַ מאַטבייע. דאָ דאַרף מען דערווייזן, וואָס פאַר אַ מין קאָרעוו דו ביסט: אַ שוועסטער, אַ שוועסטערקינדל. „אַ קאַלע? מיר ווייסן, וואָס דאָס זיינען פאַר אַ קאַלעס. הערט נאָר, ווי אַ קאַטאָרזשניק געפינט זיך אַזאַ קאַלע! וואָקזאַרעשטער קאַלעס!..."

— אָפּפירן צו די זשאַנדאַרמען!

פון די טעלעגער זשאַנדאַרמען — אין דער שטאָט-פּאָליציי. ס׳גייט אַוועק אַ סעדרע טעלעפאָנירן, אויספרעגעכצן. מע וויל זיך דערוויסן, צי איז דזשולי סעמאָ ניט געווען אַמאָל פאַרמישפּעט. דערנאָך הייבט מען אָן אויסשטעלן פּאַפּירן נאָך פּאַפּירן. זי זיצט דערווייל אין קעלערס. און אין גוטע עטלעכע טעג אַרום ברענגט מען דזשולין אַהיים אין איר געבוירן-אָרט, און מע גיט זי איבער מיט אַ פּראָטאָקאָל — מ׳איז מיסכייעוו טאַטע-מאַמע: היטן, לערנען פּירעכץ.

אינדערהיים — ווער עס פרייט זיך, ווער עס וויינט און פרייט זיך, ווער עס קלאָגט און שעלט. און די „אַנגעלערנטע" דזשולי פאַרלאָזט דערנאָך ווידער די היים, שלאָגט זיך דורך און קומט דאָך אַריין אין דאַפּטאַנע „אַף אַ באַזוך", און אַפילע ניט אָפּגעטיילט צווישן גראַטעס. זאָל ווייען אַ זאַווערוכע, זאָלן אייז-בייטשן שניידן דאָס פּאָנעם, זי וועט ניט דורכלאָזן דעם טאָג, ווען דאַפּטאַנע דערלויבט אייגענע זען אירע קאָרבאָנעס. וויאַזוי? אַ פּאַשעטער אויסוועג: אַ ציוויל-כאַסענע אין טפּיסע. און צו דער כאַסענע קומט דזשולי אי מיט אַן אַדוואָקאַט, אי מיט דער מאַמען, מיט שאַשאַנען...

„איך גראַטוליר אייך!" — זאָגט גאַליק צו כאָסן-קאַלע דער דירעקטאָר פון דער טפּיסע. דאָ איז ער מיילעך. ער שרייבט אויס טויטן-צעטלעך פאַר די אַסירים, וואָס האָבן ניט דערלעבט צו באַפרייען זיך און מע פירט זיי אַף צום צווינטערל „דריי פלוימען-ביימעלעך", און ער האָט אויך רעכט צו פאַרשרייבן כאַסענעס, אויב אַזוינס מאַכט זיך אַמאָל. „און אייך גראַטוליר איך אויך, מאַדאַם סעמאָ!" — זאָגט ער, כיטרע שמייכלענדיק צו שאַשאַנען.

גוראַוון פירט מען אַף אין זיין צעלע. שאַשאַנע מיטן אַדוואָקאַט גייען אַראָפּ צו דער סטאַנציע טעלעגאַ.

אַף סאַמע פאַרשיידנסטע וועגן זיינען די אַסירים געקומען אין די האַלב-פינצטערע און אין די אייַנגאַנצן פינצטערע דאַפּטאַנער טפּיסע-צעלן. ווען ס׳האָבן אַהער געבראַכט די דורכפאַלן אין די אונטערערד-טיפענישן פון אונטערדריקטן און גערוידעפטן פאָלק. ווען — שטרייַק-קאַמפן. ווען דאָס קישעף-וואָרט „ערד". ווען ס׳האָט דערגרייכט ביז איבערן האַלדז די אומרעכט פון פרעמדן יאָך. און פאַר אַלע האָט שימערירט דער זון-אויפגאַנג פון יענער זייט דניעסטער.

פון דאָרטן איז געקומען דער רוף פאַרוואַנדלען די טפּיסע אין אַן אוניווערסיטעט פון לענינס לערע. דאָס האָט זיך צעקלונגען איבער אַלע אַנדערע טפּיסעס. דאָס שרעקוואָרט „דאַפּטאַנע" איז געוואָרן אַ צוציִונג-וואָרט פאַר אַסירים. מע זאָל דיך איבערשיקן אַהער, איז געוואָרן אַ באַדערפעניש, אַפילע אַ זכיִע.

גוראַוון האָט דער רוף באַהערשט. אין אַן אונטערערדישן בריוו זיינעם צו די אַנדערע טפּיסעס שרייבט ער: „מירן גויווער זיין אַלע מעניִעס. ניט נאָר לערנען, ניט נאָר שלאָגן זיך פאַר אייגענער ווירדע, פאַר דער שאָ לופט, נאָר אויך פאַרייניקן זיך מיט די שכיינעסדיקע נאַפט-אַרבעטער!.."

— וועסט אונדז העלפן, דזשולי?..

דזשולי ענטפערט ניט פּאַשעט „יאָ", זי שאָקלט צו מיטן קאָפּ אַ גליקלעכע. זי קומט איצט אַהער ניט גלאַט אַף אַ „באַזוך", ברענגען שפּייַז, וועש, זייף — זי שמוגלט דורך

אונטערן קאַפּטל, אפֿן הוילן לײַב, א צײַטונג אף ציגײַער-פּאַפּיר, א בריוו, א ביכל. האָסטו פּאַרקאַטשעט די אַרבל, ווײַז זשע, וואָס דו קאָנסט! מיט די אומלעגאַלע ציגײַער-פּאַפּיר — צײַטונגען, וואָס דו ברענגסט, אַלעמאָל ערגעץ אנדערש פּאַרבאָרגן, טאָרסטו ניט דורכפֿאַלן. דורכפֿאַל איז גלײַך ווי פּאַראַט. די צײַטונג, דער בריוו, דאָס ביכל האַלט אונטער באַם לעבן, האַלט אין סטראַי מיטן דרויסן, פֿאַרבינדט דעם נעכטן מיטן מאָרגן...

נאָר ערגעץ-ווו האָט מען עפּעס ניט דערזען. עפּשער אויוועך געווען אפֿן ערשטן געבאָט פֿון אונטערערד-קאָנספּיראַציע. עפּשער איז ערגעץ געווען א שוואַכער איבערגעזשאַווערטער רינג, ערגעץ-ווו האָט זיך אַרײַנגעשמוגלט א פּאַכדן, א פֿלאַפּלער.

און אַט שטייט שוין גוראַוו ווידעראַמאָל פֿאַרן קריגס-געריכט. פֿון דאָפּטאַנע ברענגט אים די טובא אף פֿאַרהער אין דזשולים היימשטאָט, מע וועט אים דאָ מישפּטן מיט א בינטל אַרבעטער פֿון אַט דער האַפּן-שטאָט, ווו ער איז קיינמאָל ניט געווען און בא קיין שום סויכער דאָ די קראָם ניט באַגאַנווערט... און מיט א גרופּע יונגע כעוורע, מערסטנס בעסאַ-ראַבער, וועלכע זײַנען א צײַט אויך געזעסן אין דאָפּטאַנע און דאָרט געהערט זײַנע לעקציעס.

דזשולי וואַרפֿט שוין אוועק אין דער הויפּט-שטאָט קיניען מיט מיניען: די סטענאָ-ביוראָ, אויסזיכטן, צוזאָגעכצן, און איז שוין ווידער אינדערהיים. דאָ, אפֿן פּראָצעס, זאָגט מען, וועט קומען צו א מין גענעראַל-שלאַכט קעגן אכזאַרישן רעזשים אין דאָפּטאַנע. אזוי זאָגט מאַשע, אזוי שרײַבט זיך אין די דרײַ צײַטונגען.

וואָכנלאַנג גייען די אויספֿאָרשונגען. פֿון דאָפּטאַנע ברענגט מען אהער א צווייטן באַל-מום, מאַזועש קאַהאַנע. אויך א פֿאַנאַטישער אָנהענגער צו פֿאַרוואַנדלען דאָפּטאַנע אין אן אוניווערסיטעט. קאַהאַנע איז אן אויסגעדיוווערטער באַכער, מיט שאַרפֿע פּאַנעם-שטריכן, גרויע אויגן און א הייזעריקלעך קאָל. אין שפּיץ פֿון א דעמאָנסטראַציע האָט ער באַקומען א קויל אין א פֿוס. מ'האָט אים דעם פֿוס אַמפּוטירט און ער גייט איצט אף איין פֿוס, צווישן קוליעס. דזשולי באַקענט זיך מיט קאַהאַנען אין די געריכט-קאָרידאָרן, וווהין זי איז געקומען נאָך א דערלויבעניש אַרײַנצוגיין צום פּראָצעס. זי זעט, ווי ער טאַנצט אום אף זײַנע קוליעס אין די קאַנצעליאַריעס, וואַרפֿט זיך איבער מיט א פּאָר ווערטער מיטן אַדוואָקאַט, און טאָ-מער האָט מען אים ווייניק געפּאַרשט אין א קאַבינעט, באַפֿאַלט אים זײַן אויספֿאָרשער אין הויף. „איר וועט בא מיר זײַן דער באַשולדיקטער נומער איינס, — זאָגט צו אים דער אָפֿי-צער, — נאָר בא מיר קענט איר האָבן אזא קאַוועד... נו, איר האָט עס קאָשער פֿאַרדינט... אין דער אונגאַרישער באַלשעוויסטישער אַרמיי געווען א קאָמאַנדיר, אין צק פֿון דער יוגנט א רעדאַקטאָר...” נאָר קאַהאַנע ענטפֿערט אים געלאַסן, גאַרניט אין זײַן טעווע: „מירן סאַפּקאַלסאָף געפֿינען די נייטיקע טאַקטיק, וועט איר אַלע, אַלע זײַן די באַשולדיקטע נומער איינס. מירן עס מאַכן איינס-צוויי...”

דערנאָך, ווען ס'איז געקומען דער פּראָצעס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז אַלע געמיש-פּעטע זײַנען באַשולדיקטע נומער איינס. פֿאַר יעדן האָט דער קיניגלעכער קאָמיסאַר גע-פֿאָדערט צו צען יאָר.

בא דרײַסיק באַשולדיקטע, הונדערט איידעס, א צענדליק אַדוואָקאַטן, קאָרעספּאָנדענטן פֿון אַרבעטער-צײַטונגען, טוער פֿון דער „רויטער הילף” האָבן אַרײַנגעבראַכט אין שטאָט א הייס ווינטעלע, צוגעגעבן היץ דאָרט, ווו עס האָט שוין סײַווי זיך געקאָכט. דזשולי איז געווען אין סאַמע קעסל. יעדער האָט פֿון איר עפּעס געפֿאָדערט — זי איז דאָך בא זיך אינדערהיים. און זי האָט דאָס אַלץ געזען דאָ בא זיך אין שטאָט צום ערשטן מאָל. אַט די פֿאָלקס-היים, וואָס זעט אויס ווי א פּראָסט פּויעריש הויז. די קליינע דרוקערײַ אין עפּעס א פֿינצטער שטיבל, כאָטש די פֿענצטער גייען אַרויס אין סאַמע צענטער שטאָט. דאָ דרוקט זיך א פֿלוגבלעטל און זי אַליין שטייט באַם דרוקן, און ווי נאָר עס ווערן פֿאַרטיק א פּאָר הונדערט בלעטלעך טראָגט זי זיי באַלד אוועק צו דעלעגירטע פֿון פֿאַבריקן. בא יעדן קער קומען צו נײַע און נײַע באַקאַנטע. אַט אָ-די ביילקע, וואָס דרוקט די פֿלוגבלעטלעך אף א האַנט-באַסטאַן. א קוטשעראַווע, מיט קלוגע אויגן, א לעבנסלוסטיקע. זי זאָגט, אז זי איז גוראַווס א באַס-איר, אן אַקערמאַנער. אינמיטן דרוקן לויפֿט זי אוועק אין געריכט, טראָגן סאַשען בלומען. דערנאָך שטייען זיי שוין אזוי ביידע, זי און דזשולי, באַם דרוק-מאַשינדל ביז העט שפּעט אין דער נאַכט, ביז עס קומט צו לויפֿן דמיטרי פֿעיו און שיקט ביילקען אוועק שלאָפֿן, און דזשולין נעמט ער צו זיך אהיים.

דזשולי געפֿינט זיך דאָך אין איר היימשטאָט. ווער זשע איז אין דער דאָזיקער פֿעיו, און פֿאַרוואָס נעמט ער זי פֿון דער דרוקערײַ אהיים צו זיך?

ווען דזשולי האָט זיך באַוויזן אין איר פֿאָטערס הויז, איז דער פֿאָטער אירער, אבע סעמאַ, געווען אין וועג. די מוטער האָט זי מיט קיין וואָרט ניט געשטראָפֿט, אַדרבא — זיך געפֿרייט, זי געקושט, און נאָכאַמאָל געקושט. זי האָט אַראָפּגענומען פֿון דער האַנט אַ פֿינגערל — זאָל עס דאָס קינד האָבן בײַ זיך. פֿונעם זיידן איז שוין אָפּגערעדט. אין זײַנע טיפֿע אויגן האָט דזשולי געזען איין פֿראַגע: „צו וואָס פֿאַר אַ ברעג ביסטו צוגעשטאַנען?" ער האָט אַלצדינג געוווּסט וועגן פּראָצעס. ער האָט נאָר געוואָלט הערן פֿון איר: „וואָס פֿאַר אַ וועלט דאָס איז?". ער האָט זי אויסגעהערט, אַ זאָג געטאָן עטלעכע ווערטער, ווײַזט אויס, פֿון זײַנע ספֿרים, שפּעטער, ווי צו זיך אַליין, געשעפּטשעט: „ס'איז אַ געדאַנק, ס'איז אַ גלײַכער געדאַנק!.."

דעם אַנדערן אָוונט האָט דזשולי אַהיים געבראַכט אַ גאַסט. אַרײַנגעפֿירט אים צו זיך אין צימער, וואָס האָט נאָך אין זיך באַהאַלטן דעם גערוך פֿון אירע קינדער־יאָרן. צי מ'האָט זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק, צי מ'האָט עס גאָר גערעכנט פֿאַר גוט — בײַ דער וועטשערע איז געווען שטיל. אויפֿן טיש זײַנען געשטאַנען די מײַכאָלים, וואָס זי האָט ליב, נעגידיש צוגעגרייט מיט אַ סאַך שמאַלץ און רויטן פֿעפֿער. מ'האָט זיך קלוימערשט אַפֿילו געפֿרייט מיט איר: זי איז געוואָרן שטאָלצנער, אין עמעצס סעמאַ, און וואָרט אײַנגאַנצן די מומע דינע... גאַנצפֿרי איז געקומען פֿונעם וועג דער פֿאָטער. בײַ אים אין קאַבינעט האָט זיך דער געשפּרעך עפּעס ניט געקלעפּט. אבע סעמאַ איז אַרויס מיטן עמעצן לאַשן זײַנעם:

— כ'פֿרעג, פֿונוואַנען נעמט זיך אַזאַ פֿלוצעמדיקע ליבע צו טאַטע־מאַמע?.. עפּשער איז מען שוין פּאַשעט געקומען צום סייכל, האַ? ניין. ס'האָט זיך גאַרניט געביטן. מע שלעפּט אַהער שנאָרערס. מע וויל אויסניצן מײַן הויז פֿאַר אַ מין פֿילאַנטראָפּיע. און איך האָב שוין קיין דייע ניט? און אַז איך בין ניט מאַסקים, וועל איך הייסן אַ שלעכטער טאַטע?..

ער האָט אַ שלײַדער געטאָן אויפֿן טיש אַ הויפֿן זשורנאַלן:

— ניין, איך בין ניט מאַסקים!.. און ווייסט ער פֿאַרוואָס? ווילן זיי יאָ, די „וואַנזיניקע", צי ווילן זיי ניט — די וועלט האָט זיך מעיאַשעוו געווען... אַפֿילו דאָרט, אין רוסלאַנד... נעפּ, האַנדל... ס'איז געבליבן דער איינציקער וועג: צוּוואָרטן נאָך אַ יאַרהונדערט!..

דזשולי האָט זיך צעלאַכט, אַזוי ווי סעמאַ קאָן לאַכן, ווען מע דערציילט באַבעמײַסעס.

— און עפּשער אַ ביסעלע וויניקער? — האָט זי געפֿרעגט מיט איר כּיזעק־שמייכעלע אויף די ליפּן. — אַ מײַסע — נעפּ, ווען איז דאָס געווען? ער לייענט זשורנאַלן, דער טאַטע, וואָס לייענט ער פֿון זיי אַרויס? אָט האָב איך אַנומלטן איבערגעזעצט איינעם אַ וואָרגאַ. באַווײַזט ער, וואָרגאַ, אַז בעשאַס אין רוסלאַנד גייט עס נישקאַשע, טאַקע גוט, וואָרט אויף דער מעיאַשעוו געוואָרענער וועלט אָן ערדציטערניש... אַך, טאַטע, טאַטע!..

ער האָט אָפּגעשניטן: אָדער־אָדער. אָדער זי גייט צוריק צו איר מישפּאָכע, צו אירע אינטערעסן, צו איר שטאָלץ... אָדער...

צום דריטן מאָל איז זי אַוועק, און אויך דאָס מאָל האָט די מוטער, די איינציקע אין הויז, געשטיקט אין זיך דעם וויי־טיק.

נאָר וואָס האָט דער זיידע געמיינט מיט זײַן „ס'איז אַ געדאַנק, אַ גלײַכער געדאַנק"?

די גרויסע שוואַרצע אַרבעט פֿון גענעראַל־שלאַכט איז געלעגן אויף דער אַרטיקער באַוועגונג. דזשולי האָט שוין אַ גוטע פּאָר וואָכן געווינט בײַ דומיטרו פּעיו. פּעיו אַליין איז אַרויס פֿון טפֿיסע מיט אַ קאַרג יאָר צוריק. ער האָט געפֿירט די אַרבעט, ווי אַ שלאַכטמאַן, מיט פֿאַרשיידענע כיטרע גענג. דעם אויפֿרוף, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט לעגאַל אין אַן אָפֿענער דרוקערײַ, האָט ער באַטראַכט, ווי אַ מין פּרימאַנקע. די גאַנצע פּאָליציי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויסזוכן אים און קאָנפֿיסקירן, און אין דער זעלבער צײַט האָט פּעיו פֿאַרפֿלייצט די שטאָט מיט אומלעגאַלע אויפֿרופֿן. דאָ האָט מען אָנגערופֿן די זאַכן מיט זייער עמעסן נאָמען. ניט „פֿאַרלעצונג פֿון געזעץ", נאָר „ווילקיר, טאַליאַנים, סאָנים פֿונעם אייגענעם פֿאָלק, מעשאָרסים פֿון מילכאָמע־אונטערצינדער". און צו דער דרוקערײַ איז דער וועג געווען גוט פֿאַרמאַכט. מ'האָט פֿון אים געפֿאָדערט, ער זאָל אַלע קויכעס אַרויספֿירן אויף דער גאַס, האָט פּעיו געלאַסן געענטפֿערט: „אַז מע הייסט, וועל איך. נאָר צו וואָס? אַ קאָץ מיט אַ גלעקל כאַפּט ניט קיין מײַז!"

דער פּראָצעס גייט דערווײַל. טאָג בײַ טאָג, אָוונט נאָך אָוונט באַגלייט דזשולי די מאַכנע באַשולדיקטע ביזן טויער פֿון דער טפֿיסע, און נאָר דעמלט, ווען זי הערט שוין פֿון הינטערן טויער „מאַרש", פֿאָרט זי אַהיים. דער טראַמוויי קײַקלט זיך באַרג־אַראָפּ, צום אַרבעטער־פֿערטל. דורכן פֿענצטער זעט מען די לאַנגע שטיינערנע פּלויטן פֿונעם האַפֿן,

דאַקן, זאַוואָדן, געסלעך מיט נידעריקע שטיבעלעך. דער אַרײַנגאַנג צו פּעיון אין הויז איז דורך אַ לאַנגן אָנגעגלאָזטן קאָרידאָר. די פענצטער פונעם הויז גייען ארויס טאַקע אַהער אין קאָרידאָר. פּעיו כּויזעקט פון זײַן קאָרידאָר: „אַזאַ זשאַמליק האָט אפילו דער קיניג ניט!" אָפּגעגעסן, וואָס די באַלעבאָסטע האָט צוגעגרייט, זיצן זיי אַלע אינאיינעם אין דער קאַסע-מאַרע און מע פּלאַנעוועט „וואָס ווײַטער?" פּעיו דערציילט וועגן זײַנע אַמאָליקע טועכצן. פון די ווענט קוקן אַראָפּ די בערדיקע פירער: מאַרקס און ענגעלס, ליבקנעכט, און טאַקע אונדזער אייגענער בוזשאָר.[1] „אָט זיי דאַרפן ענטפערן אויף דער פראַגע „וואָס ווײַטער?" פּעיו פאַרגייט זיך אין זיסע זיכרוינעס. אָדעס, 1917, 1918. רעוואָליוציאָנערע גוואַרדיע. „זעסט, — זאָגט ער, — אָט דעם בוזשאָרן, פאַרוואָס מיינסטו איז ער אונדז אַזוי ליב? ער איז עפּשער ניט אַזאַ גאָען, ווי אַנדערע. אָבער ער וועט קיינמאָל ניט אַראָפּ פון שליאַך. אײַזן איז ער. שטאָל. אָט וועט מען אים אויך ברענגען אַהער, וועלן מיר מאַכן אַ „גוליאַי".

אַרום בוזשאָרן איז צווישן קיניגלעכן קאָמיסאַר און גוראָווס אַדוואָקאַטן פאָרגעקומען אַפן פּראָצעס אַ שטיקל סטיטשקע. גוראָוו האָט בוזשאָרן געשטעלט פאַר אַן איידעס, און דער קאָמיסאַר האָט אים בעשום-אויפן ניט געוואָלט ברענגען אַהער. ניט געוואָלט אַרויסנעמען אים, אפילו אויף קיין איין טאָג, פונעם פינצטערן טפיסע-קייווער, וווּ בוזשאָר שמאַכטעט שוין אַזוי דאָס אַכטע יאָר. איינער-אַליין אין אַ „שטילער" צעלע, באַוואַכט פון אַ שטומען שוימער, ער זאָל קיין לעבעדיק וואָרט ניט הערן. סאָפּקאָלסאָף האָט דער קאָמיסאַר געמוזט אָפּטרעטן.

— ווּעסט זען, וויאַזוי בוזשאָר וועט זיי אַרײַנזאָגן! — האָט אַ מאַך געטאָן פּעיו צו דזשולין און צום זיבן-און-צוואַנציקסטן מאָל דערציילט די געשיכטע וועגן בוזשאָרן און וועגן אָדעס.

— אַזוינס קאָן נאָר גאָט אַליין צוטראַכטן. אין אָדעס זאָלן זיך גראַדע אָנזאַמלען עוואַקוירטע רומענישע זאַוואָדן, די פּניי פונעם לאַנד. אינאיינעם מיט אַרבעטער און סאָלדאַטן. און דאָ צעשפּילט זיך דאָס זיבעצנטע יאָר. בוזשאָר אָרגאַניזירט אין אָדעס רויטע מיליטער-טיילן, מע פאַרכאַפּט רומענישע קריגס-שיפן, מ'איז שוין אָט-אָט גרייט אַוועקצולאָזן זיך אַהיים, אַ סאָף מאַכן מיט די בורזשויען און מיט די באָיאַרן. נו, האָט נאָך, אַפּאָנעם, קייזן געגוג קויכעס ניט געסטײַעט.

פּעיו טוט זיך אַ הייב אויף און צעשפּאַנט זיך איבערן צימער אַ הויכער, אַ קרעפּטיקער, מיט עפּעס אַזעלכע רויטע פלעקן אַפן קאַרק, מיט ניט קיין גרויסע, בלוילעך-גרויע, מילדע און קלוגע אויגן.

און ער האָט געהאַלטן וואָרט. פונקט צו דער שאָ, ווען מ'האָט געדאַרפט אַרײַנפירן בוזשאָרן אין געריכט-הויז, האָט פּעיו אַרויסגעפירט אויף דער גאַס זײַנע „באַיאָלעס". די גאַס איז געוואָרן שוואַרץ פון טונקעלע אַרבעטער-„סקורטעס". עס האָט געשפּאַנט אַן אויסלעס, וואָס האָט זיך געקאָנט באַשטיין זײַן שטעטל קעגן פּאָליציי און אפילו קעגן סאָלדאַטן, אי מיט אַ וואָרט, מיט אַ געשריי, אי מיט אַ געזונטן קולעק.

די פּאָליציי האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט שטעקנס קעגן דער פּאָן. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געוואָרפן די פּאָליציאַנטן זאַלץ אין די אויגן. דזשולי האָט דערזען אַ קופּקעלע שוואַרץ-געקליידטע וועכטער און צווישן זיי אַ ניט-הויכן מענטשן אין געשטרײַפטע אַרעסטאַנטן-קליידער. ביז זי האָט זיך גוט אַרומגעקוקט, איז ער שוין געווען קימאַט לעבן איר. ער טראָגט שווערע קייטן אויף די הענט און אויף די פיס. ער טוט שווער אַ הייב אויף די האַנט און באַגריסט מיטן היטעלע זײַנעם די פאָן. דזשולין דאַכט זיך, אַז ער קוקט אויף איר, קוקט איר גלײַך אַרײַן אין די אויגן. עס דאַכט זיך איר, אַז ער פרעגט זי מיט די בליקן: „ווּעסטו גיין ביזן סאָף? וועט דיך דער וועג ניט איבערשרעקן?" מעגלעך, ניט אין דער רעגע האָט זיך איר דאָס געדאַכט. נאָר שפּעטער, שפּעט באַנאַכט, ווען מ'האָט אַהיים געבראַכט פּעיון אַ צעמאַזיקטן און זי איז געזעסן לעבן אים און אויף זײַן צעהאַרגעט פּאָנעם געלייגט קאָמפּרעסן מיט בלײַ-וואַסער.

---

[1] מיכאַיל געאָרגע בוזשאָר (1883—1964). באַטייליקט זיך אין דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע. פאָלקסקאָמיסאַר פאַר אויסערן-איניאָנים אין דער רעוואָליוציאָנערער בעסאַראַבער רעגירונג. דורכגעפאַלן אין 1920 בײַיס אַ נעסיע קיין רומעניע. פאַרמישפּעט געוואָרן אויף לעבנסלענגלעכער קאַטאָרגע. ערן-מיטגליד פון ווציק פון דער מאָלדאַווישער אַווטאָנאָמער סאָוועטישער רעפּובליק. פונעם 1940 ביזן 1944, ביז דער באַפרײַונג פון רומעניע — אין קאָנצלאַגער טירגול-זשיו. ביזן 1964 — פאָרזיצער פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פון דער סאָציאַליסטישער רומעניע. מעכאַבער פון אַ ריי ווערק, בעסיכעס פון אַ באַנד לידער.

פון די הונדערטער פּעיִס „שלאַכטמענער" זײַנען אין יענעם טאָג אַרײַן אין גריכט-זאַל געצײלטע.

— מיכאיִל געאָרגע בוזשאַר! — האָט אויסגערופן דער פּאַרזיצער, און דער סאָלדאַט בא דער טיר האָט אים איבערגעכאַזערט.

אין זאַל איז געוואָרן טויט-שטיל. ס'האָבן זיך נאָר געהערט דאָס קלינגען פון די קייטן און די טריט פון די וועכטער.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן א שוידערלעכער ריטואַל:

— נאָמען. באַשעפטיקונג. וווינאָרט. וואָס פאַר א קרוויוים האָט דער אײדעס צווישן די באַשולדיקטע? וועט דער אײדעס שווערן?

— איך וועל שווערן! — זאָגט בוזשאַר. און מע דערלויבט אים שווערן ניט באַם צײלעם, נאָר באַם געוויסן. — איך וועל זאָגן דעם עמעס, און נאָר דעם עמעס. אזוי זאָל דאָס פאָלק ווערן פרײַ!...

ער האָט געכאַפּט א קוק צו דער באַשולדיקונגס-באַנק. אהא! ס'לעבט די אַלטע גוואַרדיע, זײַנע אַלטע כאַווירים. אין דער אַלטער באַוועגונג זײַנען זעלטן געווען פרויען. געצײלטע. דאָ זיצן פיר יונגע מיידלעך. ער האָט זיך א רעגע פאַרטראַכט, נאָר דער פאַרזיצער האָט אים אונטערגעאײַלט:

— דער אײדעס דאַרף אַנערקענען, אַז אין דאַפּטאַנע וועבן זיך פאַרשווערונגען... לעק-ציעס קלוימערשט...

בוזשאַר רעדט מיט א טויבלעך קאָל, ווי פון א קייווער אַרויס. ער סטאַרעט זיך רעדן העכער. עס ציטערן אונטער די קייטן אויף זײַנע הענט:

— פאַרשווערונגען? אין די שטיינערנע זעק? וואָס פאַר א פאַרשווערונג מיט א שטומען וועכטער בא דער זײַט און מיט אן איקאָנע אויבן אין ווינקל? יאָ, איבערן גאַנצן לאַנד קומט פאָר א פאַרשווערונג, איין לאַנגע פאַרשווערונג — קעגן ברויט פון אַרבעטער און קעגן דער ערד פון פּויער, קעגן פאָלק און זײַנע רעכט. כ'האָב געשוווירן זאָגן דעם עמעס און איך זאָג אים אײַך. די פאַרשווערער זיצן אין די פּאַלאַצן. די אַלע גרויזאַמקײַטן פון אָט דער פאַרשווערונג וועט אָבער קיינעם אין דאַפּטאַנע ניט שטעלן אויף די קני. איצט באַקעמפט מען אײַך מיטן וואָרט, נאָר ס'וועט קומען א קעמפער מיט פײַער — די האַק איז שוין נאָענט צו אײַערע וואָרצלען!...

דער פאַרזיצער איז אופגעשפרונגען: „אַרויספירן! אַרויספירן!"

בוזשאַר האָט א קוק געטאָן אויף די באַשולדיקטע, ווי עפּעס געבעטן מעכילע: „וואָס האָב איך מערער געקאָנט טאָן?" ס'האָבן זיך צעקלונגען די קייטן זײַנע. ער האָט געשפּאַנט פאַמעלעך, שווער. יאָ, אין אזא זאַל האָט מען אים אַליין מיט אַכט יאָר צוריק געמישפּעט. אָט איז דער זעלבער בלוי-זשאַנדאַרמישער אופשריפט אויפן דיל: „געדולד, כאַראַשאָ!"

— נו, דאָס וועלן זיי זיך ניט דערוואַרטן, קיינמאָל ניט!...

א לאַנגער וויקועך האָט זיך געצויגן צווישן גוראָוון און דעם קיניגלעכן קאָמיסאַר. דער סאָלדאַפּאָן האָט דערטאַפּט עפּעס א בראַשורל, געפאַכעט דערמיט און געטײַנעט: „קאָ-מוניזם... אופשטאַנד... צען יאָר!"

גוראָוו האָט רויִק אָפּגעשלאָגן זײַנע קלוימערשטע אַרגומענטן:

— מיר וואָלטן געווען צופרידן און די וועלט וואָלט געווען צופרידן, מע זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו „כירורגישע" אָפּעראַציעס. נאָר דאָס פאָלק איז אַמאָל געצוווּנגען נעמען זיך צו געווער. און פאַרוואָס דאַרפן עפּעס זײַנע זין שטיין אויף דער זײַט פון זייערע איי-גענע סאָנים? מיר האָפן, אַז די שלאַכטלײַט וועלן אַמאָל אויך זײַן אויף אונדזער זײַט...

דער פאַרזיצער איז ווידעראַמאָל אופגעשפרונגען:

— לאָמיר אָפּשליסן דעם אַקאַדעמישן וויקועך. איר האָט דאָס וואָרט, הער קיניגלע-כער קאָמיסאַר!...

דזשולי איז געזעסן אין איין ריי מיט איר זיידן. זי האָט אים א דריק געטאָן די האַנט און ער האָט איר געענטפערט מיט א דריק. דער אַלטער סעמאַ האָט דזשולין שפּעטער גע-זאָגט: „דאָ גייט ניט אָן דער קלאַל „טישמאַ שנייִם מעדאַברים". ער האָט עס איר פאַר-טײַטשט, און זי האָט דעם קלאַל געוווּסט פון לאַטײַן. דערנאָך האָט ער איר דערציילט וועגן א שמועס זײַנעם מיט אַבען. ער האָט אַבען געזאָגט: „נו, איז וואָס, אז דער עמעס שטייט אײַן בא די אָרעמע און בא די יונגע, איז ער ניט קיין עמעס?"

דזשולי האָט א זיפץ געטאָן:

— זיידע, מײַן טאַטן איז שוין שפּעט אויסצוטאָלקעווען, וואָס דאָס איז אזוינס עמעס...

זי האָט נאָך געוואָלט זאָגן: „דו, זיידע, האָסט פאַרשפּעטיקט!" נאָר זי האָט געשוויגן.

דערנאָך איז געקומען דער אורטייל:
קאהאנע — זיבן יאָר. גוראַוו — פינף. זשעניע אווערבוך — זעקס. שווארצמאן — צען. לאַזאר — זעקס. גרינשטעינקאָ — זעקס. אלע אנטלאָפענע — צען יאָר.
— געוווּנען האָבן פונדעסטוועגן מיר, — האָט גוראַוו געזאָגט. — קיין איין שטראָף האָט דער געריכט ניט געגעבן איינשטימיק... אַלע מיט צוויי שטימען קעגן...
פּעיו האָט געזאָגט:
— מיר האָבן געוווּנען, ווײַל די גאַנצע שטאָט ווייסט עס. און די גאַנצע שטאָט איז קעגן דעם...
באַם אַרײַנטראָגן אין געריכט די קאסאַציע-פּאַפּירן זאָגט גוראַוו דעם פּאַרזיצער:
— מיר טראָגן אַרײַן די קאסאַציע. נאָר באַפרײַען די כעוורע וועט דאָס פאָלק. אַגעוו, הינקט אײַער אורטייל אויף ביידע פיס — אויף צוויי שטימען קעגן. ס'איז גאָרניט שלעכט, הערן!..
אפן ווינטער איז זשולי געבליבן אין איר היימשטאָט. מ'האָט געפּויעלט, אַז גוראַוון און קאהאנען זאָל מען ווינטער, ביזן קאסאַציע-אורטייל, ניט פירן קיין דאַפּטאנע.
פאראַן איז אַ שלאָל מיט אַרבעט. ניט נאָר אין די געהיימע קרײַזלעך — לעגאַלע. אָפּע-נע אַרבעט. וועגן שטיקל ברויט האָט זי קנאַפּע זאָרגן: „מײַנע קינדער ווייִנען ניט". זי טאַנצט און זינגט אין כאָר פון דער פאָלקס-היים. זי טרעט אַרויס מיט אַ פּאָר ווערטער אויף אַן אַמנעסטיע-מיטינג. זי גייט מיט מוטערס און פרויען פון אַרעסטירטע אויף אַ דעמאָנסט-ראַציע פאַר אַמנעסטיע. אין איינעם אַ טאָג שטויסט זי זיך אָן אויף דער גאַס מיט דער מומע דינען. יענע איז ניט פויל, שטעלט זיך אָפּ און עס האַלט באַ אויסרײַסן די האָר איינע דער אַנדערער:
— כצופע! מעשומעדיס! טודעסקיש בלוט!
— ווּכערניצע! גאַטס גאַנעווטע!..
אין איינעם אַן אָוונט האָט פּעיו אַרײַנגעפירט זשולין אין דער ייִדישער „קולטור-ליגע". ער האָט זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט עמעצן. ער האָט גאָר געמיינט, אַז זשולי רעדט ייִדיש, ווי דער דאָרטיקער עולם, פאַרשטייט לעכאָלעהאָפּאָכעס ייִדיש. ער אַליין, אַ מאָלדאַוואַן פון דאָר-דוירעס, האָט זיך גאַנץ נישקאָשע אײַנפאַרשטאַנען מיט די „ליגיסטן". ער פלעג אַמאָל אפילע אַרויסטרעטן מיט זיי אויף געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען. אַמאָל אין דער „העקער-שול", אַמאָל אין דער שול פון די באַלעגאָלעס. ער פלעג זיך אפילע צומאָל אַרײַנלאָזן אין ייִדישע פּראָבלעמען: „ניט קיין מאָעסכיטן, נאָר אַרבעט, גוטע לוינען!" אין דער לופט איז געהאַנגען די מילכאָמע-געפאַר. דער קאַמף קעגן מילכאָמע איז קיינמאָל ניט אַראָפּ פונעם סיידער-האַיום. איינמאָל אין אַ רעדע זײַנער טוט ער אַ זאָג: „די וועלט-באַלעבאַטים ווילן אָפּטאָן, ווי אַ קלייטניק, וואָס האַלט באַם אַנזעצן. דער קלייטניק צינדט אָן דאָס קלייטל זײַנס, זיי ווילן אָנצינדן די וועלט!.."
ווי נאָר דער עולעם אין דער „קולטור-ליגע" האָט זיך דערוווּסט, ווער דזשולי איז, האָט מען זי אַרומגערינגלט, פאַרגעשטעלט זי, פאַרשיט מיט באַגריסונגען: „זעט נאָר, אַלעקסאַנדער גוראַווס כאַוורטע!"
זי איז געשטאַנען, ווי אַ גאַסט, און נײַגעריק צוגעקוקט זיך צום עולעם. עטלעכע שפּאַן פונדאַנען איז איר פּאַטערס הויז, און זי האָט ביז איצטער קיינמאָל ניט באַגעגנט די, וואָס זי זעט דאָ. קימאַט דער זעלבער עולעם, וואָס אין הויפּטשטאָטישן פּראָלעטקולטישן קרײַז. פונקט אַזעלכע איינפאַכע בגאָדים, אַ רוסישע קאָסאָוואָראָטקע, אַ דעמאָקראַטישער באַסק, קורץ-געשוירענע מיידלשע קעפּ. פּעיו איז באַלד אַנטרונען געוואָרן, און זי איז געבליבן אויג אויף אויג מיט אַ הויכן מאָגערן פאַרשויז, וואָס האָט זיך אָנגעקנאָט דעם ספּריטנע קוק זײַנעם אויסגעזען אַ סאך ייִנגער, ווי ער איז געווען אינדערעמעסן. מעכל קאַווריגאַר. דער הויפּט-טוער אין דער „קולטור-ליגע". ער האָט גערעדט וועגן זײַן דראַמקרײַז, וועגן דער טאַנץ-גרופּקע. ער האָט איר דערנאָך דערציילט וועגן די שרײַבער, וואָס די בילדער זייערע הענגען אויף די ווענט פונעם צימער. „דער-אָ אַלטיטשקער, מיטן גוטן בליק אין די אויגן פון אַ כאָכעם, — דער איז מענדעלע, דער זיידע... און אָט דער מיטן ביטערלעכן שמייכל — איז שאָלעם-אַליכעם, דאָס אייניקל... נו און דער? פּערעץ, די קרוין, דער אַמוד-האַאייש[1]..."
אַזוי האָט געזאָגט קאַווריגאַר, און זי ווייסט, וואָס אַמוד-האַאייש הייסט. נו, זי האָט דאָס אַלץ געהערט באַ איר זיידן, דעם אַלטן יעסאָמער. פּערעץ איז איר כוץ דעם נאָענט, ווײַל

[1] עמוד האש (העבר.) — אַ פײַערדיקער זײַל.

בא זיי אין דער מישפּחה סעמאַ איז אַמאָל געווען איינער אַ פּערע, וואָס האָט געשריבן שירים, און איז פאַרפאַלן געוואָרן מיט עטלעכע דויערס צוריק אויף די וועגן...

דזשולי האָט זיך לאַנג צוגעקוקט צו די בילדער און דערנאָך מיט כּידעש געבלעטערט איסאַסכער-בער ריבאַקס „שטעטל". „וואָס איז עס פאַר אַ רעבע, צו וועלכן מע פאָרט גייענדיק ביז אין די קני אין דער בלאָטע?" — האָט זי געפרעגט.

אַ צווייט מאָל איז זי געקומען אין דער „ליגע", ווייל ס'איז איר עפּעס געווען זייער קאַלט און אויפן האַרצן שטאַרק קאַלעמוטנע, ווי ס'פלעגט ווערן, ווען מאַשע פלעג אַמאָל אַ זאָג טאָן: „ס'איז שוין אַפּאַנעם געווען צו גוט". זי האָט זיך צוגעהערט צו אַ ליד, וואָס דער כאָר האָט געלערנט. קאָוריגאַר האָט איר געמאַכט אַ סימן און זי איז צוגעשטאַנען צו די מעצאָס...

וואָס זשע קלינגט איר, קיר-כן-גלאָ-קן,
שוין גע-נוג, גע-נוג, גע-שראָ-קן,
האָבן איי-ערע וויל-דע טע-נער
אונ-דזער אָ-רע-מע וועלט...

— געשראָקן? — האָט דזשולי אַ פרעג געטאָן מעכלען. — מאָלט אייך, איך בין פאַר-ליבט אין גלאָקן-קלינגער פון דער „פּרעטשיסטע". קיינמאָל שרעקט ער ניט. פילסט זיך עפּעס דערהויבן.

מעכל שמייכלט. די ליד בלייבט אַ גוטע ליד. כאָטש דער גלאָקן-קלינגער פון דער „פּרעטשיסטע" טוט אים אויך אָן נאַכעס-רועך מיט זיינע באָך-מעלאָדיעס.

דזשולי איז געוואָרן נאָענט מיטן כאָר, אינגיכן געזונגען דאָרט איינינעם מיט אַלע די „דריי נייטערנס". און מעכל קאָוריגאַר האָט עפּעס אָנגעהויבן גלייבן, אַז ער וועט האָבן כּאַוואָקע אויף אָט דעם אויצער.

ווינטער איז געשטאָרבן יעסאַמער סעמאַ.

שאַשאַנע, דזשולים מוטער, האָט לאַנג געבלאָנדזשעט איבערן ענגן שטאָט-פּערטל ביז זי האָט געפונען דאָס הויז, ווו דזשולי האָט געוווינט. פּעיוס הויז. אַ גוטע שאָ האָט זי געוואַרט אין דער קאָסע-מאַרע. פּעיוס פרוי האָט לויטן מינהעג געבראַכט אויף אַ טאַץ שוואַרצע קאַווע און אַ פּאָר שטיקלעך מאַלאַי מיט ראָזשינקעס. ביידע פרויען האָבן אָן שום האַקדאָמעס אָנגעהויבן אויסריידן זיך דאָס האַרץ. „ער גייט אַוועק אויף דער אַרבעט און ביז שפּעט אין דער נאַכט פּאָלט דיר אַרויס די נעשאָמע. וואָלט ער זי אויכעט „צוגעצויגן", וואָלט עפּשער געוואָרן גרינגער, וואָלטן זיי כאָטש געווען איינינעם". שאָשאַנע האָט אויס-דערציילט אירע ווייטיקן: „בעסער שטאַרבן ערגעץ אויף דער גאַס!"

דער זיידע האָט זיך געבעטן ראַכמים: „געפינט זי, געפינט זי!..." ער האָט ביידע הענט זיינע געהאַלטן צונויפגעקלעמט אויפן האַרצן: „כ'וועל צוואָרטן!" ווי ער האָט זיך נאָר דער-ווּסט וועגן צוזאַמענשטויס צווישן דינען און דזשולי'ן אויף דער גאַס, האָט ער דינען גע-טריבן פון זיין צימער: זי וואַרט אויף זיין טויט, אין דייגע האָט זי: יאַרשענען זיינע אָד-און-ווייַ-אויצערס אין שאַפּקעלע און דעם רוגג... ער האָט געשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס: טיפּשים!.. טיפּשים!..

בייס מע האָט אויף גוראָוס פּראָצעס איבערגעלייענט דעם אורטייל, האָט ער זיך געטאָן אַ שטעל אויף און איבערן גאַנצן זאַל אַ געשריי געטאָן: „ראָצכים!" פאַר „באַליידיקן זיין מאַיעסטעט" האָט אים דער געריכט באַשטראָפט מיט אַ טאָג טפיסע. אַ טאָג טפיסע און איין קאָפּיקע שטראָף — די ערגסטע און שענדלעכסטע שטראָף. ער האָט שוין אַפילע קיין צאַ-וואָע ניט געקאָנט שרייבן באַ אַ נאָטאַריוס.

ס'איז שוין געווען גוט טונקל, ווען דזשולי איז געפאָרן אין דער דראָזשקע מיט דער מוטער, געכליפּעט און זיך געשטראָפט: „אָן אַכזאָריעס". זי האָט זיך אַזוי פאַרקאָכט, אַז זי האָט אינדערהיים די נאָז ניט באַוויזן זינט דער פאָטער האָט געשטעלט די פראַגע „אָדער-אָדער". זי האָט דעם זיידן געטראָפן, ווי ער ליגט אָן אויסגעטריקנטער, הויט און ביין, נאָר קוקט צו דער סטעליע מיט אַ לויטערן קוק. אַפילע מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן. פּלוצעם איז ער זיך פאַרגאַנגען אין אַ הוסט. דערנאָך האָט ער זי דערזען, צוגעצויגן זי צו זיך, געגלעט איר קאָפּ, געוועדט צו איר געלאָסן, אַקוראַט זי זאָל געווען זיין די גאַנצע צייט לעבן אים:

— גוט. גוט. דו ביסט שוין בא א ברעג. פֿערעץ האָט אים א לעבן געזוכט. זאָגסט, אז דער ברעג איז אין הארצן? ס'איז א געדאנק, ס'איז א גלײַכער געדאנק. און איך האָב א גאנץ לעבן זיך געפֿלאָנטערט...

דערנאָך האָט ער זיך ווידער דערמאָנט, אז זי דארף ערשט קומען, ווידער געהייסן זי ברענגען. דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן צו איר געלאסן, גלײַך זי איז שוין לאנג לעבן אים:

— אף דײַן מאמען איז א ראכמאָנעס. א שטום קאטשקעלע...

דזשולי האָט געציטערט, אײַנגעהאלטן די טרערן. א ווײַלע איז ער געבליבן שטיל, צעשמייכלט זיך, א שעפּטשע געטאָן „דויר הוילעך װעדויר באָ”, דערלאנגט איר א שלי-סעלע און א ווונק געטאָן צום שאפֿקעלע. זי האָט דאָס שאפֿקעלע זײַנס אופֿגעשלאָסן און פֿון דאָרטן, אף זײַן ווונק, ארויסגענומען א זעקעלע פּאפּירן. ער האָט איר געהייסן פֿארשליסן די טיר. דעם גרעסטן טייל פּאפּירן האָט ער אלץ מיט א ווונק באפֿוילן איר ארײַנוואַרפֿן אין פֿײַער ארײַן. נאָר איין פֿארמעטענעם בלאט, באצירט מיט לייבן, האָט ער איר געגעבן: „בא-האלט!”. ער האָט אראָפּגענומען דעם רונג פֿונעם פֿינגער און געזאָגט:

— טראָג. גיי גראָד. טראָג און געדענק דעם זיידן!...

ער האָט נאָך עפּעס געשעפּטשעט:

— שרעק זיך ניט. אזוי שטארבט א סעמאָ. יעסאָמער בען יעהודע... בען שימשן... בען...

און האָט פֿארמאכט די אויגן.

ביזן בעסוילעם האָט דזשולי ניט געוויינט. אין הויז איז מען געקומען און אוועקגע-גאנגען. אלע אָנגעטאָן אין שווארצן. שטילערהייט געשטאמלט אף רומעניש: „קאָנדעליאנ-צעלע מעלע”[1]. אפֿן בעסוילעם האָט זיך דזשולי אוועקגעזעצט אף אן אלטן שטיין, א שטיין א מולטער, לעבן א מאצייווע מיט שווארצע אויסיעס, באדעקטע מיט מאָך. ס'האָבן א שטראָם געטאָן טרערן. ס'האָט זיך גוט געוויינט, און דאָס הארץ האָט זיך צו עפּעס פֿארייניקט. ס'האָט זיך געהערט דאָס ניט-נאטירלעכע כליפּען פֿון דער מומע דינען. דזשולי האָט גע-קוקט בארג-אראָפּ צו דער אומצאָליקער מאכנע שטומע שטיינער. עמעצער האָט געשיט מיט שוואָכים. דערנאָך האָט דער פּאָטער געזאָגט א טפֿילע...

און ווען אפֿן בעסוילעם איז שוין קיינער ניט געבליבן, איז דזשולי נאָך לאנג גע-שטאנען באם פֿרישן קייווער און איבער איר האָט געשאָטן א געדיכטער ווײַסער שניי. גרוי-סע בלענדנדיקע שניי-פֿליטערלעך האָבן זיך געדרייט אין א טאנץ, פֿארוויקלט שטיינער אוןביימער, בארג און טאָל.

דער אָוונט פֿון די יוגנטלעכע האָט געזאָלט זײַן עפּעס צווישן פֿארווײַלונג און קינסט-לערישער פֿאָרשטעלונג. טיי — א לייַ א גלאָז, א לאָטעריי לעטויוועס ארעסטירטע, און א רעדע דעם סעקרעטארס פֿון אָט דעם קרײַז, א ביסל א מעגושעמדיקער באָכער מיט א צעקאליעטשעט אויג — אוואקאריצא. ס'האָט זיך געדאכט, אז עס וועלן ניט זײַן קיין שום שטערונגען. מ'האָט ערשט ניט לאנג אָפּגעשאפֿן דעם צעניאָריקן באלאגערונג-צושטאנד. נאָר געטראָפֿן האָט זיך פֿונקט קאפּויר. באם אָנהייב האָט מען די פֿאָלקס-היים ארומגע-רינגלט. דערנאָך האָבן זיך ארײַנגעריסן מיליטערישע אגענטן — מע זוכט קלוימערשט דע-זערטירן. האָסטו ניט קיין באווײַז, אז דו ביסט ניט קיין דעזערטיר, — קום! דערנאָך זײַנען ארײַן סיגוראנצע-שפּיצלס: „וואָס איז דאָ פֿאר א קאָנספּיראציע?.. זע נאָר: א ביבליאָטעק גאָר!.. קעדײַ דורכקוקן...” „גיי שרײַ, פּראָטעסטיר, אז ביז עפּעס-וואָס שלעפּט מען דיך שוין אין פּאָליציי-צירקל.

ווער ס'האָט זיך נאָר אנטקעגנגעשטעלט, ווער ס'האָט טאקע א שפּיצל דערלאנגט צו-ריק, מיט אן אוידעף. אין פּאָליציי-צירקל גייען די אויספֿאָרשונגען מיט נײַע סטוסאקעס. עס לויפֿט ווי א קורירסקע באַן. אין פֿיר און צוואנציק שאָ ארום ביסטו שוין באם ציוויל-פּראָקוראָר. אף אים האָט קיינער קיין כשאד ניט, אז ער באקומט פֿון ערגעץ-ווו באפֿעלן — ער איז קולע געזעץ! ער שטעלט באלד אויס פּאפּירן: „אין שנעל-געריכט!.. פֿון צוויי ביז פֿינף יאָר... קאָמסאָמאָל!...”

און דער פּראָצעס גייט אויך איינס-צוויי. ער קומט פֿאָר צווישן צוויי אנדערע שנעל-פּראָצעסן פֿון גאנאָווים, וואָס מ'האָט געכאפּט בא דער האנט.

---

[1] קאָנדעליאנצעלע מעלע (רומ.) — מײַן טרויער-מיטגעפֿיל.

שוין אפן דריטן טאָג, אָונט-צו, זעען גוראָוו און קאַהאַנע פון זייער לאַזאַרעט-גאַנעקל, ווי א וועכטערן פירט דזשולין מיט נאָך עטלעכע כאַווערטעס אין דער פרויען-אָפּטיילונג. ס'איז ניט קיין כאַלעם. ס'איז דזשולי. דער מאַנטל — צעריסן, אונטער די אויגן — סיניא-קעס. נאָר ס'איז טאַקע זי, זי אַליין, דזשולי!

און ס'גייען אריבער א דריַי וואָכן, איז שוין נאָך אַלעמען. נאָך אָפּעלאַציע, נאָך קאַ-סאַציע. דזשולין פאַרשיקט מען אין א בארג-טפּיסע פאַר געמיינע פאַרברעכערנס. דאָרט וועט זי שוין צוויי יאָר פלעכטן ראַגאָזשעס.

וועגן הונגער-שטרייַקן איז דער מעכאַבער פון אָט דער געשיכטע בעיעכוילעס צו דער-ציילן אייגנס: דרייַ טעג הונגער-שטרייַק אין א פּאָליציי-צירקל, פינף טעג — אין איין טפּי-סע, אין א צווייטער טפּיסע — פּאַשעט הונגער: א טאָג פיר האָט מען נישט געגעבן ניט קיין שטיקל מאַמעליגע, ניט קיין לעפל שיטעריצע. ער קאָן דערציילן, ווי מע פיבערט צו-ביסלעך, ווי צוביסלעך דרייט זיך דער קאָפּ, ווען דו הייבסט זיך אויף פונעם בעטל. דאָס אַלץ איז אָבער קלייניגקייט. די עמעסע גאָב איז פּערציק טעג הונגער-שטרייַק! דאָ מוז מען שוין זייַן דער גרויסער מייַסטער, אָדער דער גרויסער צוטראַכטער אַליין עפּעס אָנמאָלן מיט דער פען. און ווייַל דו ביסט ניט דאָס און ניט יענץ, קומט אויס נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל בא-ניצן זיך מיט דזשולים טאָגביכל:

„...דער ערשטער הונגער-שטרייַק איז אַדורך גלענצנדיק. ס'איז געווען מייַ, די ערשטע טעג פלעג איך נאָך ארויסגיין אָף שפּאַציר. פונעם הויף זעט מען א שפּיץ פון א בארג — א גרויע גלאַנצנדיקע וואַנט, אקוראַט ס'האָט זי עמעצער אויסגעשליפן, ווי א שפּיגל. אָף א פּאָר רעגעס צעטריפט זיך א רעגנדל, בלישטשעט דער בארג טאַקע ווי א שפּיגל. אפן סאַ-מע שפּיץ זעסטו אָן איינזאַמע סאָסנע — זי וואַקסט ארויס פון אָט דעם שפּיגל. ס'איז א נעס, ווי'אַזוי זי האַלט זיך דאָרטן, און ווי'אַזוי זי האָט ניט פאַרלוירן די פּאַרם פון א בוים, מאַכמעס די ווינטן רייַסן דאָרט פון איר שטיקער. נאָר זי וואַקסט, זי לעבט. אינדערפרי האָט א זיפּ געטאָן א ביסעלע שנייי. דערנאָך איז ארויס די זון... כ'האָב נאָר געטראַכט, ווי'אַזוי אַלעקסאַנדער טראָגט איבער דעם שטרייַק..."

. . . .

„איצטער איז סענטיאַבער. און ס'איז דער צווייטער שטרייַק. אכצן טעג זייַנען שוין פאַרבייַ. איך בין אַליין, אַליין. איך ווייס, וויפל כאַווירים אונדזערע שטרייַקן אין אַלע טפּי-סעס. אַלע, אַלע מוזן ווערן פרייַ! פון דרויסן באַקום איך קיין שום נייַס ניט. נאָר כ'ווייס אַלץ. מיר זייַנען הונדערט זעכצן..."

. . . .

„...הייַנט איז געוואָרן פינף און צוואַנציק טעג. כ'בין אינגאַנצן רויק. ביסט רויק, ווייַל דו האָסט גוווער געווען דעם גוף. האָסט אָט די כייַע אָפּגעווויינט פון שפּייַז, לופט, זון, וואַ-סער. וואַשן וואַש איך זיך שוין ניט. איצטער פילט דער גוף דייַנע אויס דייַנע באַפעלן גע-האַרכזאַם. ער דינט דיר, ווי די מאַשין, אָף וועלכער כ'האָב די לעצטע צייַט שטאַמפּירט קנעפּ-לעך. „האַנט, וואַרף די שפּייַז דעם פּראָקוראָר אין פּאַרצעף אַריין!" — וואַרפט זי. איצטער ביסטו שטאַרקער פון אַלע וועכטערס. קיינער וועט דיך ניט אָנרירן. נארישער גוף, וואָס האָסטו זיך געשראָקן פאַרן וועכטערס גומי-שטעקן? „האַנט, וואַרף!" — און זי וואַרפט. „ציין, פאַר-בייַסט די ליפּן ביז בלוט, ביז מעשוגאַס!" — און זיי פאַרבייַסן. פונקט ווי עס לאָזט זיך אַראָפּ דער שטאַמפּ אפן אייַזן און בייַסט עס איַן... (די וועכטערן קוקט צו מיר דורכן קוק-לעכל און זעט ווי איך שרייַב. זאָל זי. מע וועט בא מיר גאָרניט ניט געפינען.) גוף, גוף, ראַנגל זיך, מע זאָל בא דיר ניט אַראָפּרייַסן דעם רונג. זיי געהיט. אין שלאָף — לאָז ניט. האָסט שוין אַזויפיל מאָל געזיגט. ניט קיין טיי... ניט קיין רונג... ס'איז גאָר גוט, וואָס דער רונג פאַרמאָגט אין זיך עפּעס באַזונדערס דייַנס..."

. . . .

„אין טפּיסע איז געקומען א מיניסטערס א געהילף. אַזא איידעלע כייַע. ס'איפּעשט פון מיר. ס'טראָגט פון מיר א מייסים-געדוך. פון מיר און פון די שמאַטעס אָף מיר, פון דער ראַגאָזשקע. „ס'איז אַזוי אומגלייבלעך! אַזוי טראַגיש!" ער איז א בען-איר, באַקאַנט אין אונדזער מישפּאָכע. געווען דער מומע דינעס אַדוואָקאַט. „ס'א קאָרבן צוליב קאָרבן", — זאָגט ער.

— לעך, אוועק פונדאַנען! ס'שטעקט דיך דער מייסים-געדויך? נאָר פרייַ! און נאָר אינייינעם מיט אַלעו!..

און כ'האָב ניט וואָס צו וואַרפן אים אין דער צורע אַריין. קיין שפּייַעכץ אין מויל איז נישטאָ...״

. . . .

„...איצטער זייַנען מיר שטאַרקער פון זיי. ניט זיי קאָנען אונדז שפּייַזן, ניט איבערפירן און אַפילו ניט באַפרייַען אַן אונדזער ווילן. וויאַזוי טראַגט ער איבער, סאַשע?..״

. . . .

„כ'מיין, אַז הייַנט איז דער פינף-און-דרייַסיקסטער טאָג. דער מויעך געדענקט שוין קימאַט ניט, וויפל טעג עס זייַנען אוועק. פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט ליג איך אויסגע-דרייט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט. ווייל ער, דער גוף, וויל זיך צערטלען אונטער די זון-שטראַלן, וואָס שייַנען אַרייַן דורכן פענצטער. דער גוף קאָן זיך פון דער זון ניט באַהאַלטן. און דער מויער? דער מויעך דאַרף נאָר וויסן איינס: „דאָ גאָרניט נעמען אין מויל אַרייַן. נאָר אַלע אינייינעם, אַף דער פרייַ!״ און זאָל ער ניט דערמאָנען, דער מויעך דער ליגנער, וואָס עס קאָן זייַן נאָך פּערציק טעג.

נאַכט. שטיל. אַ קילקייט. און דער מויעך דערמאָנט זיך, ווי ס'איז געווען שאָטנדיק-קיל, צווישן לאַנגע אַלייעס, אין גאָרטן איבער דער אַזערע. אָט אַזאַ פּאַסקודנער פאַרעטער איז דער מויעך. עס זייַנען קיין אַלייעס ניט געווען... און עס איז קיין גאָרטן ניט געווען...

— איסקאַריאָט!

עס הערט זיך, ווי אַף די טורעמלעך רופן זיך איבער די וועכטער: „אונו — בינע, דאַי — בינע״. אַפן ערשטן פּאָסט איז רויק, אַפן צווייטן — אויך רויק.

— דו הערסט, דזשולי?! — פרעג איך זיך אַליין...״

אין דער באַרג-טפיסע איז געקומען מאַשע, „דער פאָרשטייער פון דער הילף״, מיט אַן אַדוואָקאַט און מיט אַ דאָקטער. ס'איז שוין געווען דער פערציקסטער טאָג. מאַשע האָט געבראַכט די ידיעה, אַז אַלע שטרייַקער וועלן באַפרייַט ווערן. זי האָט געבראַכט מיט זיך שפּייַז-מיטלען, וועש, זייף.

— זאָל זי טייקעף אייַנעמען אַ לעפעלע טיי. ס'איז געפערלעך אָפּצולייגן.

נאָר דזשולי האָט זיך געראַנגלט... „ניין, ניט דאָ. ס'איז דאָך אַ באַפעל!..״ ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. זי האָט קיין לעפעלע טיי מיט לימענע ניט גענומען ביז זי האָט זיך ניט געזען אין דאָרפישן שפּיטאָל.

— אַזאַ אַקשן... ניט גלייבן די אייגענע כאַווײרים!..

דזשולי האָט געשמייכלט: „אַ סעמאַ קאָן אַפילו שטאַרבן, אויב ער וויל״. דערנאָך האָט זי אַ זאָג געטאָן מאַשען:

— אינדערעמעסן האָב איך דיך ניט דערקענט. ס'האָט זיך מיר געדאַכט...נו, לאָמיר דאָס פאַרגעסן.

און ס'איז קיין וווּנדער נישט געווען מאַשען ניט צו דערקענען. עטלעכע טעג האָט זי זיך געשלאָגן מיט דער דייע: דערציילן דזשולין דאָס נייַס, צי ניט דערציילן. ווען דזשולי האָט זי געפרעגט: „נו, ער נעמט זיי נאָך אַלץ באַם גאָרגל, דייַן עקאָנאָמיסט? וואָס מאַכט ער, זאַראַקיע?״ — האָט מאַשע פאַרביסן די ליפּן, אויסגעדרייט זיך צו דער וואַנט.

זאַראַקיע איז אינייינעם מיט זייַנע קוילנגרעבער דערשאָסן געוואָרן אין די קוילן-שאַכטעס פון לופּעני.

די איבער הונדערט אסירים, וועלכע האָבן געהאַלטן הונגער-שטרייַק, זייַנען געווען פאַרמישפּעטע אַף הונדערטער יאָרן טפיסע. זייער קאַמף און דער קאַמף אין דרויסן האָט זיי פון געפענקעניש אַרויסגעריסן. עס זייַנען געווען קאָרבאַנעס. כייַע ליפשיץ און דער אַנפירער פונעם טאַטאַרבונאַרער אופשטאַנד, ליסאָוואַי, זייַנען געפאַלן.

גוראָוו איז באַפרייַט געוואָרן. און מאַזעש קאַהאַנע איז באַפרייַט געוואָרן.

ס'וואָלט בעעמעס געווען „צו גוט״, ווי מאַשע פלעג זאָגן, מיר זאָלן פאַרענדיקן אונדזער געשיכטע ווי אַלעקסאַנדער גוראָוו, דזשולי, קאַהאַנע און אַנדערע, באַפרייַטע באַגעגענען זיך אַלע ערגעץ אין אַ פּאָליט-עמיגראַנטן-הויז.

גוראַוס האַרץ איז געווען צו אויסגעמוטשעט, צו אָפּגעשוואַכט...

אפן וועג צו א סאנאטאָריע האָט דזשולי פארן שלאָף אוועקגעלייגט אפן וואַגאָן־טישל א טאבלעטקע. זאָל עס אלעקסאנדער האָבן אונטער דער האנט. א גליקלעך יאָר איז אריבער און עס גייט דאָס צווייטע. און עס מוז קומען די שאָ, ווען אלעקסאנדער וועט שפאנען אף דער ערד איינינעם מיט איר. אלעקסאנדער האָט אָבער געוואָרפן א בייזן קוק אפן ראָזעווע פאפירל, ארויסגעלייגט פון דער האנט לערמאָנטאָוון, וואָס ער האָט געלייענט. און זיך צעשמייכלט. דזשולי האָט, פינטלענדיק מיט די אויגן, אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זי א וועק טאָן באנאכט, אויב ער וועט דארפן. אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט, ארומגענומען אים, צוגעטוליעט איר קאָפּ צו זײַן אָפענער ברוסט, און לאנג־לאנג אים געקושט. זי האָט זיך אײַנגעקנוילט אף דער אויסגעבעטער אנטקעגנדיקער פאָליצע אין קופע, צוגעשפארט דעם קאָפּ אפן קישעלע און איז א מידע אנשלאָפן געוואָרן.

באנאכט האָט ער געשריבן. דזשולין. וואָס פלוצעם, ווען אלץ איז בעסער, און אפילע די שפורן פון פארלוירנקײַט זײַנען שוין פארבײַ? פארוואָס שרײַבט ער עפּעס ווי א צאַוואָע, ווי אן אָפשייד־בריוו? לעצטע שורעס פון א קעמפער, צווישן וועלכע די צערטלעכקײַט דרינגט דורך, ווי איידל גראָז צווישן שטיינער. האָט ער א פאָרגעפיל, אז דאָס זײַנען זײַנע לעצטע ווערטער, צי ס'איז נאָכאמאָל אן אָנלויף פון שוואכקײַט? אייביק זײַן א באלמום. אייביק א לאסט פאר א ליבן מענטשן. באזיצט ער דען יענץ וואָרט, וואָס זאָל זײַן גלײַך מיט אירע קאָרבאָנעס און גרענעצלאָזער געטרײַקײַט? ער האָט באהאלטן דאָס בייגעלע פאפיר אין לערמאָנטאָוו־ביכל. דזשולי האָט דעם בריוו געפונען שפעטער. א צײַט שפעטער, נאָך גוראָווס גווירלדיקער הארץ־אטאקע אין יענער נאכט אפן וועג צו דער סאנאטאָריע, און נאָך דעם, וואָס זי און מאָשע האָבן אים געפירט צו קוורע אפן סעוואסטאָפּאָליער מיליטערישן בעסאלמען. גוראָוו האָט דזשולין געשריבן:

„דזשולי, טײַערע מײַנע. ווען מע זאָל צוניפלייגן אלע ליבעס, וואָס זײַנען אמאָל געווען אף דער ערד, און פארגלײַכן מיט דער, וואָס איך האָב באקומען, איז מײַנע — די שענסטע און די גרעסטע... די דערהויבנסטע...

ער האָט געוווּסט פונעם אופשריפט אפן רונג, און באפוילן:

„גיי גראָד. דו ביסט עס ווערט!..“

א צײַט האָט דזשולי ניט געוווּסט אף וואָס פאר א וועלט זי איז. שאָענווײַז געזעסן בא אלעקסאנדערס קייווער אפן מיליטערישן בעסאלמען, געזען פאר זיך סאשען א לעבעדיקן, א שמייכלענדיקן אפן קאנאָן, מיט וועלכן מ'האָט אים געפירט צו קוורע. זי איז געזעסן און ניט געפילט דעם ווינט, וואָס סווישטשעט צווישן די אָלכעס, געהערט א שאלן פון א באך־כאָראל. איבער איר טונקעלן פּאָנעם, איבער אירע בלישטשענדיקע אויגן האָט זיך געשפרייט טרויער.

א קינסטלער איז דערנאָך געקומען מיט א פאָרשלאָג: פארייביקן גוראָוון אין א באַלעט. דזשולי האָט קורץ און שארף געענטפערט:

— ניין. איך האָב מיט וואָס צו לעבן. קיינער אין דער וועלט האָט ניט באקומען אזא בריוו, ווי איך... אזא צאוואָע...

זי האָט א ווײַז געטאָן אף גוראָווס בריוו. און דער רונג אף איר פינגער, דער רונג, וואָס האָט געלערנט דוירעס גיין גראָד, האָט געשײַנט מיט א רויטן פלאם.

דער דאָנעצקער טוישעוו זאַלמען מינקין איז איינער פון די עלטסטע אין דער קאַ־האַרטע ענטוזיאַסטן־פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. **כּוץ דעם, טרעט ער** אַרויס ווי אַן אוטאָר פונעם זשורנאַל.

זאַלמען מינקין איז געבוירן געוואָרן אַף דער שוועל פון אונדזער יאָרהונדערט אין אַ פּויערישער מישפּאָכע, אַליין אויך געווען אַן ערדאַרבעטער. אין עלטער פון צוואַנציק יאָר איז ער פרייוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן פאַר דער סאָוועטנמאַכט אַלס קאַ־וואַלעריסט אין בודיאָנים אַרמיי. נאָך דער דעמאָביליזאַציע — אַ געוויסע צייט שטו־דירט בוכהאַלטעריע און ביזן אַרויסגיין אַף פּענסיע געווען הויפּט־בוכהאַלטער אַף מאַ־שינבוי־זאַוואָדן אין דאָנעצק, יעגאָרשינאָ (אַפן אוראַל), ריגע.

מיר באַגריסן האַרציק אונדזער אוטאָר, דעם אומדערמידלעכן געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל זאַלמען מינ־קין מיט זיין 85־טן געבורטסטאָג.



זאַלמען מינקין

אַ בריוו אין פּערזן

איך הער ניט אויף אין מיין לעבנס־וואַנדער
צו הערן דעם צאַפּל,
דאָס הילכיקע קלינגען
פון האַרצן.
דער דאָרשט
איז אַזאַ מין,
אַזעלכע איך זע פרי־קאַיאָריקע זוניקע פלאַמען,
ווי יינגלווייז
אין ראַוונאָפּאָל לעם וואָלנאָוואַכע.
מיינע געפילן זיינען ניט שוואַכער.
די הענט — אויך,
און אַלע קויכעס.
כ׳קאָן שוין די רויערד ניט אַקערן,
ווי אין מיין יידישער קאָלאָניע פאַרצייטנס,
און באַנאַנד מיט מיינע כאַווירים־בודיאָנאָווצעס
אין אַטאַקירנדיקע לאַוועס רייטן,
אַפילע מיטן כעזשבנפירערישן טיש פאַרוואַלטן
(האַגאַם כ׳בין פיל יאָרן געווען אַ בוכהאַלטער...).
אַלץ גייט אַוועק אין דער אייביקייט
מיט קאָלערלייִקע רויכן...
אָבער ביזוואַנען ס׳געלינגט מיר
דעם לעצטן אָטעם ניט אויסצוהויכן;
כ׳וועל אויך ווייטער דאָס הענטלפּען
פאַראַקשנט צווישן די פינגער האַלטן.
אַף זיין שאַרף־שפּיץ
עס ציטערט און זינגט מיין נעשאָמע.
האָט ניט אַף מיר קיין פאַריבל —
ס׳איז מיין גוטע נעכאָמע.

מאַרק שאַגאַל איז אַוועק אין דער אייביקייט

עס איז געוואָרן עטוואָס אומעטיקער אויף דער וועלט, אַזוי ווי דאַן, ווען ס'איז געשטאָרבן טשאַרלי טשאַפּלין, ווען עס איז געשטאָרבן שאָלעם-אַליכעם. דער באַרימטער שאַגאַלישער רעגנבויגן איז געוואָרן אַ ביסל טונקעלער. וויפֿל צײַט וועט פֿון איצט אָן דורכגיין, ביז וואַנען צווישן אונדז, מענטשן, וועט זיך ווידער באַווײַזן אַזאַ שוטעף צו דער נאַטור? אַ שוטעף צו די אומשולדיקע ציגעלעך און צום באָק מיט מענטשלעכע אויגן, צו דעם פּאַרקישעפּטן פֿיש און צום פֿײַערדיק-רויטן האָן...

און פֿונדעסטוועגן וועט אונדז מערער פֿון אַלץ פֿעלן שאַגאַלס מענטש, וואָס „פֿליט אין די הימלען", האַלטנדיק דעם טרויעריקן בליק צוגעקוקט צו דער ערד. שאַגאַל האָט איבערגעאַנדערשט דאָס געשילדערטע ביז אים געשטאַלט פֿונעם מענטשן. ער האָט אים אויפֿגעהויבן איבער די דעכער פֿון די היימיש-באַקאַנטע, אָרעמע אײַנגעאָרנדיקע גאַסן, אויפֿגעהויבן אים, אָן דער הילף פֿונעם מאָטאָר, אויף נעשאָמע-פֿליגל, אַפֿילע ניט אונטערשטעלנדיק דאָס לייטערל צום הימל. נאָך מער — דער קינסטלער האָט איבערגעפֿלאַנצט באַם בען-אָדאָם די אײַנגעבוירענע נאָך אין בערײשיסדיקן „באַשאַף" אייוורים. אַדאַנק דעם איז מאַרק שאַגאַל אַרײַנגעלאָזט געוואָרן אינעם קלוב פֿון די סאַמע געוואַגטע פֿאַנטאַסטן פֿון דער וועלט-קולטור.

זײַן אויפֿפֿאַסונג פֿון דעם מענטשן, וועלכע איז דורכגענומען סײַ מיט אַן אַלנאַציאָנאַלן קאָלאָריט, סײַ מיט ייִדישן טכום-האַמוישעוודיקן און ביבלישן קאָלאָריט, ווערן מיט דער צײַט באַהאַנדלען און באַטראַכטן פֿילאָסאָפֿן און סאָציאָלאָגן: ער האָט, ערשטנס, באַוויזן, אַז מע דאַרף ניט זײַן קיין אויבערפֿלעכלעכער מאַטעריאַליסט, קעדיי ניט מוירע צו האָבן פֿאַר דער פֿעסט פֿון אידעאַליזם באַם אויסדיכטן אינעם מענטשן אומגלייבלעכע אייגנשאַפֿטן און מעגלעכקײַטן, אָן אַ פֿאַרדאַכט, אַז דאָס וועט צוגעשריבן ווערן דעם ריבוינעשעלוילעם. אַזוי-אַרום, קומען מיר נאָכאַמאָל צום פֿאַרשטאַנד, אַז קונסט האָט ניט קיין „פּאָטאָלאָק", פּונקט אַזוי ווי דער קאָסמאָס, פּונקט אַזוי ווי דער מענטש אין אים. דער „מעשוגאַס" אין פּאָעזיע, אין מאָלערײַ אאַז״וו. איז יענע שלײמעסדיקע קראַפֿט, וואָס מאַכט אָן אָרט פֿאַרן „פֿידלער" אויפֿן „דאַך".

צווייטנס (וואָס איז שײַעך די סאָציאָלאָגן), שטייט פֿאַר אויסצופֿאָרשן די איבערדיכטונג פֿונעם טכום-מאַצעוו מיט דער הילף פֿון פֿאַרבן-סימבאָלן. שאַגאַל וועט זיך אינעם פֿאַנטעאָן


1969 St. Paul. France

Marc Chagall
LA COLLINE
St PAUL DE VENCE
France




St. Paul de Vence

צוויי בריוו פון מארק שאגאל צו דער רעדאקציע פון „סאוועטיש היימלאנד"

פון דער אייביקייט איינפונדעווען בא דער זייט פון שאָלעם-אַליכעמען, און די פּיל-לעשוי-נעסדיקע מענטשהייט האָלט שוין באם צוגעווינען זיך צו אזא צווילינג, וואָס ביידע ווייגען זיי מיט ליבע-טרערן.

שאגאלס ליבע! צי האָט איר שוין אזוינס געזען, אז ביזן קימאט הונדערטיאָריקן עלטער זאָל א קינסטלער ניט אופהערן זיך דערקלערן אין ליבע איין און דער זעלבער פרוי און איין און דעם זעלבן שטאָט-מאָקעם!

מיר פערזענלעך איז אויסגעפאלן זיך דערקלערן אין ליבע שאגאלן בייס כ'האָב אים באזוכט אין דער פראנצויזישער ריוויערע און פארבראכט מיט אים א גליקלעכן טאָג. שפּעטער פלעגן מיר זיך דורכשרייבן. צוויי פון זיינע בריוו, אין וועלכע עס פילט זיך שטארק דער זיפץ, וואָס א מענטש לאָזט ארויס איבער זיין אָפּגעריסנקייט פונעם היימלאנד — פון אונדזער אלעמענס רוסלאנד — ברענג איך דאָ אין א פאָטאָ-רעפּראָדוקציע. צו די בריוו האָט דער יונגער זאָקן צוגעלייגט די צוויי ווייטער געבראכטע לידער זיינע.

ארן ווערגעליס

מארק שאגאל

פון מיין לידער-בוך

צו הויכע טויערן

יענץ לאנד איז מיינס,
וואָס געפינט זיך אין מיין נעשאָמע.
ווי אַן אייגענער, אָן פּאפּירן,
גיי איך אין דעם אריין.
עס זעט מיין אומעט און עלנט,
עס לייגט מיך איינשלאָפן
און דעקט מיך צו.

אין מיר בליען גרינע גערטענער, אויסגעטראכטע בלומען,
ס'ציען זיך אין מיר מיינע גאסן —
נאָר ס'פילן הייזער.
זיי זיינען כאָרעוו געוואָרן פון מיין קינדהייט אָן.
די איינוווינער בלאָנדזשען אינלופטן,
זיי זוכן א ווויגונג, זיי לעבן אין מיין נעשאָמע.

אָט פארוואָס איך שמייכל אמאָל,
ווען די זון שימערט קוים,
אָדער איך וויין,
ווי א לייכטער רעגן אין דער נאכט.

איך געדענק א צייט,
ווען אָף מיר זיינען געווען צוויי קעפּ...
ס'איז געווען א צייט,
ווען די ביידע קעפּ
האָבן זיך באדעקט מיט א ליבע-שלייער —
און זיינען אויסגעגאנגען ווי דער רייעך פון א רויז.

איצט דאַכט זיך מיר,
אַז ווען אַפילו איך גיי צוריק,
גיי איך פאָרויס
אין דער ריכטונג צו הויכע טויערן,
הינטער וועלכע עס זײַנען צעוואָרפן די ווענט,
ווו עס נעכטיקן אָפּגעשלאָגענע דונערן
און צעבראָכענע בליצן.

דײַן רוף

איך ווייס ניט, צי האָב איך געלעבט. איך ווייס ניט,
צי לעב איך. איך קוק אָן דעם הימל,
איך דערקען ניט די וועלט.

מײַן קערפּער פאַרגייט צו דער נאַכט.
די ליבע, די בלומען פון בילדער,
זיי רופן מיך הין און צוריק.

לאָז ניט איבער מײַן האַנט אָן א ליכט,
ווען פינצטער ווערט ווערן מײַן שטוב.
ווי וועל איך דערזען אין ווײַטן דײַן שײַן?

ווי וועל איך דערהערן דײַן רוף,
ווען איך אויף מײַן בעט וועל בלײַבן אַליין
און קאַלט און שטיל וועט ווערן מײַן גוף?

פון דער ליטעראַרישער ירושה

די וועגערע פינקלט

אַלע דעכער זײַנען מײַנע בעכער,
אַנגעגאָסן ביזן ראַנד;
הײַנט בין איך אַ ביסל העכער,
איך דערלאַנג זיי מיט דער האַנט.
אָן אַ לייטער, אָן אַ בענקל —
נעם און טרינק די פרישע טויען,
אַלע שטערן נאָך מיר בענקען —
כ׳זינג אַרײַן דער וועלט אין אויער.

זעסט, מײַן לעבן איז אויסגעלײַכט
און מײַן טרוים וועט מער ניט זינקען,
ווי אַ שטיין, אין טיפן טײַך.
מאָרגן וועסט מײַן קאָל דערהערן,
וווּ דו האָסט קיינמאָל ניט געהערט,
ס׳לויפן זיך צונויף די שטערן,
און סע פינקלט די וועגערע,
אַזוי נאָענט צו דער ערד!

1963

אינדערפרי

ס׳איז אָפן דער הימל און יונג איז
אױף דער ערד דאָס גראָז,
און אויס מיט דעם טויער,
ווי די לעוואָנע געוועזן איז אַ שלאָס,
און אויס מיט דעם שטראָף-העמד
פון פײַנפולן טרויער,
אין וועלכן בלױ איז געוועזן מײַן לײַב.
דו זע, ווי דער הימל די וואָלקנס צעטרײַבט!
פאַר אָט דער זון,

וואָס די פינצטערניש בראָקט,
האָט מיך דאָס האַרץ אַזוי אויסגענאָגט...
וואָס עמעס, איז עמעס —
לאַנג האָט געטאָגט,
און ס׳האָט מיר די ליפּן געברענט
אַ ביטערער קאַס,
און ס׳איז די לעוואָנע
אין הימל געהאַנגען אַזוי ווי אַ שלאָס.

קאָסמישע פאַנטאַזיע

מיין ניט, איך וויל אַ הימל-מענטש ווערן,
אַ שטיבל זיך בויען צווישן די שטערן,
אַרײַנפירן מעבל פון ריגע, צי ווילנע,
דאָרט פלאַנצן אַ גאָרטן מיט אַ פּאַרקן אפילע!
אַ הימל-מענטש דאַרף עס דען האָבן?
מיין ניט, געררירט בין איך פון זינען,
קעדיי דער אָרעמער מענטשהײַט אַ רעטונג געפינען,
וועל איך מיט אַ זאַסטעפּ זיך שטעלן, די לעוואָנע צעגראָבן?
צעזייען די שטערן און אַליין פון דאָרט לײַכטן,
מײַן פערד אויסבאָדן אין די הימלשע טײַכן?
אַ בורקע זיך קויפן און שלאָפן אין דרויסן,
אױף אַ הויכן באַרג מיט אַ טאָל אַ גרויסן?
און כראָפּען געשמאַק און זען כאַלוימעס,
ווי די ערד איז פאַרשנייט און סע רויכערן קוימענס.
שוין ווינטער, ווײַזט אויס, באַ אונדז הינטער מאָסקווע,
און מיך ס׳האָט צו די ווײַטע שטערן פאַרטאַסקעט!
איך וויל שוין צוריק, ווײַל אַלץ דאָ זיך הוידעט,
ווו אַ טראָט נאָר מע שטעלט — סוידעס און סוידעס.
אַ שטראַל מיך וועקט. איך עפן די אויגן:
כ׳בין נאָך אױף דער ערד, קימאַט ניט געפלויגן.

6 אָקטיאָבער 1968,
קאָמאַראָווע

דער קאסטן

דער כאַלעם האָט געעפנט א קאסטן,
וואס איז געווען אף זיבן שלעסער פארשלאָסן
און ער האָט מיר אויסגעשטרעקט
צווייַ שלאַנקע הענט;
כ'האָב אפן האלדז זיי אַנגעמאָסטן
און האָב מייַן שוועסטער סאַרע דערקענט.
אירע האָר אָפּגעשניטן,
מיט זיי מ'האָט מאטראצן געשטאָפּט,
די אויגן ניט געווען זייַנען אין קאָפּ,
צווייַ לעכער האָבן זיי פארביטן.

עמעצער האָט א גאנצע נאכט איבער מייַן קאָפּ
מיט טראסירנדע קוילן געשאָסן,
כ'בין ווי אין גענעם, לעבעדיקערהייט אראָפּ,
דערנאָך אין א בוינע רעווען געהערט
א סאך ניט דערקוילעטע אָקסן.
כ'האָב אליין, ווי אן אָקס גערעוועט
אין דער גרויזאמער שווערער נאכט.
כ'בעט דיך, מייַן כאַלעם, פארמאך,
פארמאך צוריק דעם שרעקלעכן קאסטן!

1964

ו ע ל ט

מיר איז אזוי שווער
א באַרויגעז-טאנץ
טאנצן מיט דער וועלט
און איר זאָגן:
גענוג, מייַן טייַערע,
איך בין בא דיר א בער
אף אן אייַזערנער קייט,
איך קייַקל
און קייַקל זיך אף דר'ערד
און מע ווארפט מיר
אין היטל א דרייַערל.
איך וויל עס ניט מער!
ניט פיר מיך איבער מערק
און זאָג מיר ניט צו
קיין פעסעלע האָניק!

צוריק כ'וויל אין וואלד
אף גראָזיקער ערד,
האלטן, ווי א פייַקל,
דאָרט די לעוואָנע.
נאָר כ'בין שוין אצינד,
ווי דו זאָגסט, אן ארטיסט,
און איך דארף
אין מייַן שטוב
פארגעסן אינגאנצן,
צום היטל א קוק טאָן,
צי ניט ליידיק עס איז
און מיט א טרער אין די אויגן
טאנצן.

11 פעווראל 1969

מייַן מאָרגן

צי האָט מייַן מאָרגן
אַנגערוקט דאָס ווינטערדיקע היטל
איבער די אויגן
און שפאנט צו מיר מיטן שנייִיקן פעלד
מיר אָנזאָגן גוטע בסורעס, אז די וועלט
וועט זייַן א גאָרטן א צעבליטער...
צי ראטעוועט מייַן מאָרגן
א נעסט פון א פאלנדיקן בוים
און מיט א פאָלע פון זייַן פעלץ
פארשטעלט א היימלאָזן פויגל?
מייַנע פראָסטיקע שויבן
די זון צעשמעלצט,
אזוי צעשמאָלצן ווערן
זאָל אונדזער ווייי און צאר,
און קיין קריג ניט אויסברעכן
זאָל מאָרגן,

מייַן לעבן אָפּגעבן
וועל איך אצינד דערפאר.
זאָל ער, מייַן מאָרגן,
מיר כאָטש ווייַזן אן אויער,
זייַנע ליפן, ווי זעען אויס,
א ביסעלע זון
בא אן אָפענעם טויער,
א קינד, וואָס א שליטל
בארג-אַרוף שטויסט,
וועל איך א שלייע באם רימער באָרגן
און אייַנשפאנען אין שליטעלע זיך,
פלִיען אנטקעגן
אין שניי און אין רעגן
ברענגען מייַן מאָרגן
אין שטוב אריַין.

29 סעפטעמבער 1966

קימא גרײדינא

„עפּשער איז צווישן אײַך דאָ אַ דאָקטער...״

מאָסקווע, גערצען־גאַס. דאָס הויז פון די מעדיצינישע טוער. אַלע יאָרן קומט דאָ פאַר אַ פּראָצעדור פון זאַלבן אין דער מעדיצין. ס׳נעמען זיך צונויף די דערפאַרנסטע פּעדאַגאָגן־דאָקטוירים, עס קומען די עלטסטע פון די דאָקטערישע דינאַסטיעס און די, וואָס האָבן נאָרוואָס געענדיקט דעם קורס. דער זאַל מיט די ווײַסע זײַלן איז פּײַערלעך, עס ווערט שטיל אַ ווײַלינקע. ס׳איז ווי פאַרקילט אויפן העלבלויען סאַמעט פון די ברייטע שטולן די אומבאַפלעקטע ווײַסקײַט פון די נײַ־ינקע כאַלאַטן, די אָנגעקראָכמאַליעטע ווײַסע הויבן מאַכן אַן אײַנדרוק פון אַ גרויס פעלד, וואָס האָט זיך צעבליט מיט ווײַסע בלומען. און די אויגן... די אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמע בליקן...

— זײַט באַגריסט. ענדלעך, קומט איר אַרײַן אין געאַכטעטן לעגיאָן פון מעדיקער...

די קימאַט קינדערשע פּענעמער שטראַלן פון פרייד. באַלד טרעטן זיי אַריבער די שוועל פון דערוואַקסנקײַט. און וויפל נעשאָמע־וואַרעמקײַט טאַטע־מאַמע וועלן ניט אַרײַנטעמען אין אָט דער געשעעניש, וועט דאָס קיינמאָל ניט זײַן צופיל. אָבער צוזאַמען מיט דעם וועט דאָס בלײַבן אומפאַרגעסלעך אויף אַלע צײַטן: „געדענקט, דער הויפּט־עקזאַמען וואַרט נאָך אויף אײַך. זײַט מוטיק. אויב איר האָט זיך געווידמעט דעם באַרוף, וועט אײַך אויסקומען אַ גאַנץ לעבן ביזן לעצטן אָטעם האַלטן עקזאַמען...״.

אין די קורצע מינוטן פון פּײַערלעכער שווע־גרייטקײַט דאַרף מען נאָך געדענקען וועגן פיל וויכטיקס. מע דאַרף זיך קאָנען פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ דאָקטער דער קראַנקער וויל האָבן, וועלכער דאָקטער, באַגערט ער, זאָל אים היילן.

איך פּערזענלעך וואָלט געוואָלט, אַז מיך זאָל היילן דער דאָקטער וויטעבסקי. איך וועל זיך דאָ באַמיִען צו דערציילן וועגן אים, ווײַל טאַקע צוליב דער באַקאַנטשאַפט מיט אים האָב איך אין פרי׳ען פרילינג זיך געפונען אין ראָשטשינסקער אַעראָפּאָרט פון טיומען.

עס איז נאָך פרי. דער זעלבער בלויער הימל מיט די דריבנע וואָלקנדלעך, וואָס טראָגן זיך אײַליק, זעט אויס זייער הויך און ברעגלאָז. אָט באַלד וועט פון אורענגאָי קומען צו פלי׳ען דער „אַן־25״. ער וועט אַרײַנכאַפּן אַ צענדליק פּאַסאַזשירן און אָפּפלי׳ען קיין קורגאַן.

דער פלוג דויערט אינגאַנצן אַ האַלבע שאָ. און דאָרט איז שוין די געגנט פון טראַנס־אוראַל. דאָ, אין טיומען, איז וויפל איר ווילט קעלט, דאָרט — פּונקט קאַפּויער. ס׳איז געווענדט, וואָס פאַר אַ ציקלאָן און פונוואַנען דער ציקלאָן וועט זיך אַרײַנרײַסן.

אין קורגאַן זײַנען פאַראַן מערקווירדיקע דאָקטוירים, אַזעלכע מערקווירדיקע, אַז זיי האָבן באַרימט געמאַכט זייער שטאָט אויף דער גאַנצער פּלאַנעטע. גאַווריל אַבראַמאָוויטש איליזאַראָוו! אַ קינד אין וויג ווייסט וועגן אים.

— קורגאַן? — פרעגן מענטשן. — דער זעלביקער קורגאַן, וווּ עס אַרבעט דער כירורג איליזאַראָוו?

באַ דאָקטוירים איז דאָ אַ ניט־געשריבענער געזעץ פון „צווילינג־צופאַלן״. אין אַ געוויסן טאָג קומט צו גיין אַ פּאַציִענט מיט אַ זעלטענער קראַנקײַט, אַזאַ זעלטענער, וואָס דו האָסט פאַר דײַן פּראַקטיק באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל. און גלײַך נאָך אים קומט נאָך איינער מיט פּונקט אַזאַ קראַנקײַט. דאָקטוירים ווייסן דאָס, זיי וואַרטן, אַזאַ וועט קומען. פונוואַנען? פון די שטערן, און עפּשער איז פאַראַן אַן אַנדער סיבע, ניט קיין באַוווּסטע געזעצמעסיקײַט... אין דער שטאָט קורגאַן איז געשען „אַ צווילינג־צופאַל״. ס׳איז דאָ פון די דאָקטוירים:

ס'לעבט דאָ נאָך איין זעלטענער כירורג — יאַ-
קאָוו דאווידאָוויטש וויטעבסקי.

א צופאַל האָט מיר געהאָלפן צו געפינען
יאַקאָוו דאווידאָוויטשן. אין אַן אַלטן נומער פו-
נעם זשורנאַל „אָגאָניאָק" האָב איך אנומלטן
דערזען א פאָטאָגראַפיע מיט אַן אונטערשריפט:
דאָקטער וויטעבסקי; נאָך איין ווונדער-דאָקטער
אין קורגאַן". אין טעקסט פון דער פאַרצייכע-
נונג ווערן געבראַכט אָפּרופן פון קראַנקע.

אָט איז איינער פון זיי. „...איך האָב אַזאַ
געפיל, אַז דאָס קומט פאָר ניט מיט מיר, דאָס
איז עפּעס אַזויווי אין שלאָף. שטעלט אײַך פאָר,
נאָך נײַנצן יאָר זיצן אַף א דיעטע, די גאַנצע
צײַט זיך היילן, אריבערטראָגן צוויי אָפּעראַ-
ציעס און קעסיידערדיקע וויטיקן, עס איך
איצטער אַלץ... אַפילו הערינג, אַפילו רע-
טעך, ציבעלעס, זויערע קרויט און וואָס איר
ווילט. פאַר מיטיק טרינק איך א קאָפּעלע
טרוקענעם ווײַן, און עס טוט מיר גאָרנישט ניט
ווי. אַף אַזוינס האָב איך זיך ניט געריכט. בא
מיר זײַנען דאָך די גאַנצע אינגעווײדן צע-
שניטן. איך זאָג אײַך, דאָקטער, אַז איר זײַט א
קישעפמאַכער..."

איך בין אַוועק אין ביבליאָטעק זוכן דעם
„האַנטבוך פון כירורגישע אָפּעראַציעס". נו, יאָ,
אין אים זײַנען אויסגערעכנט די מעטאָדן פון
פאַרשיידענע דאָקטוירים, אָנהייבנדיק פון הי-
פּאָקראַטן ביז אונדזערע מיטצײַטלער — וויש-
נעווסקין, באַקולעוון, בורדענקאָן, סקליפאָסאָוו-
סקין, ספּאַסאָקוקאָצקין, און אָט איז יאַקאָוו
דאווידאָוויטש וויטעבסקי פון קורגאַן...

וואָס האָב איך געשריבן אין מײַן בריוו צו
יאַקאָוו דאווידאָוויטשן? פּינקטלעך געדענק איך
ניט, איך געדענק נאָר, אַז איך האָב געבעטן
מיך אויפנעמען אין קורגאַן: אַז איך גופא בין
א דאָקטער און איך נייטיק זיך אין פּערזענ-
לעכע אײַנדרוקן, וועלכע וועלן מיר העלפן
דערציִען די יונגע אָנפאַנגער-מעדיקער. צי האָב
איך געהאָפט אַף אַן ענטפער? דעם עמעס
זאָגנדיק, ניט זייער, ווײַל דאָס, וואָס איך האָב
איבערגעלייענט וועגן וויטעבסקיס אומדערמיד-
לעכער טעטיקײַט אין זײַן פּראַקטישער אַרבעט
און אין געביט פון דער מעדיצין-וויסנשאַפט,
האָט מיר קלאָר געמאַכט, אַז יאַקאָוו דאווידאָ-
וויטש נייטיקט זיך, מע זאָל ניט פאַרנעמען זײַן
צײַט מיט קאָלערליי באַזוכן. אָבער פּלוצעם...

אַפילו דאָס זשומען פונעם טעלעפאָן-אַפּאַ-
ראַט איז דאָס מאָל געווען ניט קיין געוויינ-
לעכס, גלײַך ווי די קאַלטע אַפּאַראַטור וואָלט
דערפילט די באַדײַטונג פון דער געשעעניש,
און דער קלונג איז פול געווען מיט יאָמטעוו-
דיקער קאָלאָראַטור.

— דאָקטער וויטעבסקי?



— איך געפין זיך איצט אין מאָסקווע. גע-
קומען אַף א צוזאַמענפאָר פון גאַסטראָענטע-
ראָלאָגן...

— צי כאַלעמט זיך עס מיר ניט?

— כ'האָב באַשלאָסן אײַך אײַנלאַדן קיין
קורגאַן, אַפן קומענדיקן „מעדיצינישן דעקאַד-
ניק". קומט צו פאָרן.

אין טיומענער אַעראָפּאָרט האָב איך ווידער
זיך דערמאָנט אַלץ, וואָס כ'האָב געוווּסט וועגן
דעם דאָקטער וויטעבסקי, וועגן זײַן ביאָגראַ-
פיע. אין איר איז געווען שווער צו געפינען
עפּעס אומדערוואַרטס, ווי אין די ביאָגראַפיעס
פון זײַנע מיטצײַטלער, אַף וועמענס גורל
ס'איז אויסגעפאַלן די מילכאָמע. דעם 23 יוני
1941 האָט מען אים געגעבן דעם דיפּלאָם, אַז
ער האָט געענדיקט דעם כאַרקאָווער מעדיצי-
נישן אינסטיטוט. מע האָט אים אָפּגעשיקט אין
א שפּיטאָל, און עס האָט זיך פאַר אים אָנגע-
הויבן די אַרבעט פון א מיליטערישן כירורג.
עס זײַנען שוין געקומען קיין כאַרקאָוו די ער-
שטע עשעלאָנען מיט פאַרוווּנדעטע... די נעכ-
טיקע סטודענטן-מעדיקער, ניט גענוג באַהאַוונ-
טע, אָן פּראַקטיק, זײַנען שנעל געוואָרן כי-
רורגן-אַסן.

דער פראָנט האָט זיך דערנעענטערט שטור-
מיש און גרויזאַם. נאָר ביז דער לעצטער מי-
נוט, אונטערן דונערן פון די קאַנאָנען, אונטער
באָמבעס, האָט געקאָכט די אַרבעט אין די
אָפּעראַציע-זאַלן. דערנאָך איז געקומען א באַ-
פעל וועגן באַלדיקער עוואַקואַציע פון דער
שטאָט. וויטעבסקי, אַלס יונגער דאָקטער, ווערט
אָפּגעשיקט אין א קורגאַנער שפּיטאָל. פאַר-
שטייט זיך, ס'איז געווען ניט אַזוי גרינג זיך

דערקלייַבן צו דער שטאָט קורגאַן — אין פאַרשנייטן טראַנס־אוראַלער קורגאַן. מע דאַרף אייך וויסן, וואָס עס איז דאָן פאַרגעקומען לעבן כאַרקאָוו... נאָר, ווייַזט אויס, אַז אַזוי איז באַשערט געווען. דער יונגער דאָקטער האָט זיך שפּעטער פון אַלעמען געפונען באַם אָפּעראַציע־טיש, דער עוואַקואַציע־עשעלאָן איז אַוועק אָן אים. דערנאָך האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער גאַנצער עשעלאָן איז צעבאָמבירט געוואָרן און אַלע זייַנען אומגעקומען...

קורגאַן האָט זיך טאַקע דערוואַרט אויפן דאָקטער, און דאָ האָט זיך גענומען פאַנאַנדערוויקלען וויטעבסקיס עפּישע לעבנס־ביִאָגראַפיע. די אינדערוואָכנס זייַנען געווען פול מיט ראַנגלענישן פונעם יונגן דאָקטער פאַר דעם לעבן פון יעדן פאַרוווּנדעטן. אין יענער צייַט איז וויטעבסקי געווען אין דער פאַרוואָרפענער שטאָט דער איינציקער כירורג. וואָס פאַר א העלדנמוט ער האָט באַוויזן, קאָן מען זיך פאָרשטעלן לויט איין ציפער: בלויז פאַרן 1944 יאָר האָט ער אָפּערירט 1410 פאַרוווּנדעטע. ער איז שיִער אַליין ניט אומגעקומען, קראַנק געוואָרן אויף בלוט־פאַרגיפטונג, און דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, די פּראָפעסיִאָנעלע קראַנקייַט בא כירורגן. מעדיקאַמענטן זייַנען פריִער פאַר אַלץ געשיקט געוואָרן אויפן פראָנט, אין הינטערלאַנד האָט מען מערער אויסגערעכנט אויף די געניטע הענט פון כירורגן.

פאַרשיידנאַרטיק איז אין משך פון יאָרצענדליקער געווען דעם כירורגס טעטיקייַט. ער האָט אָבער דעריקער זיך ספּעציִאַליזירט אין געביט פון מאָגן־קישקע־טראַקט. און דאָ האָט זיך אים אייַנגעגעבן צו מאַכן אַנטדעקונגען, וועלכע האָבן באַטייַט א גאַנצע רעוואָליוציע אין דער גאַסטראָענטעראָלאָגיע!

דעם „דעקאַדניק", וואָס וויטעבסקי האָט דורכגעפירט אין קורגאַן און אויף וועלכן עס זייַנען געקומען גאַסטראָענטעראָלאָגן פון אוראַל און סיביר, האָט געדויערט 10 טעג. יאַקאָוו דאַווידאָוויטשעס אַרויסטרעטונג איז אַזוי באַלערעוודיק, אַז ס'איז אוממעגלעך זיך אָפּצורייַסן, עס ווילט זיך שעפּן און שעפּן...

אָט שטייט ער באַם טאָוול, צייכנט געשיקט און גרינג א סכעמע:

— דאָס איז דער וועג, וואָס די שפּייַז מאַכט דורך. אויב ריידן בילדעריש, איז עס אַן איינזייַטיקע באַוועגונג. איר האָט זיך ניט פאַרטראַכט, פאַרוואָס די שפּייַז גייט קיינמאָל ניט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, אַפילע ווען דער מענטש זאָל זיך שטעלן מיטן קאָפּ אַראָפּ?

וויטעבסקי צייכנט ווייַטער מיט קרייַד די סכעמע פון די אינגעווייד און באַגלייט די צייכענונגען מיט בילדערישע דערקלערונגען, וועלכע איבעראַשן מיט זייער לאָגישקייַט.

— נאָרמאַל קאָן ניט זייַן קיין אַנדער וועג, יעדער אָפּטייל פונעם מאָגן־קישקע־טראַקט איז אָפּגעטיילט מיט אייגנאַרטיקע קלאַפּאַנעס, וועלכע עפענען זיך אויף נאָר אין דער ריכטונג, וווּהין ס'דאַרף גיין די שפּייַז־מאַסע... קיין פאַרקערטער גאַנג איז בא נאָרמאַלע באַדינגונגען ניטאָ און קאָן ניט זייַן... און ווידער, פאַרוואָס?

בא וויטעבסקין זייַנען אָן א שיִער „פאַרוואָסן", בא די צוהערער, ווידער, עגבערט אין מויעך נאָר איין פראַגע: „פאַרוואָס האָב איך אַליין זיך ניט פאַרטראַכט, פונוואַנען עס נעמען זיך די דאָזיקע „פאַרוואָסן", דאָס איז דאָך אַזוי פּאָשעט, אַזוי נאַטירלעך".

אין די גאַסן פון דער שטאָט האָב איך געזען בא ניט ווייניק מענטשן די מאַסיווע איליזאַראָוו־אַפּאַראַטן. מע קאָן מיינען, אַז אין דער שטאָט וווינען קאַליקעס. אינדערעמעסן זייַנען זיך די אינוואַלידן צונויפגעפאָרן פונעם גאַנצן לאַנד. זיי ווייסן, אַז אין קורגאַן וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן פון אייַנגעבוירענע און באַקומענע ווייטיקן. אויסערלעך זעען זיי אויס לעבנסלוסטיק, און דאָס פּאַסט אַפילע ניט צו זייער פיזישן צושטאַנד. די לעבנספרייד שטאַמט בא זיי דערפון, וואָס זיי זייַנען אַרייַנגעפאַלן צום דאָקטער איליזאַראָוו.

איך בין אַרייַנגעקומען אין געגנטלעכן שפּיטאָל. דאָקטער וויטעבסקי איז אומגעגאַנגען א ביסעלע געבויגן, און איך האָב אינסטינקטיוו דערפילט די קאָלאָסאַלע מאַסע, וואָס ער טראָגט אויף זיך. זייַן גרויסער קלוגער קאָפּ און דער אָנגעצילטער בליק זייַנען א ביסעלע געווענדט אין א זייַט. אַזאַ מין קוק גיט צו זיכערקייַט אַפילע א שטאַרקן כווליע. אַפּאָנעם, אַז דער דאָקטער האָט טאַקע ערשט געהיילט אַזאַ איינעם, ווייַל ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער רעאַנימאַציע־פּאַלאַטע. ס'קאָן זייַן, אַז נאָרוואָס האָט דער מאַלכאַמאָוועס עמעצן געדראָעט, און דאָס האָט עטוואָס אייַנגעבויגן דעם דאָקטערס מידע פּלייצע.

וויפל געפעכטן האָט ער געדאַרפט דורכמאַכן פאַר די 42 יאָר, זינט ער דינט דער מעדיצין! קיין איין רויִקער טאָג — אַזאַ איז דער גוירל פון א דאָקטער.

ניטאָ קיין פאַרבאָרגענישן, אַלץ איז געבויט אויף אַן אופריכטיקן באַגער אַרויסצוהעלפן די מענטשן. ניטאָ קיין פּראָפעסיִאָנעלע סוידעס, קיין „פּריִאָריטעט" אָדער וויסנשאַפטלעכע אַמביציע.

— אייַך זייַנען באַוווּסט די גרונט־פּרינציפּן פון דער רעזעקציע אויפן מאָגן לויט בילראָטן? — פרעגט ער, קוקנדיק אויף מיר זייער

אופמערקזאם, גלייַך ווי אין דער מינוט גיי איך מאכן אן אָפּעראציע.

— ניין, ניט דאָס, — שמייכלט ער, — איר געדענקט די סכעמע? וואָס עס ווערט אָפּגעשניטן פונעם מאָגן און וואָס עס בלייַבט?

געוויס געדענק איך, איך ווייס אפילע, אז אין דער דייַטשישער פעדעראטיווער רעפּובליק, ווי זיי אליין זאָגן, איז בא יעדן פינפטן פון די 500 טויזנט קראנקע, וועלכע האָבן איבערגעטראָגן א מאָגן-רעזעקציע, אין צען יאָר ארום אנטשטאנען א קאנצער.

וויטעבסקי צייכנט אפן טאָוול די סכעמע פונעם מאָגן, האקט אָפּ מיטן בלייַפעדער א גרויסן טייל פון דער צייכענונג, וואָס איז ענלעך אף א באר, עס בלייַבט פונעם מאָגן א טרייַבל.

— ווען מע שנייַדט אָפּ דעם קראנקן טייל, ווערט פּראקטיש אוועקגענומען נאָר דער „רעזולטאט פון דער קראנקייַט”, די קראנקייַט גופע, די סיבעס, וואָס האָבן זי ארויסגערופן, בלייַבן באם כוילע. דאָס איז אן אלטע פּראָבלעם, דערגיין צו די סיבעס פון דער מאקע אף די ווענטלעך פונעם מאָגן — אָט דאָס איז די אופגאבע, וועלכע שטייט פאָר.

צי קאָן מען ביכלאל האלטן, אז די מענטשן, בא וועלכע ס'איז אויסגעשניטן א גרויסער טייל פון אזא נייטיקן אָרגאן, ווי דער מאָגן, זייַנען געוואָרן געזונט? קיינער קאָן ניט אָרעוו זייַן, אז אפן אָפּערירטן אָרט וועט נאָך דער אָפּעראציע ניט ווערן א נייַע מאקע.

— ס'האָט זיך איינגעגעבן צו דערווייַזן, — זאָגט דער פּראָפעסאָר, — אז דאָס צופיל זויערשטאָף פונעם מאָגן רופט ארויס די מאקע אף זייַן שליימיקייַט, אָבער די הויפּט-סיבע איז אין דער גאל, וועלכע טריפט ארייַן בא געוויסע באדינגונגען אין מאָגן. פונוואנען נעמען זיך די באדינגונגען? בלויז אויב דער גאל-קלאפּאן האָט כעסרוינעס, אנדערש וואָלט דאָך קיין גאל ניט געקאָנט ארייַנטריפן אין מאָגן. נאָר בייס די גאנצקייַט פונעם גאז-קלאפּאן האָט א כיסאָרן, בייַט זיך דער אונטערשייד פונעם דרוק, וועלכער איז טעטיק בא נאָרמאלע באדינגונגען. בייס דער דרוק איז גלייַכמעסיק קאָן די שפּייַז צירקולירן אָן שום שטערונגען...

אָט אזוי איז אופגעקומען די אידיי פון א לייַכטערער פיזיאָלאָגישער אָפּעראציע, נאָך וועלכער דער גאל-קלאפּאן פונקציאָנירט נאָרמאל. דער קראנקער בלייַבט מיט א גאנצן מאָגן, און נאָך דער אָפּעראציע איז זייַן צושטאנד א סאך גרינגער. הייַנט דער עפעקט! אינגאנצן פינף-זעקס טעג דארפן געדויערן, ביז דער מאָגן פארהיילט זיך.

„...נאָך נייַנצן יאָר זייַן אף א דיעטע, נאָך צוויי אָפּעראציעס און אומענדלעכע ווייטיקן האָב איך געוואָרט, ס'זאָל מיר ווערן גרינגער, אָבער ניט אף אזויפיל. איך עס אלץ, בין פולקום געזונט!..” — שרייַבט א פּאציענט.

יאָ, דער רעזולטאט, וועלכן דער דאָקטער וויטעבסקי דערגרייכט נאָך דער אָפּעראציע לויט זייַן מעטאָד, איז אן אויסערגעוויינלעכער: דער קראנקער קערט זיך אום צום נאָרמאלן לעבן.

און אָט זייַנען איבערראשנדיקע ציפערן: אין דער קורגאנער געגנטלעכער לאבאָראטאָריע פון גאסטראָענטעראָלאָגיע, ווו דער פארוואלטער איז פּראָפעסאָר וויטעבסקי, איז די צאָל געבליבענע אינוואלידן איבער א מאָגן-קראנקייַט געפאלן מער ווי אין צוויי מיט א האלבן מאָל, איידער אין גאנצן לאנד. ראדיקאל האָט זיך פארקלענערט די צאָל קראנקע, וועלכע זייַנען צייַטווייַליק אומפעיק צו ארבעטן.

כ'האָב זיך א סאך דערוווּסט וועגן יאקאָוו דאווידאָוויטשן פאר דער קורצער צייַט, וואָס איך בין געווען אין קורגאן. אָט איז, לעמאָשל, אזא טשיקאווער פאקט. די שטאָט-איינוווינער זייַנען אים דאנקבאר, וואָס ער האָט זיך דערשלאָגן, אז אין קורגאן זאָל אין די מילך-קראָמען שטענדיק זייַן אין פארקויף דער נייטיקער פּראָדוקט — אצידאָפילין.

פארוואָס גיט צו דער פּראָפעסאָר אזא גרויסע באדייַטונג אצידאָפילין? ס'איז פעסטגעשטעלט, וויאזוי אצידאָפילין ווירקט אף דער אנטוויקלונג פון דער נאָרמאלער פלאָרע אינעם שפּייַז-טראקט. דער פּראָפעסאָר דערמאָנט זיך, אז אין די שווערסטע מילכאָמע-יאָרן פלעגט אצידאָפילין פארבייַטן באקטעריציד-פּרעפּאראטן און איז אלעמאָל געווען עפעקטיוו.

— איצט, בייס מיר האָבן אין אונדזער רעשוס שטארקע אנטיביאָטישע מיטלען, איז פאראן א פארקערטער רעזולטאט. דאָס ניצן א סאך אנטיביאָטיקעס שאט דער געזונטער מאָגן-פלאָרע, וועלכע איז אומבאדינגט נייטיק פאר די פונקציעס פונעם אָרגאניזם. אצידאָפילין ווירקט אף איר פּאָזיטיוו און שטעלט זי אוף אפסנייַ...

דעם דאָקטער וויטעבסקי קען איצטער דאָס גאנצע לאנד, און אויך פון אויסלאנד קומט מען נאָך זייַן אייצע. טיפע וואָרצלען האָט ער געלאָזט אין קורגאן. דאָ זייַנען אינאיינעם מיט אים אין דער גוירלדיקער מילכאָמע-צייַט געווען טעטיק זייַנע עלטערן. דער טאטע, אן אינזשעניער לויטן פאך, האָט ביז די לעצטע טעג פון זייַן לעבן געארבעט אף א קורגאנער אונטערנעמונג. די מאמע איז געווען א דאָקטער אין קורגאן, און ווען ס'וואָלט נאָך איצט געלעבט די אלטיטשקע באָבע, וועלכע האָט מיט גרויס שטאָלץ געטראָגן איר באַרוף „אקושער-

קע", וואָלט זי ביז הײַנט אויך געדינט דער מעדיצין אין קורגאַן. וויטעבסקי איז צופרידן, וואָס אין איין שטאָט מיט אים לעבן און ארבעטן ביידע זײַנע זין.

ניט לאנג צוריק האָט די רעדאקציע פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" אופגענומען בא זיך דעם פּראָפעסאָר וויטעבסקי. עמעצער פון די בײַוועזנדע האָט געפרעגט יאקאָוו דאווידאָוויטשן, צי ער ניצט אויס אין זײַן טעטיקײַט מאטעמאטיק און אנדערע פּינקטלעכע וויסנשאפטן.

— אוודאי! — האָט אויסגערופן דער געלערנטער. — מאטעמאטיק העלפט געפינען דעם סאמע לאָגישן וועג צו לייזן די קאָמפּליצירטע אופגאבעס פון דער פיזיאָלאָגישער ספערע. — און ער האָט צוגעגעבן: — איך האָב אויסגעהערט אן אוניווערסיטעט-קורס פון דיפערענציאלע און אינטעגראלע אויסרעכענונגען. דער מענטשלעכער אָרגאניזם — דאָס איז אן אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירטע ביאָלאָגישע קאָנסטרוקציע, אויב מע קאָן זיך אזוי אויסדריקן. אָן א מאטעמאטישן אנאליז, איז שווער צוצוטרעטן צו אָט דער קאָנסטרוקציע.

און איך האָב פארשטאנען: זײַן עכט דאָקטערשע פארינטערעסירטקײַט אינעם גורל פון יעדן קראנקן מענטשן לעבט אין אים שטענדיק... ער ווייסט גוט, ווי זעלטן עס כאזערט זיך איבער די אָדער יענע קראנקײַט באם כוילע. ווען ניט אזוי, וואָלט ניט באקומען קיין לייזונג דער קאליידאָסקאָפּ פון רעטענישן, וועלכער קומט מיט יעדן נײַעם לעבן, וואָס אנטשטייט אף דער וועלט.

אף דער באגעגעניש אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" איז אופגעקומען אזא פראגע, ווי דאָס פריִע דיאגנאָסטירן א מאָגן-ראק.

— איר פארשטייט דאָך, — זאָגט יאקאָוו דאָווידאָוויטש, — אז אפן הײַנטיקן עטאפּ איז די פריִע דיאגנאָסטיק דאָס סאמע וויכטיקסטע.

און אָט ווערט קלאָר, אז די איצטיקע אויספאָרשונגען, וועלכע העלפן צו באשטימען די פריִע אנטשטייונג פון א ראק, ווערן דורכגעפירט מיט דער הילף פון הײַנטצײַטיקער טעכניק, און דאָס קאָסט דער מעלוכע צוואנציק טויזנט רובל פאר יעדן כוילע.

פּראָפעסאָר וויטעבסקי האָט דערפונדן אן אויספאָרשונגס-מעטאָד, וועלכער קאָסט פאר יעדן כוילע אינגאנצן 34 קאָפּיקעס, דערבײַ קאָן דער סאמע, ווי מע זאָגט, מיטלער דאָקטער דורכפירן די ארבעט. אָט האָט איר אײַך מעדיצין פאר אלעמען!

אלעמאָל, ווען איך באגעגן זיך מיטן דאָקטער וויטעבסקי, אנטדעק איך פאר זיך עפּעס נײַס. דאָס ערשטע מאָל איז ער אין קורגאן דערשינען פאר מיר ווי אן אטלאנט, וועלכער טראָגט אף זײַנע פּלייצעס א מוירעדיק-שווערע פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר מענטשלעכע לעבנס. זײַנע קורצע, געהאקטע פראזעס זײַנען געווען ווי דאָס שיסן פון געווער, און עס האָט געפאָדערט פונעם מיטשמועסער מאקסימאלע אָנשטרענגונג פונעם געדאנק, בייס אלץ דערמאָנט, אז די צײַט פונעם דאָקטער געהערט נאָר די קראנקע. זײַן אומגעדולדיקײַט האָט געפאָדערט די גרעסטע שטרענגקײַט צו זיך גופע. און אָט די פאָדערונגען זײַנען ארויסגעוויזן געוואָרן ווי לאקאָנישע באפעלן דורכן טעלעגראף. די שמועסן זײַנען, פארשטייט זיך, געווען אויסערסט קאָרעקט. די דײַטלעכקײַט איז געווען אזוי שארף, אז ס'האָט דערמאָנט די פראָנט-אטמאָספער פון א כירורגישער אָפּטיילונג, ווו יעדע סעקונדע איז אָנגעזאפּט מיט פאראנטוואָרטלעכקײַט צו א באליביקער אומדערווארטקײַט.

און אין מאָסקווע... מע קאָן מיינען, אז דאָס איז גאָר אן אנדער מענטש.

ער איז ערשט געקומען צו פליִען.

אזא רויִקע שטים, אן אומבאקאנטע אינטאָנאציע.

— אויב איר וועט מיך אײַנלאדן, וועל איך קומען אין רעדאקציע.

פונעם האָטעל „ראָסיִא" זײַנען מיר געגאנגען אף דער קיראָוו-גאס צופוס. די ברייטהארציקע יול-זון האָט ליבלעך געווארעמט. באם ראש פונעם אוילעם, באם גערודער פון אווטאָמאָבילן האָבן מיר געשמועסט און אפילע גוט געהערט איינער דעם אנדערן. איז דאָס נאָך ווינציק, האָבן מיר נאָך געלאכט, און דאָס איז געווען א פולווערטיקער געלעכטער, מיר זײַנען ניט געווען געהאטעוועט „מיט פאראנטוואָרטלעכקײַט", גרינג און פרײַ, ווו גיכער, ווו לאנגזאמער, האָבן מיר געשפּאנט. און דער פּראָפעסאָר — לעבן מיר. א זעלטענער, נאָר זייער א גוטער שמייכל, האָט אף א קורצער רעגע געמאכט פארגעסן דעם הויכן ראנג זײַנעם. מיט אים האָט זיך מיר געשפּאנט פריילעך און יונג.

דערנאָך איז צו שטאנד געקומען אן ערנסטע און אײַנדרוקספולע ארויסטרעטונג אין רעדאקציע. און ווידער זײַנען זײַנע ווערטער געווען צונויפגעבונדן מיטן גײַסט פון פליכט פאר דעם מענטשן. דער פּראָפעסאָר האָט גערעדט ווי אן עמעסער אומדערמידלעכער פּראָפּאגאנדיסט פון וויסנשאפט. ער האָט געשטארקט דעם גלויבן אין דעם, אז מע קאָן באזיגן די קראנקײַט. ניט צופעליק קלײַבן זיך אוף דאָקטוירים פון פארשיידענע רעפּובליקן אין דער גאסטראָענטעראָלאָגישער קורגאנער געגנטלעכער לאבאָראטאָריע. ניט צופעליק

באזוכן קורגאַן מעדיקער פון פאַרשיידענע לענדער.

אין אַ בריוו, וואָס ער האָט צוגעשיקט אין טיפן האַרבסט, שרײַבט ער:

„...נאָכן אורלויב אין סאָטשי, ווו איך בין צווײ מאָל אַרויסגעטראָטן מיט לעקציעס פאַר די מעדיקער פון דער שטאָט, בין איך אוועקגעפאָרן קיין בײַבאַלטיק. אין ריגע האָב איך געלייענט אַ ציקל לעקציעס, קאָנסולטירט אַ געוויסע צאָל שווער-קראַנקע, דורכגעפירט אַ זיצונג באַם „קײַלעכיקן טיש" (טעלעוויזיע) מיטן אָנטייל פון ריגער פּראָפעסאָרן, און איך האָב געמאַכט אין איינעם פון די שפּיטאָלן אַ מוסטער-אָפּעראַציע"...

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין אורלויב. וואָס זשע קאָן מען זאָגן וועגן פּאָשעטע אינדערוואָכנס?

— אַ גוט-מאָרגן! — דאָס וויפּלטע מאָל הער איך וויטעבסקיס וואַרעמע שטים. — איך בין ווידער אין מאָסקווע, הײַנט געקומען צו פליִען. ס'איז דאָ אַ באַפעל פונעם מיניסטעריום פון געזונט-פאַרהיטונג, אַז אין קורגאַן וועט געשאַפן ווערן אַ זעלבשטענדיקע וויסנשאַפטלעך-פאָרשערישע לאַבאָראַטאָריע פון גאַסטראָענטעראָלאָגיע. אָנפירן מיט איר איז אָנגעטרויט מיר. איך בין געקומען אַף אַ באַראַטונג אין מעלוכע-פּלאַן.

ווידער וועט זײַן האַרבסט. מיט אַ פלאַטער אין דער נעשאָמע וועל איך אַרײַנגיין אינעם זאַל מיט די ווײַסע זײַלן, אין הויז פון די מעדיצינישע טוער אַף גערצען-גאַס. און פּונקט אַזוי, ווי פאַראַיאָרן, וועלן אָפּן בלויען סאַמעט פון די ברייטע שטולן זיך אויסטיילן די ווײַסע מעדיצינישע כאַלאַטן, און אַף די קעפּ פון די יונגע וועלן שײַנען די אָנגעקראָכמאַליעטע הויבן — ווי אַ פעלד מיט צעבליטע ווײַסע בלומען. וויִאַזוי זאָל מען זיי דערקלערן, אַז יעדע שאָ פון זייער לעבן וועלן זיי האַלטן אַ געוויסן-עקזאַמען.

אָט וואָס איך וואָלט זיי געזאָגט:

— שטעלט זיך פאָר, אַז איר האָט שוין אָפּגעלעבט דאָס גאַנצע לעבן. איר האָט ערלעך געאַרבעט און איר זײַט שוין אַלט געוואָרן פון אײַער מי. שטעלט זיך פאָר, אַז איר געפינט זיך ערגעץ-ווו אין אַ צוג, ס'איז נאַכט. קיינער פון אײַערע מיטפאָרער ווייסט ניט, אַז מיט זיי אין צוג געפינט זיך אַ דאָקטער. פּלוצעם רופט מען אויס דורך דער ראַדיִאָ: „בירגער פּאַסאַזשירן! עפשער איז צווישן אײַך דאָ אַ דאָקטער? אַן אומגליק האָט געטראָפן! העלפט!" ווי טײַער דאַרף דאָס בא אײַך זײַן. איך רייד ניט וועגן דעם מענטשן, וועמען איר וועט אַרויסווײַזן הילף. איך רייד גראָד וועגן אײַך. הייסט עס, אַז ס'איז לעבעדיק דער זיקאָרן, עס לעבט די טראַדיציע און איר זײַט גרייט זי פאָרצוזעצן. הייסט עס, אַז איר האָט דעם געוויסן-עקזאַמען אויסגעהאַלטן.

ה י ר ש   ר ע ל ע ס

אפן פאראָם

געקומען בין איך קיין לאָיעוו אין סאָף אויגוסט, נאָר אן אײַנדרוק איז געווען, אז ס׳איז נאָך אָנהייב יול — דער זומער האָט האיאָר פארשפעטיקט אף א גאנצן כוידעש.

געוויינלעך אין אָט דער צײַט האָבן שוין געדארפט זײַן פיל סאָרטן עפל און בארן, איצט אָבער זײַנען אפילע די פאָמידאָרן אף די קוסטעס נאָך גרינע. מער נישט, די קארשן זײַנען צײַטיק, כאָטש לויטן סעזאָן האָבן זיי שוין ניט געדארפט זײַן אף די ביימער.

די וואלד-געוויקסן האָבן אויך פארשפעטיקט, וואָרעם ווי איך האָב באמערקט, טראָגט מען פונעם וואלד גאָלוביקע און מאלינעס. קיין ניס און ברוסניקע זעט מען נאָך אויך ניט אין די קאָשעקעס.

בלויז די טוווּע שטייט ניט אָפ פון דער צײַט. און דאָס איז וויכטיקער פון אַלץ. ווייץ און קאָרן זײַנען שוין אראָפגעשניטן, האָבער און גערשטן זײַנען רײַף.

ווי געוויינלעך אין הארבסט, זײַנען אלע באשעפענישן זאט, רויִק און גוט געשטימט. די בעהיימעס גייען ארום געלאָסן איבערן שניטפעלד, צופן דאָס גראָז ניט געײַלט און קײַען מיט האנאָע. אייניקע שטייען מיט פארמאכטע אויגן און מאלעגיירען. דאָ און דאָרט סטארטשען ארויס, ווי שווארצע האלאָוועשקעס, די ראָבן און קראָען. די שפערלעך, לעבעדיקע און זשוואווע, טראָגן זיך ארום, ווי היישעריקן. אפילע די פליגן זײַנען אויך גוטמוטיק געשטימט און ניט אזוי כוצפעדיק. בלויז די בינען זעען אויס ווי צעטומלטע: ווייניק בליִונג פאר זיי, ניטאָ פונוואנען ציִען די יעניקע.

פארטראכט, בין איך אוועק צום טײַך.

אך, ווי ברייט האָט זיך צעפלאָסן דער דניעפער! די טיפקײַט זײַנע איז אָבער ניט אומעטום איינע און די זעלבע. ערטערווײַז סטארטשען ארויס אינדזלען, באוואקסענע מיט גראָז. איבערן וואסער טראָגן זיך שוואלבן. פון צײַט צו צײַט שוועבט דורך א מעווע. פונעם טײַך טראָגט מיט ווארעמער פײַכטקײַט.

באם ברעג שטייט א גרויסער מעכאניזירטער פאראָם. א כאָפטע יאטלעך לעם דער פאָרענטש אָרודוועען מיט ספינינגען. נעענטער צו דער קאבינע זיצן אף א בענקעלע פאסאזשירן און פירן צווישן זיך א שמועס. אפן פאראָם זעט מען צוויי לאסט-אויטאָמאָבילן.

פון אונטן, פון דער קאיוטע, הייבט זיך אויף א זשוואווער, ניט קיין הויכער מאנצבל, אין די מיטעלע יאָרן. דאָס פאָנעם זײַנס איז גוטמוטיק, די אויגן — פריילעכע, לעבעדיקע.

— באלד רירן מיר זיך, — מעלדעט ער דעם אוילעם.

פלוצעם לאָזט ער אף זיך אָן אן ערנסטקײַט. דערנעענטערט זיך צו די יאטלעך און שרײַט אויס:

— בריס פונדאנען!

יענע קוקן אף אים פארכידעשט, ווי זיי וואָלטן ניט געגלייבט זייערע אויגן.

— וועמען איז עס געזאָגט געוואָרן! — שרײַט אויס דער מאנצבל נאָך העכער.

דאָך פילט זיך, אז די בייזקײַט איז א געמאכטע, ניט קיין נאטירלעכע.

די יאטלעך פארדרייען די ספינינגען און גייען אוועק שווײַגנדיק.

דער מאנצבל פילט, קאָנטיק, אז איך באוויליק ניט אזא באציִונג צום קליינווארג, און ער פארענטפערט זיך:

— איר מיינט, אז מיך ארט טאקע, וואָס זיי פארברענגען דאָ? פארקערט, דאָס האָב איך זיי אליין פארנאדיעט. פאָרט פריילעכער. נאָר אין אָט די טעג איז געשען א צופאל, וואָס צווינגט מיך מער ניט לאָזן זיי אהער. אָט יענעם שטיפער אין דער בלויער מײַקע האָט איינער א קונדעס אומגערן אראָפגעשטופט פונעם פאראָם אין וואסער ארײַן, איז מיר אויסגעקומען אין אָנטאָן זיך ווארפן אין טײַך ארײַן און אים ארויסשלעפן. דערבײַ האָב איך פון זײַן טאטע באקומען יענע גאָב — פארוואָס איך לאָז זיי אהער.

פונעם בײַדל דערהערט זיך א קאָל:

— מאקסימיטש!

— איך גיי, איך גיי. — ענטפערט גלײַך מײַן מיטשפרעכער און דערקלערט מיר: — דאָס רופט מיך דער קאפיטאן. באלד רירן מיר זיך. גייט ניט אוועק. קימערט זיך ניט. קיין געצאָלטס נעמען מיר ניט פון די פאסאזשירן. אף יענעם ברעג שטייען מיר א מינוט צוואנציק, דאָרט וועלן מיר זיך דורכשמועסן.

אנאטאָלי מאקסימאָוויטש בינדט אָפ די גראָבע שטריק, מיט וועלכער דער פאראָם איז צוגעבונדן צום בריקל, און לאָזט זיך אראָפ

אין מאשין-אָפּטייל. ס'הייבט אָן רודערן דער מאָטאָר, דער פּאַראָם רירט זיך פון אָרט.

אונטער דער שײַן פון דער זון זעט דאָס וואַסער אויס, ווי א פלאַמיקער שקוואַל, וואָס פאַרבלענדט די אויגן. איך קער אָפּ דעם בליק צו דער מיזרעך-זײַט. די ווײַסע באַבעלעך, וועלכע שימערירן קופּקעסווײַז דאָ און דאָרט, זעען אויס ווי גאָלדענע. זייערע באַוועגונגען זײַנען זיגזאַגיקע און ריטמישע. ס'פּילט זיך מאַמעש, ווי זיי שערן די לופט. די כוואַליעס, וואָס שפּרינגען ארויס פון אונטער דער ראָד, קײַקלען זיך צו ביידע ברעגן, ווי גוואַלדיקע פאַנאַנדערגעוויקלטע רולאָנען.

און אָט דערנעענטערט זיך דער קעגניבערדיקער ברעג. דער פּאַראָם שוואַרטעוועט צו צום בריקל.

אַנאַטאָלי מאַקסימאָוויטש לויפט ארויס פון דער מאַשין-אָפּטיילונג, כאַפּט אָן די שטריק און בינדט צו צום בריקל דעם פּאַראָם.

— פּאַרטיק! — הערט זיך זײַן קאָמאַנדע.

די פּאַסאַזשירן לאָזן זיך צום ברעג.

איך הייב זיך אוף אפן ברעג טײַך און צעשפּרייט זיך אפן גראָז, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן. ערשט איצט דערפיל איך ווי ס'געהער צו זײַן דעם דופט פון די ארומיקע לאָנקעס און דאָס פרישע מעכײַעדיקע ווינטל. ארום איז שטיל. עס הערט זיך, ווי ס'רופן זיך איבער די גרילן. די שוועלבעלעך טראָגן זיך נידעריק-נידעריק איבערן וואַסער.

— נו, איז ווי פילט איר זיך אַף דער אוקראַיִנישער ערד?

איך דערזע מאַקסימיטשן. ער זעצט זיך לעבן מיר און פאַרייכערט.

זײַן פראַגע קומט פאַר מיר אויס עפּעס מאָדנע.

— וואָס עפּעס אַף דער אוקראַיִנישער ערד?

— וואָסי, איר ווייסט ניט? מיר געפינען זיך שוין אַף דער אוקראַיִנע. דער דניעפּער איז דאָ א גרענעץ צווישן ביידע ברידערלעכע רעפּובליקן: דער ווײַסרוסישער און דער אוקראַיִנישער, דעריבער הייסט טאַקע אונדזער פּאַראָם „דרוזשבא”. אַף דעם ברעג, ווי מיר געפינען זיך איצט, רעדט מען שוין אַף אוקראַיִניש. ביכלאַל איז דאָס א היסטאָריש אָרט. בא א האַלבן קילאָמעטער פונדאַנען, ארוף מיטן וואַסער, גיסט זיך צונויף דער דניעפּער מיטן סאָזש. דאָרט, באַם צונויפגוס, איז פאָרגעקומען די לעצטע שלאַכט צווישן די פּוילישע דראַגונעס און באָגדאַן כמעלניצקיס כאַיִל. בײַס דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, אין האַרבסט 1942, האָט קאָווּפּאַקס פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד באַפרײַט לאָיעוו, און לעקאָוועד דעם אָקטיאַבער-יאָמטעוו איז דאָ, באַם דניע-

פער, דורכגעפירט געוואָרן א פּאַראַד פון די פּאַרטיזאַנער. דערנאָך איז זיי אויסגעקומען זיך דרינגענד צו פאַרמאַסקירן אינעם ארומיקן וואַלד.

— מאַקסימיטש! — דערהערט זיך פונעם פּאַראָם דעם קאַפּיטאַנס קאָל.

— איך גיי, איך גיי.

באַמערקנדיק, אַז איך וויל זיך אופהייבן פונעם אָרט, וואָרנט ער:

— אײַלט זיך ניט, מיר וועלן זיך נאָך פאַרהאַלטן דאָ א מינוט פופצן.

מאַקסימיטש לאָזט זיך פלינק אראָפּ פונעם בערגל, און אָט לויפט ער שוין איבערן בריקל און ווערט נעלעם אינעם בײַדל פון דעם פּאַראָם.

„וואָס איז ער אַזוי צו מיר צוגעזאָטן געוואָרן? — קומט מיר אפן געדאַנק. — ניט אַנדערש, ווי ער איז לויטן כאַראַקטער א צוגעלאָזטער און האָט ליב צו פאַרברענגען מיט מענטשן”.

אינגיכן קערט ער זיך אום.

— גרויסע צאָרעס האָבן אונדז אָנגעטאָן די פאַשיסטן, — טײַנעט ער צו מיר מיט האַרץ. — מײַנע א שוועסטער מיט צוויי קינדער זײַנען אומגעקומען אין געטאָ. ס'גייט מיר פון געדאַנק ניט ארויס. אין די יאָמטויווים פּרוּוו איך מיט בראַנפן פאַרטרײַבן דעם ווייטיק, אָבער ס'העלפט סײַווי ניט.

איך באַטראַכט אים אופמערקזאַם, עפּעס איז ער לאַכלוטן ניט ענלעך אַף א ייִדן. א טיפּישער ווײַסרוס. די האָר — העל-בלאָנדע, די אויגן — בלויע, די נאָז — א דינע און א גלאַטע.

— ווי איז אײַער פאַמיליע-נאָמען? — פרעג איך בא אים.

— בײַדאַק.

קאָנטיק, אַז ער שטויסט זיך אָן, פאַרוואָס איך האָב אים געשטעלט אַזאַ פראַגע.

— איך בין א ווײַסרוס, — זאָגט ער מיר, — נאָר מײַן שוועסטער האָט כאַסענע געהאַט פאַר א ייִדן. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, איז איר מאַן געוועזן אין דער אַרמיי, נאָך אין דער פינישער קאַמפּאַניע האָט מען אים מאָביליזירט. ווען אהער זײַנען געקומען די פאַשיסטן, האָבן זיי פאַראָרדנט, אַז מײַנע פּלימעניצעס זאָלן גיין אין געטאָ. איז מײַן שוועסטער אויך אוועק מיט זיי. און ווי אַנדערש? ווען מע האָט אַלעמען געפירט צו דער גרוב, האָט מען זי געוואָלט באַפרײַען, נאָר זי האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזן די קינדער. זי האָט זיי געפירט פאַר די הענטלעך...

ער ווערט אַנשוויגן און פאַרהאַלט דעם אָטעם. נאָכדעם פאַרייכערט ער און זעצט פאָר:

— דער שוואָגער האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע, דאָס לײַב אין וווּנדן און דאָס האַרץ אין וווּנדן. בא פינף יאָר האָט ער אין אונדזער מישפּאָכע געלעבט. נאָכדעם האָבן מיר אים גענומען אײַנריידן, ער זאָל כאַסענע האָבן. וואָס דאַרף ער זיך מאַטערן? די מישפּאָכע וועט ער סײַווי פון אונטער דער ערד ניט אופהייבן. האָט ער כאַסענע געהאַט פאַר אונדזערער א קרויווע. צוויי קינדער האָבן זיי שוין דערוואַקסענע. אין טאָג פון ניצאָכן גייען מיר מיט אים צום ברודער-קייווער. נאָכדעם זעצן מיר זיך אַף דער מאַטאָרקע און פאָרן אין וואַלד פּראַווען פּאָמינקעס. אין האַרבסט איז פאַראַן א טאָג, ווען ייִדן דערמאָנען די, וועלכע זײַנען ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. דער טאָג הייסט מיט אזא נאָמען, וואָס מיר איז שווער צו פאַרגעדענקען. מײַן שוואָגער איז ניט קיין גלויביקער, נאָר אין אָט דעם טאָג, נאָך דער אַרבעט קומט ער צו מיר, און מיר גייען לייגן בלומען אַפן קייווער. א סאַך ייִדן זײַנען אין לאַיעוו אומגעקומען. פאַר דער מילכאָמע איז לאַיעוו געווען א ייִדיש שטעטל, איצט זײַנען דאָ פאַרבליבן בא צוואַנציק מישפּאָכעס. ווי איך פאַרשטיי, זײַט איר אויך געקומען אַהער אַף פּאָמינקעס. אויב איר ווילט, וועלן מיר צוזאַמען גיין באַזוכן דאָס הייליקע אָרט. בלומען וועלן מיר אָנרײַסן בא מיר אין פּאַליסאַדניק.

— מיר קאָנען טאַקע צוגיין. נאָר מײַנע נאָענטע און פרײַנט געפינען זיך אין אַנדערע קוואָרים.

— מאַקסימיטש!

— נו, איצט שווימען מיר אָפּ.

אַפן פּאַראָם וואַרט שוין א היפּש ביסל פּאַסאַזשירן.

אין אָוונט זײַנען מיר מיט אים געגאַנגען צום ברודער-קייווער. און ווען ס'איז שוין גוט פינצטער געווען, האָבן מיר אַף דער מאָטאָרקע זיך אַרומגעטראָגן אַהין און צוריק איבערן דניעפּער, וואָס פאַרייניקט צוויי ברידערלעכע רעפּובליקן.

כראָניק

„22 יון — 9 מײַ: שרײַבער פון אוקראַיִנע אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע"

אונטער אזא נאָמען האָט דער קיִעווער פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק" אַרויסגעגעבן א גרויסן ביבליִאָגראַפישן אָנצײַגער, וועלכער אַנטהאַלט 492 ביִאָגראַפיעס פון שרײַבער-פראָנטאָוויקעס און פּאַרטיזאַנער, אָנטיילנעמער אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע.

כוץ ביִאָגראַפישע ידיִעס, זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דעם בוך מוסטערן פון דער שאַפונג פון די שרײַבער, ווי אויך זייערע מיליטערישע כאַראַקטעריסטיקעס.

די אויסגאַבע ווערט באַגלייט מיט א פאָרוואָרט פונעם מאַרשאַל, צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד וו. אי. טשויקאָוו.

צווישן די מאַטעריאַלן וועגן שרײַבער-פראָנטאָוויקעס פון דער אוקראַיִנישער רעפּובליק קאָן מען זען די פּאָרטרעטן און ביִאָגראַפיעס פון 20 ייִדישע שרײַבער — פּייסי אַלטמאַנען, מוישע אַראָנסקין, מאָטל האַרצמאַנען, שמועל העלמאָנדן, מוישע גערשענזאָנען, מאָטל גאָלבשטיינען, שימען גאָלדענבערגן, הירש דיִאַמאַנטן, אירמע דרוקערן, מוישע דובילעטן, נאַטאַן זאַבאַרען, פּיניע קיריטשאַנסקין, אַלעקסאַנדער ליִזענען, שלוימע לאָפּאַטינען, כאַיִם מעלאַמודן, מישע מאָגילעוויטשן, הערשל פּאָליאַנקערן, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקין יעכיִעל פאַליקמאַנען, מוישע כאַשטשעוואַצקין.

ניט וויניק פון די שרײַבער זײַנען געפאַלן אַף די שלאַכטפעלדער פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, אַנדערע האָט אָפּגעגליקט צו דערגיין ביז בערלין, אַנטיילנעמען אינעם שטורעם פון דעם רײַכסטאַג.

●

ר ו ו ן   פ ו ס ט י ל נ י ק אָ ו ו

פֿאַרשפּאָרט צו געבן אַן אײַצע

די ייִדישע מעכוטאָנים האָבן געשריִען: — מאַזלטאָוו! מאַזלטאָוו! די רוסישע מעכוטאָנים האָבן געשריִען: — גאָרקאָ! גאָרקאָ!, וואָס אַף ייִדיש באַטײַט עס — ביטער! ביטער!

שיינדל נעמיראָווסקאַיאַ, וועלכע איז געווען אַף דער כאַסענע, ווי מע זאָגט „דאָס אייבערשטע פֿון שטייסל“, — זי האָט געלערנט די רוסישע עלטערן פֿון קאַלעס צאַד, וויאַזוי צו טאַנצן אַ שער, — האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס שרײַט מען „גאָרקאָ!“, ווען דער קוש בײַ כאָסן-קאַלע איז, פֿאַרקערט, זיס, ווי האָניק.

דער קאַלעס אַ קאָרעוו סטעפּאַן גאַווריליאָוויטש האָט נאָך אַ פֿריילעכן טאַנץ מיט דעם כאָסנס קרויווע שיינדל, שוין נאָך אַ פּאָר גלעזעלעך ווײַן מיטן פֿאַרבײַסן אַ שטרודל, אַרויסגערופֿן שיינדלען פֿון דער כאַסענע-שטוב אין פֿרילינג-סאָד, וווּ די ביימער זײַנען שוין געווען באַצירט מיט יונגע קנאָספּן.

— איר ווילט וויסן, קומאַ, פֿאַרוואָס מע שרײַט אַף דער כאַסענע „גאָרקאָ!“? — האָט סטעפּאַן געפֿרעגט בײַ שיינדלען. — אָט באַלד וועל איך אײַך דערקלערן.

וויאַזוי האָט ער, סטעפּאַן, איר דערקלערט אָט דאָס וואָרט, איז שוין ניט אַזוי וויכטיק. דער איקער באַשטייט אין דעם, וואָס אין אַ צײַט אַרום זײַנען זיי געוואָרן מאַן-און-ווײַב. און דאָס איז שוין געווען די צווייטע געמישטע כאַסענע אין דער מישפּאָכע. דערווײַל אָבער וועלן מיר דערציילן וועגן דער ערשטער. און ניט אַזוי וועגן דער כאַסענע גופֿע, ווי וועגן די געסט, וועלכע זײַנען זיך אַף איר צונויפֿגעפֿאָרן פֿון גאָר דער וועלט — מעכוטאָנים פֿון בערדיטשעוו, פֿון טולטשין, נעמיראָוו, הײַסין, אַפֿילע פֿון אָדעס. זיי זײַנען ניט געפֿאָרן אַהער, אַף דער כאַסענע קיין מאַלאַכאָווקע, מיטן צוג, ניט געפֿלויגן מיטן אַעראָפּלאַן. ניין. זיי לעבן שוין לאַנג מישפּאָכעסווײַז דאָ, אין מאַלאַכאָווקע, הינטער מאָסקווע.

דאָדיע דער אָדעסער האָט זיך צערעדט מיט דאָווידן דעם בערדיטשעווער און אים דערציילט אַזאַ געשיכטע:

— שטייט אַמאָל מײַן טאַטע דער בינדיוזשניק אַף דער דעריבאַסאָווסקע און קראַצט מיטן פּוזשילע די פּלייצע. צו אים גייט צו אַ גאָראָדאָוואָי און זאָגט: „היי, דו, נעכריסט, פֿאַר קיין בערדיטשעוו זיך קראַצן!“ — האָט אים דער טאַטע געענטפֿערט: „הערט נאָר אַן אַזעספּאָנעם פֿון אַ גאָראָדאָוואָי! אַז ס'האָט מיר דאָ, אין אָדעס, אַ ביס געטאָן, זאָל איך פֿאָרן קיין בערדיטשעוו זיך קראַצן?..“

דאָוויד דער בערדיטשעווער וויל ניט, פֿאַרשטייט זיך, זײַן קיין באַלכויוו און ענטפֿערט אים אויך מיט אַ געשיכטע:

— בײַ אונדז אין בערדיטשעוו האָט מען געפֿרעגט בײַ כאַיִמען דעם קידריק: זאָג, כאַיִם, ווי איז דיר געגאַנגען הײַנטיקן פּייסעך?“, ענטפֿערט כאַיִם: „הײַנטיקער פּייסעך איז געווען בײַ מיר אַ גרינגער פּייסעך, ווײַל פֿאַראַיאָרן, ווען איך האָב געדאַרפֿט פּראַווען פּייסעך, האָב איך געטראָגן אויפֿן מאַרק פֿאַרקויפֿן דעם טיש, איז מיר געווען שווער. הײַנטיקס יאָר האָב איך פֿאַרקויפֿט דאָס לעצטע בענקל, איז מיר געווען גרינגער“...

לאָמיר אָבער איבערלאָזן ביידע דאָווידס — דעם אָדעסער און דעם בערדיטשעווער, און זיך אומקערן צו דער געמישטער כאַסענע.

מיטן כאָסן יאָסקע סאָרקין, וויפֿל מאָל איך האָב ניט געפּרוּווט מיט אים זיך באַגעגענען, שוין נאָך דער כאַסענע, האָט עס זיך מיר ניט אײַנגעגעבן. זײַן מאַמע, סאָפּיע איזראַיִלעוונע, האָט מיר געזאָגט:

— מײַן זון איז אַ לופֿט-מענטש, ער איז מער אין הימל, איידער אַף דער ערד. די ערשטע טריט אין הימל האָט ער געמאַכט מיט זײַן ווערטאָליאָט — פֿונעם ביקאָווער אַעראָוואָקזאַל קיין דאָמאָדיעדאָוואָ. איצט אַרבעט ער מיט זײַן העליקאָפּטער אויפֿן ווײַטן מיזרעך. און איך, זײַן מאַמע, ווי איר זעט מיך, האָב שוין איצט אויפֿן באָם אַ פֿוס אין טשאָלנט. איר האָט דאָך געזען מײַן שנור פּאָלינע אַף דער כאַסענע, איז זי אויך פֿאַרבונדן מיט דער בײַקאַל-אַמורער מאַגיסטראַל. יאָסקע זעט זי, ווען ער קוקט אַרויס דורכן פֿענצטערל פֿון זײַן ווערטאָליאָט: זי פּאַכעט אַף דער ערד מיט אַ געל פֿאָנעלע, לאָזט דורך צוגן אַף די ערשטע נאָרוואָס דורכגעלייגטע באַן-רעלסן. ביידע האָבן זיי, יאָסקע און פּאָלינע, געהאָלפֿן דורכשנײַדן אָט דעם אײַזנבאַן-וועג אין דער טײַגע. אויב איר ווילט וועגן אים עפּעס אָנשרײַבן, טאָ שמועסט זיך דורך מיט מײַן מאַן. אַ ווײַב דאַרף עפּשער אַזוי ניט לויבן איר מאַן, אָבער אַלע

אין מאלאכאָווקע ווייסן, וואָס פאר א גאָסודארסטווענע מענטש דאָס איז.

מיט דאָוויד סאָרקינען, מיט סאָפיע איזראַילעוונעס מאַן, הייסט עס, האָב איך זיך טאקע באלד געטראָפן. ער איז געווען אלע זייַנע יאָרן א סטאָליער, און איצט, נאָכן ארויסגיין אף פענסיע, געוואָרן א נאסטאווניק — גענומען לערנען די מעלאָכע דרייַסיק יונגע כעווריע.

— איך האָב פייַנט צו זען, — האָט דאָוויד סאָרקין געזאָגט, — ווען אין די מאגאזינען שטייט מעבל, וואָס זעט אויס ווי א בינטל גרויסע הילצערנע שקראבעס. מייַנע טאלמידים לערן איך ניט זייַן באגרענעצט מיט איין אָפעראציע אינעם פאך. איך בין פון שטענדיק אָן געווען א קעגנער פון דעם, אז איינער קלאפט נאָר א טשוואָק, און דער צווייטער בויערט נאָר א לאָך. די טאלמידים וועלן ארויס פון מייַנע הענט — שוין גרייטע מאָדעליערן פאר דער מאלאכאָווקער מעבל-אטעליע, זיי וועלן קענען די טוירע סטאָליערייַ פון אלעף ביז טאָף. הייַנטיקע קוינים זוכן מעבל — אזוינס ווי אזעלכס, עס זאָל זיך אייַנשליסן אין דער סימפאָניע פון די ווענט מיטן פארקעט. קינסטלעריש ווערט דער פארקעט אויסגעמאָסטעוועט, ווי אין לענינגראדער ערמיטאזש. וויל מען שוין, געוויינלעך, אז אויך דאָס מעבל זאָל זייַן באזוימט מיט זילבער, ווי בא דער קייסעריניע יעקאטערינע. הייַנט, ווי קאָן מען די טייַערע סערוויזן פון געשלייַפטן קרישטאָל ארייַנשטעלן אין א פאָשעטן בופעט? יאָגט זיך איינער נאָכן אנדערן, ווי ס'וואָלט פאָרגעקומען א מין קאָנקורס פון מישפאָכעס, ווער עס וועט שענער באצירן די שטוב מיט מאָדערנע מעבל.

דאָוויד סאָרקין פארגייט זיך אזש אין געלעכטער:

— ווען ס'איז געוואָרן אן „עפידעמיע” אף פאָליצעס פאר ביכער, האָט מען אָנגעהויבן לויפן צו מיר אין סטאָליארקע. מע האָט געריסן מיך פאר די ארבל, איך זאָל גיין אויסמעסטן די ווענט פון די דירעס און אויסארבעטן אזעלכע פאָליצעס, אז די ביכער זאָלן פון דאָרט ארויסשייַנען.

הערן דאָוויד סאָרקינען, וויאזוי ער לויבט זייַן סטאָליערייַ, איז פאָשעט געווען א פארגעניגן. איך האָב אים געזאָגט:

— דאָוויד אבראמאָוויטש, איך ווייס אין מאלאכאָווקע אזעלכע מענטשן, וועלכע באריימען זיך: — „בא מיר אין שטוב איז פאראן א בופעט — א „דאָווידקע”...

— ס'האָט מיר געקאָסט א סאך גייעניש און לויפעניש, קעדיי אייַנצוריידן מייַן דירעקטאָר קראסנאָוון, מע זאָל פארברייטערן די סטאָליארקע, וועלכע האָט דעמלט פארמאָגט א געבייַדע פון צען שפאן אין דער לענג און פינף שפאן אין דער ברייט. מאלאכאָווקע האָט שוין אָנגעהויבן ווערן אן אָנהייב פון א גרויסער שטאָט, מיט נייַע פילשטאָקיקע מויערן. ס'האָט זיך פארגרעסערט די פאָדערונג אף נייַ מעבל. איך האָב זיך געגרייט גיין אין ראיויספירקאָם מיט אָט דעם איניען. פונקט אין אָט דעם מאָמענט האָט זיך ווידער פארשפרייט אן עפידעמיע מיט דער קרענק, וואָס רופט זיך „ווענטל” — אזא מין שראנק פון פארשיידענע שופלאָדן און בופעטן און מיט נאָך פיל ווינקעלעך און טירעלעך, וועלכע עפענען זיך מיט אָפגעגילדטע הענטלעך. די „ווענטלעך” האָבן זיך באוויזן אין די מאגאזינען פון צייַט צו צייַט, „ווענטלעך” פון פארשיידענע לענדער — פון רומעניע, איטאליע, פינלאנד. האָב איך א קלער געטאָן: מע קאָן דאָך דערווייַזן, אז דאָס איז פאר אונדזער לאנד ניט קיין גוטער האנדל — בייַטן גאָלד אף זאכן, וואָס מיר קאָנען אליין מאכן ניט ערגער פון „זיי”. נאָר פון דער צווייטער זייַט, צווייפל איך: ווער וועט מיך הערן, דעם בערדיטשעווער סטאָליער דאָוויד סאָרקין. קיין אינסטיטוט האָב איך ניט געענדיקט, קיין פראָפעסאָר בין איך ניט. סטאָליערייַ איז צו מיר איבערגעגאנגען בעירושע פון מייַן טאטן דעם „שלאבאניק” — אזוי האָט מען אים גערופן. ער פלעגט אויסטאָליערעווען אזעלכע קאָמבינירטע שראנקען, וועלכע האָבן סייַ געדינט אף ארייַנלייגן אין זיי דאָס אָנטאָן, סייַ, ווען מע דארף, פארבייַטן א בעט. דער שלאבאן פלעגט דינען פון דער כאסענע ביזן קייווער. איצט האָבן די „ווענטלעך” ניט געלאָזט מיך רוען. סטייַטש, ס'איז דאָך מייַן מעלאָכע... נאָר וואָס וועלן העלפן מייַנע רייד? ניין, דאָ דארף מען דערווייַזן מיט טוירע-מעלאָכע, וואָס א בערדיטשעווער סטאָליער קאָן. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי מייַן טאטע האָט אין בערדיטשעוו פאר דער אפטייק אויסגעשטאלטעוועט אזא שראנק, וואָס האָט פארנומען א ברייטע וואנט מיט שאפקעלעך פאר פארשיידענע רעפועס. כ'מעג שווערן, אז די איצטיקע געצאצקעטע „וועטנלעך” פון איטאליע, וואָס אייניקע ווערן די קאפאָרע פאר זיי, וואָלטן אויסגעזען קעגן מייַן טאטנס שראנק, ווי א מיסטקעסטל. איז אָט, האָב איך זיך פארשלאָסן אף עטלעכע וויכאָדנאָיען אין סטאָליארקע און אָנגעהויבן מיטן פאָסעק, וואָס מייַן טאטע פלעגט מיר לערנען: „טו נאָר פלייַסיק דייַן מעלאָכע, וועט שוין קומען די מאזלבראָכע”. וואָס זאָל איך אייַך זאָגן: ווען מייַן טאטנס כאָכמע-מעלאָכע האָט ווידער אין מייַנע הענט אופגעלעבט, זייַנען זיך צונויפגעפאָרן קאָמיסיעס — א גאנצער מיניען פון טעכנאָלאָגן, און דערבייַ איז געווען דער מאלאכאָווקער דעפוטאט, דער ייִדישער באנקיר מאזאָ, וועלכער

האָט אויסגעטיילט א קרעדיט פֿון דער באַנק אַף אויסבויען א נײַע מעבל-פֿאַבריק. האקלאל, ווען די נאַטשאַלסטווע האָט זיך געשפּיגלט אין מײַן „ווענטעלע", אין מײַן טאַטנס מעלאָכע-יערושע, איז מען שוין אײַנגעגאַנגען אַף דעם, וואָס איך האָב געפֿאָדערט: מע זאָל מײַנע לערן-ײַנגלעך, וועלכע וועלן באַקומען דעם טיטל סטאָליער, אין ערגעץ ניט אָפּשיקן פֿון מאַלאַכאָווקע — אַרבעטן זאָלן זיי אין אונדזער מעבל-אַטעליע. דער פֿאָרזיצער פֿונעם מאַלאַכאָווקער דאָרפֿראַט האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט, אַז אַזוי וועט עס זײַן. און אָט בין איך שוין, ווי מע זאָגט, אין די פֿעדערן, איך לערן דרײַסיק כעוורע סטאָליערײַ. פֿון אָמסק האָט מען אונדז צוגעשיקט הילצוואַרג-מאַטעריאַל פֿאַר די „ווענטלעך"—סאָסנע-ברעטער, אַזוינס ווי אַזעלכס. וועט איר מיר דאָך זאָגן, אַז עס קומט מיר מאַזלטאָוו, מאַלאַכאָווקע וועט שוין ניט דאַרפֿן פֿירן פֿון מאָסקווע מעבל. איר האָט שוין מיסטאַמע געזען דעם נײַעם אופֿנאַם-פּונקט, וועלכן איך האָב מיט מײַנע טאַלמידים אויסגעבויט אין צענטער פֿון מאַלאַכאָווקע: א רעזידענציע — א קראַסאַוויצע! איטוויינִיק שפּיגלען זיך מײַנע „ווענטלעך". זיי זײַנען אַן אײדעס פֿון אונדזער מי. מע קאָן זאָגן, דאָס איז ווי א מוסטער, וואָס זאָגט אָן, וויאַזוי אונדזער לעבן איז שענער געוואָרן. ס'וואָלט ניט געווען קיין שלעכטע זאַך אוועקצושטעלן לעם אָט דעם „ווענטעלע" אַן אַמאָליקן אָפּגעבליאַקעוועטן שלאַבאַן, מע זאָל קאָנען מאַכן א פֿאַרגלײַך. אָט, איר זעט? ס'ליגט בא מיר א צעטל, — סאָרקין נעמט אַרויס פֿון דער קעשענע א פּאַפּירל, — צווישן פּערציק קליענטן, וועלכע האָבן באַשטעלט „ווענטלעך", קאָן מען דאָרט געפֿינען עטלעכע ייִדישע פֿאַמיליעס. און פֿונוואַנען, מיינט איר, איז דאָס צעטל מיט די ייִכעסדיקע באַשטעלערס? דאָס זײַנען די באַרימטע אַרבעטער פֿון דעם מאַלאַכאָווקער עקספּערימענטאַלן זאַוואָד. אומעטום גיט מען זיי אָפּ דעם ערשטן קאָוועד. איז אָט, האָבן זיי זיך אויך דערקליבן צו מיר. דירעס האָבן זיי שוין באַקומען, דאַרף מען זיי באַזאָרגן מיט מאָדערנע מעבל. וואָלט דאָך שוין אַלץ געווען, ווי באַלמעלאָכעס זאָגן, אָגל וועסמאַך, איז נײַן, האָט זיך אין דער גוטער סאָסנאָווער ברעט באַוויזן א סוק, איבער וואָס מע דאַרף די ברעט פֿאַרבראַקירן, זוכן אַן אַנדערע. וואָס מײַן איך דערמיט צו זאָגן? איז הערט א מײַסע: איך גיי איצט און טראָג אַף זיך א פּראָבלעם, ווי א האָרב אַף די פּלייצעס. מיר דאַכט זיך, אַז איר, רוווּן, קאָנט מיר טאַקע קומען צו הילף.

— איך? קומען צו הילף? — האָב איך זיך געוווּנדערט. — מיט וואָס קאָן איך אײַך העלפֿן?

— לאָמיר זיך א ביסל אָפּרוען, — האָט דאָוויד סאָרקין פֿאָרגעלייגט און צוגעגעבן, — איך האָב נאָך הײַנט א סאַך גייעניש.

מיר געזעגענען זיך און שטעלן אָפּ א טרעפֿונג אין א פּאָר טעג אַרום.

ס'איז געווען א ליכטיקער פֿרילינג-טאָג. איך האָב געמיינט טרעפֿן דאָוויד סאָרקינען אינדערפֿרי אין שטוב. אָבער ווער-וואָס? ס'לאָזט זיך אויס, אַז אָן אים קאָן מען זיך ניט איבערקלײַבן אין דעם נײַנשטאָקיקן מויער, ווײַל ער איז א מיטגליד פֿון דער מעלוכע-קאָמיסיע, וועלכע נעמט אָן יעטווידע נײַע בויונג. סאָרקין, ווי א געניטער סטאָליער, האָט באַמערקט, אַז די טירן און די דילן פֿון דעם מויער זײַנען ניט געמאַכט לויט דער טעכנישער פֿאָדערונג, האָט ער אַליין פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און גענומען פֿאַריכטן די כעסרוינעס. און נאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז סאָרקין גייט אויך אַרײַן אין דער קאָמיסיע, וועלכע האָט באַשטעטיקט דעם פּראָיעקט אַף איבערפֿירן מאַלאַכאָווקע אין ראַנג פֿון א שטאָט.

אין סאָרקינס שטוב האָט מיך באַגעגנט זײַן פֿרוי סאָפֿיע איזראַילעווונע מיט א וויג-קינד אַף די הענט — זייער אייניקל.

— אוי, אוי, א גאַסט! — האָט זי זיך דערפֿרייט. — א שאָד, וואָס מײַן דאָוויד איז שוין אינדערהיים ניטאָ... מיסטאַמע ווילט איר אויך באַשטעלן א „ווענטל"?

— וועגן א „ווענטל" קלער איך נאָך ניט, אָבער זיך דורכשמועסן מיט אײַער דאָווידן וואָלט איך באַדאַרפֿט.

— מײַן מאַן איז איצט ניט אַזוי גרינג טרעפֿן אין שטוב. ער איז, זאָג איך אײַך, א גאָסודאַרסטווענע מענטש!

די ווערטער „גאָסודאַרסטווענע מענטש" ברענגט זי אַרויס מיט א שטאָלצן געפֿיל. דערזעענדיק, אַז איך קוק מיט באַגײַסטערונג אַף איר אייניקל, לייגט זי אַוועק דאָס קינד אין וויג און הערט דערבײַ ניט אויף צו שיטן מיט רייד.

— אַמאָל פֿלעגט מען זיך מעשאַדעך זײַן מיט מעכוטאָנים פֿון א צווייט שטעטל, מע איז געגאַנגען איינער צום צווייטן צופֿוס. מײַן זון יאַסקע האָט דערזען זײַן זיוועג דאָרט, וווּהין מע דאַרף דערווײַל פֿליען מיט אַן אַעראָפּלאַן, ווו מע גראָבט גאָלד, קוילן און אַנדערע אוצרעס. האָט ער מיך באַשאָנקען אויך מיט אַן אוצער — מיט א לעבעדיקן בריליאַנט. ס'איז א בריליאַנט אַזש פֿונעם באַם.

— וויאַזוי איז עס געשען?

— אָט וועל איך אײַך זאָגן. יאַסקען רופֿט מען אַף דער בײַקאַל-אַמורער מאַגיסטראַל „דער ברויטגעבער". אַלע טאָג ברענגט ער צו פֿירן

מיט זײַן ווערטאָליאָט פאר די באמער פריש ברויט, אפילע בייגל מיט מאָן. און ווייסט איר פונוואנען? פון עטלעכע שכײַנעסדיקע שטעט, צווישן זיי — ביראָבידזשאַן! איר האָט אמאָל געהערט וועגן אזא שטאָט אפן באם — טינדאַ? מײַן יאַסקע האָט דאָרט געפונען זײַן פּאָלינען, אוןביידע האָבן זיי אונדז געבראַכט אָט דאָס היברידל... צונויפגעפּאָרט קערנדלעך פון פארשיידענעם שטאם. און ס'האָט זיך, קיין אײַנהאָרע, באַקומען זאַפטיקע פּרוכט. איר זעט, — זי האָט א נעם געטאָן ווידער איר אייניקל. — אייגעלעך, ווי קאַרשן, ליפּעלעך, ווי ווײַנשל, בעקעלעך, ווי עפּעלעך... דעם מיידעלע האָט מען א נאָמען געגעבן טינדאַ, און בא מיר קלינגט עס ווי א יִדישער נאָמען — הינדע. מײַן יאַסקע זאָגט, אז דער באם וועט באַרײַכערן אונדזער לאַנד מיט נײַע אוצרעס, וועלכע ליגן דאָרט אין דער ערד. איך ווייס ניט, ווען עס וועלן זיך באַווײַזן אָט די אוצרעס, נאָר מיר האָט שוין דער באם געשענקט א בריליאַנטן אייניקל...

ווען סאָפיע איזראַיִלעוונע האָט מיך ארויסבאַגלייט, האָט זי אונטערגעזאָגט, אז איר מאַן דאַרף, ווײַזט אויס, זײַן איצט אף א זיצונג אינעם יִשעוו-ראַט, און דערבײַ צוגעגעבן, אז די לעצטע צײַט שלאָפט זיך אים עפּעס ניט דורך די נעכט. זי אליין, סאָפיע איזראַיִלעוונע, איז געווען א דערציִערין אין א קינדער-גאָרטן, אָבער צוליבן אייניקל האָט זי געמוזט וואַרפן די אַרבעט. דאָס איז איר אָנגעקומען ניט גרינג. ס'וואָלט איר געווען לײַכטער גיין דרײַ מאָל צו קינד, — האָט זי א שפּאַס געטאָן, — איידער איין מאָל גיין אף פּענסיע...

אין יִשעוו-ראַט בין איך ארײַנגעקומען פּונקט אין דער צײַט, ווען דאָוויד סאַרקין האָט געהאַלטן א רעדע. גערעדט האָט ער וועגן דעם, וויאַזוי אָפּהיטן די שיינקײַט פון דער מאַלאַכאָווקער נאַטור, וועגן דער אַרכיטעקטור פון דער קומענדיקער שטאָט.

מיר זײַנען מיט אים דערנאָך געגאַנגען איבערן יִשעוו, און ער האָט מיר געהאַלטן אין איין דערציילן, וויאַזוי וועט עס אויסזען מאַלאַכאָווקע אין די סאַמע נאָענטסטע יאָרן. אייניקע אינדוסטריִעלע אָביעקטן וועלן לויטן נײַעם פּראָיעקט ארויסגעפירט ווערן אין אָפּגעווײַטערטע ערטער. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער אײַזנבאַן-ליניע, וועלכע האָט זיך שוין האַרט צוגעטוליעט צו דעם נײַעם קינאָ-טעאַטער, און דאָס איז געוואָרן א געפאַר פאר די אײַנוווינער.

— אָט ווי איר זעט, איז דאָס פאר אונדז א פּראָבלעם! מיר דאַרפן די אײַזנבאַן-ליניע אריבערפירן ווײַט הינטער דער שטאָט, דאָרט אויסבויען א נײַעם וואָקזאַל, אויספלאַסטערן דעם וועג, ס'זאָלן קאָנען קורסירן טראָליבוסן...

און הערנדיק, ווי סאַרקין רעדט, האָב איך זיך ווידער דערמאָנט זײַן פּרויס ווערטער: „מײַן מאַן איז א גאָסודאַרסטווענע מענטש".

איך זיץ מיט דאָוויד סאַרקינען אין מאַלאַכאָווקער וועלדל אף א פּניאָק פון אן אָפּגעשניטענעם סאָסנעבוים, און ער רעדט מיט אזא פּאַטאָס, ווי ניט בלויז איך זאָל אים הערן, נאָר די גאַנצע וועלט. ס'איז שטיל, זון-שטראַלן זיפּן זיך דורך דיביימער, שפּיגלען זיך אין סאַרקינס פארזאָרגט פּאָנעם. א גוואַלדיקע גווּרע און שיינקײַט אין אָט דעם זעכציקיאָריקן מענטשן מיטן גראָוון צעפּאַטלטן קאָפּ און בלויגרינלעכע בליצנדיקע אויגן! ער ווענדט זיך צו מיר געמיטלעך:

— זײַט אַזוי גוט, העלפט מיר מיט אן אייצע...

אזא מענטש, וועלכער ווייסט און קען, דאַכט זיך, אַלץ אָן אן אויסנאַם, דאַרף ער פרעגן אן אייצע? אַדעראַבע...

— דער קאָפּ ווערט מיר צעשפּאָלטן פון דײַגעס. וואָס איז? נעכטן האָט מיך ארויסגערופן צו זיך דער פּאָרזיצער פונעם ראַיִספּירקאָם. איך האָב געקלערט, אז מע דאַרף שוין ווידער גיין מיט דער מעלוכע-קאָמיסיע אָפּצושאַצן אן ערשט אויסגעבויט הויז, אָדער וועגן נײַע בענקלעך פארן קינאָ-טעאַטער. איז ניין. „דאָוויד אַבראַמאָוויטש, — זאָגט מיר דער פּאָרזיצער, — איר געדענקט דאָך גוט, אז אונדזער ראַיאָן איז צווישן די, וואָס האַלטן שעפּטום איבערן באם? איז איצטער טאַקע געקומען די צײַט מאַמאָשעסדיק צו העלפן דער בויונג. מיר האָבן באַשטימט אָפּשיקן אהין די דרײַסיק כעווּרע, וועלכע איר לערנט סטאָליערײַ". הערט א מײַסע! ס'האָט מיך אַזש אופגעריסן פונעם אָרט. „סטײַטש, — טײַנע איך, — ווי האָט איר געקאָנט אזא זאַך אָן מיר באַשטעטיקן? איר האָט שוין פארגעסן, וויפל קויעך איך האָב ארײַנגעלייגט אין דער לער פון מײַנע מאָדעלשטשיקעס? א גאַנץ יאָר געגאַנגען פון שטוב צו שטוב אײַנריידן די עלטערן, זיי זאָלן געבן די האַסקאָמע, אז זייערע קינדער זאָלן זיך לערנען די מעלאָכע. איך האָב דאָך אין די קינדער ארײַנגעלייגט מײַנס א שטיקל נעשאָמע. אָט טוט א קוק דאָס צעטל פון די מאַלאַכאָווקער טוישווים, וואָס וואַרטן אף אונדזער מעבל. מאַלאַכאָווקע ווערט א שטאָט מיט נײַע מויערן. מיר דאַרפן אַלעמען באַפרידיקן מיט מעבל. איז ווו וועל איך נעמען אנדערע כעווּרע? בא אונדז איז יעדער יונגער באָכער צו גאָלד גלײַך, אף אַלע אונטערנעמונגען פעלן אַרבעטער". דער פּאָרזיצער האָט מיר דערויף

געענטפערט: „פון אַלע פּראָבלעמען איז דער באם די פּראָבלעם נומער איינס, און די, וואָס אַרבעטן אפן באם, נייטיקן זיך אויך אין מעבל".
זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואָס וואָלט איר געטאָן אין אזא סיטואציע? ס'איז מיר גרינגער געווען אַרויסבאַגלייטן אפן באם מײַן יאָסקען, איידער זיך צעשיידן מיט די טאַלמידים...
איך האָב זיך אָנגעפרעגט:
— ווי קוקן אַף דעם אײַערע טאַלמידים?
— מײַנע טאַלמידים האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט, אז וויאַזוי דער „באַטיע" וועט פּאַסקענען, אזוי וועט זײַן. פאַרשטייט איר דאָך, אז פאַר א „באַטיע", פאַר א טאַטן הייסט עס, איז שווער אײַנצוגיין אַף אָפּלאָזן די זין זײַנע...
— יאָ, — ווײַז איך אַרויס מײַן פאַרלעגנהײַט, — זײַן א טאַטע פון דרײַסיק קינדער איז ניט קיין גרינגע זאַך.
דאָוויד סאָרקין הייבט זיך אוף פונעם פּניאַק:
— שײַעך צו זאָגן א טאַטע... פאַר זיי בין איך ווי א טאַטע, אָבער פאַרן לאַנד בין איך א קאָמוניסט. איז ווי קאָן איך קלערן בלויז פון מײַן מאַלאַכאָווקע?
דאַן ענטפער איך סאָרקינען:
— איר האָט מיר, דאָוויד אַבראַמאָוויטש, פאַרשפּאָרט אײַך געבן אַן אייצע, ווײַל איר האָט שוין אַליין געפונען פאַר זיך אַן ענטפער.
— יאָ, — זאָגט פּלוצעם סאָרקין, — איר ווייסט, וואָס פאַר א געדאַנק איז מיר אַרײַן אין קאָפּ? איך פאָר אויך מיט מײַנע טאַלמידים, כאָטש נאָר אַף איין יאָר. ווי קלערט איר? כאָטש אַף איין יאָר מיט זיי אפן באם...
— וועגן דעם דאַרפט איר זיך אַן אייצע האַלטן מיט סאָפיע איזראַיִלעוונען.
— אַך, מײַן סאָפיע... דאָ וועל איך מוזן עפּעס צוטראַכטן, ווי טעוויע דער מילכיקער האָט צוגעטראַכט פאַר זײַן גאָלדען, האַ?

בראָניק

די שורע, וועלכע ס'האָט איבערגעריסן א קויל

דער פאַרלאַג „מאָסקאָווסקי ראַבאָטשי" האָט אַרויסגעלאָזט די צווייטע, פאַרפולקומטע אויפלאַגע פונעם בוך „די שורע, וועלכע ס'האָט איבערגעריסן א קויל".
דאָס איז א מעמואַריִאַלע זאַמלונג מאַטעריאַלן וועגן די מאָסקווער שרײַבער, וועלכע זײַנען געפאַלן אין שלאַכט. אפן מעמואַריִאַלן טאָוול פון דער מאָסקווער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע זײַנען מיט גאָלדענע אויסיִעס אויסגעקריצט 81 נעמען. דאָס זײַנען געווען שריפטשטעלער פון פאַרשיידענע זשאַנרען, שאַפונגס־מאַנירן, שפּראַכן. אינעם בוך ווערן געבראַכט לידער, דערציילונגען, טאָגביכער, בריוו, פאַרצייכענונגען, אַרטיקלען, זיכרוינעס.
צווישן די שרײַבער־שלאַכטלײַט, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַרן היימלאַנד, געפינען מיר אויך ייִדישע שריפטשטעלער — די דיכטער יאַשע זעלדין, בוזי אָליעווסקי, שמועל ראָסין, די פּראָזאיִקער שמועל גאָדינער, מוישע גאָלדשטיין, די ליטעראַטור־פאָרשער מייער ווינער, אַרן גורשטיין.
אין דער זאַמלונג זײַנען אײַנגעשלאָסן אַרטיקלען פון הערש רעמעניק, ריווקע רובין, מייער ווינער, אַרן גורשטיין, לעוו פּרוכטמאַן, עליע גאָרדאָן, לידער פון עזרא פיניננבערג, יאַשע זעלדין, שמועל ראָסין, בוזי אָליעווסקי, פּראָנט־בריוו פון מוישע גאָלדשטיין...
עס ווערן פאַרעפנטלעכט פאַרצייכענונגען וועגן סעמיאָן לעוומאַן — דעם דיכטער, וועלכער האָט איבערגעזעצט אַף רוסיש פּערעץ מאַרקישעס און דאָוויד האָפשטיינס ווערק, וועגן דעם אוקראַיִנישן פּאָעט אַרן קאָפּשטיין, דעם אווטאָר פון א ציקל ביראָבידזשאַנער מאָטיוון, וועגן יאָסיף אוטקין, דעם אווטאָר פון דער באַרימטער „באַלאַדע וועגן דעם געלן מאָטעלע"...

●

ליטעראַרישע געדענק-דאַטעס

נואקס שאַץ-אַנין
(1974—1885)

וויקטאָר הוגאָ
(1885—1802)

הערש רעכנעניק
(1981—1905)

מ א ר ק ר א ז ו מ נ י

א לעבן פון שפּערישער באַפליגלטקייט

מאקס שאַץ-אַנין איז געבוירן געוואָרן אין 1885 אין שטעטעלע ניַירי, לעבן ריגע, אין דער מישפּאָכע פון אַן אַפּטייקער. נאָכן פאַרענדיקן די דאָרטיקע גימנאַזיע איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג און דאָרט אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט. דעמלט איז ער צוגעשטאַנען צו דער אַרבעטער-באַוועגונג, האָט אָנגעשריבן זײַן ערשטע בראָשור „וועמען זײַנען נייטיק די פּאָגראָמען?" — א צאָרנדיקע באַשולדיקונג קעגן דער צאַרישער מאַכט.

פאַר רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט איז דער יונגער סטודענט אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם אוניווערסיטעט, און מע שיקט אים אַרויס פון רוסלאַנד. ער באַזעצט זיך אין דער שווייץ, קומט אָן אין בערנער אוניווערסיטעט און פאַרענדיקט אים אַלס דאָקטאָר פון יוריספּרודענץ. ס'איז וויכטיק צו אָפּמערקן, אַז זײַן דאָקטאָר-דיסערטאַציע, וועלכע איז געווידמעט דער פּראָבלעם פון מינדערהײַטן, ווערט אין יאָרן אַרום דערמאָנט און וואַרעם רעקאָמענדירט דורך וו. אי. לענינען.

נאָכן אומקערן זיך פון דער שווייץ באַזעצט זיך מאַקס שאַץ-אַנין אין ריגע, וווּ ער פאַרנעמט זיך מיט אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק און פירט א רעוואָליוציאָנערע טעטיקײַט. בײַם דער ערשטער וועלט-מילכאָמע וווינט ער אין פּעטערבורג.

אין 1919 קערט ער זיך אום קיין ריגע. דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם, ווי די בורזשואַזע לעטלענדישע רעפּובליק האָט מיט דער הילף פון דער דײַטשישער אונטערוועלט און ווײַסגוואַרדייִשע אַוואַנטוריסטן דערשטיקט די סאָוועטנמאַכט אין לעטלאַנד. די רעאַקציע צעבושעוועט זיך און הייבט אָן אונטערן שילדל פון קלוימערשטער דעמאָקראַטיע שטיקן מיט גרויס רעציכע און אַכזאָריעס יעדן פרײַען געדאַנק. אין יענע באַדינגונגען זײַנען די קעמפער פאַר דעמאָקראַטיע געצוווּנגען געווען פירן זייער אַרבעט אין דער אונטערערד. די פּראָגרעסיווע קולטור-אָרגאַניזאַציעס ווערן פאַרפאָלגט מיצאַד דער פּאָליציי.

ווען שאַץ-אַנין האָט זיך אומגעקערט קיין ריגע, איז ער שוין געווען א באַקאַנטע פיגור אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג און אין דער ליטעראַרישער סוויווע. ער ווערט איינער פון די גרינדער פון דער האַלב-לעגאַלער אָרגאַניזאַציע „אַרבעטער-היים", וועלכע האָט אונטער זײַן אָנפירונג אָנגעהויבן אַנטוויקלען א פאַרצווײַגטע קולטור-געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט אויף דער ייִדישער גאַס.

די פּאָליציי איז ווי א דאָרן אין אויג געווען די טעטיקײַט פון דער „אַרבעטער-היים" און באַזונדערס פון איר אָנפירער — דעם דאָקטאָר שאַץ-אַנין. סאָפּקאָלסאָף איז די „אַרבעטער-

היים" געשלאָסן געוואָרן און מע האָט ארעסטירט שאַך-אנינען. אין יענעם פעריאָד, ווען ער איז געזעסן אין טפיסע, האָט שאַך-אנין פארלאָרן זייַן ריִע. א מענטשן פון שוואכן גייַסט וואָלט אזא אומגליק, בעליסאָפּעק, פארוואנדלט אין א שיווער-קיילע און ארויסגעשטויסן פון לעבן. אָבער ניט פון דעם מין איז געווען שאַך-אנין.

א פילאָסאָף מיט אן אומגעהייער רייַך אינערלעך לעבן, א באפליגלטער מיטן גלויבן אין דער ליכטיקער צוקונפט פון דער מענטשהייַט און דערצו נאָך א באוואָפנטער מיט גייַסטיקער פעסטקייַט און אָפּטימיזם, האָט ער דעם אומגליק איבערגעטראָגן מיט ווירדע. און גראָד יענער פעריאָד איז געווען פאר אים דער שעפעריש-פרוכטבארסטער: אין די שווערע באדינגונגען האָט ער איינס נאָך דעם אנדערן פארעפנטלעכט אזעלכע ווערק, ווי „די רעוואָליוציע אלס פסיכאָלאָגישער פראָצעס", „קונסט אלס פאָרגעפיל פון מאכט", „סאָציאלע אָפּאָזיציע אין דער ייִדישער געשיכטע", „געזעלשאפטלעכע באוועגונגען בא ייִדן פארן 1917".

אין אָט די ווערק טרעט ער ארויס פאר באקעמפן די נעגאטיווע יערושע — די פארמיטלערישע און קלעריקאלע געטאָ-טענדענצן. ער האָט אויך ניט אָפּגעשטעלט די אינטענסיווע לעקטאָרן-טעטיקייַט, געלייענט זייַנע בארימטע, מיט פאטאָס דורכגעדרונגענע לעקציעס וועגן ליטעראטור און מוזיק, וועגן די פראָבלעמען פון עסטעטיק און פאָליטיק.

אונדז, דער קליינער צאָל ריגער געזעלשאפטלעכע טוער, וועלכע האָבן דורכגעלעבט זייער יוגנט אין בורזשואזן לעטלאנד, זייַנען אומפארגעסלעך געבליבן יענע אָוונטן, ווען באם רעדנער-פולט פון דער „ארבעטער-היים" האָט זיך געשטעלט דער אלגעמיין-באליבטער שאַך-אנין און איז באלד, אָן איבעריקע האקדאָמעס, דרייסט און זיכער אריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון זייַן טעמע. מיר, די וויסנדאָרשטיקע צוהערער, האָבן מיט א פארכאַפּטן אָטעם נאָכגעפאָלגט זייַן שפרודלדיקן שארפזין און די באפליגלטע פאנטאזיע.

אָט אזא איז ער געווען, אונדזער דאָקטאָר שאַך-אנין, דער גלענצנדער רעדנער, אָריגינעלער דענקער, טעמפעראמענטפולער פובליציסט און קולטור-טוער, וועלכער האָט אריינגעשריבן א וויכטיק קאפיטל אין דער ייִדישער קולטור-בויונג פון זייַן היימשטאָט ריגע.

די פאשיסטישע איבערקערעניש פון 1934 אין לעטלאנד האָט אָפּגעהאקט די לעצטע פארדארטע צווייַגעלעך פון דער אזויגערופענער דעמאָקראטיע, און אויך באם דאָקטאָר שאַך-אנין איז אָפּגענומען געוואָרן די מעגלעכקייַט עפנטלעך ארויסצוטרעטן. דער פארבאָט האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט זייַן טעטיקייַט. ער האָט אונטערגעהאלטן א פארבינדונג מיט דער דעמלט נאָך טיפערער רעוואָליוציאָנערער אונטערערד, מיטגעארבעט מיטן אומלעגאלן מאָפּר, פיל געשריבן אין די ייִדישע פראָגרעסיווע אויסגאבעס אין אויסלאנד. אין 1937 איז ער געפאָרן קיין פאריזש און גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער ארבעט פונעם אלוועלטלעכן ייִדישן קולטור-קאָנגרעס.

אזוי זייַנען פארבייַ די שווערע יאָרן, און עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1940, ווען לעטלאנד איז געוואָרן סאָוועטיש. דעמלט איז שוין דאָקטאָר שאַך-אנין ניט מער אין אומלעגאלע אָדער האלב-לעגאלע באדינגונגען, נאָר אין א סאָציאליסטישער געזעלשאפט — אין דער געזעלשאפט, פאר וועלכער ער האָט זייַן גאנץ לעבן געקעמפט.

אין די מילכאָמע-יאָרן לעבט שאַך-אנין אין אלמא-אטא און שפעטער אין מאָסקווע, וווּ ער האָט געארבעט אינטענסיוו אפן געביט פון יוריספּרודענץ, דערצויגן יונגע קאדרען, געשריבן פיל וועגן פראגן פון ליטעראטורקענטעניש און קריטיק. נאָך דער מילכאָמע קערט ער זיך אום קיין ריגע און גיט זיך ווייַטער אָפּ דער ליטעראַרישער, וויסנשאפטלעכער און געזעלשאפטלעכער טעטיקייַט, וועלכע ער האָט דערפאָלגרייַך געפירט ביז פעווראל 1974, ווען ער איז אוועק פון דער וועלט.



וויקטאָר הוגאָ



אַף באַריקאַדן

אַף באַריקאַדן, ווו בלוט זודיקס רינט,
האָט מען פאַרכאַפּט א צוועלעפיאָריק קינד
אינאיינעם מיט די מוירדים אין געפעגקעניש.
„ביסט אויך מיט זיי געווען?" — „איך בין מיט זיי אינאיינעם!"
„אזוי? — טאָ שטעל זיך אין דער ריי. זיי וויסן,
מיר דאַרפן דיך, מיר וועלן דיך צעשיסן!"
א הייב געטאָן די ביקסן. א קנאַל. און בא דער וואַנט
כאַווײרים טויטע פאַלן האַנט בא האַנט.
„דערלויבט מיר גיין אהיים! — האָט ער געזאָגט צום אָפיצער, —
דאָס לעצטע מאָל די מאַמע זען, זי וואַרט אַף מיר".
„דו ווילסט אַנטלויפן?" — „ניין, הער קאַפּיטאַן".
„ווו וווינסטו דאָ?" — „ניט וויַט, אָט דאָרטן באַם פאָנטאַן".
„נו, שפּאַן!" — און די סאָלדאַטן האָבן הויך געלאַכט:
„דער קליינער שנעק, ער האָט אים אָפּגענאַרט".
און דער סאָלדאַטישער געלעכטער מישט זיך אויסעט
מיט קרעכצן לעצטע, מיט די וויַגעשרייען פון א גויסעס.
און פּלוצעם — שאַ, די גאַנצע מאַכנע שטוינט.
דאָס ייִנגל גייט צוריק. אָט איז ער שוין.
ער גייט פאַרבײַ און צו דער וואַנט זיך שטעלט
און וואַרט מיט שטאָלץ: „נו, שיסט, פילט אויסעט דעם באַפעל!"

ייִדיש — ד. האָפשטיין

פונעם בוך „האַרבסטיקע בלעטער"

* * *

צום אַטלאַס-באַרג עס האָבן איינמאָל, מאָלע קינע,
געזאָגט די בערגלעך: זע אַף אונדז די לאַנקעס גרינע,
דאָס פרישע גראָז, ווו ס'קומען מיידלעך פראַנק און פרײַ
צו זינגען, שטיפן און צו זיסער טרוימערײַ!
דער כמורנער אָקעאַן שטילט איַין זיַין ווילדן ניגן
און קושט אונדז מילד די פיס אין שפּילעוודיקן וויגן,

און זומערדיקער פלאָם און פּערלדיקער טוי
באַקרוינען אונדז דעם קאָפּ מיט בלומען —

רויט און בלוי.

נאָר דו, גיגאַנט, אַ זאָג, פאַרוואָס אַן אַדלער־סטײַ
קרײַזט טאָמיד איבער דיר אין דײַנע הויכן פרײַ?
ווער בייגט דײַן רוקן פון גראַניט אַרונטער פעסט,
פּונקט ווי א צווײַג, אף וועלכער א פויגל בויט זײַן נעסט?
פאַרוואָס צעריַיסן שוואַרצע טהאָמען דײַנע שפּיצן?
און וואָסער שטורעם שלאָגט דײַן פלאַך מיט בלאַנקע בליצן?
פאַרוואָס נאָר איז צעקנייטשט דײַן שטערן פינצטער־בייז,
באַדעקט מיט שניי, פאַרפלייצט מיט שווערן, קאַלטן שווייס,
און ס'קאָן קיין פרילינג־שטראַל דײַן ווינטער ניט פאַריאָגן? —

עס ענטפערט זיי דער גרויסער באַרג:

ווײַל איך א וועלט מוז טראָגן.

* * *

אָ, וויפל ליבע רייד און כיינעוודיקע סוידעס
עס האָט אלינע מיר פאַרטרויט אין רויזן־כוידעש, —
צי האָט דאָס ווינטעלע, וואָס איז דאָרט גראָד פאַרבײַ,
פאַר געטער אויסגעזאָגט די זיסע פלוידערײַ?

סעגרע

אָ, קוק נאָר אָן די צווײַג, די שוואַרצע און פאַרדאַרטע,
דער קאַלטער רעגן ווייקט איר קאָרע די פאַרשטאַרטע,
וואַרט צו נאָר, ווען דער ווינטער וועט פאַרבײַ
וואַרט צו נאָר, ווען דער ווינטער וועט פאַרבײַ —
און שטאָלץ
א יונגע בלאַט וועט גרינען דורך די האַרטע קנופּן, —
און דו וועסט פרעגן מיך: ווי קאָן פאַנאַנדערשטופּן
דער צאַרטער קנאָספּ דאָס שאַרסטקע שוואַרצע האָלץ?

טאָ פרעג זשע, טײַערע, פאַרוואָס, אז איך דערשפּיר נאָר,
ווי צום פאַרביטערטן געמיט גיט א באַריר זיך
דײַן צאַרטער אָטעם, נאָך אַזויפיל לייד, —
פאַרוואָס די זאַפטן מײַנע הייבן אָן צו יערן
און מײַן נעשאָמע, ווי א בלום אין איר באַגערן,
שפּרייט אויס צו דײַנע פיס די פערזן קווייט נאָך קווייט?

ווײַל אַלץ האָט זײַן געזעץ, זײַן מאַזל, זײַן קאַוואָנע,
ווײַל נאָך די שוואַרצע נעכט שײַנט ווידער די לעוואָנע,
ווײַל אַלץ דאַרף האָט זײַן אָפּפלוס־ און זײַן צופלוס־שאַ.
ווײַל ס'איז דער בוים, וואָס שפּראָצט,
די שטורעמווינטן מויכל,
ווײַל נאָכן אומגליק איז געקומען מיר דײַן שמייכל,
ווײַל ווינטער איז אוועק, און ס'איז דער פרילינג דאָ!

ייִדיש — מ. ליטווין

פייגע פאָליאַק

שטריכן צו הערש רעמעניקס פּאָרטרעט

איך בין מיט הערש רעמעניקן דורכגע־גאנגען א לאנגען, שווערן, אינטערעסאנטן וועג, העכער פון א האלבן יאָרהונדערט, און איך האָב וועגן דעם וואָס צו דערציילן.

געווען איז הערש רעמעניק, ווען מיר האָבן זיך באקאנט, א קליינוווקסיק באָכערל מיט שווארצע שיינע אויגן, פון וועלכע ס׳האָט ארויסגעשטראַלט גוטהארציקייט און ריינער געוויסן. פון דעם, וואָס ער איז קליין אין וווקס, האָב ער געליטן, נאָר געכאָכמעט זיך, אַנקו־מענדיק צו א רוסישן ריידנסארט: Мал зо-лотник, да дорог — קליין דאָס רענדל, נאָר טײַער.

לויט דער נאטור איז ער געווען א פריילעכער, מוטיקער מענטש. שטענדיק אונ־טערגעזונגען. זײַן „רעפּערטואר" איז געווען א גאנץ ברייטער: יידישע פאָלקסלידער, רו־סישע ראָמאנסן, אוקראַיִנישע און העבראַיִשע לידער. די ארומיקע האָבן אים גערופן „זינג־פייגל". ווען ער פלעגט זיך מיט עפּעס פאר־נעמען און ניט אונטערזינגען, איז עס געווען א סימען, אז ער פילט זיך ניט גוט אין גע־זונט. ביכלאל, אף דער פראגע, וויאַזוי ער פילט זיך, איז שטענדיק געווען איין ענטפער: „ווי שימשן האגיבער".

ער איז געבוירן געוואָרן אין מאַנאסטי־רישטשע, א שטעטל אף אוקראַיִנע, אין א פאראָרעמטער, נאָר באלעבאטישער מישפּאָכע, וועלכע איז באשטאנען פון נײַן פארשוין. עסערס א סאך, נאָר די פּארנאָסע איז גע־שלאָגן. אין דער קינדהײַט האָט הערש אָפּט געקרענקט. די מאמע האָט אים „געפילנע־וועט" — געגעבן א האלב איי — בישטיקע, די איבעריקע קינדער זאָלן ניט זען. ווינטער־צײַט איז ער געזעסן אפן אויוון, ניט געהאט קיין שיך; דערפאר פלעגט ער אין די זומער־טעג אָן אופהער „ארומדראַלען": באָדן זיך אין טײַך, כאפּן פיש, רײַסן עפּל אין פרעמדע סעדער און אפילע אום שאבעס רײַסן ארבעס. פאר אָט די געגנג האָט ער געכאפּט פונעם טאטן פעטש. צו זעקס יאָר, ווי דער שטייגער איז געווען, איז ער געגאנגען אין כיידער. די קינדהײַט איז בא אים געווען א הונגעריקע און ניט קיין פריילעכע.

די רעוואָליוציע פונעם 1917 יאָר האָט געגעבן א ריכטונג זײַן לעבן. ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען אין שול. שפּעטער ארײַנ־געטראָטן אין קאָמיוג. געארבעט אלס לערן־ייִנגל בא א קירזשנער, געווען אן ארבעטער אפן ציבוליאַווער צוקער־זאוואָד (אומאניער געגנט), א ביבליאָטעקער, א פּיאָנער־וואָזשאַ־טע, שטענדיק זיך פארנומען מיט געזעלשאפט־לעכער ארבעט. אין שטעטל איז ער געווען א ליבלינג. אלע האָבן אים גערופן „הערשע־לע" פאר זײַן פריילעכן כאראקטער, שארפזי־ניקן שפּאַס. ער האָט געהאט א פעיִקייט צו „ווײַזן מענטשן" — בא יעדן באמערקן זײַנע שוואכקײַטן און זיי אימיטירן. פאר דעם האָט ער געהאט א צונאָמען „הערשעלע דער טעא־טער". אין 1924 פאָרט די מישפּאָכע רעמעניק אריבער אין א יידישן קאָלווירט קיין סיגאַיע־

וואָ, לעבן אָדעס. דאָרט ארבעט ער א קורצע צײַט אין פעלד.

אין 1925, א צוואנציקיאָריק באָכער׳ל, קומט ער קיין אָדעס און טרעט דאָרט אריַין אין פעדאגאָגישן טעכניקום. איך בין געווען א סטודענטקע, אן אקטיוויסטקע: סעקרעטאר פונעם קאָמיוג-קעמערל, רעדאקטאָר פון דער וואנטצײַטונג. עס דויערט ניט לאנג, און ער „שטויסט מיך ארויס" פון אלע מײַנע „פּאָזיציעס". אָנגעהויבן האָט זיך דערפון, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אף מיר א פעליעטאָן אין דער וואנטצײַטונג (כ׳געדענק שוין ניט וועגן וואָס), דער גאנצער טעכניקום האָט פון געלעכטער זיך געהאלטן בא די זײַטן. דאָ איז ער אויך „הערשעלע". ארום אים גרופּירט זיך די בעסטע יוגנט. שטעלט אײַך פאָר, אז דער קליינװוקסיקער רעמעניק איז געווען אן אויסגעצייכנטער ספּאָרטלער — גוט געשווומען, מיט לײַדנשאפט געשפּילט אין שאָך און געהאט א ראזריאד. שפּעטער, אין דער סטודענטישער צוזאמענוווינונג אין מאָסקווע אף אוסטאשאָווקע-גאס און אין דער געבײַדע פונעם „עמעס"-פארלאג, פלעגט ער שאָענוויַיז שפּילן אין ביליארד.

ס׳האָט זיך מיר פארגעדענקט אזא פאל, נאָך פון אָדעס. שטייענדיק אף טשיטשעריינע, 2 (דאָרט איז געווען די געבײַדע פונעם פעדטעכניקום), זאָגט ער מיר: „ווילסט, איך זאָל ארופקריכן אפן טעלעגראַף-סלופּ?". איך האָב געמיינט, אז ער שפּאסט. כ׳באוויַיז ניט צו ענטפערן, ווי ער ווארפט אראָפּ די שיך, און פײַל-אויסן-בויגן קלעטערט ער ארויף, און נאָך פלינקער לאָזט ער זיך צוריק אראָפּ אף דער ערד.

אין אָדעס באפרײַנדעט ער זיך מיט א גרופּע יונגע ייִדישע שרײַבער — נאָטע לוריע, איַיזיק הובערמאן, יאָסל בוכבינדער, כאָנע ווייַנערמאן, מאָטל הארצמאן, אירמע דרוקער אא. אינגיכן אָרגאניזירט זיך א ליטעראַרישע גרופּע, אין וועלכער ער נעמט אן אקטיוון אָנטייל. ער ווערט דער קריטיקער פון די יונגע שרײַבער. דאָ הייבט זיך אָן זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט.

פארענדיקט דאָס לערנען אין אָדעסער טעכניקום, פאָרט ער אוועק קיין קאלינינדאָרף אלס לערער פון ייִדישער שפּראך און ליטעראַטור אין דער דאָרטיקער צעניאָריקער מוסטערשול, דערנאָך אויך אין פעדטעכניקום, וועלכער האָט זיך פונקט דעמלט געעפנט. אין ראיאָן איז ער איינער פון די בעסטע לערער, מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן דער ארבעט, דיסציפּלינירט און געוויסנהאפטיק (דאָס ווייס איך גוט, ווײַל איך בין דעמלט געווען דירעקטאָר פון דער שול). די קינדער קלעפּן זיך

מאמעש צו אים. ער לאָזט מיט זיי ארויס ליטזשורנאלן, ליטצײַטונגען, שטעלט מיט זיי בופאָנאדעס, וועלכע די קינדער פארפאסן אליין, פאָרט מיט זיי אף עקסקורסיעס קיין לענינגראד, אפן דניעפּערבוי, קיין אסקאניִא נאָווא. זײַנע לימודים זײַנען אינטערעסאנט, צוגענגלעך.

ער פירט אן אקטיווע געזעלשאפטלעכע ארבעט, באפרײַנדעט זיך מיט די אָנפירער פונעם ראיאָן — מיט די כאווירים אבראם (סעקרעטאר פון ראיפּארטקאָם), ראביטשעוו (פאָרזיצער פון ראיוסּפּירקאָם), ראבינאָוויטש (רעדאקטאָר פון דער ראיאָנער צײַטונג „קאָלווירט-עמעס"). דאָ זעצט ער פאָר זײַן ליטעראַרישע ארבעט, דרוקט ארטיקלען אין די ייִדישע זשורנאלן און צײַטונגען פון קיִעוו, כארקאָוו, מינסק. ביז די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט ער געהאט א פארבינדונג מיט זײַנע געוועזענע שילער, וועלכע וווינען שוין אין וואָלגאָגראד, כערסאָן, ביראָבידזשאן, כארקאָוו (איצט דאָקטוירים, אינזשעניערן, מאשיניסטן, מיליטערלײַט).

אין 1934 קומט ער אָן אין דער אספּיראנטור פונעם מאָסקווער מעלוכישן פעדינסטיטוט אף בובנאָווס נאָמען. זײַענדיק אן אספּיראנט, ארבעט ער אלס נאכט-רעדאקטאָר אין דער צײַטונג „דער עמעס". דאָרט האלט ער אונטער פארבינדונגען מיט די בעסטע ליטעראַטור-קריטיקער — מיט מוישע ליטוואקאָוון, נאָכעם אויסלענדערן, ארן גורשטיינען, יעכעזקל דאָברושינען, ווי אויך מיט ייִדישע זשורנאליסטן פון יענער צײַט — שלוימע ראבינאָוויטשן, אָסקאר סטרעליצן און פיל אנדערע. זיי האָבן פון אים געהאלטן און געשטיצט אים אין זײַן שפּעטערישער ארבעט. מייער ווינער איז געווען זײַן וויסנשאפטלעכער אָנפירער. אפן ערשטן זײַטל פון רעמעניקס אן אספּיראנטישער ארבעט האָט ווינער אָנגעשריבן: „פאראן וויסן און באגאבונג". אין 1938 פארטיידיקט הערש רעמעניק די קאנדידאטן-דיסערטאציע „שאָלעם-אליישעמס נאָוועלע". ס׳ווערט אים צוגעייגנט דער טיטל קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן.

געווען איז ער א מענטש אָן א גאל. ס׳געהערן אים אזוינע ווערטער: „זײַן א גוטער מאן, טאטע, זיידע איז ניט קיין כאריפעס, זײַן א גוטער מענטש — דאָס איז א זאך, צו וועלכער מע דארף שטרעבן, און ווער עס דערגרייכט אזא שטופע, דארף זיך פילן גליקלעך". ער איז געווען אן עמעסער מענטש! צי איז ער געווען גליקלעך?

א שריפטשטעלער פון גרויסער ארבעטזאמקײַט און זעלבסטדיסציפּלין, איז ער שטענדיק געזעסן באם טיש — געשריבן, געלייענט,

געלייענט, געשריבן, געווען אײַנפּאלעריש, געהאט א סאך פארטראכטן, די מערהײַט פון וועלכע ס'איז אים ניט געווען באשערט אויסצופילן. זײַן כאראקטער איז געווען א מוטיקער, לעבנסבאשטעטיקנדיקער, ציכטיק-זויבערער, הארציקער. אדאנק די דאָזיקע שטריכן איז ער ארויס פון די סאמע שרעקלעכסטע באדינגונגען א גאנצער, אײַנגעהיט מענטשלעכקײַט און ווירדע. אף זײַן טראגישן וועג האָט ער באגעגנט א סאך לײַטישע מענטשן, זיי האָבן אים באמערקט, מיטגעהאָלפן אויסצושטיין הונגער, קעלט, מיט איין וואָרט — אויסמײַדן דעם טויט.

אין דער שפּערישער סוויווע האָט ער קיינמאָל ניט געמאכט קיין פשאָרע מיט זײַן געוויסן, ניט גענומען קיין אָנטייל אין גרופּלערײַען, אינטריגעס. זײַן לעבן האָט ער געווידמעט דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור. ער האָט ליב געהאט איר פארגאנגענהײַט, די קעגנווארט און געגלייבט אין איר צוקונפט. מיט זעלבסטאָפּפערונג האָט ער געדינט פופציק יאָר.

פאר זײַנע קריטישע ארבעטן איז כאראקטעריסטיש טיפקײַט, פּאשטעס, אופריכטיקײַט. אין יעדן שרײַבער האָט אים אינטערעסירט אויסשליסלעך זײַן שאפונג. ער איז געווען אָביעקטיוו אין די אָפּשאצונגען. זײַנע ווערק האָבן געאָטעמט מיט ליבע צום שרײַבער, צו זײַנע העלדן. זײַנע קריטישע ארטיקלען האָבן זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס אין יעדן שרײַבער האָט ער אופגעדעקט דאָס ספּעציפישע אין אים און נאָר אין אים. דאָס איז באזונדערס באמערקבאר אינעם בוך „שטאפלען", ווּ ס'זײַנען פאָרגעשטעלט 30 ייִדישע שרײַבער.

א באזונדערס ווארעמע באציִונג און פּיִעטעט האָט ער געהאט צום זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". דאָס דערשײַנען פון יעדן נומער האָט אים געפרייט. דער זשורנאל איז אים געווען אייגן און טײַער, ער האָט געהאלטן בא זיך אין צימער אלע נומערן פאר 20 יאָר, אכוץ דעם ערשטן, וועלכן ס'האָט אנטליִען א כאווער און ניט אומגעקערט. דאָס האָט אים געקימערט. אף מײַן אייצע, ער זאָל אויסשנײַדן זײַנע ארטיקלען, איבער מאנגל פון אָרט, האָט ער געענטפערט, אז ער דארף ניט נאָר זײַנע ארטיקלען, ער דארף אלץ, וואָס ס'איז געדרוקט אין זשורנאל, ווײַל ס'איז די ייִדישע ליטעראטור. ער האָט ניט געצווייפלט, אז „סאָוועטיש היימלאנד" איז דער בעסטער ייִדישער זשורנאל אין דער וועלט לויטן אינהאלט און לויט דער שפּראך. דאָס איז אויך א פּרעסטיזשפולער זשורנאל צווישן די ברידערלעכע פּעריִאָדישע אויסגאבעס אין סאָוועטנפארבאנד. ווי אין אלץ, איז ער אויך אין אָט דער פראגע געווען אָביעקטיוו, ניט קוקנדיק אף די אָבסטרוקציעס פון אייניקע „לײַטישע מענטשן".

א מענטש, וואָס טרעט ארויף אפן וועג פון ליטעראטור-קריטיק, דארף זײַן באוואָפנט מיט וויסן, קולטור, דארף האָבן אן עסטעטישן געשמאק און לײַדנשאפט. ער דארף זײַן א שרײַבער אינעם קריטישן זשאנער. הערש רעמעניק איז געווען אזא מענטש. דאָס באשטעטיקט די ארויסזאָגונג וועגן אים פונעם באוווּסטן רוסישן קריטיקער יעווגעניִא פיאָדאָראָוונא קניפּאָוויטש, בעשאס ער האָט אין אינסטיטוט פון דער וועלט-ליטעראטור בא דער וויסנשאפט-אקאדעמיע פון פססר אף א. מ. גאָרקיס נאָמען (אין 1972) פארטיידיקט די דאָקטאָר-דיסערטאציע.

„איך וויל זאָגן בלויז עטלעכע ווערטער. איך קען רעמעניקס בוך וועגן שאָלעם-אלייכעמען און דעם בוך וועגן בלאָקן.

די זאך איז אין דעם, וואָס הערש אבראמאָוויטש רעמעניק איז איינער פון די געלערנטע, וועלכער פילט מיט אויסערגעוויינלעכער קראפט דאָס, וואָס מע קאָן אָנרופן אינהאלטלעכקײַט פון פאָרם און קונסט.

רעמעניקס ארבעט וועגן שאָלעם-אלייכעמען איבערראשט מיט דער פרישקײַט און מוטיקײַט פון שטעלן די פראגע וועגן דעם, אז דאָס, וואָס עס האָט זיך גערעכנט פאר א מאנגל, איז אינדערעמעסן א מײַלע.

דער דאָזיקער שטריך רעדט וועגן אויסערגעוויינלעכער זעלבשטענדיקײַט פונעם דיסערטאנטס דענקען.

איך וויל אָפּמערקן הערש אבראמאָוויטשעס בוך וועגן בלאָקן. דאָס רייצנדיק, פײַן ביכעלע איז וווּנדערבאר לויט זײַן פרישקײַט.

איך האָב ליב געלערנטע, וועלכע נעמען אוף די וועלט אזוי, ווי קינסטלער. דערפאר וועל איך מיט פרייד שטימען פאר צווייגענען דעם טיטל „דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן" הערש אבראמאָוויטש רעמעניקן"[1].

הערש רעמעניק איז אָפּגעשטאנען אף דער שיף „קריטיק" א האלבן יאָרהונדערט, טרײַ געדינט דער ייִדישער ליטעראטור:

„איך בין גליקלעך, וואָס אין „סאָוועטיש היימלאנד" האָב איך געהאט די מעגלעכקײַט צו שרײַבן וועגן די גרויסע קלאסיקער פון דער פארגאנגענהײַט און וועגן די העלדנמוטיקע שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער ליטערא-

[1] Стенограмма ученого Совета Института мировой литературы имени А. М. Горького АН СССР, 7 декабря 1972 г.

טור. מיט באַפרידיקונג און שטאָלץ דערקלער איך צו מײַן פינף־און־זיבעציקסטן געבורטסטאָג, אַז אין מײַנע אַרבעטן האָב איך באַהאַנדלט די שאַפונג פון אַלע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, שוין פאַרשטאָרבענע און די איצט פונקציאָנירנדיקע, די וועלט־באַוווּסטע און ווייניקער באַוווּסטע, וועלכע האָבן געשאַפן און שאַפן הײַנט מיט געמיינזאַמע קויכעס דעם גאָלדענעם טורעם פון אונדזער ליטעראַטור.

אָט דאָס איז מײַן העכסטע באַלוינונג, מער דאַרף איך ניט״[1].

[1] הערש רעמעניק. „איך בין אַ קריטיקער“, „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 8, 1980.

אין דעם גאָלדענעם טורעם האָט הערש רעמעניק אַרײַנגעטראָגן אויך זײַן גאָב. און ווער ס׳וועט זיך פאַרנעמען מיט דערלערנען די ייִדישע ליטעראַטור, וועט מוזן אָנקומען צום „קוואַל“ רעמעניק. מיסטאָמע האָט דער קריטיקער געהאַט פעלערן, נאָר ניט איך דאַרף וועגן זיי רעדן. כ׳האָב זיך געסטאַרעט זײַן אָביעקטיוו אַף וויפל אין אַזאַ פאַל איז מעגלעך.

איך דאַנק דעם גורל, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען אַן אינטערעסאַנטן, שווערן און עפּשער צומאָל טראַגישן וועג מיט אַזאַ באַשיידענעם, אָנשטענדיקן, האַרציקן מענטשן, ווי הערש רעמעניק.

כראָניק

נײַס פון אויסלאַנד

צום אָנדענק פון די אומגעקומענע

אין אַמסטערדאַם איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער נאַציאָנאַלער געדענק־טאָג, געווידמעט די קאָרבאָנעס, וואָס זײַנען אומגעקומען בעשאַס דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע פון האָלאַנד. אין שײַכעס מיט אָט דער דאַטע האָט די דאָרטיקע טעלעוויזיע באַוויזן אַ דאָקומענטאַלן פילם וועגן דעם קאָנצלאַגער אין וועסטערבראָק (צאָפן־האָלאַנד), פונוואַנען די היטלעריסטן האָבן אַרויסגעשיקט 106 טויזנט האָלענדישע ייִדן אין די אויסראָטונג־לאַגערן אָשווענטשים און סאָביבאָר.

אַרבעטסלאָזיקײַט צווישן ייִדן אין אַמעריקע

די צײַטונגען טיילן מיט, אַז אַרום 20 פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּיטסבורג (שטאַט פּענסילוואַניע) זײַנען בײַ הײַנטיקן טאָג אַרבעטסלאָז.

די דאָזיקע סאָציאַלע פּלאָג איז כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז פאַר פּיטסבורג. אין קאַליפאָרניע, לעמאָשל, איז דער פּראָצענט פון ייִדישע אַרבעטסלאָזע צווישן די ייִדן פיל גרעסער, איידער בײַ דער ניט־ייִדישער באַפעלקערונג.

●

צום 75־טן געבורטסטאָג

פון צאַלעל בליץ

דער באַוווּסטער ייִדישער שרײַבער און געזעלשאַפטלעכער טוער פון אַרגענטינע צאַלעל בליץ איז אַלט געוואָרן 75 יאָר. מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, ווען עס זײַנען דערשינען זײַנע ביכער „אַ רײַזע צו אונדזער ווייטיק און צו אונדזער פרייד״ און „טריט אַף סאַן־מאַרטינישער ערד״, האָט דער „איקוף״־זשורנאַל אין בוענאָס־אײַרעס געשריבן:

„צאַלעל בליץ געהערט צו די מערקווירדיקײַטן, זעלטנקײַטן און גרויסקײַטן פון אונדזער פאָלקסלעבן. ער פאַרמאָגט אין זיך די קענטעניש פון אַן אוניווערסאַל, די אַכרײַעס פון אַ געזעלשאַפטלעכן טוער, די נעשאָמע פון אַ דיכטער, דעם גײַסט פון אַ קעמפער... צאַלעל בליץ דינט מיט זײַן פען דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם. ער איז אַ שרײַבער אַ קעמפער״.

דער גרויסער ייִדישער ליטעראַטור־קענער און עסייִסט, רעדאַקטאָר פון דער פּראָגרעסיווער צײַטונג „אונדזער לעבן״ צאַלעל בליץ איז אַ געטרײַער פרײַנט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור. פון זינט עס האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אונדזער זשורנאַל באַגלייט ער אים מיט אַ גוטהאַרציק וואָרט, מיט פרײַנטלעכע איבערופן.

די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער באַגריסן האַרציק צאַלעל בליצן מיטן רומפולן יוביליי.

אין משך פון פיל יאָרן פירט צאַלעל בליץ אין דער צײַטונג „אונדזער לעבן״ די רובריק „אויפן ליטעראַרישן טיש״. מיר דרוקן הײַנט איבער צוויי עסייען פון דער דאָזיקער רובריק.

אין טיפער יוגנט

פון 95 יאָר...

אין טיפער יוגנט פון 95 יאָר איז אוועקגענומען געוואָרן פון לעבן און פון דער ליטעראַטור דער עלטסטער ייִדישער שרײַבער, — די שיינע רעליקוויע פון ייִדיש־סאָוועטישן וואָרט.

ביזן לעצטן טאָג פון זײַן צענטן לעבנסיאָרצענדליק איז ער פול געווען מיט יוגנטלעכן ברען, מיט מענטשן־ליבע און מיט לעבנספרייד. אין ערשטן, ווי אין הונדערטסטן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, איז ער דאָ מיט זײַן שעפערישן צושטײַער, מיט זײַן שפּיל — קעסיידער אַף דער יוגנט־סטרונע און מיט דער גוטמוטיקער אופגעלייגטקײַט פון אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס זײַן יאָרנרײַכע דערפאַרונג האָט אים געמאַכט אַלץ מער אָפּטימיסטיש, מער גלייביק.

ער איז אוועק פון דער וועלט יונג, ווײַל לויט זײַן אייגענער פאָרמולירונג קומט דאָך אויס, אַז „קאַלזמאַן אַ מענטש שאַפט ווערטן, איז ער יונג, און אין וועלכער עלטער ער זאָל ניט שטאַרבן, גייט ער אוועק פון דער וועלט פאַר דער צײַט — יונג״.

„בלײַבט זשע יונג ביזן סאָף פון אײַערע טעג!״ — רעקאָמענדירט ער זײַנע „טײַערע פרײַנט״ אין זײַן באַרימטן מאַניפעסט „יוגנט — אונדזער אוצר״.

יונגערהייט האָט ער זיך אוועקגעלאָזט וואָגלען און „בידעווען״ איבער דער וועלט. 75 יאָר איז ער געווען יונג אין דער ליטעראַטור, און יונגמוטיק האָט ער אויסגעהיטן זײַן אָטעם.

זײַן ליטעראַריש שאַפן האָט מיטגעמאַכט דעם מאַרשרוט פון זײַן לעבן: דאָס צאַרישע רוסלאַנד, ענגלאַנד־אַמעריקע, ראַטנפאַרבאַנד. אַף אַלע געאָגראַפישע שטאַפּלען האָט ער ניט פאַרלוירן זײַן פײַנעם הומאָר, וועלכער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט קלוגשאַפט, מיט סינע צו סאַטראַפּיע, צו צוויִעס און באַלעבעסלדיקײַט. צאַרט־לירישע ליבע צום מענטשן זײַנען געווען די „קויכעס״, וואָס האָבן אַף אַ פאָלקסטימלעך־פּיקכעסדיקן אויפן באַוועגט זײַן פעדער.

ער זאָגט:

„מײַן גאַנץ באַוווּסטזיניק לעבן האָב איך געקוקט אַף דער וועלט ניט דורך אָפּטישע, נאָר דורך אָפּטימיסטישע ברילן, געפּאַסט אין הומאָריסטישע רעמלעך... דורך אַזעלכע ברילן זעט איר אויך די קאָמישע זײַטן פון אייניקע

טראגעדיעס, אויך א גוטע סגולע פאר אריכאס-יאָמים און יונגער עלטער, נאָר די זיכערסטע סגולע דערצו איז גלייבן, גלייבן אין מענטשן. איך האָב פון טאָמיד אָן געגלייבט, אז דער מענטש איז דאָס ראָוו בעסער ווי זייַנע מייַסים. ווי זאָגט עפּעס דאָרט לעוו טאָלסטאָי? „לויט די געזעצן פון דער נאטור איז די שלאנג באשאפן געוואָרן צו פויזען, דער פויגל — צו פליִען, דער פיש — צו שווימען. און דער מענטש — צו טאָן גוטס. און ווען מענטשן טוען איינע די אנדערע שלעכטס, איז עס פונקט אזוי אומנאטירלעך, ווי ווען דער פויגל וואָלט אָנגעהויבן פויזען און דער פיש — פליִען".

ווענדראָף האָט אָנגעשריבן א פּאָר הונדערט דערציילונגען און אָן א שיר פארצייכענונגען, ארטיקלען, פעליעטאָנען, קאָרעספּאָנדענצן אין גייַסט פון דער פאָלקס-טרייַער, סאטיריש-הומאָריסטישער ליניע פון דער יידישער ליטעראטור. א טייל פון דעם איז אויפגעזאמלט אין 6 ביכער פון דער פארסאָוועטישער תקופה און 3 — אין דער סאָוועטישער. דאָס לעצטע בוך („אונדזער גאס", 1967, מאָסקווע) איז א מין אנטאָלאָגישער אָפּקלייַב פון זייַן גאנצן שאפן.

זייַן ערשט בוך „פּראוואָזשיטעלסטוואָ" איז נאָך מיט 70 יאָר צוריק בארימט געוואָרן, ווי א ווערק פון שאָלעם-אלייכעמדיקער קאטעגאָריע און איז אפילע ציטירט געוואָרן דורך אָפּאָזיציע-דעפּוטאטן אין דער צארישער „דומע" אלס א שארף-דעמאסקירנדיקער דאָקומענט פון רעכטלאָזיקייַט, פּאָליצייִשן ווילקיר און יידן-פרעסערייַ. זייַן בוך „אפן שוועל פון לעבן" איז א רירנדיקע געשיכטע פון א קינדהייַט, וואָס דערהייבט זיך ערטערווייַז ביז צו די שענסטע שפּיצן פון „פונעם יאריד" און „מאָטל פייסי דעם כאזנס". און אויב מע וויל אָנטרעפן אַף א מאָנומענט פאר א פאריאָגטער יידישער מאמען, דארף מען איבערלייענען זייַן דערציילונג „באם גרויסן סאמאָוואר".

זייַט בא זייַט מיט די געשלאָגענע און גערוידעפטע האָט ער אויך געשילדערט די נייַדוירעסדיקע יוגנט, וואָס האָט פארקאטשעט די ארבל צום קאמף און וואָס האָט גענומען שטארקן מיט קלאסנקאמף איר סאָציאלן פּראָטעסט.

א היפּש אָרט פארנעמט אין זייַן שאפן צאָפן-אמעריקע: די שוויץ-שאפּישע אויסגעריסנקייַט, די „פילאָסאָפיע" פונעם אָלרייַטניק, די קליינקעפלדיקע זעלבסטצופרידנקייַט פונעם ארופגעארבעטן פעמפּיק („הערי ווינסטאָנס קאריערע", „מיסטער קעפּוויצעס טרוימען" אא.).

פון א הויכן סאטירישן פלי זייַנען זייַנע פארצייכענונגען, גענומענע פונעם לעבן און פון זייַן אייגענער דערפארונג, אזעלכע, ווי „די 70-יאָריקע מילכאָמע", וווּ ער באשרייַבט זייַן לעבנסלאנגן געראנגל מיט די רעדאקטאָרן פון געלע יידישע צייַטונגען, וואָס האָבן אים געלערנט, וויאזוי צושרייַבן הייס-זודיק-צאפּלדיקע „נייַס", וויאזוי צו קיצלען דעם „ייִד פון א גאנץ יאָר", פאר וועמען די צייַטונגען דארפן זייַן א פארזעצונג פונעם טשאָלנט, א פּאָטראַווע, וואָס זאָל לייַכט זייַן צו פארדייַען, ווייַל די אלע שרייַבערישע „דריידלעך און פילאָסאָפיעס" דארף דאָך דאָס באלעבעסל אַף קאפּאָרעס...

וואָס שייַעך זייַן שרייַבערישן מעטאָד, דריקט זיך אויס ווענדראָף אָט וויאזוי: „מייַן שעפערישער מעטאָד איז זייער א פּאָשעטער: איך האָב שטענדיק געשריבן און שרייַב וועגן דעם, וואָס איך האָב געזען, וואָס איך האָב געטראכט, וואָס איך האָב געפילט, וועגן דעם, אין וואָס איך האָב געגלייבט. איך האָב געשריבן דעם עמעס אזוי, ווי איך האָב אים געזען, ווי איך האָב אים אופגענומען, ווי איך האָב אים פארשטאנען".

אין יאָר 1967, ווען די גאנצע יידיש-פּראָגרעסיווע קולטור-וועלט האָט פייַערלעך אָפּגעמערקט זייַנע 90 יאָר, האָט ער געהאט פרישע שעפערישע פּלענער און פארטראכט א גרעסערע ארבעט, ווי ער האָט אונדז געגעבן צו וויסן אין אן ענטפער אַף אונדזער איקוף-באגריסונג צו אים. עס איז קעדייַ צו ציטירן דאָס גאנצע ווענדראָפישע בריוול:

„3-3-67.

כאָשעווער, טייַערער צ. בליץ!

איך האָב דערהאלטן הונדערטער באגריסונג-טעלעגראמען און בריוו פון פארשיידענע לענדער און קאָנטינענטן, נאָר אייַער באגריסונג אין נאָמען פונעם „איקוף", פון לייענער און פון אייַך פערזענלעך, איז מיר באזונדער טייַער, ווייַל אין איר האָב איך געפילט באזונדערע ווארעמקייַט — ניט קיין יובליי-סאכארין... ביכלאל, אלץ, וואָס איז פארבונדן מיטן (ארגענטינער) „איקוף" איז מיר נאָענט און טייַער. בעמיילע זייַנען מיר מיט אייַך שטיקלעך מעכוטאָנים.

איצט בין איך שטארק פאריובילייעוועט און בין שוין היפּשלעך מיד פון די באזוכער. אכוץ דעם, בין איך פארנומען מיט דער ארבעט ארום א באנד „אויסדערוויילטע דערציילונגען", וועלכע וועלן בעקאָרעוו דערשייַנען אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל", טאקע אַף יידיש. אכוץ דעם, האָב איך פארטראכט א גרעסערע ארבעט, וואָס פאָדערט צייַט און קויעד. ווי איר זעט — האיוים קאָצער וועהאמלאָ-

כאַ מערובאַ, וועל איך דעריבער מיט דעם פאַרענדיקן מיט נאָכאַמאָל באַדאַנקען אײַך און אַלע פרײַנט און כאַווירים, אין וועמענס נאָמען איר האָט מיך אַזוי פרײַנטלעך באַגריסט, און ווינטש אײַך קאָל-טוּוו.

מיט אַכטונג און פרײַנטשאַפט,

אײַער ז. ווענדראָף".

האיום קאָצער... די 95 יאָר זײַנע זײַנען אים בעעמעס קורץ געוואָרן, און מיר ווייסן ניט, צי ער האָט פאַרענדיקט זײַן „גרעסערע אַרבעט"[1], מיר וועלן אָבער געדענקען ניט נאָר זײַן שאַפן, נאָר אויך זײַנע גרונט-אײַנשטעלונגען: ליבע צום מענטשן און ניט-פאַרגאַנגלעכע, ניט איבערגעשטאַנענע יוגנטלעכקייט.

אין פאַרבינדונג מיט זײַן באַציִונג צום מענטשן, האָט ער געזאָגט: „ניטאָ קיין שלעכט־געבאָרענע, פאַראַן שלעכט-געוואָרענע מענטשן. גלייבט אין מענטשן און האָט ליב מענטשן! אַז גלייבן און אַז ליבע צום מענטשן באַקומט אַלץ אין לעבן דעם טאַם און די פאַרב פון גאָלד, און גאָלד איז ביטער".

די דאָזיקע צוויי אַרויסזאָגונגען, און צענדליקער ענלעכע, זײַנען קוידעמקאָל אַ זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק פון ווענדראָפן גופע, פון דעם דאָזיקן גוטמוטיקן ליטעראַרישן זיידע, וואָס האָט געהאַט די נעשאָמע פון אַן אייִניקל...

[1] ז. ווענדראָפס באַנד „אונדזער גאַס" איז דערשינען אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", מאָסקווע, 1967 (רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד").

אַ בוקעט פעלד-בלימלעך פון שיקע דריז

צווישן די מערקווירדיקע נעמען, וואָס דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אַרויסגעבראַכט אַף דער ליכטיקער ליטעראַרישער שײַן, האָט זיך מיט זײַן דיכטערישער באַזונדערקייט און אַפילע מיט דער שטיפערישער גוטמוטיקייט פון זײַן נאָמען אויסגעטיילט שיקע דריז. דאָס לעצטע ביכל זײַנס, וואָס טראָגט אַף זיך אַלע כיינען פון אַ סאָוועטישער אויסגאַבע און וואָס טיילט אויס דעם ערד-אַראָמאַט פון אָקאַרשט-אָנגעריסענע פעלד-בלומען, הייסט „האַרבסט" און איז אַן אָנדײַט סײַ אַף אויסגעזוניקטער רײַפקייט און סײַ אַף באַדויערלעכער לעצטקייט.

די שמאָלע לעבנסלוסטיקע שורעלעך פון דריזס פערזן זײַנען פול מיט פרייד און מיט אײַנפאַלערישקייט, און אַ סאַך פון זיי אַפּעלירן ספּעציעל צום קינדערשן האַרצן. דאָס הייסט נאָך אָבער ניט, אַז ער איז דורכויס אַ דיכטער פאַר קינדער. די פּאַשעטקייט, שפּילעוודיקייט און דער פאָלקלאָריסטישער כיין פון זײַן סטיל פאַרכאַפּט קליין און גרויס. און דערפאַר טאַקע האָט ער אַ נאָמען געגעבן די ציקלען פון זײַנע לידער — „פאַר גרויס און קליין". קוידעמקאָל טאַקע — „פאַר גרויס", אָבער אָט די לידער זײַנען אַזוי צוטריטלעך און דורכזיכטיק, אַז זיי האָבן אויך געטויגט „פאַר קליין".

דאָס איז, אַגעוו, אַ באַווײַז, אַז גוטע „קינדער-דיכטונג" געהערט בעמײַלע צום גרויסן קרײַז פון פּאָעזיע אין אַלגעמיין. גוטע פּאָעזיע פאַר קינדער איז אויך אַ דערקוויקעניש פאַר דערוואַקסענע, וואָס זיי זײַנען דאָך עקס-קינדער, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן פּאָעזיע.

מיט זײַן ניט-קאָמפּליצירטן וואָרט-מאַטעריאַל האָט ש. דריז, אַדאַנק זײַן מײַסטערשאַפט און אידייען-רײַכקייט, אויסגעשפּילט דיכטעריש קאָלערלײַ „זאַכעלעך", „שפּרענקעלעך", „בלעזעלעך", „שנייעלעך"... ער האָט אָבער אויך גרעסערע פּאָעמעס — מיט מער אָטעם, אַזעלכע, ווי, לעמאַשל, „אַ קנײַכל וואָל".

אין זײַנע לידער באַרירט ער די פאַרשיידנסטע טאָג-טעמאַטיק און פּראָבלעמאַטיק, אַרײַנגערעכנט צאַפּלדיק-פּאָליטישע טעמעס. אָט איז אַ ליד וועגן וויעטנאַם, וועלכע הייסט פּראָסט און פּאַשעט „דאָס שטעקעלע":

אײַ-אײַ אַ שטעקעלע,
אײַ-אײַ אַ שטעקעלע,
וואַקסן וואַקסט עס
אין וויעטנאַם,
אין די וועלדער,
בײַ דעם יאַם.
די וויעטנאַמער
פון דעם מאַכן
הונדערט טויזנט
גוטע זאַכן.
...סײַ אַ בענקל
פאַר אַ פרײַנט,
סײַ אַ שטעקן
פאַר אַ פײַנט...
אײַ-אײַ אַ שטעקעלע,
אײַ-אײַ אַ שטעקעלע!

צי קאָנען געמאָלט זײַן פאַר קינדער מער טרעפלעכע, פּאָליטיש-אומדירעקטע און דער־

פאר טאקע מער ווירקעוודיקע ווערטער אף ארויסצוברענגען לעבנס-עמעסדיק די עקזיסטענץ און דעם קאמף פונעם וויעטנאמער פאלק? און אט ווי פאשעט עס ווערט געבראכט א שאלעם-מאטיוו אין דער „ליד פון שלייפער”:

שארפן שארף איך
שארף דאס מעסער,
קאנען זאל עס
שניידן בעסער.
...קיין אנדער מעסער
שארף איך ניט,
קיין אנדער מעסער
דארף איך ניט.

שיקע דריז איז געווען אן עכטער טרוימער און ליריקער. ער ווענדט זיך צום טייערן שניידער: „ניי מיר אוף א גרינע עלטער” —

וועלן מיינען די פייגל —
א בוים אויסגעוואקסן,
און אויסבויען נעסטן
בא מיר אף די אקסל.
זיין וועט א סטעזשקע
צו מיר אויסגעטראטן
און הענגען א וויגל
עס וועט אין מיין שאטן.

שיקע דריזס פיל לידער זיינען פול מיט א הומאניסטישן אני מיימין און מיט עמעס-זוכערישע אפהילכן. ער זאגט, אז ער וועט אפילע בלינדערהייט „ניט אופהערן צו זוכן די נאדל אין א סקירדע מיט שטרוי”. און אין אן אנדער ארט: דאס העמד, וואס דאס לעבן האט אים געגעבן, האט ער „צעפליקט און צעשינדן און נאר צוליב יענעם א וואונד צו פארבינדן”. אין דער ליד „איקער שאכאכטי” דאנקט ער אזוי פאר זיינע לעבנס-דערפארינגען:

א דאנק פאר יעדן
פרישן קוויטל,
פאר יעדער צווייג
מיט ווײַנשל-צוויט;
א דאנק פאר דעם,
וואס קראפעווע
האט טויזנט מאל
מיך אפגעבריט...

אן אריגינעלער, לייכט-צוטריטלעכער און ווארעם-מענטשלעכער דיכטער איז געווען שיקע דריז. ער האט געהערט שוין צום דריטן דאר יידיש-סאוועטישע דיכטער, וואס זייער קינסטלערישער בייטראג האט זיך אנגעזאפטיקט און אויסגערייפט נאך דער צווייטער וועלט-שכיטע. אין זיין יוגנט האט ער געענדיקט דעם קיעווער קונסט-אינסטיטוט, און זיין גאנצער שרייבערישער פעריאד כאפט ארום 30 יאר.

אין זיין שאפונג האט געלויכטן די פאלקסטימלעכע אוקראינישע אופגעלייגטקייט, גוטמוטיקייט און ווארעמקייט, וועלכע איז געווען כאראקטעריסטיש פאר אזויפיל יידיש-אוקראינישע שרייבער, און ספעציעל פאר איינעם פון זיי, וואס האט געהייסן שאלעם-אליכעם...

פונדאנען — די גוואלדיקע טיראזשן פון דריזס ווערק אין 15 שפראכן פון די סאוועטישע פעלקער.



ש. כאַלאַדענקאָס עלטערן און איר זון סאשע (איצט איז אַלעקסאַנדער אַלעקסייעוויטש אַן אינזשעניער־פּאַלקאָווניק). סאָף פֿון די 20־ער יאָרן

אין דער יוגנט. 1930

פון אונדזער פאָטאָ-אַרכיוו

צום 75-טן געבורטסטאָג פון שיפרע כאַלאַדענקאָ

(פאָטאָגראַפיעס פונעם פאַמיליע־אַלבאָם)

מיטן מאַן, פּראָפעסאָר א. בעלינסקי. 1949

שיפרע כאַלאַדענקאָ און איר ברודער דאָוויד האַפּשטיין. 1947

אין וואַלד. 1962

אן אויסשטעלונג פון מיניאַטיור־אויסגאַבעס

דער מאָסקווער קלוב פאַר ליבהאָבער פון מיניאַטיור־ביכער, די צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון דער אַלפאַרבאַנדישער געזעלשאַפט פון בוך־ליבהאָבער און די וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק פונעם מאָסקווער מעלוכישן אוניווערסיטעט האָבן דורכגעפירט די פינפטע מאָסקווער אויסשטעלונג פון מיניאַטיור־אויסגאַבעס. אין 14 גלעזערנע סטענדן זײַנען אַרויסגעשטעלט 453 מיניאַטיור־אויסגאַבעס, וועלכע זײַנען דערשינען אין אונדזער לאַנד אין די יאָרן 1976 — 1980. צוליב אַ פאַרגלײַך וועלן מיר אָנווײַזן, אַז פונעם יאָר 1788 ביזן יאָר 1917 זײַנען אין רוסלאַנד דערשינען באַ 250 מיניאַטיור־ביכער.

מיניאַטיור־אויסגאַבעס פון לעניִנס ווערק דערשײַנען אַף די שפּראַכן פון אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן. ניט לאַנג צוריק האָט דער פאַרלאַג „קניגאַ" אַרויסגעגעבן אין אַ פאָרמאַט 40×50 ממ. וו. אי. לעניִנס אָפּהאַנדלונג „די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און די פּאַרטייִשע ליטעראַטור". צום 100־טן געבורטסטאָג פון וו. אי. לעניִנען איז דערשינען דער קלענסטער אין דער וועלט בוך — אויסצוגן פון וול. מאַיאַקאָווסקיס פּאָעמע „וולאַדימיר איליטש לענין". דער פאָרמאַט פונעם בוך איז — 16 × 16 ממ.

אַ היפּש אָרט פאַרנעמען אין דער עקספּאָזיציע די אויסגאַבעס, אין וועלכע ס'זײַנען אָפּגעדרוקט די טעקסטן פון דער קאָנסטיטוציע פון פּססר און פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן (אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם וועלן מיר דערמאָנען, אַז אַלס ערשטער סאָוועטישער מיניאַטיור־בוך רעכנט זיך „די קאָנסטיטוציע פון רספסר", וועלכער איז דערשינען אין 1921 אין דער שטאָט קינעשמא אין אַ פאָרמאַט פון 35 × 50 ממ., מיט אַ טיראַזש פון 1000 עקז.).

די באַזוכער פאַרהאַלטן זיך באַ די סטענדן, וווּ עס זײַנען עקספּאָנירט ביכער, וועלכע קאָסמאָנאַווטן האָבן גענומען מיט זיך אין קאָסמאָס. צווישן די נײַע מיניאַטיור־אויסגאַבעס פונעם פאַרלאַג „קניגאַ" ווערן אַף דער אויסשטעלונג באַוויזן די אויסגעצייכנטע אויסגעפורעמטע „אויסדערוויילטע ווערק" פון איבן סינאַ (אַוויצענאַ), „דער פּלימעניק ראַמאָ" פון דעני דידראָ און יאַנאָש קאָרטשאַקס „וויאַזוי ליב האָבן אַ קינד".

קאָרטשאַקס בוך אין אַ פאָרמאַט פון 61×94 ממ. האָט אויסגעפאָרמירט די קינסטלערן ליִע אָרלאָוואַ. אירע געמעלן העלפן דעם דערוואַקסענעם לייענער אַרײַנדרינגען אין דער וועלט פונעם קינד. דער אוטאָר פונעם בוך הענריק גאָלדשמיט (יאַנאָש קאָרטשאַק וועט ער ווערן פיל שפּעטער), אַ זון פון אַ וואַרשעווער אַדוואָקאַט, האָט געאַרבעט אין אַ קליניק פון וואַרשע. דער יונגער שריפטשטעלער און דאָקטער קלײַבט אָבער אויס דעם וועג צו באַזיניקן די טיפקײַטן פונעם קינדס נעשאָמע, און אין 1911 גייט ער אַריבער צו לעבן און אַרבעטן אין אַ יעסוימים־הויז. אין 1914 ווערט ער מאָביליזירט אין דער אַרמיי, און אין 1917 האָט אים דער מיליטערישער גורל געבראַכט קיין קיִעוו. אַף דער מילכאָמע שרײַבט ער זײַן בוך „אַ קינד אין דער מישפּאָכע",



יאַנוש קאָרטשאַק. „וויאַזוי ליב האָבן אַ קינד"

דער ערשטער טייל פון וועלכן איז דערשינען אין 1919, און ביידע טיילן — אין 1920. זײַן שאַפונג איז גוט באַוווּסט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אין 1922 איז איינע פון זײַנע אַרבעטן — „אינטערנאַט" — דערשינען מיטן פאָרוואָרט פון נ. ק. קרופּסקאַיאַ. אין 1966 זײַנען אַרויסגעגאַנגען אַף רוסיש זײַנע „אויסגעוויילטע פּעדאַגאָגישע ווערק".

יאַנאָש קאָרטשאַקס לעבן האָט צוזאַמען מיט די לעבנס פון זײַנע דערצויגלינגען־קינדער זיך איבערגעריסן אין אויגוסט 1942.

אין סאָף פונעם מיניאַטיור־בוך זײַנען געבראַכט אויסצוגן פון קאָרטשאַקס טאָגבוך. דעם 4 אויגוסט 1942, אַ טאָג פאַרן טויט, האָט ער געשריבן: „איך האָב באַגאָסן קווייטן, די אָרעמע געוויקסן פונעם יעסוימים־הויז, געוויקסן פון דעם ייִדישן יעסוימים־הויז. די פאַרטריקנטע ערד האָט אַ זיפץ געטאָן. צו מײַן אַרבעט האָט זיך צוגעקוקט דער וואַכמאַן. (...) ער שטייט און קוקט. די פיס ברייט פאַנאַנדערגעשטעלט".

באַם דערמאָנען וואַרשע און די מיניאַטיור־ביכער וועלן מיר באַמערקן, אַז אין די יאָרן 1888 — 1889 האָט דער פאַרלעגער מענאַכעם שאַלץ אַרויסגעלאָזט אין אָט דער שטאָט אין אַ פאָרמאַט פון 18×28 ממ. אייניקע ביכער פון דער רוסישער און פּוילישער קלאַסיק, דעם קאָראַן, די ביבל. צווישן אַנדערע, האָט ער אַרויסגעגעבן א. ס. פּושקינס ווערק: „יעווגעני אָנעגין" (231 זײַטן) און „אַלע פּאָעמעס" (268 זײַטן). די אויסגאַבעס זײַנען פאַרקויפט געוואָרן אין שאַכטלעך, צוזאַמען מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז, און הײַנט טרעפן זיי זיך זעלטן.

אושער ספּעקטאָר

יורי גריבאָוו



זיך אומגעקערט

ס'האָט א סקריפּע געטאָן דאָס צוניפגעשטעלטע צו דער וואנט הילצערן לייטערל, און שומילאָוו, וועלכער האָט מיט פארגעניגן געדרעמלט נאָכן מיטיק, האָט אָן כיישעק געעפנט די אויגן. אין דער בלייכער שײַן, וואָס האָט געהעלט דורך דעם אלטן שטרויענעם דאך, האָט ער ניט גלײַך זיך פאנאנדערגעקליבן, וואָס פאר א פיגור שלײַכט זיך צו אים אפן היי-בוידעם.

— דאָס ביסטו, מאמע?

— אָט וווּהין ער האָט זיך פארקליבן, דער אומפארשעמטער ניוווזעניק! די מוטער ארבעט, און ער פאָפּט אינמיטן העלן טאָג! נו, סאניע, כ'האָב ניט געוווּסט, אז דו ביסט אזא שלאַ-בעריקער פארשוין! זיך צעלייגט, זע נאָר, ווײַזט אויס, אז די שטאָט האָט דיך אינגאנצן געפּאטערט!

טאָפּטשענדיק מיט די קני' דאָס פרישע היי, איז ציגאנקאָוו צוגעקראָכן צו שומילאָוון, אים א שטאָרכע געטאָן אין דער זײַט און האסטיק אראָפּגעריסן פון אים די קאָלדרע.

— ווארט צו, סאשע, לאָז א דרעמל טאָן! — האָט זיך געבעטן שומילאָוו. — דו שטעלסט זיך ניט פאָר, פרײַנט מײַנער, ווי גוט עס איז! איך גיי זיך דורך א שאָ-צוויי בא דעם טײַך אָדער לעבן דער שטוב, און ס'פארדרייט זיך דער קאָפּ. פון צופיל זויערשטאָף, אפּאָנעם. דאָ איז ניט קיין לופט, נאָר גאָלע זויערשטאָף...

— און פריִער האָסטו עס ניט באמערקט? — האָט מיט א שטאָך א פרעג געטאָן ציגאנקאָוו. — זויערשטאָף איז דעמלט געווים געווען מערער...

— ווידער נעמסטו זיך, סאשקע, פאר דײַנס! געגוג מיך צו יאדען! איך האָב מוירע, אז דעם פאָסטן פון א קאָלווירט-פאָרזיצער וועט אינגאנצן אויסטריקענען דײַן גוט נעשאָ-מעלע...

— א פאָסטן בלײַבט א פאָסטן... אָך, זיך א וואלגער טאָן א שאָעלע, ביזוואנען די היץ וועט צופאלן!..

— אין וואָס זשע איז די מעניִע? לייג זיך צו, אָרט וועט קלעקן... דו גדעדנקסט, ווי מיר האָבן דאָ אונדזערע הילצערנע ביקסלעך באהאלטן? ווי מיר האָבן פּושקינען געלייענט? ערעוו די עקזאמענעס אין אכטן קלאס...

— אוואדע געדענק איך, סאניע, דו אָבער, ווי עס זעט אויס, הייבסט שוין אָן צו פאר-געסן. נו, גוט, זײַ מיר מויכל, וואָס כ'בין אָף דיר אָנגעפאלן. אָט וואָס, ברודערקע. מיר האָבן באשלאָסן זונטיק אָנקאָסען היי אין דעם אויסגעהאקטן וועלדל אָף יענער זײַט זומפּ...

— אין מיטינער וועלדל?

— ניין, דאָס מיטינער איז שוין ניטאָ, די מעליִאָראטאָרס האָבן דאָרט געבאלעבאטע-וועט. די פּניאָקעס אָפּגעשניטן מיט בולדאָזערס און די וואָרצלען איבערגעלאָזט. איצטער וועסטו שוין מיטן אקער אהין ניט ארײַנפאָרן. איך האָב דאָרט א פארצוימטן וויהאָן געמאכט, די קעלבלעך צו פּאשען. און קאָסען וועלן מיר עטוואָס ווײַטער. דאָס גראָז איז דאָרט ניט איי-איי, אָבער א פּאָר סטויגלעך קאָן מען שטעלן. פאר די זקיינעס אונדזערע, פאר די סאָלדאטקעס איבערהויפּט — זיי האלטן נאָך עטלעכע בעהיימעלעך און ציגן. דער

לערער וועט פונעם דאָרף מאַלי׳ע וויאַזקי קומען, אויך דער פּאָלקאָווניק פון דער דאַטשע האָט צוגעזאָגט, און איך מיט דיר. איז וואָס? ביסט מאַסקים?

— און פיש זײַנען נאָך פאַראַן אינעם טײַכל?

— זיי קומען נאָך אַמאָל פון דער וועטלוגאַ. אָף א פיש-יויך וועלן מיר אָנשקראַבען.

און וויאַזוי א קאַסע אָנצושאַרפן האָסטו נאָך ניט פאַרגעסן?

— כ׳וועל א פּרוּוו טאָן, ס׳איז דאָך א פּאַשעטע זאַך.

— נו, לויף איך, סאַניע. מיר באַקומען הײַנט צוויי קאָמבײַנען, מע דאַרף א קוק טאָן און זיי אופנעמען...

ציגאַנקאָוו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם היי-בוידעם און, צעפּאָלאָכענדיק די הינער, גיך געגומען שפּאַנען איבער דער לאָנקע. ס׳האָט א כריפּע געטאָן זײַן „גאַזיק״ און גענומען פאָרן צום באָלשאַק.

שומילאָוו איז נאָך א שטיקל צײַט געלעגן, פאַרלייגט די הענט אונטערן קאָפּ, זיך אײַנגעהערט, געקלערט און, זיפצנדיק, גענומען דערמאָנען יענע צײַט, ווען ער און סאַשע ציגאַנקאָוו זײַנען געווען די בעסטע כאַווירים.

פונעם ערשטן קלאַס אָן זײַנען זיי געזעסן אָף איין פּאַרטע. געלעבט אויך בישכיינעס און בכלל קיינמאָל זיך ניט צעשיידט. דעם ווײַסינקן בלוי-אויגיקן שומילאָוון האָט מען גערופן סאַניע, און ציגאַנקאָוון, אין וועמענס ברוין-הויטיק פּאָנעם איז טאַקע געווען עפּעס ציגײַנעריש, — סאַשע. קימאַט אַלע ייִנגעלעך אינעם דאָרף באָלשי׳ע מעלענקי האָבן געהאַט ווילדע צונעמענישן, געיאַרשנטע פון די עלטערן אָדער אנטלי׳ענע פונעם לעבן און פונעם שטייגער. סאַשקע ציגאַנקאָוון האָט מען גערופן זובאַן — „דער ציינערדיקער״. אין אָנהייב פרילינג, ווען עס פלעגן זיך אָנוואַרעמען און אָפּגעטריקנט ווערן די בערגלעך הינטערן דאָרף, פלעגן די ייִנגעלעך זיך וואַרעמען דאָרט אָף דער זון און שפּילן אין מעסערלעך. פאַרן באַזיגטן האָט מען צוגעטראַכט א שטראָף — אַרויסשלעפּן מיט די ציין א קלײנינקן דינינק שטעקעלע, ניט גרעסער פון א האַלב שוועבעלע, וואָס מע פלעגט ספּעצי׳על אַרײַנשטעלן אין באָדן. ציגאַנקאָוו פלעגט עס טאָן בעסער פון אַלעמען. מיט די שניי־ווײַסע קרעפּטיקע ציין פלעגט ער דרייסט זיך אײַנהריזען אין דער קאַלטער ערד און מיט א געלעכטער זי אַרויסשפּײַען צוזאַמען מיטן שטעקעלע...

און צו סאַניע שומילאָוון האָט זיך צוגעקלעפּט א צונעמעניש — „גערעטעניש״. א יאָר פאַר דער מילכאָמע, ווען פון די פעלדער האָט מען שוין אַלץ אַראָפּגענומען, האָט מען אינעם קאָלווירט געפּראַוועט א יאָמטעוו פון גערעטעניש. אַלץ האָט דעמלט זייער געראָטן, אָף אָן אַרבעטסטאָג האָט מען אַרויסגעגעבן גענוג ברויט, קאַרטאָפל, קאָלערליי אויבס און אַפילע א בידאָנדל מיט פינף ליטער האָניק. איז דער יאָמטעוו טאַקע געווען א פרייליכער. נאָך דער קורצער רעדע פונעם דעמלטיקן קאָלווירט-פּאָרזיצער פּעדולאַיעוו האָבן אַלע געמאַכט א קויסע און זיך אַרופגעוואָרפן אָף די לאָקשן מיט געגדזנפלייש. דערנאָך האָט זיך אַוועקגעשטעלט אָף א בענקל סאַניע שומילאָוו און דורכגעלייענט א ליד:

פריילעך אַלעמען צוזאַמען, —
א גערעטעניש אַזאַ מין!
גיב, גערעטעניש, אַהער,
זיסן האָניק אונדז וואָס מער!

די לערערן ווערע קאָנסטאַנטינאָוונאַ האָט גענומען אַפּלאָדירן, דערנאָך האָבן אַנדערע אונטערגעכאַפּט, און איוואַן איוואַנאָוויטש שומילאָוו, סאַניעס פּאָטער, האָט זיך געשמעלצט פון נאַכעס. ער האָט א שטויס געטאָן מיטן אַקסל דעם שאָכן זײַנעם, גריגאָרי סידאָראָוויטש ציגאַנקאָוון:

— אַליין האָט ער, דער שנעק, דאָס אָנגעשריבן! סאַניע איז בא מיר א ליבהאָבער פון ביכער. בלויז דעם ערשטן קלאַס פאַרענדיקט, און לייענען לייענט ער — פונקט ווי ער וואָלט מיט דער קאָסע געשניטן...

סאַניעס און סאַשעס טאַטעס האָבן זיך אויך געכאַווערט.

איוואַן איוואַנאָוויטש איז געווען א קאָניוך אין קוסאַקאָווקע, לעבן באָלשי׳ע מעלענקי, און גריגאָרי סידאָראָוויטש איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קוזניע. זיי זײַנען אויך אָפן פראָנט אַוועקגעגאַנגען אין איין טאָג. סאַניע און סאַשע האָבן זיי אַרויסבאַגלייט ביזן דאָרפראַט, וווּ עס זײַנען געשטאַנען די פורן. ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די געזעגענישן, האָט וואַסקע סאָראָקין, דער האַרמאָניסט פון קוסאַקאָווקע, גענומען שפּילן, און דאָס געוויין

פון די ווײַבער, די קינדערשע געשרייען האָבן געריסן דאָס האַרץ. מ'ט אַנגעשוואָלענע פון טרערן אויגן האָט סאַניע געקוקט, ווי אין אַ נעפּל, אויף די וועגענער, וועלכע האָבן זיך גע-שלעפּט איבער דעם שטויביקן שליאַך, אויפן טאַטן און אויף דער מאַמען, וועלכע האָט גע-האַלטן אויף די הענט נאַטאַשקען און אַליענקען.

— סאַניעטשקע! סאַניע, זונעלע מײַנס! — האָט געשריגן איוואַן איוואַנאָוויטש. — איצטער ביסטו בײַ אונדז דער איינציקער מוזשיק! זע, העלף דאָ אונטער, און איך וועל קומען אינגיכן. אָט וועלן מיר דעם דאַזיקן פאַשיסטישן גאַד אַ טרייסל טאָן ווי עס באַדאַרף צו זײַן — און הײַדאַ אַהיים!

סאַניעס פאָטער האָט זיך טאַקע בעעמעס אומגעקערט. אָבער ניט אַזוי גיך — אין דרײַ יאָר אַרום. באַנאַכט איז ער איבערגעשוווּמען אין אַ צעלעכערטער לאָדקע די וואָלגאַ און גאַנצפרי, ווען דער פאַסטעך אוודייִטש האָט געזאַמלט איבערן דאָרף די סטאַדע, איז ער צוגעגאַנגען צום סאַמע הויף. געטראָטן האָט ער שווער, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף קוליעס, און אוודייִטש, דערקענענדיק אים בלויז אינדערנאָענט, האָט זיך צעגוואַלדעוועט:

— מאַריושקע! סאַניע! אײַער באַלעבאָס גייט! טאַקע ער, איך זאָל אַזוי לעבן! טרעפט מיך אַ דונער אויפן אָרט!

איין פוס איז בײַ איוואַן איוואַנאָוויטשן געווען אַ הילצערנער, און סאַניע האָט לעכאַט-כילע מוירע געהאַט פאַר אָט דעם פוס, ווען דער טאַטע פלעגט פאַרן שלאָף אים אָפּשפּי-ליען און איבערלאָזן אין פאָדערהויז...

און אויף סאַשקעס פאָטער איז אינגיכן אָנגעקומען אַ „פּאַכאָראָנקע", פון דער פּוילי-שער שטאָט קאָנין. איוואַן איוואַנאָוויטש האָט, אַרויסדרייענדיק אויף וויפל ס'האָט זיך געלאָזט דעם קנויט פון זײַן זיבנליניייִקן לאָמפּ, שאַרפזיניק אײַנגעקוקט זיך אין יעדן אויסיעלע פונעם קאַזיאָנעם פּאַפּירל, ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט עפּעס אַ דערקלערונג און אַ טרייסט פאַר נאַסטיען, זײַן פרײַנטס ווײַב, און פאַר אירע פיר קינדערלעך...

די שומילאָווס און די ציגאַנקאָווס האָבן איצט אָנגעהויבן לעבן ווי איין מישפּאָכע — איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך מיטן לעצטן געטיילט. און סאַניע מיט סאַשען האָבן זיך נאָך מער באַפרײַנדעט. צוזאַמען געפּאַשעט די פערד אויף דער לאָנקע, געגאַנגען נאָכן אַקער, געפירט אויף דער סטאַנציע קאַרטאָפל.

— היי, מוזשיקעס! — פלעגט אויף זיי מיט ליבשאַפט שרײַען די בריגאַדירשע, מומע אַלעווטינע. — אָן אײַך וואָלט איך דאָ פאַרפאַלן געוואָרן! שפּאַנט אײַן, סאַניעטשקע, דעם גניאַדן, מיר וועלן מיט דיר קיין ליאַכאָוואָ נאָך קאָרע פאָרן! מירן אָפּגעבן די קאָרע, און זיך מיט שוועבעלעך פאַר דער פערמע אײַנקויפן. קיין געלט איז דאָך אין דער קאָנטאָר ניטאָ, טינט אַפילע צעפירן זיי מיט סאַזשע... און דו, סאַשאָק, העלף די ווײַבער בײַ דער ווייעלקע!

איוואַן איוואַנאָוויטשן האָט מען אַלס אַ פּאַרטיי-מענטשן און פראָנטאָוויק פאַרגע-לייגט איבערנעמען דעם קאָלווירט בײַ מאַטריאָנע טשערנעצאָווען, אָבער ער האָט זיך אָפּ-געזאָגט און איז ווידער געווען אַ קאָניוך.

— פערד זײַנען איצט די ערשטע זאָרג אונדזערע, — האָט ער געטײַנעט. — אָן גו-טער שלעפּקראַפט וועלן מיר, כאָטשיים טײַערע, פון דער נויט זיך ניט אַרויסרײַסן!

און אַ נויט איז געווען — ערגער קאָן שוין ניט זײַן. פאַר די מילכאַמע-יאָרן איז אַלץ אָפּגעניצט געוואָרן, זיך אײַנגעבראָכן. געזייט האָט מען מיט דער האַנט פון אַ זיפּ, און דעריקער — האָבער, די אויסגעמאָגערטע בעהיימעס האָבן אײַנגאַנצן אופגעהערט צו געבן מילך, און פונעם ראַיאָן האָט מען אַלץ געשיקט פּלענער, דירעקטיוון — שטרענגע, עס פלעגן קומען שטײַער-זאַמלער, פאַרשרײַבן יעדעס הינדל, יעדן עפּלבוים אין ווײַמפּערלעך-קוסט. וואָס אַ יאָר האָט דאָס דאָרף באַלשיִע מעלענקי אַלץ מער געגומען וויאַנען, די מענטשן האָבן זיך אַ ציי געטאָן אין דער שטאָט, זיך ווערבירט אויף בויונגען, אויפן צאָפן, און די באַכערים האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, ס'זאָל זיך אָנהייבן דער פּריזיוו אין דער אַרמיי, קעדיי נאָך דער דינסט זיך אײַנאָרדענען ניט אין דאָרף.

די אַרמיי האָט אויך סאַניען מיט סאַשען צעשיידט. אין קאַראַנטין זײַנען זיי נאָך געווען צוזאַמען, אויף איין נאַרע געזעסן, דערנאָך האָט מען זיי אין פאַרשיידענע טיילן צע-שיקט. סאַניע האָט אָנגעטראָפן הינטער בערלין, און סאַשע — אויף קאַמטשאַטקע. צוערשט האָבן זיי נאָך איינער דעם אַנדערן רעגולער געשריבן בריוו, אָבער נאָך דער דינסט אַלץ זעלטענער און זעלטענער. שומילאָוו איז מיט אַ קאָמיוגישער פּאָטיאָווקע גלײַך פונעם טייל, ווו ער איז געווען אַ שאָפער, אוועקגעפאָרן אין קראַסנאַיאַרסקער קאַנט. אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט ער באַזוכט באַלשיִע מעלענקי, קעדיי זיך זען מיט טאַטע-מאַמע און זיך צע-

שרײַבן מיט יוליעטשקע מינייִטשעווען, וועלכע האָט אף אים געוואַרט. איוואַן איוואַנאָוויטש און מאַריִע, ווי אויך יוליעטשקעס עלטערן, האָבן גענומען אײַנריידן דאָס יונגע פּאָרפאָלק:

— ווי איז געהערט געוואָרן זיך לאָזן אין אזא ווײַטעניש! לעבט אָט דאָ, אָרט וועט אײַך קלעקן.

— שפּעטער וועלן מיר זיך אומקערן, באַטיע, — האָט סאַניע געזאָגט דעם פאָ-טער. — איצטער אָבער איז עס אומעגלעך, כאַווײַרים וואַרטן אף מיר אף דער בוינג, איך האָב געדינט מיט זיי אין דער אַרמיי...

דאָס צווייטע מאָל איז סאַניע שומילאָוו געקומען צו פאָרן אין א יאָר פיר אַרום, דערצו נאָך — פאַרבײַװעגנס, אָן יוליעטשקען. צוזאַמען מיט אַנדערע בוער האָט מען אים אַרויסגערופן קיין מאָסקווע אף א קאָמיוגישן צוניפלי — האָט ער אויסגעניצט די געלעגנ-הײַט און אַראָפגעכאַפּט זיך אף א ווײַלע צו טאַטע-מאַמע. באַקומען די טעלעגראַם, האָט דער פאָטער אים באַגעגנט אפן פאָלוסטאַנעק, זיך שטאַרק דערפרייט, געקלאָפּט מיטן היל-צערנעם פוס איבערן אָפּגעריבענעם דיל פונעם וואָקזאַלכל, איבערגעכאַפּט פונעם זונס הענט דעם טשעמאָדאַן, זאָרגעוודיק צעשאַרט די שטרוי אינעם וואַגאָן, עס זאָל באַקוועמער זײַן צו זיצן. ער האָט געהאַלטן אין איין דערציילן (אף סאַניען האָט אָן אָטעם געטאָן מיטן באַקאַנטן רייעד פון טוטין און פון קאָניושניע), וויִאַזוי ער האָט הײַנט קאיאַר אײַגעם אַמוט, ניט ווײַט פון דער בריק, צוויי גרויסע פיש געכאַפּט, און די מאַמע האָט אוועקגעשטעלט אין קעלער זויערמילך...

דער פאָטער האָט זיך שוין געעלטערט, אינגאַנצן גראָוו געוואָרן, און בײַסן ריידן האָט זיך זײַן גאָרגל-קנופ שאַרף באַוועגט. סאַשע ציגאַנקאָוון האָט שומילאָוו אויך דאָס מאָל אין דאָרף ניט געטראָפן. סאַשע האָט זיך געלערנט אין דער פּאַרטיי-שול. א פאָר מאָל האָט ער באַזוכט יוליעטשקעס עלטערן, מ'האָט אָפּגעמערקט דעם אָרדען, וועלכן ער האָט באַקומען אין מאָסקווע פאַרן אָנטייל אין א וויכטיקער בויונג, און ס'איז געקומען די צײַט זיך קלײַבן אין וועג אַרײַן. דער פאָטער האָט אים אָפּגעפירט אף דעם זעלבן וואַלד-פאָלוסטאַנעק, און ווען דער צוג האָט שוין א פײַף געטאָן, אַרומגענומען אים מיט ציטערנדיקע הענט:

— עפשער וואָלסטו זיך שוין אומגעקערט, סאַניע... מיר זײַנען איינע אליין געבליבן מיט דער מאַמען... אָליעטשקע מיט נאַטאַליען לעבן אין שטאָט מיט זייערע מענער. און דו מיט יוליען וואָלטן געדאַרפט זיך אומקערן... האַלעווײַ זאָלן מיר זיך נאָכאַמאָל זען... קרענקען האָב איך אָנגעהויבן, די ווונדן לאָזן מיך ניט שלאָפן דורך די נעכט, ניטאָ שוין קיין קויכעס...

דעם טאַטנס ווערטער האָבן א שניט געטאָן איבערן האַרצן, און וואָגאָן האָט ער ניט צוגעמאַכט קיין אויג. ס'האָט אים געמוטשעט אָן אומרויִקער פאָרגעפיל. אינגיכן האָט זיך דאָס דאָזיקע געפיל באַרעכטיקט. געשטאָרבן איז דער פאָטער אָנהייב ווינטער. ס'האָט אַזוי געטראָפן, אַז אפילע אף דער לעווײַע האָט סאַניע ניט געקאָנט זײַן: ער און יוליע האָבן דעמלט געלעבט שוין ניט אין סיביר, נאָר אין קובע, הינטער האַוואַנע, אינעם שטעטל אַלאַמאַד. שומילאָוו איז געווען א ספּעציִאַליסט איבער בלאָק-בויונג, ער האָט געהאָלפן די קובינער בויען נײַע וווינונגס-קוואַרטאַלן. דאָרט האָט זיך בא אים באַוויזן די צווייטע יוליע, ס'איז געבוירן געוואָרן א טאָכטער און ער האָט זי אָנגערופן מיטן נאָמען פונעם ווײַב.

די כעווערע פון דער גרופּע ספּעציִאַליסטן האָבן געשפּאַסט: וואָס זשע, ס'האָבן דיר קיין נעמען ניט געקלעקט? אים אָבער איז פּאַשעט קיין אַנדער נאָמען אפן זינען ניט געקומען — אַזוי האָט ער ליב געהאַט זײַן פרוי, די הויכוווּקסיקע יוליעטשקע מיט די קאַרע אויגן...

וואָס מער זי איז געוואַקסן, איז די צווייטע יוליע אַלץ מער געוואָרן ענלעך אף דער ערשטער, און שומילאָוון איז געווען אָנגענעם, ווען אף זײַן רוף האָבן זיך א קער געטאָן בײדע יו-יו — אַזוי האָט ער זיי איצטער גערופן...

נאָך קובע האָט מען אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש שומילאָוון אַריבערגעפירט אף דער וואָלגע, אין א קליינער שטאָט, וווּ ס'האָט זיך געבויט א טערמאָעלעקטראָסטאַנציע. מיט בײדע יו-יו איז ער אין יענעם יאָר געקומען צו פאָרן אין זײַן היימדאָרף. סאַשע ציגאַנקאָוון האָט מען דעמלט נאָרוואָס אויסגעווײלט פאַרן פאָרזיצער פון דעם קאָלווירט. און יענער האָט אָן אופהער אַרומגעפירט זײַן כאַווער איבער די פעלדער און בריגאַדעס. דער קאָל-ווירט האָט געהאַט מאַנגלען, ער איז געווען א באַלכויוו איבערן קאָפּ. שומילאָוו האָט פאָר-זיכטיק, קעדיי ציגאַנקאָוו זאָל זיך ניט באַליידיקן, אַרויסגעזאָגט זײַן סאָפעק:

— א שווערן וואָגן האָסטו אף זיך גענומען, סאַשע.. צי וועסטו אים קאָנען אופהייבן?

— איז קום צו הילף! שפּאַן זיך אײַן כאָטש פון לינקס, כאָטש פון רעכטס.

עס זײַנען דורכגעגאַנגען א יאָר צײַט נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך. און אַט איצט, באַ-װײַזנדיק זיך אין באַלשיִע מעלענקי, האָט שומילאָװ ניט אױפגעהערט זיך צו װוּנדערן און פרייען זיך: טו נאָר א קוק אַף סאַשען! א קולטור-הויז אויסגעבויט, א גאָרקיך, א באָד, צוויי מאַגאַזינען, פּערמעס, טוװע-טויקן, צוויי שיינע גאַסן מיט נייַע קאָטעדזשן. אָבער מער פון אַלץ האָט סאַניען איבעראַשט דער דורכגעלייגטער װעג — אַספאַלט פונעם ראַיצענטער ביזן סאַמע דאָרף. פּריִער פלעגט מען די פערציק װיאָרסט בײַקומען מיט א נאַכטלעג אין יעלכאָװוקע, און איצטער האָט ער אַף זײַן אַלטיטשקער „װאָלגע” מיטן לױפנדיקן הירש אפן ראַדיאַטאָר דורכגעמאַכט דעם זעלבן װעג פאַר װעלכע-ניט-איז דרײַסיק מינוט...

אַפּגעלעגן נאָך א ביסל אַפן היי-בוידעם און איבערגעקליבן אין זיקאָרן די באַגעגענישן פאַר די לעצטע טעג, איז שומילאָװ א באָרװעסער אװעק דורכן הויף צום גאָרטן. דאַכט זיך, ס'איז געװאָרן קילבלעכער, דאָס װינטל האָט אַפּאַנעם זיך געביטן. די מוטער איז געזעסן בא דער שטאַל אַף די קלעצער און איבערגעקליבן אוגערקעס.

— נאַ, טו א כראַמטשע, — האָט זי פאָרגעלייגט. — בא מיר איז א יאַראָסלאַװער סאָרט, א פרײַיקער און א זיסער-זיסער. כ'װעל אײַנזײַערן א פעסעלע, װעסטו עסן דאָ און מיט זיך פארכאַפּן. דײַנע יו-יושקעס װעסטו מעכאַבעד זײַן. אומזיסט האָסטו זיי אהער ניט געבראַכט...

— מע האָט זיי גענומען פאַר װאָזשאַטעס אין פּיאָנער-לאַגער. ס'איז ניטאָ, װער ס'זאָל זיך פאַרנעמען מיט די קינדער. בא אונדז אין יישעװו זײַנען איינע מאַנצבלען...

— אומעטום איז ניטאָ, װער ס'זאָל עפּעס טאָן. און װוּהין נאָר איז אהינגעקומען דער אױלעם...

— אָבער אין קאַלװירט קלעקט שוין אצינדער מענטשן? סאַשע זאָגט, אַז בא אים אַפן טיש ליגט א גאַנצער פּאַק מיט מעלדונגען, פון אַלע עקן בעט מען זיך צו אונדז אין באַל-שיִע מעלענקי...

— מאַלע װאָס מע בעט זיך. מיר דאַרפן אַזעלכע ניט האָבן. פרעמדע זײַנען שטענ-דיק פרעמדע. װאָלטן זיך בעסער אונדזערע אומגעקערט. אָט אַזעלכע, װי דו.

— אוי, מאַמע! דו ביסט בא אונדז ניט קיין מעלקערן, נאָר אַן אַגיטאַטאָר. בעסער פאָר מיט מיר צו אונדז, די יו-יו װאַרטן אַף דיר.

— איך קאָן ניט, זונעניו. דעם טאַטנס קייװער איז דאָ, די שטוב, די ערד. איך גיי נאָך אַמאָל אַרױס אַף דער אַרבעט... איצטער קאָן מען אין דאָרף לעבן ניט שלעכט...

— מאַמע, און א „באַבקע” אַף אָנצושאַרפן די קאָסע איז בא אונדז פאַראַן? איך געדענק, ס'איז געװען...

— אװדע איז פאַראַן. אין קעמערל ליגט עס אַלץ. און א העמערל, און א בענקעלע. דײַן טאַטע האָט א װאָך פאַרן טויט אָנגעזאָגט איבערצוגעבן דעם גאַנצן אינסטרומענט דיר... מיך צוגערופן אָט אַזוי, מיטן פינגער, די שטים האָט ער שוין דעמלט קימאַט פאַרלוירן...

דער מאַמעס ליפּן האָבן אױפגעציטערט, זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך אויסגע-סמאַרקעט אין פאַרטעך:

— דעם גאַנצן סטרומענט, האָט ער געזאָגט, גיב אָפּ סאַניען... אַזאַ סטרומענט, האָט ער געזאָגט, װעט שטענדיק צוניץ קומען...

א גאַנצן טאָג, שאַבעס, איז שומילאָװ געגאַנגען איבערן דאָרף, אַרײַנגעקוקט אין דער קלייט, אין שול, א בלעטער געטאָן זשורנאַלן אין דער ביבליאָטעק, געזעסן אַפן ברעגל, װוּ זיי האָבן אַמאָל אין מעסערלעך געשפּילט. פון דעם דאָזיקן ברעגל האָט מען דאָס גאַנצע דאָרף באַלשיִע מעלענקי געזען, װי אַף דער דלאָניע. א סאַך פונעם פּריִערדיקן האָט ער ניט דערקענט, עפּעס-װאָס האָט אים פאַרשאַפט אַגמעסנעפעש. די שול איז געװען א נײַע, פון ציגל. און אַפן אָרט פון דער אַלטער זײַנען איבערגעבליבן בלויז ברעזקעס מיט גראַקן-נעסטן. װערע קאָנסטאַנטינאָװנאַ, געדענקט ער, האָט געצװוּנגען מאָלן אָט די ברעזקעס, און דער גאַנצער קלאַס האָט געטומלט בא די פענצטער, און אין הויף איז געשטאַנען אַזאַ ראַש, אַז יוליעטשקע מינייטשעװאַ האָט פאַרשטעקט די אױערן מיט די דלאָניעס און געבעטן:

— כעװורע, מע הערט דאָך ניט די גראַקן!

— צוליב װאָס דאַרפסטו האָבן זייער געשריי, דו װעסט דאָך אים ניט אָנמאָלן? — האָט סאַניע געפרעגט.

— כ'װעל אים אָנמאָלן, אָט װעסטו זען!

ערגעץ איז פאַרשװוּנדן דאָס קליינע װעלדל הינטערן טאָל. פּריִער האָט מען דאָ שװאָ-מען געקליבן, און איצטער האָבן געשטאַרטשעט אַף דער הױכעניש מאָגערע קוסטעס פון

טאַלניק און אַלכע. דערפֿאַר אָבער האָבן זיך בא אַלע שטיבער באַוויזן סעדער, בייטן מיט יאַגעדעס. און אין באַלשיע מעלענקי האָט מען דאַך, אַכוץ קאַרטאָפֿל און קרויט, גאָרנישט ניט פֿאַרזעצט...

ערעוו אָוונט איז געקומען ציגאַנקאָוו, אַ קלאַפּ געטאָן אין פֿענצטער:

— היי, אָרלוויבניקן! דו ביסט גרייט?

— וואָלסט אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, — האָט אַ רוף געטאָן סאַניעס מאַמע. — כ'האָב אוגערקעס פֿאַרזײַערט...

— די מאַמע איז גערעכט, סאַשע, — האָט אונטערגעכאַפּט שומילאָוו. — צײַט האָבן מיר דאָך.

— ניין, קיין צײַט האָב איך ניט! גיי אַרויס, לאָמיר פֿאָרן! כ'וועל דיר עפּעס ווײַזן... און ציגאַנקאָוו האָט אוועקגעפֿירט זײַן כאָוועך אַפֿן קאָמפּלעקס, צום פּלאַץ הינטער דער שול, ווו ס'וועט זײַן דער סטאַדיאָן, צו די שטאַבעלען ווײַסע סיליקאַט-ציגל, פֿון וועלכע מע וועט אײַנגיכן אָנהייבן בויען אַ גרינס-צעך, צו דער נידער, ווו אין קומענדיקן יאָר וועט זײַן די פּלאַנטאַציע פֿון גאָרטנוואַרג. שומילאָוו האָט געהערט סאַשען און זיך געכאַפּט באַם געדאַנק, אַז ער ווייסט שלעכט זײַן פֿרײַנט. און אַ ביסל האָט די אײַפֿערזוכט אים געשטאָכן: עס באַנײַט זיך דאָס דאָרף, ווערט אַלץ פֿײַנער, און אָט, מע באַגייט זיך אָן אים... ער טראַגט זיך אַרום איבער דער וועלט, און באַלשיע מעלענקי ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ שטעטל...

לאַנג האָבן אין אָט דער נאַכט די פֿרײַנט געשמועסט. דער שײַטער האָט שוין אָנגעהויבן זיך אויסלעשן. ס'האָט אופֿגעלויכטן אַ פּאַסיקל הימל הינטערן ווײַטן וואַלד. מע האָט געהערט, ווי עס פּליעסקעט זיך אינעם טײַך עפּעס אַ פֿיש. ס'האָבן געפֿאַרשקעט אָף דער לאָנקע צעפּענטעטע פֿערד. אײַנגעדעקט מיטן פּלאַשטש, האָט ציגאַנצאָוו לײַכט אונטערגעסאָפּעט אָף די אויסגעשפּרייטע סאָסנע-צווײַגן.

שומילאָוו האָט שלאָפֿן ניט געקאָנט. ס'האָט אים צערודערט די נעשאָמע דער דאָזיקער אַרײַנפֿאָר זײַנער, באַזונדערס אָט די נאַכט. פֿאַר די אויגן איז געשטאַנען דער פֿאָטער. סאַניע האָט געהערט דעם געקלאַפּ פֿון זײַן הילצערנעם פֿוס, געזען די מוטער, וועלכע איז געזעסן אָף די קלעצער הינטער דער שטאַל. זי וויל, אַז דער זון אירער זאָל זיך אומקערן אַהיים. און דער טאַטע האָט עס אויך געוואָלט. און ביכלאַל וואָלט מען עס געקאָנט טאָן... די ייִנגערע יוליע איז אויסגעוואַקסן, זי איז שוין אָפֿן צווייטן קורס פֿונעם אינסטיטוט, זאָל זי פֿאַרבלײַבן אין שטאָט, און די עלטערע יוליע — זי איז דאָך אַ היגע, אַ דאָרפֿישע. זי וועט מאַסקים זײַן... ניין, ס'איז שוין אָפּאָנעם שפּעט, ער האָט צעביטן דעם פֿינפֿטן צענדליק, אַ האַלב לעבן אָפּגעגעבן דער שטאָט. אָבער פֿאַרוואָס פֿילט ער זיך ניט ביז איצט ווי אַ שטאָטישער? אַלץ ווײַזט זיך אים אויס צײַטווײַליק. פּונקט ווי אַ וווּנד אַ ניט פֿאַרהיילטע יאַטערט ערעוו אַ שלעכטן וועטער. נישקאָשע, ס'וועט פֿאַרגיין, לעבן קאָן מען אומעטום...

— אופֿשטיין! — האָט באַפֿוילן ציגאַנקאָוו. — עפּעס האָבן מיר זיך מיט דיר צעלייגט!

די פֿרײַנט האָבן זיך אויסגעבאָדן אינעם אָמוט, איבערגעביסן און אַרויסגעגאַנגען מיט די קאָסעס אָף דער לאָנקע. דאָס גראָז איז שוין איבערגעשטאַנען, געווען האַרטלעך אַפֿילע אינעם טוי. אָף דער אַנדערער זײַט פֿון דער לאָנקע האָבן גענומען פֿאָכען מיט די קאָסעס דער לערער און דער פֿאַלקאָווניק. זיי זײַנען ערשט נאָרוואָס צוגעפֿאָרן אָף אַ מאָטאָציקל. שומילאָוו איז געגאַנגען פֿון הינטן, און ציגאַנקאָוו האָט אַלעמאָל זיך אויסגעקערעוועט צו אים און געפֿרעגט:

— נו, ווי גייט עס? ס'האָט זיך נאָך ניט אויסגעלאָזט דער פּולווער אין די פּולווער-טאַשן?

— גיי, סאַשקע, גיי, אײַל זיך אונטער, אַניט וועל איך דיר די פּיאַטקעס אונטערשנײַדן!

בא שומילאָוון אָף דער נעשאָמע איז געווען פֿריידיק. דאָס, וועגן וואָס ער האָט געקלערט באַנאַכט, איז איצט לײַכט אויסגעקלאָרט געוואָרן, די ספּיקעס זײַנען פֿאַרשווונדן. אים האָט זיך געוואָלט זאָגן סאַשען זייער וואַרעמע, ניט קיין געוויינלעכע ווערטער. ער האָט זיך אָבער געשעמט אַרויסצוברענגען און בלויז געשריגן אַן אופֿגערעגטער נאָך יעדן פֿאָכע מיט דער קאָסע:

— אַנו, לעבעדיקער! באַוועג זיך! מירן אײַך נאָך באַווײַזן, וויאַזוי מע דאַרף אין שאַשקעס שפּילן! אײַל זיך אונטער! קאָסע, קאָסע, קאָסע, ביזוואַנען ס'ליגט די ראָסע! ע-עך, לעבעדיקער!..

ייִדיש — כ. ביידער

צו דער רעדאַקציע און צו די לייענער פון דער צײַטונג „דער וועג"

טײַערע כאַווײרים!

די 1000 נומערן פון דער צײַטונג „דער וועג" איז א העראָיש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער און פּראָגרעסיווער פּרעסע אין ייִסראָעל, א ברייטער וועג, וועלכער פירט ארויס די ייִדיש-לייענענדיקע ארבעטנדיקע פון אײַער לאַנד צום קאַמף פאַר א צוקונפט פון סאָציאַלער גערעכטיקײַט און ייִדיש-אראַבישער פרײַנטשאַפט.

א מענטש, וואָס גייט הײַנט ארום איבער די גאַסן פון מאָסקווע, זעט מיט צופרידנקײַט אין די צײַטונגס-קיאָסקן אויף רוסישקע פּלעצער און גאַסן, צוגלײַך מיט דער „הומאַניטע", מיט „אוניטאַ", „דיילי וואָרלד", די פּאָפּולערע שוין בא היפּשע מאַסן סאָוועטישע לייענער „זאָ האַדערעך", „דער וועג", „אַל איטיכאַד". צוזאַמען מיט אירע צוויי שוועסטער — דער העברעישער און אראַבישער, צוזאַמען מיט די טעאָרעטישע אויסגאַבעס פון דער פּאַרטיי איז די צײַטונג „דער וועג" א קוואַל פון וואָרהאַפטיקער אינפאָרמאַציע, א טריבונע פאַר די בעסטע קויכעס פונעם ייִסראָעל-פאָלק. מיר, סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן, שעצן הויך איר גערעכטע און מוטיקע שטעלונג צו די קאַרדינאַלע פראַגן, וועלכע דרינגען ארויס סײַ פון די געשעענישן אינעם נאָענטמיזרעכדיקן רעגיאָן, סײַ פון דער פּאָליטישער וועלט-סיטואַציע. דער קאַמף קעגן דער אינערלעכער רעאַקציע, קעגן ראַסן-האַס און פאַשיזם, דער קאַמף קעגן באַרויבן די ערד און די רו בא אַנדערע לענדער און פעלקער, דער קאַמף קעגן דער ציִעניסטישער דאָקטרין פון עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם און מיליטאַריזם, — דער דאָזיקער גוירלדיקער קאַמף איז געצילט געזונט צו מאַכן די ייִסראָעלדיקע געזעלשאַפט, זי ריכטן אויף א יושערדיקן וועג.

די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" גרויסט זיך מיט די שעפערישע קאָנטאַקטן, וועלכע זײַנען אײַנגעשטעלט צווישן אונדזערע צוויי אויסגאַבעס.

א דערשײַנונג פון פּרינציפּיעלער באַדײַטונג און אויפווירקונג איז דער שטענדיקער איבערוף צווישן דעם כוידעש-שריפט פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און דער צײַטונג פון דער פּראָגרעסיווער ייִסראָעלדיקער געזעלשאַפטלעכקײַט — דאָס סיסטעמאַטישע איבערדרוקן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" מאַטעריאַלן פון „דער וועג" און דאָס אָפטע באַהאַנדלען אין „דער וועג" די אַמערסטן וויכטיקע ארויסטרעטונגען פון אונדזער זשורנאַל. די דאָזיקע געמיינזאַמע באַמיִונגען רײַסן אראָפּ ניט ווייניק שמוציקע אַקציעס פון די אַנטיסאָוועטישע פען-בלאַפערס אויף דער ייִדישער גאַס.

די צײַטונג „דער וועג" האָט פאַרדינט דעם קאָוועד צו זײַן א קאָלעקטיווער פרײַנט פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

מיר באַגריסן זי האַרציק אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשײַנען פון איר 1000-טן נומער.

יאראָן בעראַק

דאָס אנדערע ייִסראָעל

אָפּשפּיגלונג פון דער ייִסראָעלדיקער ווירקלעכקײַט אף דער טעאַטראַלער בינע

„אינדערפרי דאַרף דער מענטש א קוק טאָן אף זיך אין שפּיגל, קעדיי אָן איבעריק מאָל זיך איבערצײַגן, אַז עס זײַנען בא אים ניט אויסגעוואקסן קיין הערנער" — די דאָזיקע ווערטער פון א. כ. יעהאָשוא[1] וואָלטן געקאָנט ווערן א דעוויז פונעם פּאָליטישן טעאַטער אין ייִסראָעל אין אונדזערע טעג.

דער פּאָליטישער טעאַטער איז א נײַע דערשײַנונג, וועלכע איז דערוועקט געוואָרן צום לעבן דורך דער ייִסראָעלדיקער ווירקלעכקײַט. אין דער לעצטער צײַט האָט דעם טעאַטער דאָ בוכשטעבלעך פאַרפלייצט א כוואַליע פּיעסעס אף די סאַמע אָנגעווייטיקטסטע טעמעס. דעריבער איז שוין געקומען די צײַט צו מאַכן אַן אַנאַליז פון דער טעמאַטיק און פונעם אידייִשן אינהאַלט פון אָט די פּיעסעס.

קע קאָן ניט זאָגן, אַז אַלע דראַמאַטישע ווערק זײַנען אין דאָזיקן רעפּערטואַר גלײַכווערטיק, אָבער די אַלגעמיינע אידייען און מאָטיוון, וואָס כאַזערן זיך איבער פון פּיעסע צו פּיעסע, פאַרמאָגן א נאָענטע קרויוועשאַפט. באַזונדערס האָט עס א שײַכעס צו די פּרעמיערעס פון די לעצטע טעאַטראַלע סעזאָנען, דה. צו יענע פּיעסעס, וועלכע זײַנען אויפגעפירט געוואָרן נאָכן אָנהייב פון דער מילכאָמע אין ליוואַן.

איבערפּראַזירנדיק א. כ. יעהאָשוען, קאָן מען זאָגן, אַז דער הײַנטצײַטיקער פּאָליטישער טעאַטער אין ייִסראָעל שטעלט מיט זיך פאָר א מין שפּיגל, אין וועלכן מע זעט באַשײַמפּערלעך דעם פּראָצעס פון דעהומאַניזאַציע און פאַשיזירונג פון דער ייִסראָעלדיקער געזעלשאַפט. דאָס איז א ביז גאָר געפערלעכער פּראָצעס. דאָס אויפהייבן אַן אַליאַרם וועגן דעם איז אַן אומבאַשטרײַטבאַרער פאַרדינסט פון דעם פּאָליטישן טעאַטער און באַגלײַך דערמיט — די סיבע פון יענע גוואַלד-געשרייען, וואָס עס הייבן אויף פאַרטיידיקער פונעם „נאַציאָנאַלן קאָנצענזוס", וועלכע פאָדערן נאָך מער פאַרשטאַרקן די צענזור (שטרענגע צענזור-מיטלען זײַנען אײַנגעפירט געוואָרן לעגאַבע די פּיעסעס „דער פּאַטריאָט", „די ייִדישע נעשאָמע", „די הילצערנע קאָלאָנע"; וואָס איז שײַך דער אַראַביש-שפּראַכיקער דראַמאַטורגיע און ליטעראַטור אין ייִסראָעל און אף די אָקופּירטע שטאָכים, איז לעגאַבע זיי די צענזור פון דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג נאָך א האַרבערע).

דער „שפּיגל" — דער פּאָליטישער טעאַטער באַווײַזט מיט יעדן טאָג אַלץ וואָרהאַפטיקער די ייִסראָעלדיקע ווירקלעכקײַט: די אַפּערע פון דער מילכאָמע אין ליוואַן, דעם אומפאַרמײַדלעכן קראַך פון דער פּאָליטיק פון אָקופּאַציע און אונטערדריקונג פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אף די פאַרכאַפּטע שטאָכים, דעם ביטערן עמעס וועגן דעם קריזיס פון דער געזעלשאַפט, פון דער מעלוכע און פון דער מאָראַל, ווי אויך א סאַך אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס זײַנען ווינציק אָנגענעם פאַר די הערשנדיקע קרײַזן. קוקנדיק אין דאָזיקן שפּיגל, זײַנען דאָך ניט צופעליק מאָלע רעציכע געוואָרן קאָהען, מיכאַ רײַסער, האַראָוו דרוקמאַן. י. פּאַפּאָ, מאַדאַם טעאַסע-גלעזער[2] און די גאַנצע טשאַטע נאַציאָנאַליסטן, פאַשיסטן און האַלב-פאַשיסטן פון קאָלערליי קאָלירן.

יאראָן בעראַק איז דער פּסעוודאָנים פון יאראָן בעקער, דעם טעאַטראַלן איבערזיכטלער פון דער צײַטונג „זאָ האַדערעך", אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל. אין אָקטיאַבער 1984 האָט י. בעקער באַזוכט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד אין באַשטאַנד פון א דעלעגאַציע אַקטיוויסטן פון דער פרײַנטשאַפט-באַוועגונג „ייִסראָעל — פּססר".

[1] א הײַנטצײַטיקער ייִסראָעלדיקער שרײַבער.

[2] לידערס פון די אולטראַרעכטע פּאָליטישע גרופּירונגען.

דער ייִסראַעלדיקער טעאַטער האָט דערגרייכט אַזעלכע דערפֿאָלגן אין גאַנג פֿון אַ דווערהאַפטן פּראָצעס פֿון פֿאַרמירונג און אַנטוויקלונג פֿון דער פּאָליטישער דראַמע. דער אָנהייב איז געלייגט געוואָרן זומער 1967, באַלד נאָך דער יום-מלחמה, מיט דער שטעלונג פֿון כאַנאָך לעווינס פּיעסע „דו, איך און די קומענדיקע מלחמה".

אין דעם דאָזיקן אַרטיקל ווילט זיך מיר באַרירן טאַקע יענע טעמעס, וועלכע פּרוווּ-לירן אין די שטעלונגען פֿונעם פּאָליטישן טעאַטער. דאַן וועט אונדז ווערן פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס עס ווילדעווען אַזוי די היטער פֿון דער „נאַציאָנאַלער מאָראַל".

אויפֿדעקונג פֿון פֿאַלשע אידעאַלן

„דער פּאַטריאָט", אַ ספּעקטאַקל, וועלכן ס'האָט אוועקגעשטעלט אינעם טעאַטער „נעווע-צעדעק" דער רעזשיסער אָדעד קאָטלער לויט דער פּיעסע פֿון כאַנאָך לעווין, גיט אונדז אַ בוילעטן בײַשפּיל, וויאַזוי די ייִסראַעלדיקע דראַמאַטורגיע דעקט אויף די פֿאַלשע אידעאַלן, וועלכע זײַנען פֿאַרשפּרייט אין דער אָרטיקער געזעלשאַפֿט. דעם העלד פֿון דער פּיעסע קאָן מען מיט פֿולן גרונט האַלטן פֿאַר אַ פֿאַראַלגעמיינערט געשטאַלט פֿון אַ ייִסראַעלדיקן קליינבירגער, וואָס איז פֿאַרטשאַדעט פֿון דער הורא-פּאַטריאָטישער און נאַציאָנאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

דער רעזשיסער און דער דראַמאַטורג לאַכן אויס דעם קליינבירגער אויף אַן אומבאַראַכמאָנעסדיקן אופֿן. וואָרהאַפֿטיק שילדערן זיי אַ נעבעכדיקן נעפֿעש, וועמענס איין-און-איינציקער טרוים איז אַרײַנפֿאַלן קיין ברוקלין[1], וואָס איז לויט זײַן פֿאַרשטעלונג אַן „ערדישער גאַניידן". און ביכדיי דער דאָזיקער „טרוים" זאָל מעקויעם ווערן, שטעלט ער זיך ניט אָפּ פֿאַר קיין זאַך, ער שפּײַט אפֿילו אָן אין פּאָנעם זײַן אייגענער מוטער. דעם דאָזיקן הורא-פּאַטריאָט געלינגט אָפּנאַרן דעם צאָל-אַמט און אַרויספֿירן קיין אַמעריקע דימענטן. ער איז גרייט פֿויזען אויף די קני פֿאַר די אַמעריקאַנער, און גלײַכצײַטיק וויל ער זיך דערשלאָגן, אַז די פּאַלעסטינער זאָלן פֿונקט אַזוי פֿויזען אויף די קני פֿאַר אים. אויף אַזאַ אופֿן האָט כאַנאָך לעווינען זיך אײַנגעגעבן צו שאַפֿן אַ וואָרהאַפֿטיק געשטאַלט פֿון אַ ייִסראַעלדיקן באַלעבעסל, אַ נעבעכדיקן פּאַכדן, וועמען מע האָט, בייס ער האָט געדינט אין דער אַרמיי, אַרײַנגעלייגט אין די הענט געווער און וועלכער סטאַרעט זיך פֿאַרטויבן זײַן פּאַכעד, אונטערדריקנדיק אומבאַראַכמאָנעסדיק די פּאַלעסטינער און צעלאָזנדיק זיך מיט זײַנע זאָאָלאָגישע נאַציאָנאַליסטישע אינסטינקטן. זײַן גרעסטער טרוים איז — עפֿענען אַ קלייטל אין אַמעריקע. דער דאָזיקער באַגער לייגט אַרויף אַ שטעמפּל אויף זײַן גאַנץ לעבן. אַזעלכע „פּאַטריאָטן", וועלכע לאָזן זיך לײַכט פֿאַרפֿירן פֿון דער פֿאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, זײַנען פֿאַראַן אין ייִסראָעל ניט ווייניק. די אַזויגערופֿענע „פּאַטריאָטן" קאָנען זיך לײַכט אַראָפּקײַקלען צו עקסטרעמיזם און, בײַ געוויסע באַדינגונגען, ווערן אַ מאַסנהאַפֿטער אָנשפּאַר פֿאַר די פֿאַשיסטן.

און דאָך איז דאָס געלונגען געשילדערטע געשטאַלט פֿון דעם ייִסראַעלדיקן „פּאַטריאָט" ניט די גרעסטע מײַלע פֿון כאַנאָך לעווינס פּיעסע. צום אונטערשייד פֿון זײַנע פֿריערדיקע פּיעסעס האָט דער דראַמאַטורג דאָס מאָל קאָנצענטרירט די גרונט-אויפֿמערקזאַמקײַט ניט אויף די גויראָלעס פֿון די העלדן, נאָר אויפֿן סאָציאַל-פּאָליטישן פּאָן פֿונעם סוזשעט. דער אווטאָר שילדערט דעם דאָזיקן פּאָן אין אַ גראָטעסק-סטיל און מיט בײַסיקער קריטיק. ער לאַכט אויס די גרויסהאַלטערישע אויפֿירונג פֿון די ייִסראַעל-רעגירער, וועלכע זײַנען אינדערעמעסן ניט מער ווי שיק-ייִנגלעך בײַ זייערע וואַשינגטאָנער באַלעבאַטים.

די פּיעסע האָט אַרויסגעבראַכט פֿון די קיילים די צענזור. די דיכטערן דאַליאַ ראַוויקאָוויטש האָט די סיבע דערפֿון דערקלערט אויף אַ פֿאָלגנדיקן אופֿן: „זיי קאָנען רויִק קוקן, ווי מע הארגעט אַראַבישע קינדער אויף דער וואָר, אָבער ניט אויף דער בינע".

אין אַן אַנדער שטעלונג פֿון דעם טעאַטער „נעווע-צעדעק", אין דער פּיעסע פֿון שמועל האַספּארי „דאָס יאָר 1984", איז אַרויסגעפֿירט אַ געשטאַלט, וועלכן מע קאָן מיט פֿולן גרונט אָנרופֿן „פֿאַשיסטאָיד" (דעם דאָזיקן טערמין האָט געלאָזט אין גאַנג דער פּראָפֿעסאָר יעשאַיאָהו לייבאָוויץ). שמועל האַספּארי פֿירט אַרויס אַ „מאָרעשכוירעדיקע, דערשלאָגענע מאַסע

---

[1] אַ שטאָט-טייל אין ניו-יאָרק, וואָס איז הויפּטזאַכלעך באַזעצט מיט ייִדן.

פרומע ייִדן, וועלכע שלעפּן זיך נאָך פּוסטריט נאָך „גוש-עמונים"[1]. פּונקט ווי נאָעמי שעמער[2] טראָגן זיי זיך ארום מיט אידייען וועגן אויסקויפן די זינד"[3].

נאָך איין טיפּ פון א פּאשיסטאָיד זעען מיר אין דער פּיעסע פון יאָסי האדאד „די קאָנטוזיע", וועלכע עס האָט אוועקגעשטעלט אַף דער בינע פונעם כײַפער שטאָטישן טעאטער דער רעזשיסער געדאַליע בעסער. איינער פון די פּערסאָנאזשן אין דער פּיעסע, א מיליטערישער פּסיכיאטער, וועלכער היילט א גרופּע קאָנטוזיעטע סאָלדאטן, שטעלט זיך ארויס פאר א מין אולטרא-פּאטריאָט. ער איז זיכער, אז א מילכאָמע פאריייניקט דעם אוילעם און צעמענטירט די ייִסראָעל-געזעלשאפט. אָבער אינגיכן ווערט קלאָר, אז אלע זײַנע טײַנעס וועגן „פּאטריאָטישן כיוון" און וועגן „דינען דעם פּאָטערלאַנד" זײַנען ניט מער ווי ווערטערשאָלעכץ. בײַס דער סינײַער מילכאָמע[4] איז ער אליין קאָנטוזיעט געוואָרן און אצינד באַדאַרף ער א נײַע מילכאָמע, קעדיי איבערלעבן א נײַע אופטרייסלונג און אַף אזא אויפן זיך אויסהיילן פון דער קאָנטוזיע.

אין דער פּיעסע פון כאַים מעריןן „דער בונקער", וועלכע אליין דער אוטאָר האָט אוועקגעשטעלט אין „האבימא", זעען מיר נאָך א פּערסאָנאזש, א פּארסאמטן פון שאָוויניזם און מיליטאריזם. דאָס איז א שול-לערער, וועלכער האוועט ארום צווישן די „קעמפער פאר אופשטעלן די רעכט אַף דער ערד פון די אָוועס".

א וואָרהאפטיק געשטאלט פון א „פּאטריאָט-אידעאליסט" האָט געשאפן דער שוין דערמאָנטער יאָסי האדאד אין דער פּיעסע „די פּליער". זי איז אופגעפירט געוואָרן אין טעאטער „נעווע-צעדעק". א געוועזענעם מיליטערישן פּליער האָט מען אויסגעשלאָסן פון די מיליטערישע לופט-קויכעס איבער א „קלייניקײַט". צופעליק האָט ער אראָפּגעוואָרפן באַמבעס ניט אַף א מיליטערישן אָביעקט, נאָר אַף א פרידלעכן אראבישן יישעוו. עס זעט אים אויס מאָדנע, וואָס פאר אזא „נישטיקן טאָעס" האָט מען אים באפרײַט פון דער ארמיי. געשען איז דער אינצידענט ניט אין לעוואן, נאָר אין דער צײַט פון דער סינײַער מילכאָמע. און אָט, שוין אין אונדזערע טעג קומט דער פּליער צו פאָרן אין איינער פון די לופט-טיילן, קעדיי אויסוואָרצלען צווישן זײַנע קאָלעגן „די צעקראָכנקײַט און פײַנשמעקערײַ". זיי זײַנען דערגאנגען אזוי ווײַט, אז זיי לייענען די לידער פון יעהודע אמיכײַ[5]. דער אלטער לופטשפּארבער טײַנעט, אז ס'איז שוין לאנג צײַט, די ייִסראָעל-ארמיי זאָל ווערן א „פּראָפעסיאָנעלע". דער אָנדײַט איז קלאָר: הארגענען — דאָס איז א פּראָפעסיע, צו וועלכער מע טאָר ניט צולאָזן קיין „דילעטאנטן". מעגלעך, אז דאפקע די דאָזיקע דײַגע האָט אים געשטויסן צו באשעפטיקן זיך מיט געווער-האנדל און אָנקניפּן ענגע פארבינדונגען מיט אמעריקאנער קאָמפּאניעס, וואָס פּראָדוצירן געווער. ער זאָרגט זיך פאר די פּליער פּונקט אזוי, ווי א גוטער באלעבאָס זאָרגט זיך פאר זײַנע פאשע-פי. ס'איז קעדײַ אָפּצומערקן, אז אָט דער פּליער טיילט זיך אויס צווישן די אנדערע „פּאטריאָטן", וועלכע מיר האָבן געזען אַף דער בינע. ער איז ניט קיין קליינבירגער, ער שטייט באם אורקוואל פון פּאשיזירונג. ער איז איינער פון די אקטיווע טרעגער פון דער דאָזיקער דערשײַנונג.

אדאנק די פּיעסעס און פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבן זיך באוויזן אין דער לעצטער צײַט, איז דאָס געשטאלט פון דעם טיפּישן נאציאָנאליסט בײַסיק אויסגעלאכט און אופגעדעקט געוואָרן. ס'איז פון אים אראָפּגעפאלן דער פּסעוודאָפּאטריאָטישער שלייער, און ער איז אופגעשטאנען פארן ייִסראָעלדיקן צושויער א נאקעטער.

די געפאר פון פאשיזירונג

אין יעסאָד פון די פּראָבלעמען, וועלכע דער טעאטער הייבט אוף, ליגט דאָס ניט ווילן פון דער יוגנט שאָלעם צו מאכן מיט נײַע מילכאָמעס. די דראמאטורגן באנוגענען זיך ניט דערמיט. זיי וואָרענען, אז אין רעזולטאט פון דער מילכאָמע-אטמאָספער ווערט אלץ שטארקער די סאקאָנע צו פאשיזירן די ייִסראָעלדיקע געזעלשאפט. די דאָזיקע סאקאָנע

[1] אן עקסטרעמע נאציאָנאליסטישע אולטרא-רעאקציאָנערע רעליגיעזע גרופּירונג, וואָס טרעט ארויס פאר גאנץ ערעץ-ייִסראָעל אין די טאנאכישע גרענעצן.

[2] א רעאקציאָנערע ייִסראָעלדיקע פּאָעטעסע.

[3] א לאָזונג פון די אולטרא-רעכטע ציוניסטן-רעוויזיאָניסטן אין די צײַטן פון דעם בריטישן מאנדאט אַף פּאלעסטינע. די יאָרשים פון זייער אידעאָלאָגיע אין ייִסראָעל זײַנען די פּארטיי „כערוט" און דער בלאָק „ליקוד".

[4] די דרײַענדיקע אגרעסיע אין 1956 יאָר קעגן עגיפּעט.

[5] א הײַנטצײַטיקער ייִסראָעלדיקער דיכטער. דער אוטאָר פון א ריי אנטימילכאָמע-לידער.

רופט ארויס א וואקסנדיקן פּראָטעסט מיצאד די ברייטסטע קרײַזן. דער גרויליקער אָנדענק וועגן פאשיזם איז נאָך פריש אין די הערצער פון א סאך יִשׂראָעל־בירגער, און די רעציכעס, וועלכע זײַנען באגאנגען געוואָרן אין ביירוט, סאברא, שאטילא, זײַנען ענלעך אף די רעציכעס פון די היטלער־טאליאָנים. דעריבער איז ניט צופעליק, וואָס גראָד אין די טעג, ווען יִשׂראָעלדקע אעראָפּלאנען האָבן געוואָרפן באָמבעס אף ביירוט, איז געגאַן מיט אזא דערפאָלג די פּיעסע פון ס. טיילאָר „דער אָרנטלעכער". איר העלד, דער דאָקטער האלדער, איז א פאָשעטער דײַטש, וועלכער איז פארבלענדט פון דער נאציסטישער פּראָפּאגאנדע און איז געוואָרן א פאשיסט. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פונעם יִשׂראָעלדיקן טעאטער האָבן די צושויער דערזען אין דער אייגענער געזעלשאפט פּראָטאָטיפּן ניט פון „ייִדישע קאָרבאָנעס", נאָר פון „נאציסטישע ראָצכים". ס'ראָוו צושויער האָבן דערפילט, אז אויך זיי דערוואַרט דער גויראל פונעם דאָקטער האלדער, אויב מע וועט ניט אופהערן צו פארסאמען די יִשׂרעיילים מיטן גיפט פון שאָוויניסטישער פּראָפּאגאנדע.

אין דער פּיעסע „דאָס יאָר 1984" ווערט ארויסגעפירט דער אָקופּאנט לייבאָ. דער דאָזיקער טיפּ פארלאָזט זיך בלויז אף ברוטאלן קויעך. זײַנע פרײַנט האָבן אים א נאָמען געגעבן „טארזאן". צו איינעם פון זיי ווענדט ער זיך מיט פאָלגנדע ווערטער: „דו גלייבסט אין גאָט, און איך גלייב אין די באָדנס. דײַן טאלמוד דארף קיינער ניט, ביקסן דארף מען! אָנשטאָט דער ביבל דארף יעדערער האָבן א ביקס". אזא איז דער סימבאָל פונעם גלויבן פון דעם מאָשאוווניק, וועלכער זעט אויס אין די אויגן פון זײַנע כאוויירים ווי א מוסטער פון „א נײַעם ייִד", ווי אן „עכטער מאנצבל", אן „אריער", אן עמעסע „בלאָנדע בעסטיע". ער אליין האלט זיך פאר א מענטש פון דער „העכסטער ראסע", וועלכע די שאָוויניסטן פון קאָלערליי קאָלירן סטארען זיך קולטיווירן אין יִשׂראָעל.

אין טאָך גענומען, סיגנאליזירן אלע אָן אויסנאַם פּאָליטישע פּיעסעס וועגן דער רעאלער סאקאָנע פאר דער יִשׂראָעלדיקער געזעלשאפט פארוואנדלט צו ווערן אין א געזעלשאפט פון טעמפקעפיקע. אזעלכע זײַנען די שטעלונגען „זיי", „די באלוינונגס־צערעמאָניע", „דער 1־טער אָפּטייל פון דעם 3־טן ווזוואָד" און אנד. דאָס איז אָן סאָפעק א פּאָזיטיווע דערשײַנונג. מיטן מויל פון די דראמאטורגן רעדט דער געוויסן פון אן אנדער יִשׂראָעל, פון יענעם יִשׂראָעל, וואָס וואָרנט וועגן דער געפאר פון דעהומאניזאציע, וועגן דער געפאר אײַנצושטעלן אינעם לאנד א פאשיסטישן רעזשים, וועלכער זאָל אויסער אלץ, אָן וואקלונגען שיקן די יוגנט אף אומקום.

דאָס ניט אויספּילן באפעלן

דער אנטימילכאָמע־פּראָטעסט שפּיגלט זיך אָפּ אויך אין דעם, וואָס עס טרעפן פאלן, ווען סאָלדאטן זאָגן זיך אָפּ אויסצופּילן באפעלן פון די קאָמאנדירן. אויספּילן אָדער ניט דעם מיליטערישן באפעל — דאָס איז א פראגע, וועלכע שטייט איצט זייער שארף. רוביק, ווי מיר ווייסן, האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט ארויסצופליִען לויטן באפעל, אָבער זײַן עראָפּלאַן איז אראָפּגעפאלן אין יאַם. און גידי, אין קעגנזאַץ, האָט זיך „אויסגעלערנט שווימען".

אין דער פּיעסע פון כאַים מערין „דער בונקער" (אין „האבימא") האָט יִצכאָק זיכערמאן איגנאָרירט דעם באפעל צו פארלאָזן דעם בונקער און גיין אין אטאקע. ס'איז, עמעס, ניט קלאָר, וואָס עס האָט אים געצוווּנגען דאָס צו טאָן, אָבער דער דראמאטורג שטרײַכט אונטער, אז ער איז אין אטאקע ניט אוועק, ניט געקוקט דערויף, וואָס זײַן שול־לערער קאַטינא פלעגט אים אײַנדויבען אין קאָפּ נאציאָנאליסטישע פּאָרורטיילן, — קליימערשט יִצכאָק זיכערמאן שטעלט מיט זיך פאָר א טיפּ פון א „נײַעם ייִד", פון א „שטארקן ייִד" לעהייפעך צו יענע שוואכע און דערשלאָגענע ייִדן, וועלכע מע האָט אין פארלויף פון פיל יאָרהונדערטער אונטערדריקט אין די גאָלעס־לענדער. ער האָט אפילע ניט געפאָלגט דעם טאטן, וועלכער האָט איבערגעלעבט די גרוילן פונעם פאשיזם און האָט איצט געהייסן דעם זון „זיך נויקעם זײַן אין אלע גאָיִם".

אויך יעהאָשוע לעווי — א שאָפער פון א לאסט־אווטאָ, אין דער פּיעסע „די קאָנטוזיע" האָט אָפּגעזאָגט זיך אויסצופּילן א מיליטערישן באפעל און איז אנטלאָפן פון שלאכטפעלד. ער האָט געהאָפט, אז ווען־ניט־איז וועט מען פארשטיין, פארוואָס ער וויל זיך ניט אויסהיילן פון דער קאָנטוזיע. ווער איז גערעכט, — דער, וואָס גייט אײַן אף אן ענדלאָזער מילכאָמע, אָדער דער, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו גיין? די דאָזיקע פראגע ווערט געשטעלט סײַ אין „די פליִער", סײַ אין „דאָס יאָר 1984".

סיכסוכים ארום אידעאָלאָגישע פראַגן

אין אַלע אויסגערעכנטע פּיעסעס זײַנען פֿאַראַן מאַכשאָוועס וועגן דער צוקונפֿט פֿון ייִסראָעל, וועגן דעם, וווהין עס פֿאַרפֿירט די פּאָליטיק פֿון די הערשנדיקע קרײַזן.

וואָס איז אַזוינס ייִסראָעל: אַ נעבעכדיקער מעשאָרעס באַם אָנקל סעם, ווי ס׳איז געשילדערט אין דער פּיעסע „דער פּאַטריאָט", אָדער עפּשער אַ מעדינע — אַ קאַזאַרמע אין גײַסט פֿון די טעאָריעס פֿון יאַקאָב-פֿראַנק פֿון דער פּיעסע „דאָס יאָר 1984", וועלכער פֿאַרטיידיקט „דאָס רעכט פֿון דער שווערד"? דאָס איז אַ ביז גאָר שאַרפֿע פֿראַגע, און אַן ענטפֿער אויף איר דאַרף מען זוכן ניט נאָר אין דער פּאָליטיק, נאָר אויך אין דער אידעאָלאָגיע.

אַלס בײַשפּיל פֿון אַזאַ אידעאָלאָגישער דראַמע קאָן דינען יעהאָשוע סאָבאָלס „די ייִדישע נעשאָמע" אין דער שטעלונג פֿונעם כײַפֿער שטאַטישן טעאַטער. די דאָזיקע פּיעסע איז אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס איר העלד אָטאָ ווײַנינגער קריטיקירט דעם הײַנטצײַטיקן ציִעניזם, אָבער ער טוט עס אויך פֿון ציִעניסטישע פּאָזיציעס. ווײַנינגערס וועלט-אָנשויונג איז אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דער צעררודערטקײַט פֿון יעהאָשוע סאָבאָלן גופֿע, וועלכער קאָן זיך ניט אַרויסרײַסן פֿון דעם פֿאַרקישעפֿטן קרײַז פֿון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע. באַם העלד פֿון דער פּיעסע איז אַ ניהיליסטישער צוגאַנג צום ציִעניזם, און זײַנע אידעאָלאָגישע קאָנצעפּציעס ווערן געבויט אויף אַ געמיש פֿון פּסיכאָאַנאַליז, אַנטיסעמיטיזם און שטענדיקער מוירע, וועלכע פּײַניקט קעסיידער די נעשאָמע פֿון אַ באַליביקן קלײנבירגער. מיט ווײַנינגערס מויל דערציילט יעהאָשוע סאָבאָל וועגן דעם, ווי שעדלעך עס איז די פּראַקטיק פֿונעם הײַנטיקן ציִעניזם.

ווײַנינגער זאָגט: „דער ציִעניזם פֿריידיקט אידייען, וועלכע זײַנען אינגאַנצן און דורכויס פֿײַנטלעך דעם ייִדנטום. קעדיי אויף דער פּראַקטיק פֿאַרווירקלעכן דעם ציל פֿונעם ציִעניזם, דאַרף מען בײַקומען דאָס ייִדנטום אין זיך גופֿע, פּאָטער ווערן פֿון דעם איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל. איר האָט עס ניט דערגרייכט. ס׳איז צו באַוווּנדערן, וואָס דאָס ייִדנטום אין אײַך האָט געגומען דעם אויבנאָן איבערן ציִעניזם. דאָס וועט אײַך אומברענגען".

און פֿונדעסטוועגן שווימט אויף די פֿראַגע: פֿאַרוואָס, קריטיקירנדיק דעם ציִעניזם, רופֿט סאָבאָל צו הילף ווײַנינגערן? צוליב וואָס האָט מען באַדאַרפֿט מאַכן פֿאַר אַ סימבאָל פֿון דער „ייִדישער נעשאָמע" די נעשאָמע פֿון אַ קלײנבירגער, וועלכער האָט ניט לאַכלוטן קיין נאַציִאָנאַלע אייגנשאַפֿטן?

סאָבאָלס פּיעסע, אין וועלכער דער אוטאָר, פּונקט אַזוי ווי אַלע ציִעניסטן, רופֿט זיך אָפּ מיט ביטל וועגן די ייִדן אין גאָלעס און וועלכע פֿאַרמאָגט אַ גאַנצע ריי בלויזן, וואָס קו-מען פֿון זײַן ציִעניסטישער וועלט-אָנשויונג, שפּיגלט דאָך אָפּ וואָראַהאַפֿטיק די אַנטוישונג און אומצופֿרידנקײַט פֿון די ייִסרעילים סײַ מיט דער אידעאָלאָגיע פֿונעם ציִעניזם, סײַ מיט דער פּאָליטיק פֿון זײַנע לידערס.

אידעאָלאָגישע פֿראַגן ווערן באַריִרט אויך אין דער פּיעסע פֿון שמועל האַספּאַרי „די געטלעכע אַנטפּלעקונג זעקס אַזיגער אין אָוונט" (אין ירושאָלאַיִמער טעאַטער „כאַן"). דאָ ווערן קריטיקירט די רעליגיִעזע רעדלפֿירער, זייער שעדלעכע טעטיקײַט. דער אוטאָר באַשולדיקט די ראַבאָנים, אַז זיי שטרעבן אויסצונוצן די רעליגיע, ווי די האַק פֿון אַ טאַליען, קעדיי קעפּן די אַנדערש-דענקענדיקע.

„מיר" און „זיי"

אונדזער איבערזיכט וואָלט געווען ניט קיין פֿולער, ווען מיר וואָלטן ניט באַריִרט אַזאַ אָנגעווייטיקטע פֿאַרן ייִסראָעלדיקן פּאָליטישן טעאַטער טעמע ווי די צווישנבאַציִונגען פֿון די ייִדן מיט די פּאַלעסטינער אַראַבער. זי ווערט באַהאַנדלט אין „דער פּאַטריאָט", „דער בונקער", אָבער באַזונדערס געניי אין דער פּיעסע „זיי", וועלכע ס׳האָט אָנגעשריבן אַ גרופּע אַקטיאָרן — אַראַבער און ייִדן — און אוועקגעשטעלט זי האָט אַ. טשײַקין אין טעאַטער „נעווע-צעדעק". צוערשט קאָן זיך דאַכטן, אַז די פּיעסע איז ניט מער ווי אַ געוויינלעכער שמועס צווישן ייִדן און אַראַבער... אָבער נאָכדעם ווערט קלאָר, אַז דאָס איז אַ צוזאַמענ-שטויס פֿון צוויי גרופּעס מענטשן, וועמענס שטאַנדפּונקטן אויף דעם, וואָס עס קומט פֿאָר, זײַנען דיאַמעטראַל-קעגנזעצלעכע. ביז גאָר אויסדריקלעך ווערט באַוויזן, אַז לעגאַבע די אַראַ-

בער איז באַגאַנגען געוואָרן אַ גרויליקע אוולע. די אַראַבישע פּערסאָנאַזשן לעבן אָפּסניי איבער אויף דער בינע די דערשיטערונג, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט בײַס די לופט-אָנפאַלן אויף ביירוט. עס באַאומרויִקט זיי דער גורל פון זייערע קרוי-ווים, וועלכע וווינען אין אָט דער שטאָט, דער גורל פון די יִדישע פרײַנט און באַ-קאַנטע, וועמען מע האָט אוועקגעשיקט אויף דער מילכאָמע קעגן ליוואַן. אין דער פּיעסע זײַנען אַרויסגעפירט איבערצײַגעוודיקע געשטאַלטן סײַ פון פּאַלעסטינער, וועלכע שטרעבן צו שאַפן אַן אייגענע מעלוכע, סײַ פון יִיסראָעלדיקע אַראַבער, וואָס געהערן צו דער יִיס-ראָעל-געזעלשאַפט און שפּילן אין איר אַ וויכטיקע ראָל.

די טעמע אַן און פאַר זיך פאַרדינט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. דאָ וועלן מיר זיך בלויז באַגרענעצן מיט אייניקע באַמערקונגען איבער אַ ריי אַספּעקטן. הײַנט קאָן מען שוין ריידן וועגן אַ באַדײַטנדיקער צאָל געשטאַלטן פון אַראַבער אויף דער יִיסראָעלדיקער בינע. ס'איז פאַראַן נאַיִם — פון דער פּיעסע מיטן זעלבן נאָמען, וועלכע ס'האָט געשטעלט דער כײַפער שטאָטישער טעאַטער. דאָס איז אַן אַראַבישער יוגנטלעכער, וואָס סטאַרעט זיך געפינען זײַן אָרט אין דער יִיסראָעלדיקער געזעלשאַפט. ס'איז פאַראַן אַן אַראַביש יִינגעלע פון דעם פּליטים-לאַגער באַלאַטאַ, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו עסן זיסוואַרג, קעדיי צונויפקלײַבן געלט און קויפן אַ ביקס, — אין דער פּיעסע „זיי”. ס'איז פאַראַן אַן אַראַבישער אַדוואָקאַט, וועמענס זעלבסטווירדע עס קאָנען ניט צעוואַקלען קיין שום דיסקרימינאַציע-אַקטן מיצאַד די מאַכט-אָרגאַנען, — אין דער פּיעסע „דער 1-טער אָפּטייל פון דעם 3-טן ווזוואָד”. עס זײַנען פאַראַן פּאַלעסטינער פּאַרטיזאַנער פון דער פּיעסע „די פּליטע” אינעם טעאַטער „כאַן”, וועלכע זײַנען גרייט אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר זייערע נאַציאָנאַלע אידעאַלן. און, ענדלעך, אין דער פּיעסע „דער פּאַטריאָט” איז פאַראַן אַ געשטאַלט פון אַן אַראַבער, וואָס איז אַזאַ פאַרשטויסענער און דערשלאָגענער, אַז ער זעט אויס ווי אַ פאַרקריפּלטע קאַריקאַטור. אַזוי אַרום, איז דער רעפּערטואַר באַרײַכערט מיט אַ היפּשער צאָל כאַראַקטערן פון אַראַבער. קיין פּרימיטיווע סטערעאָטיפּן זײַנען ניטאָ.

באַזונדערס ווערטפול איז דאָס, וואָס אייניקע דראַמאַטורגן האָט זיך אײַנגעגעבן וואָר-האַפטיק און איבערצײַגעוודיק באַווײַזן די אַכזאָריעסדיקע דיסקרימינאַציע קעגן דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין יִיסראָעל און אויף די אָקופּירטע שטאָכים מיצאַד די מאַכט-אָרגאַנען. אין דער פּיעסע „דער 1-ער אָפּטייל פון 3-טן ווזוואָד” פון צאַליק וואָלינעץ (אין טעאַטער „נעווע-צעדעק”) האָט מאַקראַם כורי מיט אַ באַזונדערן קויעך און וואָרהאַפטיקײַט באַוויזן דעם מאָראַלישן פּאָרצוג פון אַ פּאַלעסטינער איבער די פאָרשטייער פון דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג, וועלכע באַליידיקן זײַן מענטשן-ווירדע.

די יִידן אין די פּיעסעס זאָגן אַרויס פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן אויפן אַראַביש-יִיסראָעלדיקן קאָנפליקט. דער צושויער טרעפט זיך מיט אַ ברייטן פּאָליטישן ספּעקטער געשטאַלטן, אָנהייבנדיק פון אַן אײַנוואַנדערן, אַ פאַרביסענער נאַציאָנאַליסטקע, און ביז דעם פּראָפעסאָר לייבאָוויץ, וועלכער דריקט אויס שטימונגען פון די יִיסראָעלדיקע שאָלעם-אָנהענגער. אין דער פּיעסע „זיי” איז אָנגעמערקט דער וועג פון „זיי” צו „אונדז”. דאָס זאָגט אײדעס וועגן דער קעגנזײַטיקער קאַוואָנע פון די צדאָדים, טראָץ דער טראַגישער קאָנפראָנטאַציע, צו אָנערקענען דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ פון ביידע צדאָדים. אין דער פּיעסע קלינגט אַ פלאַמיקער רוף: „גענוג שוין האַרגענען און דערהאַרגעט ווערן!” דער טעאַטער „נעווע-צעדעק” האָט געגעבן דעם יִיסראָעלדיקן צושויער אַ זעלטענעם שאַנס זיך באַקאַנען מיט דער פּאַלעסטינער דראַמאַטורגיע, דורכפירנדיק „אַ וואָך פונעם פּאַלעסטינער טעאַטער”. אין די ראַמען פון דער וואָך האָט דער אַנסאַמבל „אַל כאַקאַוואַטי” באַוויזן עטלעכע פּיעסעס, וועלכע האָבן אונדז באַקאַנט געמאַכט מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אויף די אָקופּירטע שטאָכים און אין די נעשאָמעס פון זייערע אײַנוווינער.

צי איז שעדלעך „איבעריקער רעאַליזם”?

אין אונדזער איבערזיכט איז די גרונט-אויפמערקזאַמקײַט אָפּגעגעבן געוואָרן דעם אַנאַליז פונעם אינהאַלט פון די פּיעסעס, און ניט דעם קינסטלערישן ניוואָ. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דער אינהאַלט פונעם רעפּערטואַר שפּילט די שליסל-ראָל אין קאַמף פונעם טעאַטער פאַר פאַרבעסערן די יִיסראָעל-געזעלשאַפט. די קינסטלערישע ווערט פון די פּיעסעס האָט אָבער אויך אַן ערשטראַנגיקע באַדײַטונג — דאָס זײַנען דאָך קונסט-ווערק און ניט קיין פּראָפּאַגאַנדיסטישע מאַטעריאַלן. אין פאַרבינדונג דערמיט שווימט אויף אַ פּראַגע: צי העלפט אַזאַ איבערפלוס פון פּיעסעס אויף פּאָליטישע טעמעס דער אַנטוויקלונג פון

דער ייִשׂראֵלדיקער סצענישער קונסט אָדער, פאַרקערט, די אומגעהייערע פּאָליטיזאַציע פון דער דראַמאַטורגיע, וועלכע נוצט זיך מיט א באַגרענעצטער צאָל שילדערונגס-מיטלען און שטעלט פאַר זיי ניט קיין פאַרווײַלונגס-אויפגאַבן, פּירט צום אַראָפּנידערן איר אַלגעמיינעם ניוואָ?

פאַראַן קריטיקער, וועלכע באַהויפּטן, אַז דעם ייִשׂראֵלדיקן טעאַטער דראָעט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין א „פּאָליטישן פּלאַקאַט", ער „דעגראַדירט" אין רעזולטאַט פון דער אַרײַנדרינגונג פון „טיפּן רעאַליזם" אויף דער בינע. לויט זייער מיינונג, דאַרפן די שטעלונגען זײַן „פּאַשעטער", ניט אַזוי אָפּנהאַרציק — עפּעס-וואָס אין גײַסט פונעם אַבסורד-טעאַטער, אָדער פון די פריִיִקע פּיעסעס פון כאַנאָך לעווין. „דער פּאַטריאָט" איז פאַר זיי א צו רעאַליסטישע פּיעסע. זי שפּיגלט אָפּ די ווירקלעכקייט מיט אַן איבעריקער מאָס אופריכטיקייט.

אַזא צוזאַנג, פון וועלכן עס ווייעט מיט סנאָביזם, האַלט ניט אויס קיין ערנסטע קריטיק. א טעאַטער קאָן דאָך נישט ניט רעאַגירן אויף די געשעענישן, וואָס קומען פאָר. פּונקט ווי א סייסמאָגראַף, רעגיסטרירט ער די מינדסטע וואַקלונגען פון די שטימונגען אין דער געזעלשאַפט. די איבערוועגנדיקע מערהײַט דראַמאַטורגן אין ייִשׂראֵל שרײַבן פּיעסעס אויף דער טעמע פון מילכאָמע און אָקופּאַציע. אויף דער טעמע פון דער האַסטיקער דעגראַדירונג פון דער ייִשׂראֵלדיקער געזעלשאַפט, און לאַכלוטן ניט דערפאַר, ווײַל איבער וועלכע-ניט-איז סוביעקטיווע סיבעס זײַנען די דאָזיקע טעמעס זיי געפעלן מער פון אַנדערע, נאָר ווײַל אָביעקטיוו זײַנען עס די סאַמע צאַפּלדיקע טעמעס, וואָס וויכטיקער פון זיי זײַנען ניטאָ און קאָנען ניט זײַן דערפאַר, ווײַל זיי באַרירן די פּראָבלעמען פון דער צוקונפט פון ייִשׂראֵל.

אָבער ווי, פונדעסטוועגן, האַלט עס מיט דער קינסטלערישער ווערט פון די טעאַטראַלע שטעלונגען? — קאָן פרעגן א קריטיקער, ווען מען עס באַאומרויִקט דער פאַקט, וואָס די קלאַסישע פּיעסעס, די שעדעווערן פון דער וועלט-דראַמאַטורגיע, האָבן פאַרלוירן זייער אַמאָליק אָרט אויף דער ייִשׂראֵלדיקער טעאַטראַלער בינע. ניט שוין זשע וועט די טעאַטראַלע טעטיקייט פאַרוואַנדלט ווערן פון א קולטור-דערשײַנונג אין א פּאָליטיש מאָסמיטל? — קאָנען פרעגן די אָנהענגער פון עסטעטיזם.

קעדיי ענטפערן אויף אַזעלכע פראַגעס, דאַרף מען אויסמײַדן גראַדליניקײַט, דאָס ווענדן זיך צו דער אַקטועלער טעמאַטיק ווערט ניט שטענדיק באַגלייט מיט הויכער קינסטלערישער ווערט פון די שטעלונגען. מע קאָן אָנרופן ניט ווייניק פּיעסעס, וועמענס אינהאַלט אַנטשפּרעכט ניט זייער קינסטלערישן ניוואָ. אַזוי, לעמאָשל, זײַנען אין „דער בונקער" פון כאַיִם מערין און אין „די קאַנטוזיע" פון יאָסי האַדאַד פאַראַן פּיל בלויזן. עס איבערצײַגן ניט, לעמאָשל, די איבערלעבונגען פון די פּערסאָנאַזשן. צומאָל זײַנען סכעמאַטיש אָנגעצייכנט אפילו די הויפּט-העלדן.

עס זײַנען אָבער פאַראַן עטלעכע פּיעסעס, וועלכע אַנטשפּרעכן די שטרענגסטע קריטעריעס. דאָס זײַנען „דאָס יאָר 1984", „די ייִדישע נעשאָמע", „דער פּאַטריאָט" און אייניקע אַנדערע. קוקנדיק די דאָזיקע פּיעסעס, באַקומען די צושויער אַן עמעסן פאַרגעניגן. די אַקטועלקייט פונעם אינהאַלט קאָאָרדינירט זיך מיט א פײַנער ליטעראַרישער פאָרם.

מע דאַרף אויך האָבן אין זינען, אַז דער פּאָליטישער טעאַטער גייט איבער ניט קיין דורכגעטראָטענעם וועג, איבער א וועג פון זוכונגען און טאָעסן, אויף וועלכע עס דערוואַרטן אים סײַ באַשײַמפּערלעכע דערפאָלגן, סײַ אומפאַרמײַדלעכע מאַנגלען. א פאַרדינסט פון די דראַמאַטורגן און רעזשיסערן איז דאָס, וואָס זיי זוכן שטענדיק נײַע שילדערונגס-מיטלען. באַזונדערס דאַרף דאָ אויסגעטיילט ווערן דער רעזשיסער אָדעד קאָטלער, וועלכער איז באַוווסט געוואָרן לויט די שטעלונגען „דער פּליִער" און „דער פּאַטריאָט". ער האָט אָן שום סאָפעק אַרײַנגעטראָגן א וויכטיקן צושטײַער אין פאָרמירן און אַנטוויקלען דעם פּאָליטישן טעאַטער.

אין פּאָליטישן טעאַטער האָבן דעבוטירט צוויי אָן שום סאָפעק פעיִקסטע הײַנטצײַטיקע דראַמאַטורגן — כאַנאָך לעווין און יעהאָשוע סאָבאָל. זייער שעפערישער וועג דערווײַזט אָנשוילעך, אַז עס האָבן ניט קיין גרונט די אַרויסזאָגונגען פון אייניקע קריטיקער וועגן דעם, אַז עס דראָעט א יערידע דעם ייִשׂראֵלדיקן טעאַטער אין רעזולטאַט פון זײַן סאָציאָלאָגיזאַציע און „איבעריקן רעאַליזם".

די קריטיק האָט זיך קעסיידער באַקלאָגט אויף יעהאָשוע סאָבאָלן פאַר דעם, וואָס זײַנע פּיעסעס „לײַדן פון א מאַנגל פון פּסיכאָלאָגיזם און צופּיל רעאַליזם". מיט דער זעלבער קאַטעגאָרישקייט פלעגן קריטיקער אָפּוואַרפן סאָבאָלס זעלבשטענדיקע פּרוּוון צו געפינען די וואָרצלען פון די פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען געשטאַנען פאַר דער ייִשׂראֵל-געזעלשאַפט.

גאָך אין דעם מאַנדאַט-פּעריאָד (עס האַנדלט זיך וועגן דער דראַמאַטישער טרילאָגיע אין „האבימא", געווידמעט דער געשיכטע פֿון דער מישפּאָכע קאַפּלאַן). דעם עמעס געזאָגט, איז די דאָזיקע טרילאָגיע געווען אַ גאַנץ שוואַכע. דאָס איז אָבער געווען אַן ערשטער פּרווו, אָן וועלכן ס'וואָלט ניט געקאָנט קומען אויף דער ליכטיקער וועלט „די יידישע נעשאָמע" — אַ פּיעסע, וואָס איז אַן סאָפּעק אַ שעפֿערישער דערפֿאָלג פֿון יעהאָשוע סאָבאָלן. זי האָט אַרויסגערופֿן פּאָזיטיווע אָפּקלאַנגען אַפֿילע אויף אַזאַ אויטאָריטעטן צווישנפֿעלקערלעכן טעאַטראַלן פֿאָרום, ווי דער עדינבורגער פֿעסטיוואַל.

ס'איז קעדײַ אָפּצומערקן נאָך איין אומשטאַנד: די, וואָס זײַנען ניט צופֿרידן מיט דער צו שטאַרקער, לויט זייער שטאַנדפּונקט, אַקטואַליזאַציע פֿון דעם ייסראָעלדיקן טעאַטער, אויס מוירע, אַז זײַן קונסט זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּאָליטישן פּלאַקאַט, דאַרפֿן ניט פֿאַרגעסן, אַז גראָד אין רעזולטאַט פֿון אַזאַ אַקטואַליזאַציע איז אין 1967 געבוירן געוואָרן אין ייסראָעל דער נײַער אָריגינעלער און ענערגישער טעאַטער. מע דאַרף ניט צוזאַמען מיטן וואַסער אַרויספּליעסקען דאָס קינד. די קריטיק האָט דאָס רעכט צו פֿאָדערן פֿון דער דראַמאַטורגיע אַ שטענדיקן וווּקס פֿון דעם קינסטלערישן ניוואָ. זי דאַרף אָבער אין קיין פֿאַל ניט פּרוּוון אָפּצורײַסן דעם טעאַטער פֿונעם לעבעדיקן קוואַל, וועלכער שפּײַזט און סטימולירט אים, — פֿון דעם לעבן.

די קריטיק פֿון לינקס

וואָס פֿאַר אַ זין האָט צו זען, ווי מע שיסט אין מענטשן און גיסן דערבײַ קראָקאָדיל-טרערן? — אַזעלכע אַרויסזאָגונגען קאָן מען הערן פֿון די לינקיסטן, וועלכע סטאַרען זיך פֿאַרבײַטן די ליטעראַרישע דיסקוסיע אויף אַ ריין פּאָליטישער. זיי האַלטן, אַז אין די פּיעסעס, וואָס ווערן אַרויסגעטראָגן אויפֿן אורטייל פֿון די צושויער, איז ניט באַפֿרידיקנדיק די פּאָליטישע אָנגלייונג. זיי ווילן, אַז וועגן אַלץ זאָל גערעדט ווערן קאַטעגאָרישער, „אָן דיסקוסיעס".

העיויס די דראַמאַטורגיע גיט ניט און קאָן ניט געבן קיין גרייטע לייזונג פֿון אַלע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פֿאַר אונדזער געזעלשאַפֿט און זי איז בלויז אַ פֿאָרם פֿונעם אויסדרוק פֿון פּראָטעסט און אַנטוישונג, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט די סאַמע ברייטע מאַסן, קומען אייניקע קריטיקער צו אַן אויספֿיר, אַז אין טאָך שפּילט דער פּאָליטישער טעאַטער די ראָל פֿון אַ קלאַפּאַן, וואָס לאָזט אַרויס דעם איבעריקן דאַמף און שוואַכט אָפּ אויף אַזאַ אויפֿן דעם דאָזיקן פּראָטעסט. „וויינען, נאָר סיייוי שיסן אין מענטשן — אַזאַ איז דער סטערעאָטיפּ פֿון דער אויפֿירונג, וואָס עס פֿאַרפּלאַנצט דער פּאָליטישער טעאַטער". — זאָגן זיי. דער פּראָטעסט באַגרענעצט זיך, אויף אַזאַ אויפֿן, מיט די פּאָרמען, וועלכע זײַנען פּונקט צום האַרצן דעם הערשנדיקן רעזשים.

אַזאַ קריטיק סטאַרעט זיך אַרויסגעבן דאָס געוווּנטשענע פֿאַר רעאַליטעט. אירע אָנהענגער נעמען ניט אין אַכט, אַז אַ קאַמף-סיטואַציע אין דער קונסט איז אַ קאָמפּליצירטע און פֿילאַרטיקע דערשײַנונג, וואָס איז ניט אָפּהענגיק פֿון די סוביעקטיווע קאַוואָנעס פֿון דעם אָדער יענעם מענטשן. בעהאַדראָגעדיק באַווײַזן זיך אַלץ מער באַדײַטונגספֿולע ווערק, וועלכע שפּיגלען אָפּ די טיפֿע טענדענצן אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייסראָעלדיקער געזעלשאַפֿט. דאָס קומט פֿאָר ניט מאַכמעס ווּעמענס-ניט-איז סוביעקטיווע קאַוואָנעס, נאָר מאַכמעס אַן אָביעקטיווער היסטאָרישער נויטווענדיקייט. און מע קאָן בלויז ווינטשן, אַז מער אַזעלכע ווערק זאָלן זיך באַווײַזן, און מע דאַרף העלפֿן, זיי זאָלן געשאַפֿן ווערן. דערבײַ איז נאַיוו אונטערצוטראָגן גרייטע לייזונגען, וויאַזוי אַרויסצוגיין פֿון דעם קריזיס, וועלכן זיי שפּיגלען אָפּ.

אונטערציענדיק דעם סאַכאַקל, קאָן מען זאָגן, אַז אין די לעצטע סעזאָנען האָבן אין ייסראָעלדיקן טעאַטער זיך פֿאַרשטאַרקט אַזעלכע פּאָזיטיווע טענדענצן, ווי דאָס ווענדן זיך צו די סאַמע אָנגעווייטיקטסטע פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פֿאַר ייסראָעל, די שטרעבונג אויפֿצודעקן די פֿאַלשע אידעאַלן און נאַציאָנאַליסטישע מיפֿן.

„אַראַכים" נום. 1, 1984 (פֿעווראַל) — טעאָרעטישער אָרגאַן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ייסראָעל.

■

אונדזער געגנט אינ שפּיגל

פונ דער אויסלענדישער פּרעסע

פאַקטנ זאָגנ אײדעס

וועגנ אונדזער געגנט האָבנ געשריבנ און שרײַבנ פיל צײַטונגענ און זשורנאַלנ פונ דער וועלט. צווישנ די פובליקאַציעס זײַנענ פאַראַנ בעקיוונ רעכילעסדיקע, וועלכע פאַרקריפּלענ אונדזער סאָוועטישע ווירקלעכקײַט, אינ אויכ אזעלכע, אינ וועלכע עס ווערט געגעבנ אינ גרונט גענומענ, א ריכטיקע אָפּשאַצונג דער געשיכטע, דער שטעלונג און אַנטוויקלונג פונ דער ערשטער אינ דער וועלט מעלוכישער אויסבילדונג פינ די אַרבעטנדיקע יידנ.

א ספּעציעלער נומער, געווידמעט אונדזער געגנט, האָט צוגעגרייט דער איטאַליענישער זשורנאַל „קאַלענדאַריאָ דעל פּאָפּאָלאָ", וועלכער ווערט אַרויסגעגעבנ אינ מילאַנ. אפ זײַנ טאָוולע — א פאָטאָבילד „קינדער פונ ביראָבידזשאַנ". דער זשורנאַל עפנט זיכ מיט אַנ אַרטיקל פונעמ איטאַליענישנ שרײַבער און געזעלשאַפטלעכנ טוער מאַסימאָ מאַסאַראַ, וועלכער איז געווענ אינ ביראָבידזשאַנ. אינ דעמ דאָזיקנ אַרטיקל דערציילט ער וועגנ זײַנע אײַנדרוקנ,

ביראָבידזשאַנצעס —
מענטשן פון דער פרידלעכער מי

אַף אַן אַנטימילכאָמע־מיטינג אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן



אונדזערע מיטיילונגען

אווראָם טאַרפּוסמאַן

פראגן פון ייִדישער אנטראָפּאָנימיק

באהאנדלענדיק די פּאָרשונגען פון דער לעצטער צײַט ארום די פּראָבלעמען פון ייִדישע פּערזאָן־נעמען, דארף מען פריִער פאר אלץ אָפּמערקן א. פּריבלודעס ארטיקלען, וועלכע זײַנען געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאנד". אין נומער 12 פונעם זשורנאל פארן יאָר 1971 איז פארעפנטלעכט זײַן ארבעט „ייִדישע נעמען, אנטליִענע בא אנדערע פעלקער"; אין נום. 4 פארן יאָר 1973 — „צו דער געשיכטע פון ייִדישע נעמען"[1]. אין דער ווארשעווער „פאָלקס־שטימע" פון 15 אווגוסט — „די נעמען נאָסן, כאָנאָן און זייערע גילגולים".

אווראָם פּריבלודע איז אויך דער אווטאָר פונעם אָפּטייל „ייִדישע נעמען" אין רוסישן „ספּראַוואָטשניק פון פערזאָן־נעמען פון די פעלקער פון רססר" (2־טע אופלאגע, מ., פארלאג «Русский язык», 1979. א רעצענזיע וועגן דעם האנטבוך איז געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאנד" נום. 4 פון 1981.

א. פּריבלודעס ארטיקלען שעפּן אָבער ניט אויס די טעמע. זי ווערט באריִרט אויך אין די ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען אין רוסיש אין XIX — אָנהייב XX יה.

צו די ערשטע פּאָרשונגען פון דעם מין געהערן די ארטיקלען פון אָסיפּ ראבינאָוויטש „וועגן די מאָשקעס און יאָשקעס" («Одесский вестник» פון 1958, נום. 10) און „וועגן די ייִדישע אייגן־נעמען" (אין «Новороссийский литературный сборник», אָדעס, 1959). שפּעטער זײַנען ביידע ארטיקלען אײַנגעשלאָסן געוואָרן אינעם דריטן באנד פון „אָ. ראבינאָוויטשעס ווערק" („אָדעס, 1888). אינעם ארטיקל וועגן די ייִדישע אייגן־נעמען איז פאראן א היסטאָרישער איבערזיכט וועגן דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער נעמען־סיסטעם. דאָס ארטיקל פארענדיקט זיך מיט א רעשימע פון די נעמען, וועלכע האָבן זיך געטראָפן אין געברויך באם לעבן פונעם אווטאָר (אין דער רעשימע גייען ארײַן 167 נעמען פון מאנצבלען און 99 — פון פרויען).

אָסיפּ ראבינאָוויטש איז געווען זיכער, אז אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו איבערעכענען אין זײַן ווערק אלע נעמען. ליידער, איז דאָס ניט אזוי. אין דער רעשימע פעלן די פארצײַטיקע נעמען בויאז (לאָמיר דערמאָנען שאָלעם־אלייכעמס „דער לערער בויאז") און הילעל און דער „נײַער" נאָמען זיידע. צווישן די פרויען־נעמען פעלט דער נאָמען, וועלכער איז אנטליִען געוואָרן בא די גריכן, — סענדע (אלעקסאנדרא), עס פעלט בא אָסיפּ ראבינאָוויטשן דער פארשפּרייטער נאָמען גוטע (גיטע) און א סאך אנדערע.

די זעלבע אופגאבע (איבערעכענען אין דער רעשימע אלע נעמען, וועלכע געפינען זיך אין געברויך) האָבן פאר זיך געשטעלט אויך ק. ס. זשוראקאָווסקי און ס. מ. ראבינאָוויטש — די אווטאָרן פונעם האנטבוך „פולע זאמלונג פון ייִדישע נעמען" (סוּוואלק, 1874, די צווייטע אופלאגע איז דערשינען אין ווארשע אין 1908). אינעם האנטבוך גייען ארײַן 250 נעמען פון מאנצבלען און 181 — פון פרויען. א סאך פון די נעמען, וועלכע זײַנען דאָרט אָפּגעמערקט, זײַנען צום סאָף XIX יה. שוין מער ניט געברויכט געוואָרן בא די ייִדן פון רוסלאנד (אדאם, קארמי, קאהאנע, לאפּידוס, אזיזא). פון דער צווייטער זײַט, האָט דער פארלאנג צו ברענגען אין דער רעשימע בלויז די „הייליקע" נעמען (שמות הקדשות) געבראכט דערצו, אז די אזויגערופענע „פאָלקס"־נעמען (קינוּיִם — כנויים) — מענדל, זאלמען, אנשל אאוו. זײַנען געבראכט אין די פוסנאָטעס אלס וואריִאנטן צו די „הייליקע", דערבײַ טראָגט דער אָפּקלײַב פון די אנטשפּרעכיקע נעמען א צופעליקן כאראקטער.

אין זשורנאל «Восход» איז פון 1888 ביז 1891 (אײַנגעשלאָסן) פּובליקירט געוואָרן מ. וו. פּאָגאָרעלסקיס „ייִדישע אייגן־נעמען". אין 1893 איז פּאָגאָרעלסקיס ווערק ארויס אין א באזונדער בוך (135 זײַטן). אָט די ארבעט, וועלכע איז צוגעגרייט גע־

[1] אין „סאָוועטיש היימלאנד" זײַנען אויך געדרוקט די ארבעטן פון א. פּריבלודע „וועגן דער געשיכטע פון ייִדישע פאמיליע־נעמען און צונעמענישן" (נום. 7, 1968; נום. 12, 1968; נום. 8, 1969; נום. 2, 1970; נום. 10, 1974).

װאָרן זייער געגנט, איז ניט פרײַ פון אומפּינקטלעכקײַטן. עס װערט דאָ דערצײלט װעגן די נעמען פון טאַנאַך, עװאַנגעליע און טאַלמוד. דער אױטאָר האָט צוגעזאָגט צו געבן נאָך אַ בוך מיט מער נײַע נעמען, נאָר ליידער איז אַזאַ אױסגאַבע ניט דערשינען.

אַ נײַער פּרוּװ צו פאָרשן די פּראָבלעם איז געװען ד. האַלפּערינס אַרטיקל אינעם זשורנאַל «Будущность» — „װעגן יידישע אײגן־נעמען" (1901, נומ. 37, 38, 39). האַלפּערינס װערק האָט באַװיזן, אַז דער אױטאָר װײסט גוט דעם מאַטעריאַל, װעגן װעלכן ער שרײַבט, און פון דעם װאָלט מען עפּשער געדאַרפט אָנהײבן די באַקאַנטשאַפט מיט דער יידישער אַנטראָפּאָנימיק.

די סאַמע אױספירלעכע אױספאָרשונג פון דער סיסטעם פון יידישע נעמען אַנטהאַלט אי. מ. קולישערס בוך „אַ רעשימע אַף קאָנטאַקטירן די נעמען, װעלכע עס נוצן די יידן אין רוסלאַנד" (זשיטאָמיר, 1911). אינעם פאָרװאָרט האָט דער אױטאָר ריכטיק אָנגערופן זײַן װערק קאָמפּילאַציע, װײַל דאָרט כאָזערט ער היפּש איבער דאָס, װאָס זײַנע פאָרגײער האָבן געשריבן בנוגע דער יידישער אַנטראָפּאָנימיק. אָבער ביז אי. קולישערן האָט קײנער ניט געקאָנט געבן אַזאַ ברײטע רעשימע (895 נעמען פון מאַנצבלען, 764 — פון פרױען). ס'װערט ניט בלױז דיסקאָנטירט יעדער נאָמען, װעלכער איז פאַרפיקסירט אין די קװעלן, נאָר עס איז פאַרצײכנט, װיאַזױ ס'איז פאַרשפּרײט די אָדער אַנדערע פאָרם פון דעם נאָמען אין פאַרשײדענע דיאַלעקטן. אי. קולישער האָט געגעבן די פולסטע רעשימע פון קינוים, װי אױך זײער ענלעכקײַט צו די „הײליקע נעמען". האַגאַם קײן אַבסאָליוטע פולקײַט האָט אױך אי. קולישער ניט דערגרײכט (ש. װײַסנבערג האָט געפונען דעם פרױען־קינוי פּרימע, װאָס פעלט אין דער „רעשימע צום קאָנטאַקטירן") און דעם אױטאָר פעלט צײַטנװײַז דרײסטקײַט און ספּעציעלע קענטענישן אַף דורכצוטראַכטן טעאָרעטיש דעם צונױפגעזאַמלטן מאַטעריאַל, — פאַרבלײַבט אָבער זײַן װערק באַזונדערס װערטפול און באַדײַטנדיק אין דער געשיכטע פון דערלערנען די אײגן־נעמען פון די רוסישע יידן.

אין 1913 איז אינעם מאָסקװער זשורנאַל «Этнографическое обозрение» (בוך XCII—XCVI) פאַרעפנטלעכט געװאָרן שימען װײַסנבערגס אַרטיקל „נעמען פון די דאָרעם־רוסישע יידן. עטנאָגראַפישע פאַרצײכענונג" — אַן אַרבעט, װאָס דערגאַנצט דאָס דורכגעלאָזטע אינעם שטודירן די נעמען. װײַסנבערגס אַרבעט איז די אײנציקע פאָרשונג, װאָס באַזירט זיך אַף אַ געאָגראַפיש שמאָלן מאַטעריאַל. דער אױטאָר האָט צונױפגעשטעלט אַ רעשימע פון נעמען (1530 מאַנצבלען און 1717 פרױען) פון דער שטאָט יעליסאַװעטגראַד, הײַנט קיראָװאָגראַד. דאָס האָט באַטראָפן אַ צענטקײלעך פון דער יידישער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. עס האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז מע האָט דאָרט באַנוצט 144 נעמען פון מאַנצבלען און 136 — פון פרױען. ס'איז אָפּגעמערקט די אָפטקײַט פונעם געברױכן יעדן נאָמען. שימען װײַסנבערגס פאַרצײכענונג האָט ניט איבערגעלאָזט אָן אױפמערקזאַמקײַט אױך די אַסימילאַציע־פּראָצעסן: אין דער רעשימע טרעפן מיר 10 ניט־יידישע נעמען פון מאַנצבלען (אַדאָלף, באָריס, װלאַדימיר און אַנד.) און 17 פון פרױען (אַנעטאַ, אַנטאָנינאַ, װערא און אַנד.).

אַ היפּשן אינטערעס רופן אַרױס אױך די אױסלענדישע קװעלן װעגן יידישער אָנאָמאַסטיק[1]. באַזונדערס זײַנען װיכטיק צװײ ביכער: לעאָפּאָלד צונצס „נעמען פון יידן" (לײַפּציג, 1837, געשריבן אַף דײַטש, פאַרמאָגט זײער אַן אױספירלעכע היסטאָרישע פאַרצײכענונג) און מױשע־כאַנינע עשלס „יידישע פאַמיליע־נעמען" (כײַפע, דאָס יאָר ניט אָנגעװיזן, העברעיש). אַ װערטפול הילפס־מיטל צו דערלערנען די אַנטראָפּאָנימיק זײַנען װערטערביכער, לעמאָשל, „מילאָן כאַדאַש" פון אַװראַהאַם עװען־שאָשאַן מיט דעם אָפּטײל „הײַנטיקע יידישע נעמען" (דער בוך איז דערשינען אין עטלעכע אױפלאַגעס אין ירושאַלאַים).

קעדײ קלאָר מאַכן די טײַטשן פון די העברעיִשע נעמען, קאָן מען זיך באַנוצן מיטן אױסגעצײכנטן װערטערבוך „מילאָן איװרי־רוסי" פון פעליקס שאַפּיראָ (מ., 1964).

יעדיִעס װעגן די לעגענדאַרע און היסטאָרישע פערסאָנאַזשן פונעם טאַנאַך, װעלכע זײַנען די ערשטע טרעגער פון די נעמען, קאָן מען געפינען אין דער „יידישער ענציקלאָפּעדיע" אין רוסיש (פּעטערבורג, 1908—1913). אין דער דאָזיקער ענציקלאָפּעדיע איז, אַגעװ, פאַראַן אַ גאַנץ אױספירלעך אַרטיקל „אײגן־נעמען לױט דער רוסישער געזעצגעבונג" (ב. 8, זז. 139—153).

אין געביט פון דער אַנטראָפּאָנימיק האָט דער אַסימילאַציע־פּראָצעס, װאָס האָט זיך אָנגעהױבן אין XIX יה., באַקומען אין די לעצטע יאָרצענדליקער אַ ביז גאָר שטאַרקע אינטענסיװקײַט. איצט, צום סאָף פונעם XX יה., זײַנען די יידישע נעמען לאַכלוטן איבערגעאַנדערשט געװאָרן.

אַזאַ אײַנדרוק באַקומט זיך אָפּן ערשטן קוק. אָבער דאָס, װאָס מע זעט אָפּן ערשטן קוק, גיט ניט קײן פולע אָפּשפּיגלונג פונעם פאַקטישן בילד. ערשטנס, זײַנען די הײַנטיקע יידן אין סאָװעטנפאַרבאַנד מענטשן פון פאַרשײדענע דורעס, און אין אײן מישפּאָכע הײסט די באָבע מעניע און דאָס אײניקל טאַליע.

צװײטנס, זײַנען פאַראַן אײניקע געאָגראַפישע אונטערשײדן אין די נעמען פון די יידן. עס פאַלן ניט צונױף די נעמען, װעלכע מיר טרעפן אין אַ גרױסער שטאָט פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע און אין אַ קלײן שטעטל פון מאָלדאַװיע.

דריטנס, זײַנען נאָך גאַנץ שטאַנדהאַפטיק די טראַדיציעס פון איבערגעבן דעם קומענדיקן דאָר דעם נאָמען פון אַ פאַרשטאָרבענעם, דערבײַ קאָן דער נאָמען פונעם נײַ־געבױרענעם גרינטלעך זיך אונטערשײדן פונעם נאָמען פון דעם געשטאָרבענעם. לעמאָשל, די אוריײניקלעך פונעם פאַרשטאָרבענעם מענדל קאָנען הײסן מיכאַיל, מאַרק, מאַטװײ, מאַקסים. װי מיר זעען, זײַנען די נעמען פון די יידן אין

[1] אָנאָמאַסטיק פאַרנעמט זיך מיט אַלע אײגן־נעמען: פּערזאָן־נעמען, געאָגראַפישע נעמען, צונעמענישן פון כײַעס, נעמען פון שטערן, נעמען פון מיטאָלאָגישע װעזנס. אַנטראָפּאָנימיק איז אַ טײל פון אָנאָמאַסטיק (אװט.).

אונדזער צײַט אָפּהענגיק פון די נעמען, מיט וועלכע עס האָבן זיך באנוצט אונדזערע עלטערזיידעס און עלטערבאָבעס אין טכום, און דאָס פירט דערצו, אַז די נעמען פון דער ייִדישער באפעלקערונג שיידן זיך קענטיק אונטער פון די נעמען פון דער ארומיקער (רוסישער, אוקראַיִנישער, ליטווישער) באפעלקערונג.

פערטנס, אין די לעצטע יאָרצענדליקער לאָזט זיך מערקן בא א סאך פעלקער א טענדענץ אופצולעבן פארגעסענע נעמען, וועלכע זײַנען בעשײַטע געווען ברייט פארשפּרייט (בא די רוסן — איוואן, דעניס, אנאסטאסיִא, דאריא און אנד.). די דאָזיקע טענדענץ האָט אָנגערירט, כאָטש ניט אין קיין גרויסער מאָס, אויך די ייִדן, בא וועלכע עס ווערן ווידער פארשפּרייט די נעמען דאָוויד (דאוויד), נאטאן (נאָסן), אדע און אנד.

דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן, ווייסט גאנץ גוט יעדער איינער, וועלכער איז באקאנט מיט די הײַנטצײַטיקע נעמען פון די ייִדן אין פססר. אָבער די דינאמיק, וויִאזוי עס האָבן זיך געענדערט די נעמען בא די ייִדן אין די יאָרן פון דער סאָוועטנמאכט, ווי אויך די געאָגראפיע פון די ייִדישע נעמען, איז ניט געפאָרשט געוואָרן.

מיט אנטראָפּאָנימיק אינטערעסירן זיך זייער א סאך מענטשן, נאָר ניט אלע זײַנען פעיִק צו אָנגעשטרענגטער ארבעט מיט א קארטאָטעק. איך בין איבערצײַגט, אז אזא ארבעט איז זייער אינטערעסאנט — סײַ ווען אין רעזולטאט פון די זוכענישן געפינט מען עפּעס, סײַ ווען דער וועג פון פאָרשונג גייט צו ניט לײַכט.

איך וועל דאָ דערציילן וועגן מײַנער א היפּאָטעזע, וועלכע האָט ניט באקומען קיין קיִעם, — מיקויעך דעם, פונוואנען עס שטאמט דער נאָמען „קאלמען". דער נאָמען האָט זיך באוויזן בא ייִדן אין XV יה. דער ערשטער, וואָס האָט אים געטראָגן, איז געווען דער טאלמודיסט קאלמען האבערקאסטן (אין איווריט — קלמן הברקשטין), ער האָט אויך געהאט דעם נאָמען קאלאָנימאָס. די פארשפּרייטונג פונעם נאָמען „קאלמען" איז צונויפגעפאלן מיט דער צײַט, ווען מע האָט אופגעהערט צו ניצן דעם פריִער זייער פארשפּרייטן נאָמען קאלאָנימאָס (ער איז געווען גוט באקאנט בא די ייִדן פון VIII יה.). דעריבער איז אין דער ליטעראטור (ל. צונץ, א. פריבלודע) געווען א מיינונג, אז קאלמען שטאמט פון קאלאָנימאָס, וואָס עס באטײַט אין גריכיש „הייליקער נאָמען". איינע פון די טראדיציעס פון די ייִדישע נעמען איז באשטאנען דערין, וואָס א קינד, ביפראט א ייִנגל, האָט מען געדארפט געבן א נאָמען פונעם טאנאך. אָבער דעם דאָזיקן נאָמען האָט מען ניט געדארפט איבערכאזערן אלע טאָג, ווײַל פונעם אָפטן איבערכאזערן „פארלירט ער זײַן פײַערלעכקײַט און זײַן הייליקײַט". דעריבער פלעגט מען אים פארבײַטן מיט עפּעס אן אנדער נאָמען. אָפט פלעגט מען אָט דעם אנדערן נאָמען אנטלײַען בא די שכייניִשע פעלקער. דער טײַטש פונעם נאָמען קאלאָנימאָס איז געווען זייער צוגעפאסט צו אָט דעם ציל, ווײַל ער האָט פארמאָגט אין זיך אן אָנדײַטונג, אז אין אים ליגט ערגעץ באהאלטן דער „עמעסער" נאָמען.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צום נאָמען קאלמען. ער דערמאָנט שטארק דעם אונגארישן נאָמען „קאלמאן", וואָס איז פארשפּרייט צווישן די הײַנטיקע אונגארן. צי עקזיסטירט שוין לאנג אין אונגארן דער נאָמען? מיר דערוויסן זיך, אז איינער פון די פּאָפּולערסטע קיניגן פון אונגארן, וועלכער האָט געלעבט אין X יה., האָט געהייסן קאלמאן. איצט שטודיר איך מיט לײַדנשאפט די פארשפּרייטונג פונעם ייִדישן נאָמען קאלמען. לאָזט זיך אויס, אז די ביִאָגראפיעס פון די ערשטע טרעגער פון דעם דאָזיקן נאָמען — קאלמען האבערקאסטן און קאלמען וואָרמײַזי זײַנען פארבונדן מיט דער שטאָט לוואָוו. לוואָוו איז, פארשטייט זיך, ניט אונגארן, אָבער אין יענע צײַטן איז לוואָוו געווען א טייל פון דער עסטרײַכישער אימפּעריע, וואָס האָט אײַנגעשלאָסן אין זיך אויך אונגארישע געגנטן.

איך לייען נאָכאמאָל איבער ל. צונצס בוך. עס ווערט בא מיר שטארקער דער אײַנדרוק, אז דער ערודירטער און זייער פּינקטלעכער צונץ אינטערעסירט זיך זייער מיט די מײַרעווודיקע אנאלאָגן פון די ייִדישע נעמען, און ער נעמט ניט שטענדיק אין אכט די אָנאָמאסטיק פון מיזרעך־אייראָפּע. אשטייגער, דער נאָמען טרײַנע, האלט ער, געהערט צום האָלענדישן טרינטיע (פונעם גריכישן Katharina — ריינע), דאָס רופט ארויס א צווייפל פונעם פּאָנעטישן שטאנדפּונקט. עס עקזיסטירט דאָך שוין לאנג דער בולגארישער נאָמען טרײַנע (געקירצט פון טראיאן. דער פרויען־וואריִאנט פונעם נאָמען טראיאן, לעקאָוועד דעם בארימטן רוימישן אימפּעראטאָר). אף וויפל ייִדן לעבן אף די באלקאנען שוין מער פון 2000 יאָר און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער הויִכער מאָבילקײַט, קאָן מען האלטן, אז דער נאָמען טרײַנע איז געקומען צו די ייִדן פון די בולגארן (עס מאכט דעם אײַנדרוק, אז צו בולגאריש געהערן אויך די נעמען טשארנע — черная — די שווארצע, זלאטע — золотая — די גאָלדענע) און עפשער דאָס קרימטשאקישע Първа (די ערשטע). האגאם אין בולגאריע לעבן ספארדישע ייִדן, זײַנען זייערע קאָנטאקטן מיט די אשקענאזים, דערונטער זייער אויסטויש מיט אנטראָפּאָנימען, — א פעסטגעשטעלטער פאקט. מע דארף מיינען, אז די אָפּשטאמונג פונעם נאָמען קאלמען איז בא ל. צונצן דערקלערט אף דער מײַרעוו־באזע, אף וויפל ער האָט ניט געפונען די מיזרעך־אייראָפּעיִשע, אונגארישע וואָרצלען.

מײַן האשאָרע האָב איך דערציילט דעם זשורנאליסט און שרײַבער אריע־לייב מינץ, א קענער פון דער אונגארישער שפּראך און פון דער אונגארישער אָנאָמאסטיק.

ליידער, האָט מײַן האשאָרע זיך ניט בארעכטיקט! מינץ האָט מיר געמאכט א פײַנעם אויסרייד פאר מײַנע אײַליקע אויספירן. ס'איז פעסטגעשטעלט, אז קאלמאן שטאמט פון טיורקיש (צווישן די זיידעס פון די הײַנטצײַטיקע מאדיארן זײַנען געווען אויך טיורקן). נאָכן אײַנפירן אין לאנד די קריסטלעכע רעליגיע איז דער נאָמען קאלמאן א לאנגע צײַט פארגעסן געוואָרן. צום צווייטן מאָל האָט ער זיך באוויזן אין XIX יה. און איז פארבונדן מיט דער פּאטריִאָטישער באוועגונג פון דער אונגארישער אינטעליגענץ, וואָס האָט ארויסגערופן צום לעבן די

פאַרצײַטיקע נעמען. הייסט עס, אַז די ייִדן האָבן ניט געקאָנט איבערנעמען דעם דאָזיקן נאָמען בײַ די אונגאַרן אין XV — XVI יה. עס איז, אפֿנעם, פּאָרט ריכטיק די מיינונג וועגן דער טראַנספאָרמאַציע פונעם נאָמען קאַלאָנימאָס אין קאַלמען.

ווידער הייב איך אָן צו צווייפלען, צי האָב איך ניט צוגעײַלט מיט די אויספירן אויך וועגן דעם, אַז דער נאָמען טרײַנע שטאַמט פון בולגאַריש? „זלאַטע" און „טשאַרנע" האָבן דאָך געקאָנט שטאַמען פון די מײַרעוו־סלאַווישע שפּראַכן: זלאַטע — פון טשעכיש, טשאַרנע — פון פּויליש...

דערבײַ אָבער דערוויסט מען זיך אַזויפיל אינטערעסאַנטע זאַכן, אַפילע ווען די האַשאָרעס זײַנען פעלערהאַפטע!

אינעם נאָמען ליגט די פאַרבינדונג פונעם אָוואַר מיט דער הײַנטצײַטיקײַט, נעמען זײַנען אַ בריק אין דער צוקונפט. סאַראַ טיפער זין עס ליגט אינעם פאַרצײַטיקן רוף: „פאַרגעס ניט דעם נאָמען דײַנעם!".

אינעם סקאַנדינאַווישן נאָמען יאַקון, אינעם ענגלישן נאָמען דזשאָנאַטאַן, עסטלענדישן יוכאַן, שפּאַנישן כואַן, רוסישן יערעמיי, טאָטערישן מוסאַ, אוזבעקישן יאַכיאַ זײַנען פאַראַן ייִדישע וואָרצלען. די נעמען זײַנען אַן אָפּשפּיגלונג פון די הײַנטיקע עטנישע פּראָצעסן — פון דער דערנעענטערונג פון די פעלקער, פון דער צווישן־נאַציאָנאַלער אינטעגראַציע, פון דער אָפּהיטונג פונעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזײַן.

ס'פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן צו שטודירן נעמען. אין זיי פילט זיך דער טראָט פון דער געשיכטע, דער צויבער פון פאַרצײַטנס. פּרעכטיק זײַנען די נעמען פון אונדזערע זיידעס און באָבעס. ס'איז נייטיק זיי פאַרהיטן און זיקאָרן, פאַרצייכענען אין דער וויסנשאַפט, וועלכע הייסט אַנטראָפּאָנימיק.

בראָניק

בירעבידזשאַנער נײַס

אַ רײַכע פּאַליטרע

אין דעמאָנסטראַציע־זאַל פון דעם בירעבידזשאַנער שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ זײַנען אויסגעשטעלט בילדער, אויף וועלכע ס'איז פאַרייביקט דאָס געשטאַלט פונעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יויסעף בומאַגין. עס זײַנען עקספּאָנירט די פּאָרטרעטן פונעם העלד, וועלכן ס'האָבן אָנגעמאָלט די כאַבאַראָווסקער קינסטלער ג. זאָרין און וו. אָוטשיניקאָוו, דער מאָסקווער מאָלער ל. נאָסאָוו און אַנד.

אויף דער אויסשטעלונג ווערן באַוויזן אויך אַנדערע ווערק פון כאַבאַראָווסקער, קאָמסאָמאָלסקער, בירעבידזשאַנער קינסטלער — ס. ריבקינען, נ. וויסאָצקין, ד. אַלעקסייצעוון, וו. בראַגינסקין, ל. מינדלינען, וו. צאַפּן און אַנדערע. זייערע פּייזאַזשן, צייכענונגען, פּאָרטרעטן שילדערן די ווײַטמיזרעכדיקע נאַטור, דאָס לעבן פון די האָרעפּאַשניקעס פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

מוזיי פון פּיאָנערישן רום

אין בירעבידזשאַנער פּאַלאַץ פון פּיאָנערן און שילער האָט זיך געעפנט אַ מוזיי פון פּיאָנערישן רום. אויף דער פײַערלעכער עפענונג פונעם מוזיי, וועלכער שפּיגלט אָפּ די געשיכטע פון דער באַוועגונג פון די יונגע לענינצעס אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, איז בײַגעווען אַלס ערן־גאַסט דער ערשטער פּיאָנער־וואָזשאַטע פון דער שטאָט דאַוויד שוריץ.

נײַע באַגעגענישן מיט די צושויער

נאָך אַ לענגערער גאַסטראָל־רײַזע איבער די שטעט קוויבײַשעוו, גאָרקי, טולע איז דער ייִדישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער אין מעשעך פון אַ כוידעש ווידער אַרויסגעטראָטן אין בירעבידזשאַן.

אַלע פאָרשטעלונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אינעם פּראַכטפולן קאָנצערט־זאַל פון דער געגנטלעכער פילהאַרמאָניע, זײַנען דורכגעגאַן בײַ אַנשלאָגן.

מיט די אַרויסטרעטונגען אין כאַבאַראָווסק האָט דער טעאַטער פאַרענדיקט זײַן פּראָגראַם אויפן ווײַטן מיזרעך און זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע.

דאַוויד איסאַקאַוו

פּושקינס ווערק אין די מיזרעך-לענדער

אין אינסטיטוט פון מיזרעך-קענטענישן בא דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון פססר איז פאָרגעקומען א וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענץ אף דער טעמע „פּושקינס שאַפונג אין די לענדער פונעם מיזרעך", געווידמעט דעם 185-טן געבוירטסטאָג פונעם פּאָעט. עס איז געגאַנגען א רייד וועגן דעם, וועלכע ווערק זײַנע ציִען צו אמערסטן די מויכעס און די הערצער פון די יונגע דוירעס אין אָט דעם וועלט-רעגיאָן און צי ס'ווערן ווי געהעריק אויסגעפילט די איבערזעצונגען אף די שפּראַכן, וועלכע זײַנען ווײַט פון דער רוסישער סײַ לויט דער סטרוקטור און סײַ לויט דעם קלאַנגען-באַשטאַנד.

דער מיטגליד-קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון פססר, פּראָפעסאָר יע. פּ. טשעלישעוו האָט אין זײַן אַרײַנפיר-וואָרט געזאָגט:

— בא פּושקינס לעבן האָט זײַן שאַפונג קוים אַריבערגעשפּאַנט די גרענעצן פון זײַן היימלאַנד. די גראַנדיִעזע דערפאָלגן פון סאָוועטן-רוסלאַנד אין דער סאָציִאַלער און עקאָנאָמישער בויונג האָבן אין א גרויסער מאָס מיטגעהאָלפן, אַז די קינסטלערישע ירושה פונעם רוסישן פּאָעט זאָל ווערן דער שטאָלץ פון דער וועלט-קולטור. פּושקינען לייענט מען און מע האָט אים ליב סײַ אין די מײַרעוו-לענדער, סײַ אפן מיזרעך. און דאָס איז פאַרשטענדלעך: בעמעשעך פון זײַן גאַנץ לעבן האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צו די פּראָבלעמען פון דער גאַנצער מענטשהײַט.

דער געלערנטער האָט אָפּגעמערקט, אַז דאָס פאָרשן די פּראָצעסן פון דער פונקציִאָנירונג פון דער רוסישער קלאַסיק אין די לענדער פון אַזיע, פון איר פּרוכטבאַרן אײַנפלוס אף די נאַציִאָנאַלע ליטעראַטורן אַדאַנק די הויכע נאָבעלע אידעאַלן, דעמאַסקירנדיקן פּאַטאָס איז געווען און פאַרבליבן איינע פון די וויכטיקע פּראָבלעמען, איבער וועלכע עס אַרבעטן די פּושקיניסטן.

א טייל פון די פאָרגעשטעלטע אף דער קאָנפערענץ פאָרטראָגן איז געווידמעט דער געשיכטע פונעם אויפנעמען פּושקינס שאַפונג אין פאַרשיידענע לענדער פון דעם מיזרעך, דער אַנדערער טייל — דעם היפּשן אינטערעס פונעם פּאָעט צו דער אָריִענטאַלער וועלט.

מיט א פאָרטראָג וועגן די ספּעציפישקײַטן פון דער איבערזעצונג פון דער פּאָעמע „ציגײַנער" אף דער אַראַבישער שפּראַך איז אַרויסגעטראָטן דער פּראָפעסאָר פונעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט א. א. דאָלינינא. זי האָט דערמאָנט די בײַוועזנדע, אַז עס זײַנען פאַראַן עטלעכע אַראַבישע איבערדיכטונגען פון דער פּאָעמע, דערבײַ איז די ערשטע געמאַכט געוואָרן פון ענגליש. אָפּשטעלנדיק זיך אף דער נײַסטער איבערזעצונג פון מאַכמוד באַרוו, האָט די פאָרשערן אָפּגעמערקט, אַז איבער די קופּיורן, וואָס דער איבערזעצער האָט געמאַכט, איז דאָס ווערק אָנגעשטעקט געוואָרן מיטן גײַסט פון אייניקע ראָמאַנען פון דער הײַנטצײַטיקער אַראַבישער ליטעראַטור, וועלכע באַהויפּטן, אַז דאָס געבן דער פרוי פרײַהײַט וועט דערפירן צו א צעשטערונג פון דער מישפּאָכע-מאָראַל. דער איבערזעצער האָט דערזען אין דער פּאָעמע ניט די „גוירלדיקע לײַדנשאַפטן", נאָר די טײַנעס פון אַן אָפּגענאַרטן מאַן, וועלכער האָט דערהאַרגעט זײַן ניט-געטרײַ ווײַב און איר געליבטן.

די באַזונדערקײַטן פון דער איבערזעצונג פון פּושקינס ראָמאַן „דעם קאַפּיטאַנס טאָכטער" אף פּערסיש האָט געווידמעט זײַן פאָרטראָג אַן אַנדער פּראָפעסאָר פונעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט — א. ז. ראָזענפעלד. דער פאָרטראָג פונעם מיטאַרבעטער פון דעם אינסטיטוט פון מיזרעך-קענטענישן א. אי. מאַמאַנאָוון איז געווען באַטיטלט „פּושקין אין יאַפּאַן". אין אָט דעם לאַנד זײַנען פּושקינס געזאַמלטע ווערק דערשינען נאָך אין די 80-ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט.

— די וויג פון דער איבערזעצונג פון פּושקינס לידער אף איווריט איז געווען רוסלאַנד, — אַזוי האָט אָנגעהויבן זײַן אַרויסטרעטונג דער קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן ל. יע. ווילסקער. אין זײַן פאָרטראָג „די ערשטע איבערזעצונגען פון א. ס. פּושקינס ווערק אף איווריט" האָט דער פאָרשער קויִדעמקאָל זיך אָפּגעשטעלט אף דער זאַמלונג פון אוּוראָם-בער גאָטלאָבער, וועלכער האָט נאָך אין 1837 איינער פון די ערשטע איבערגעזעצט אף איווריט אַזעלכע רוסישע דיכטער, ווי קאַראַמזין און קרילאָוו. אין 1847 האָט זיך באַוויזן די ערשטע איבערזעצונג פון פּושקינס לידער אף איווריט. אַלס איבערזעצער איז אַרויסגעטראָטן לעאָן (אַריע-לייב) יאָסיפאָוויטש מאַנדעלשטאַם. זײַן אויסוואַל איז געפאַלן, ווי ס'האָט פעסטגעשטעלט דער פאָרשער, אף דער זיבנשורעדיקער ליד „די לעצטע בלומען", וועלכע איז בא פּושקינס לעבן ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, נאָר זײַנע פרײַנט האָבן זי אָפּגעדרוקט אין 1838 אין נומ. 1 פונעם זשורנאַל „סאָווערעמעניק".

צום סאָף פונעם 19-טן יה. איז שוין די אַבסאָליוטע מערהײַט פון פּושקינס ווערק איבערגעזעצט

און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַף איווריט אין רוסלאַנד.

מיט אַ מיטיילונג, ווי־אַזוי פּושקינס ראָמאַן „דער אַראַפּ פון פּיאָטער דעם גרויסן" איז אופגענומען געוואָרן אין עפּיאָפּיע, איז אַרויסגעטראָטן דער זשורנאַליסט אַ. מ. בוקאַלאָוו, וועלכער האָט פיל יאָרן געאַרבעט אין אָט דעם לאַנד. דער דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן ל. אָ. טשערקאַסקי האָט געווידמעט זײַן אַרויסטרעטונג דער געשיכטע פון די איבערזעצונגען פון דער פּאָעמע „ציגײַנער" אַף דער כינעזישער שפּראַך. די מיזרעך־קענערן יע. אַ. זאַפּאַדאָווא (לענינגראַד) האָט אין איר פּאָרטראָג אַנאַליזירט די אייגנאַרטיקײַט פון די איבערזעצונגען מיט אַ פרײַען פערז פון אַזעלכע לירישע שעדעווערס פּושקינס, ווי „איך געדענק די וווּנדערלעכע רעגע", אַף דער בירמאַנישער שפּראַך. מיט פאַנאַנדערגעוויקלטע מיטיילונגען וועגן דער באַציִונג צו פּושקינס שאַפונג אין די פאַרמילכאָמע־יאָרן אין טערקײַ און נאָך דער מילכאָמע אין דער קאָרייער פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעפּובליק זײַנען אַרויסגעטראָטן די מיטאַרבעטערנס פונעם אינסטיטוט פון מיזרעך־קענטעניש נ. אַ. אײַזענשטיין און וו. אי. איוואַנאָווא. די מיטיילונגען פון אי. ד. סערעבריאַקאָוו און אַ. פּ. גנאַטיוק־דאַנילטשוק זײַנען געווען געווידמעט דער איבערזעצונג פון פּושקינס פּראָזע און פון זײַנע לידער אַף די שפּראַכן פון אינדיע.

ווי ס'איז אויבן געזאָגט געוואָרן, האָט אַ טייל פון די פּאָרטראָגן, וועלכע זײַנען פאָרגעשטעלט געוואָרן אַף דער קאָנפערענץ, באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דעם אינטערעס פון פּושקינען צו די לענדער פונעם מיזרעך, צו זייער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהײַט, רעליגיע, פּאָעזיע. אינטערעסאַנט איז געווען דער פּאָרטראָג פונעם ליטעראַטור־קענער ד. אי. בעלקין וועגן פּושקינס קינסטלערישן אינטערנאַציִאָנאַליזם, וועלכער האָט אַמבוילעטסטן זיך פאַרקערפּערט אינעם הויפּט־העלד פון דעם ראָמאַן „דער אַראַפּ פון פּיאָטער דעם גרויסן", דעם אַפריקאַנער איבראַהים גאַניבאַל.

די קאָנפערענץ האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס בא דער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפטלעכקײַט פון דער הויפּט־שטאָט. אירע מאַטעריאַלן איז פאָרגעלייגט צו פאַרעפנטלעכן. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די קאָנפערענצן „פּושקינס שאַפונג אין די לענדער פונעם מיזרעך" וועלן דורכגעפירט ווערן רעגולער יעדע פינף יאָר.

כראָניק

מענדל גאָרשמאַנס שאַפונגען אין קאָסטראָמאַ

אין דער טיף רוסישער שטאָט קאָסטראָמאַ איז אין די זאַלן פונעם געגנטלעכן קונסט־מוזיי באַוויזן געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון מענדל גאָרשמאַנס ווערק.

אַף דער אויסשטעלונג האָט מען געקאָנט זען בא 70 בילדער. די אָרטיקע צײַטונג האָט אָפּגעמערקט, אַז מענדל גאָרשמאַן איז געווען אַ קינסטלער מיט אַ זעלטענער שעפערישער אינדיווידואַליטעט, אַ ראַפינירטער מײַסטער פון געמעל און אַקוואַרעל, אַן אויסגעצייכנטער איליוסטראַטאָר פון דער קלאַסישער און סאָוועטישער ליטעראַטור.

אין די יאָרן פונעם בירגערקריג האָט מענדל גאָרשמאַן אַ געוויסע צײַט געלעבט אין קאָסטראָמאַ, געאַרבעט דאָרט אַלס מאָלער אין אַ מיליטערישן האָספּיטאַל.

●

שמועסן

וועגן מוזיק און עסטראַדע

וויקטאָר לענזאָן

דער קאָמפּאָזיטאָר וולאַדימיר טערלעצקי

צווישן די סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע אַרבעטן אין געביט פון ייִדישער מוזיק, איז באַזונדערס פּאָפּולער וולאַדימיר טערלעצקי. ניט לאַנג צוריק איז אין קאָנצערטלאָקאַל פונעם קאָמפּאָזיטאָרן-פאַרבאַנד פון פּססר פאַרגעקומען טערלעצקיס שעפערישער אָוונט, וועלכער האָט צונויפגעזאַמלט א פולגעפּאַקטן זאַל ליבהאָבער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער מוזיק און איז דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. דער סאָד פון דער פּאָפּולערקײַט פון טערלעצקיס מוזיק שטעקט אין איר הײַנטצײַטיקײַט און סאָציאַלער אַקטועלקײַט, וואָס עס איז אין אײַנקלאַנג מיט די פּראָצעסן פון דער ייִדישער קולטור. פון דער אַנדערער זײַט, זײַענדיק אַן אויסדריקלעכע נאַציאָנאַלע מוזיק, שפּיגלט זי אָפּ ניט נאָר די נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע, דעם נאַציאָנאַלן מוזיקאַלישן געדאַנקענגאַנג, נאָר אויך אין דער פולער מאָס די פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאַר די מענטשן פון דער גאָרער וועלט — די פּראָבלעמען פון מילכאָמע און פרידן, פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך פון קולטור.

אָבער צוערשט — עטלעכע ווערטער וועגן דעם קאָמפּאָזיטאָר גופא. וולאַדימיר טערלעצקי געהערט צום מיטעלן דאָר סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן. ער איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע אין 1931. זײַנע עלטערן זײַנען געווען פּראָפעסיאָנעלע רעוואָליוציאָנערן. ניט געקוקט אָבער אויף דער פאַרנומענקײַט אין דער טאָגטעגלעכער אַרבעט, האָט די מישפּאָכע געשאָנקען גרויס אויפמערקזאַמקײַט דער מוזיק. צווישן אַנדערס, דער שטוב-מוזיצירונג. די מוטער האָט ליב געהאַט זינגען ראָמאַנסן און לידער, צווישן זיי איז געווען סײַ מוזיקאַלישע קלאַסיק, סײַ רוסישע און ייִדישע פאָלקסלידער. ס'איז אויסער יעדן סאָפעק, אַז די אַלגעמיינע אַטמאָספער פון דער מוזיקאַלער קולטור, וועלכע האָט געהערשט אין דער מישפּאָכע, האָט א שטויס געטאָן דעם קינפטיקן קאָמפּאָזיטאָר אויסצוווילן זײַן פאַך.

פון די פריִע יאָרן און ביז א שוין פאַרהעלטניסמעסיק רײַפן עלטער שטודירט וו. טערלעצקי אין די מוזיקאַלע לערן-אַנשטאַלטן, וועלכע טראָגן דעם נאָמען פון די גנעסינס — באַוווּסטע בא אונדז אין לאַנד מוזיקאַנטן און פּעדאַגאָגן: צוערשט אין דער שול, שפּעטער אינעם מיטעלן ספּעציעלן רינג, און לעסאָף אין אינסטיטוט. דער אָנפירער פון דער קאַפעדרע פון קאָמפּאָזיציע איז אין יענער צײַט געווען דער גרויסער מוזיקאַנט מיכאַיל פּאַביאַנאָוויטש גנעסין. זײַן קלאַס האָבן פאַרענדיקט קאָמפּאָזיטאָרן, מיט וועמענס נעמען עס שטאָלצירט די רוסישע און סאָוועטישע מוזיקאַלע קולטור. מ. גנעסין איז געווען רימסקי-קאָרסאַקאָווס א טאַלמיד, דערבײַ איינער פון יענע, וועלכע האָבן מיט דער באַווײַקונג פון זייער גרויסן לערער זיך באַשעפטיקט מיט ייִדישער קולטור.

מיכאַיל פּאַביאַנאָוויטש גנעסין האָט געשאָנקען פיל אויפמערקזאַמקײַט פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער ייִדישער מוזיק אין אַלע געביטן פון זײַן טעטיקײַט — אין פּעדאַגאָגיק, פּובליציסטיק, שעפערישער פּראַקטיק. זײַנע קאָמפּאָזיטאָרישע זוכונגען, ווי אויך די פילאָסאָפישע אידייען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זײַן מוזיק, זײַנען געווען ענג פאַרבונדן מיט די טראַדיציעס פון דער דוירעסדיקער ייִדישער קולטור.

אונטער דער ווירקונג פון מ. גנעסינען פאַרפעסטיקט זיך באַם יונגן קאָמפּאָזיטאָר טערלעצקי די קאַוואָנע צו ווידמענען זיך דער ייִדישער מוזיק. א וויכטיקע ראָל האָט דאָ געשפּילט אויך איינער פון טערלעצקיס קרוווים — הערץ ראָדשטיין, א מוזיקאַליש-געבילדעטער מענטש, וועלכער האָט אויסגעצייכנט געקענט די ייִדישע קולטור און שפּראַך. ער האָט באַקאַנט דעם קינפטיקן קאָמפּאָזיטאָר מיט די רײַכע טראַדיציעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור און קונסט. אַזוי איז טערלעצקיס אַנטוויקלונג אַלס מוזיקאַנט דורכגעגאַן אויף א פעסטן יעסאָד פון קענטענישן און פון טיפן

באַנעמען די אורקוואַלן און טראַדיציעס פון דער ייִדישער קולטור.

ווי יעטווידע אַנדערע נאַציאָנאַלע מוזיק, שטעלט מיט זיך פאַר די ייִדישע אַ ביז גאָר קאָמפּליצירטע פאַרצווייַגטע ספערע פון זשאַנרען און פאָרמען. אויסמייַדנדיק צו זייַן אַן אָפּגעשלאָסענע איין מאָל פאַר אַלע מאָל געפורעמטע סיסטעם, איז זי אָפן פאַר אייַנפלוסן מיצאַד אַנדערע קולטורן. זי הערט זיך פילבאַר צו צו פאַרשיידענע אויסדרוקן פון מוזיקאַלישן דענקען — אָנהייבנדיק פון דעם קלאַסישן אייראָפּעיִשן סטיל, ביז דער הייַנטצייַטיקער עסטראַדע.

אַזוי האָט פּאַסירט, אַז פון קינדווייַז אָן האָבן וולאַדימיר טערלעצקין געצויגן צו זיך די עסטראַדע און דער דזשאַז. ער האָט באַזונדערס ליב עסטראַדע-מוזיק — ספּאָנטאַנע, אימפּראָוויזירטע, וועלכע ווערט געבוירן, אַזוי צו זאָגן, גלייַך אונטער די פינגער. איר צווייבער, כיין און טעמפּעראַמענט ריידן אָן און פאַר זיך. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט פאַר דער עסטראַדע אָנגעשריבן אַ סך אָריגינעלע ווערק, ווי אויך מוזיק פאַר קינאָ, טעאַטער, צירק. מיט עלעמענטן פון „לייַכטער” מוזיק — אין בעסטן זין פון וואָרט — זייַנען דורכגעדרונגען אויך זייַנע ייִדישע ווערק.

אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער מוזיקאַלער וועלט האָט באַקומען וולאַדימיר טערלעצקיס צווייטע ייִדישע סויִטע פאַר אַן אָרקעסטער, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין 1970. ס'איז נאָך פריש אין זיכּאָרן דער שטאַרקער אייַנדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט זייַן ערשטע ייִדישע סויִטע, וועלכע האָט זיך באַזירט פולקום אַף פאָלקלאָר-מאַטעריאַל. מע איז שוין געוווינט, אַז עס פילט זי אויס הויפּטזאַכלעך דער אָרקעסטער, מיט וועלכן ס'דיריזשירט אַליין דער קאָמפּאָזיטאָר, און דער נאַציאָנאַלער אָפּקלאַנג אירער איז שטענדיק ביז גאָר אַן אומיטלבאַרע. אָבער ווי מאָדנע עס זאָל ניט זייַן, איז „מער ייִדישלעכער” די צווייטע סויִטע, אין וועלכער אַלע טעמעס זייַנען אָריגינעל און ס'איז ניטאָ קיין איין פאָלקלאָר-ציטאַטע. אין אַט דעם ווערק האָט דעם קאָמפּאָזיטאָר זיך אייַנגעגעבן אויפּאַסן דעם ייִדישן פאָלקס-יעסאָד דורך דעם אייגענעם קינסטלערישן דענקען, דערשלאָגנדיק זיך עכטע וואָרהאַפטיקייַט אינעם איבערגעבן די פאָלקס-געשטאַלטן, כאַראַקטערס און שטימונגען. די צווייטע ייִדישע סויִטע איז אויסגעפילט געוואָרן אין אַ סך לענדער. אין יוגאָסלאַוויע איז אַף אַט דעם ווערק אַוועקגעשטעלט אַ באַלעט פון צוויי אַקטן. זי האָט געקלונגען אין פשא, בולגאַריע, פראַנקרייַך.

זינט טערלעצקי האָט אָנגעשריבן די צווייטע סויִטע זייַנען שוין אַוועק קימאַט פופצן יאָר. אַט די גאַנצע צייַט אַרבעט ער אַ סך און פרוכטבאַר אין פאַרשיידענע זשאַנרען פון דער ייִדישער מוזיק. ער האָט אָנגעשריבן אַ סויִטע פאַר אַ פידל-סאָלאָ, אַ ריי פּיעסן פאַר אַ קלאַרנעט, עטלעכע פּאָרטעפּיאַנע-ווערק, וואָס שפּיגלען אָפּ ייִדישע פאָלקלאָר-מאָטיוון. איבערהויפּט אָבער איז די אויפמערקזאַמקייַט פונעם קאָמפּאָזיטאָר קאָנצענטרירט אַרום דער וואָקאַלער מוזיק. און דאָס איז נאַטירלעך, ווייַל די ייִדישע מוזיק, די ייִדישע קולטור איז ענג פאַרבונדן מיט וואָקאַל, מיט געזאַנג. געזעצמעסיק איז אויך דאָס, וואָס טערלעצקיס שאַפונג אין דער ספערע פון וואָקאַלער מוזיק שפּיגלט אָפּ די טענדענץ צו אויסברייטערן דעם אינטערעס, באַזונדערס בא דער יוגנט, צו וואָקאַלישער מוזיצירונג אַף דער ייִדישער שפּראַך.

די יוגנט טראָגט אַרייַן אין דער הייַנטצייַטיקער מוזיק איר וועלט-שפּירונג. אין געגעבענעם קאָנטעקסט — איר באַנעם פון דער ייִדישער קולטור, איר שטימונג. און די דאָזיקע פּאָטענצן פון דער נייַער ייִדישער מוזיק כאַפּט פילבאַר אויף דער קאָמפּאָזיטאָר. זייַן וואָקאַלע מוזיק איז ניט נאָר לידער, ראָמאַנסן, וואָקאַלע מיניאַטיורן. דאָס איז אויך דאָס פילן דעם דויפּעק פון דער הייַנטצייַטיקייַט אין דער ספערע פון דער נאַציאָנאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער יוגנטלעכער קולטור.

דער ייִדישער פאָלקלאָר איז פילאַרטיק. דאָס זייַנען סייַ די דערגאַנגענע צו אונדז פון דער טיף פון יאָרהונדערטער אוראַלטע מאָטיוון, סייַ די לידער פון מי און קאַמף אין די צייַטן פון דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע, סייַ פאַרשיידענע מינים ריטועלע, לירישע, שפּאַסנדיקע און אַנדערע לידער פונעם ייִדישן שטייגער מיט אַלע זייערע היסטאָרישע און געאָגראַפישע באַזונדערקייַטן.

אין דער לעצטער צייַט האָט זיך האַסטיק פאַרשפּרייט, דערונטער אין דער ייִדישער פאָלקס-מוזיק, די ריכטונג, וועלכע מע וואָלט געקאָנט כאַראַקטעריזירן אַלס שטאָטישער פאָלקלאָר. אַ גרויסע צאָל יונגע מענטשן זייַנען פאַרכאַפּט מיט געזאַנג אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פון אַ גיטאַרע, דערבייַ ניט פון אַן עלעקטראָ-גיטאַרע, נאָר פון אַ נאַטירלעכער, אָדער ווי מע רופט זי נאָך — אַקוסטישער. אין קעגנזאַץ צו דער עלעקטראָ-ראָק-מוזיק האָט זיך באַוויזן אַ באַדערפעניש צו אויסדריקן נאַטירלעכע האַרציקע מענטשלעכע געפילן מיט דער הילף פון וואָקאַלער ליריק אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פון אַ זעקס-סטרוניקער גיטאַרע. דער ספּעקטער פון די שטימונגען איז דאָ אויסערסט ברייט. אָנהייבנדיק פון שטיי-

אף אַן אָוונט אין צענטראַלן הויז פון קאָמפּאָזיטאָרן, געווידמעט וולאַדימיר טערלעצקיס שאַפונג

אַנטיילנעמער פונעם אָוונט: דער פידלער
באָריס ראווינסקי און די זינגערן א. קראוועץ

דער באוווסטער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר לעאָניד אפאנאסיעוו באגריסט וו. טערלעצקין

גער-ליריק ביז פּאָליטיש-פּאטריאָטישער טעמאטיק. צווישן אנדערס, זײַנען אין צוזאמענהאנג מיטן מערקווירדיקן יובילײ פון דעם זיג פון סאָוועטנפארבאנד אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע געשאפן געוואָרן אין פארשיידענע נאציאָנאלע סוויוועס פּאטריאָטישע לידער וועגן מילכאָמע און פרידן. אזעלכע לידער קלינגען אויך אָפט אף ייִדיש.

וולאדימיר טערלעצקי איז פון יענעם מין קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע רופן זיך אָפּ מיט גרייטקייט אף דעם גײַסט פון דער צײַט. קימאט אלע לידער זײַנע זײַנען אָנגעשריבן אָדער קאָנען אויסגעפילט ווערן אונטערן אקאָמפּאנעמענט פון א גיטארע. דער שטאָטישער פּאָלקלאָר — דער סאמע דעמאָקראטישער נוסעך אין דער הײַנטצײַטיקער פּאָלקסמוזיק — איז נאטירלעך ארײַן אינעם סטיל פון דעם קאָמפּאָזיטאָרס שאפונגען, דעמאָקראטישע אין דירעקטן זין פון וואָרט. עס קאָנען זינגען זײַנע לידער סײַ פּראָפעסיאָנעלע ארטיסטן, סײַ „פּאָשעט א מענטש", וואָס באזיצט ניט קיין אוועקגעשטעלטע שטים. דערבײַ זײַנען טערלעצקיס לידער אָנגעשריבן אף א הויכן קינסטלערישן ניוואָ, זײַענדיק עכטע שאפונגען פון דער מוזיקאלישער קונסט.

אין דעם האָט מען זיך געקאָנט נאָכאמאָל איבערצײַגן אפן אויבנדערמאָנטן קאָנצערט. ער איז באשטאנען פון וו. טערלעצקיס אנטימילכאָמע-לידער אף די ווערטער פון א. ווערגעליסן. די מיטארבעט פוןביידע קינסטלער — פונעם פּאָעט און פון דעם קאָמפּאָזיטאָר — טראָגט א לאנגאָניקן און שטאנדהאפטיקן כאראקטער. באם אויסוואל פון די טעקסטן צו זײַנע לידער לייגט קעסיידער טערלעצקי אכט אף דער בילדערישקײַט פונעם פערז, אף זײַן שילדערונגס-קראפט, פּראַגראממאטיקײַט, ווי עס דריקן זיך אויס מוזיקאנטן. ווען די פּאָעזיע שטעלט מיט זיך פּאָר ניט סטאם אן אָנהויפּונג פון שיינע סטיליסטישע געגנג און פּראָפעסיאָנעל אײַנגעפּאסטע פּראזעס, לייגט זי זיך לײַכט אף דער מוזיק פון טערלעצקיס וואָקאלע שאפונגען. דעם דיכטערס שורע דארף האָבן א זינלעכן אימפּולס, אן אינהאלטלעכע הויפּט-אקס אינעם פערז, א סאָציאלן אָפּקלאנג. אָט די אלע אייגנשאפטן געפינט דער קאָמפּאָזיטאָר אין ארן ווערגעליסעס פּאָעזיע. די לידער פונעם פּאָעט, וועלכע זײַנען געלייגט געוואָרן אין יעסאָד פון טערלעצקיס שאפונגען, זײַנען קליינינקע בילדער, אזוי צו זאָגן — „סצענקעס", אפן גרונט פון וועלכע עס אנטשטייען מוזיקאלישע אסאָציאציעס. אזא איז די דראמאטישע באלאדע וועגן א ייִדיש מיידל — „עסטערקע", — וועלכע איז ארײַנגעפאלן אין די לאפּעס פון דעם פאשיסטישן מערדער מענגעלע. דער טראגיזם, די פּאָליארישקײַט פון דער שיינקײַט און פונעם וואנדאליזם האָט טערלעצקי איבערגעגעבן אין דער מוזיק פון דער באלאדע מיט אן אומגעהייערער קראפט.

וועגן דער אייביקער שיינקײַט פון א ייִדיש מיידל דערציילט זיך אויך אין אן אנדער ווערק פון אָט דעם ציקל — אין דער „באלאדע וועגן א שיינער ייִדישקע":

הינטער דראָטן שטעכיקע, אין צײַטן פון אדאָלפן,
אויסגעטאָן דאָס העמד, זי שטייט אף דער אקיידע,
און די דײַטשן קוקן, צווישן זיך זיי ריידן:
„אויגן — טיפע קרענעצעס, צוויי געדיכטע צעפּ,
ווען מע טרײַבט זי אונטער,
זשאלעוועט מען ניט קיין קלעפּ".
סארא שיינע ייִדישקע, שנעלער צו דער גרוב...



אין אָנדענק פון די קדושים איז באשאפן געוואָרן א דערהויבענער רעקוויעם, וואָס בעשאסן אויספילן אים אף יענעם קאָנצערט, האָט דער גאנצער זאל זיך אופגעשטעלט אין א טרויעריקן שטילשווײַגן (די ליד איז אויסגעפילט געוואָרן אין דער רוסישער איבערזעצונג פון דער פּאָעטעסע יונע מאָריץ) «Скажем слово о евреях, уничтоженных войной»...

באגלײַך מיט מילכאָמע-מאָטיוון, קלינגען אינעם ציקל לידער וועגן ליבע און שטייגער-מאָטיוון. די ליד „צאר לי" האָט באצויבערט



מיט דער אופריכטיקייט פונעם אופגעפלאַקערטן געפיל:

ס'איז די ליבע זיס ווי א געטראנק
איינער צו דעם צווייטן צוגעזאָגטן.
צאר לי, עס טוט ניט באנק,
צאר לי, כ'האָב ניט כאראַטע...

און דאָ באַלד — דאָס עכטע פאסטאָראַלע געזאַנג „דער ארויסגאנג פון די שטערן"... א פילאָסאָפיש-דערהויבענער ניגון וועגן דעם אומענדלעכן לאנגן וועג צו גליק. „דאָס דודעלע" — אזוי הייסט א ליד וועגן דער קינדהייט, אין וועלכער די אוטאָרן ווענדן זיך צו די געשטאַלטן פונעם ווייַט, שוין אוועקגעגאנגענעם אָוואַר. דער „פערסאָנאַזש" פון דער ליד איז א מיידעלע, וואָס דאנקט אירע פריינט — דעם דודעלע, דעם פויק און דעם פידעלע...

און, פארשטייט זיך די אלעמען רעגעוודיקע טעמאַטיק פון שאָלעם אין דער גאָרער וועלט. די ליד „שאָלעם" איז איינע פון די



בעסטע אינעם ציקל. אָן אָנגעשריבענע אין אַ טאַנץ-מאַרשעוון ריטם, איז זי פּונקט ווי אויסגערעכנט אַף אונטערגעכאַפּט ווערן מיצאַד אַ כאָר-מאַסע, אַף סקאַנדירן דעם רעפרען סײַ מיצאַד די אויספּילער, סײַ מיצאַד די צוהערער. די ליד „שאָלעם" טרעט ניט אָפּ לויט איר סאָציאַלן באַטײַט, לויט דער „אָנשטעקנדיקער" מעלאָדיע די געציילטע אַנאַלאָגישע לידער, וועלכע זײַנען ברייט באַוווּסט אין דער גאָרער וועלט. אַזעלכע, ווי יעווטושענקאָס „צי ווילן די רוסן אַ קריג", ווי „מיר וועלן בײַקומען" פון דין רידס רעפּערטואַר, אָדער „דאָס פאַרייניקטע פאָלק" פון סערזשיאָ אָרטעגאַ.

טערלעצקיס לידער, ווי אויך זײַן אינסטרומענטאַלע מוזיק פון דער לעצטער צײַט, אַנטוויקלען אַף אַ לאָגישן אויפן די אידיי, וועלכע איז פאַרלייגט געוואָרן נאָך אין זײַן צווייטער ייִדישער סוויטע. אין זיי איז ניט פאַראַן קיין עטנאָגראַפישער צוגאַנג צו דער ייִדישער מוזיק. דער קאָמפּאָזיטאָר ציטירט ניט דירעקט די פאָלקסלידער. זײַן מוזיק אָבער, שוין אָפּגערעדט פון איר אינטאָנאַציִעלן יעסאָד, איז אַן עכט ייִדישע. אַגעוו, מע דאַרף ניט מיינען, אַז דער ייִדישער כאַראַקטער פון דער מוזיק קאָן דערגרייכט ווערן, אויסמײַדנדיק אירע פאָלקס-קוואַלן. און טערלעצקיס שאַפונג דערווײַזט עס באַשײַמפּערלעך. דער קאָמפּאָזיטאָר קען אויסגעצייכנט די פאָלקס-מוזיק (דער פאַרלאַג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר" גרייט צום דרוק אַ זאַמלבוך פון ייִדישע פאָלקסלידער, וועמענס צונויפשטעלער און רעדאַקטאָר עס איז וו. טערלעצקי).

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע מוזיק איז אַ פּילפּלאַנעווע. אין איר פאַרנעמט לעצטנס אַ סטאַביל אָרט ערנסטע סימפאָנישע און קאַמער-מוזיק.

די ריכטונג, וועלכע ס׳האָט אויסגעקליבן וולאַדימיר טערלעצקי — דאָס אַנטוויקלען ייִדישע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס אַפן יעסאָד פון דער הײַנטיקער עסטראַדע און פאָלקס-מוזיק, — איז איינע פון די וויכטיקסטע. ס׳איז אויסער יעדן סאָפּעק, אַז וואָס פאַרשיידנאַרטיקער עס איז די דאָזיקע קולטור, אַלץ גרעסערע פּערספּעקטיוון עפענען זיך אין איר ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג.

10—1000

קינסטלער וולאדימיר ווידערמאן. לענינגראד

איליוסטראציע לויט די מאָטיוון פון אנאטאָלי ריבאקאָווס ראָמאַן „שווערער זאמד"

קינסטלער

יאָסיף גורעוויטש. מאָסקווע

פּאָרטרעט פונעם קינדער־דאָקטער נאַטאַליע ליסאָווסקאַיאַ

דאָס יאָר 1941

נאַטיורמאָרט מיט בלומען

האַרבסט אין קרים

קינסטלער
וולאַדימירווידערמאַן

אילוסטראַציעס לויט די מאָטיוון פֿון
אַנאַטאָלי ריבאַקאָווס ראָמאַן
„שווערער זאַמד“

ייִדן אין אַלטן פעטערבורג

די לענינגראַדער אָפטיילונג פונעם פארלאג „נאוקאַ" האָט ארויסגעלאָזט דעם בוך פון נ. וו. יוכניאָווא „דער עטנישער באשטאנד און די עטנאָסאָציִאלע סטרוקטור פון דער באפעלקערונג פון פעטערבורג (צווייטע העלפט 19-טן — אָנהייב 20-טן יה.)". אפן סמאך פון אָנגאבן פון די פאָלקסציילונגען און פון ווערבאלע באשרײַבונגען רעקאָנסטרויִרט דער אווטאָר דאָס לעבן פון דער שטאָט, וועלכע איז פון אָנהייב אָן געווען א פּילנאציִאָנאלע.

די גרעסטע ניט-רוסישע נאציִאָנאלע גרופן אין פעטערבורג זײַנען אין יענעם פעריִאָד געווען ווײַסרוסן, פאָליאקן, דײַטשן, ייִדן, עסטן, לעטן, פינער, אוקראַיִנער, ליטווינער, טאָטערן, פראנצויזן, שוועדן און ענגלענדער.

א ספעציִעל קאפיטל איז אין דער מאָנאָגראפיע געווידמעט דעם ייִדישן יִשעוו פון דער דעמלטיקער רוסלענדישער הויפט-שטאָט. עס ווערט געזאָגט וועגן די באגרענעץ-מיטלען קעגן דער אײַנוואנדערונג פון ייִדן אין די צענטראלע גובערניעס פון דער אימפעריע, בעסויכעם אויך אין פעטערבורג. בלויז אייניקע קאטעגאָריעס ייִדן האָבן געהאט רעכט צו וווינען אין דער הויפט-שטאָט.

דער סאָציִאלער סטאטוס פון די פעטערבורגער ייִדן איז געווען העכער, איידער אין טכום-האמוישעוו, ווײַל די ייִדן-אָרעמעלײַט האָבן געהאט ווייניקער מעגלעכקײַטן צו באזעצן זיך אין דער הויפט-שטאָט. אין 1900, אשטייגער, זײַנען 35,2 פראָצענט פעטערבורגער ייִדן געווען קליינע אייגנטימער, 8,8 — באאמטע, 47,8 — ארבעטער, 8,2 — באלמעלאָכעס און אינטעלעקטואלן. די צעשפרייטונג פון דער ייִדישער באפעלקערונג אין דער שטאָט ווערט באוויזן אף א באזונדערער סכעמע.

די מאָנאָגראפיע שטעלט מיט זיך פאָר אן אויספירלעכע און ערנסטע וויסנשאפטלעכע פאָרשונג.

אן אינטערעסאנטע קאָנפערענץ

„די לינגוויסטישע רעקאָנסטרוקציע און די אורעלטסטע געשיכטע פונעם מיזרעך" — אזא טעמע איז באהאנדלט געוואָרן אף דער אלפארבאנדישער קאָנפערענץ, וועלכע ס'האָט דורכגעפירט דער אָריִענטאלער אינסטיטוט בא דער וויסנשאפט-אקאדעמיע פון פססר. אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטיילגענומען פאָרשער פון פארשיידענע שטעט פון אונדזער לאנד.

א טייל פון די פאָרטראָגן, וואָס זײַנען געהאלטן געוואָרן, האָט באריִרט פראגן פון סעמיטאָלאָגיע, דערונטער פון העבראַיִסטיק. אינטערעסאנט אין דעם פראט זײַנען געווען די רעפעראטן אין דער סעקציע „די שפראך און די קולטור בא די פעלקער פונעם מיזרעך-ברעג פון דעם מיטלענדישן יאם און מעסאָפאָטאמיע", באזונדערס אזעלכע ארבעטן, ווי י. שיפמאנס „די אָפשטאמונג פון דער קאנאאנייִש-אמאָרייִשער געמיינזאמקײַט (היסטאָרישע טראדיציע און שפראך-פארבינדונגען)", א. לונדינס „דער פעניקייִשער בוכשטאב „צ" — דער נאָמען און די פאָרם", אי. ווײַנבערגס „צאָפן" און „בניי-צאָפן" אין דער וועלט-מאָדעל פונעם טאנאך" און א ריי אנדערע. אייניקע מיטיילונגען אף אָט דער טעמאטיק זײַנען געלייענט געוואָרן אויך אין אנדערע סעקציעס פון דער קאָנפערענץ. אן אינטערעס האָט ארויסגערופן די פאָרשונג פון א. קוזמינען „העברעיִשע אנטלײַונגען אין דער טשוואשישער שפראך".

אן אויסשטעלונג פון קעראמישע ווערק

אין לאָקאל פונעם קלוב פון דער צײַטונג „איזוועסטיִא" איז עקספאָנירט געוואָרן אן אויסשטעלונג פון דער טביליסער קינסטלערן עלא רעמעניוק, וועלכע ארבעט אין געביט פון קעראמיק. א היפש אָרט האָבן אין דער עקספאָזיציע פארנומען די סקולפטורן לויט מאָטיוון פון שאָלעם-אלייכעמס ווערק און פונעם ייִדישן פאָלקלאָר: מאָטל פייסי דעם כאזנס און דער פארקישעפטער שנײַדער שימען-עליע מיט דער ציג, ייִסראָעל דער כאזן פון „די בלאָנדזנדע שטערן", טעוויע דער מילכיקער מיט זײַן ווײַב גאָלדע, שיינע-שיינדל, סטעמפעניו, הערשעלע אָסטראָפאָליער אא.

ביבליאָגראַפיע

נײַע ביכער פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, דערשינענע אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

א י ן י י ִ ד י ש:

ב י ר אָ ב י ד ז ש א ן — א ק א נ ט א ו ו ײַ ט ע ר א ו ן נ אָ ע נ ט ע ר.

א זאַמלונג, געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג זינט דער גרינדונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. צום ערשטן מאָל איז אין די ראַמען פון איין בוך צונויפגעזאַמלט געוואָרן א גרויסער ליטעראַריש־קינסטלערישער און דאָקומענטאַלער מאַטעריאַל, אין וועלכן עס זײַנען פאָרגעשטעלט ווערק פון קנאַפּע פופציק אָנגעזעענע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער.

י ו י ס ע ף ב ו כ ב י נ ד ע ר. נאָענטע ווײַטן.

א לידער־זאַמלונג פון איינעם פון די עלטסטע ייִדישע דיכטער. די זאָרג וועגן דער וועלט — אזא איז דער לייטמאָטיוו פון דעם בוך. א היפּש אָרט פאַרנעמען אין דער זאַמלונג דעם דיכטערס ליבע־לידער.

ב ע ר ה א ל פּ ע ר ן. כעזשבן־האַנעפּעש.

א פּראָזע־זאַמלונג פון העכער דרײַסיק דערציילונגען. דאָס איצטיקע און דאָס פאַרגאַנגענע זײַנען די גרונט־קאָמפּאָנענטן פון דער צײַט, אין וועלכער עס פאָרמירט זיך דער כאַראַקטער פון א נײַעם מענטשן. אין דער מערהײַט דערציילונגען פאַרגלײַכט דער אווטאָר די בורזשואַזע ליטע מיט דער סאָוועטישער ליטע, וועלכע האָט געעפנט גרויסע מעגלעכקײַטן פאַר אַלזײַטיקער אַנטוויקלונג פון דער אינדיווידואַליטעט.

ש י ר ע ג אָ ר ש מ א ן. א יאָמטעוו צווישן די אינדערוואָכנס.

איר נײַער בוך שליסט אין זיך אײַן א ראָמאַן און א ריי דערציילונגען, וועלכע שילדערן דאָס לעבן פון די ייִדן־האָרעפּאַשניקעס אין דער בורזשואַזער ליטע, זייער קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקײַט.

ל י י ב ק ו ו י ט ק אָ. יונגע יאָרן.

א פונדאַמענטאַל ווערק פון א גרויסן עפּישן פאַרנעם, וואָס דערציילט וועגן די שווערע יאָרן פון דער יונגער סאָוועטנמאַכט, וועגן דעם ביטערן קאַמף מיט די סאָנים פון דער רעוואָליוציע. אין דעם ראָמאַן אין פּערזן שפּירן זיך בולעט די סאַמע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון לייב קוויטקאָס פּאָעטישן טאַלאַנט.

ב ו ז י מ י ל ע ר. דער קוואַל דער לויטערער.

אין דער לידער־זאַמלונג באַזינגט איינער פון די עלטסטע שרײַבער פון ביראָבידזשאַן די שיינקײַט פון דער ווײַטמיזרעכדיקער נאַטור, די קראַפט און פרייד פון דעם מענטשנס מי, זײַן לײַבלעכע באַהעפטונג מיט דעם טײַגע־קאַנט.

י ע כ ִ ע ל ש ר ײַ ב מ א ן. ווײַטער.

אין דער פּראָזע־זאַמלונג גייען ארײַן א ראָמאַן אונטער דעם זעלבן נאָמען — א גרויס אווטאָביאָגראַפיש ווערק, ווו די האַנדלונג קומט פאָר אין דער ביז־סאָוועטישער בעסאַראַביע. אין זײַנע דערציילונגען און פאַרצייכענונגען ווענדט זיך דער אווטאָר ניט בלויז צו דער פאַרגאַנגענהײַט, נאָר אויך צום הײַנטצײַטיקן לעבן, צום לעבן אין די נײַע, סאָציאַליסטישע באַדינגונגען.

א י ן ד ע ר א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג א ף ר ו ס י ש:

ט ע ו ו י ע ג ע ן. אונדזערע צײַטן.

אין זײַן נײַעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן א ראָמאַן אונטער דעם זעלבן נאָמען, צוויי גרעסערע דערציילונגען „קרויווים“, „אַן עקסטרע טעלעגראַמע“ און עטלעכע קלענערע נאָוועלן און פאַרצייכענונגען, אין וועלכע דער שרײַבער מאָלט די געשטאַלטן פון אונדזערע מיטצײַטלער: אַרבעטער און אינזשעניערן, געלערנטע און דאָקטוירים, בויער און האָרעפּאַשניקעס פון דאָרף.

א ר ן ו ו ע ר ג ע ל י ס. צויבערגאַנג.

אין דעם נײַעם בוך גייען ארײַן לידער, באַלאַדעס, מיניאַטיורן, וועלכע דער דיכטער האָט געשאַפן פאַר די לעצטע יאָרן.

ש אָ ל ע ם ־ א ל י י כ ע ם — ד ע ר ש ר ײַ ב ע ר א ו ן מ ע נ ט ש: אַרטיקלען און זיכרוינעס.

דער בוך, וואָס איז ארויסגעגעבן לעקאָוועד דעם 125־טן געבורטסטאָג פון דעם קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, שטעלט מיט זיך פאָר א פּרווו צו צונויפזאַמלען די ארויסזאָגונגען פון סאָוועטישע שרײַבער און קולטור־טוער וועגן דער שאַפונג פון שאָלעם־אַלייכעמען, ווי אויך די מעמוארע נאָטיצן פון זײַנע מיטצײַטלער.

אין דעם זעלבן פאַרלאַג וועלן לויטן ארויסלאָזפּלאַן פון 1985 דערשײַנען:

א י ן י י ִ ד י ש:

ש מ ו ע ל ג אָ ר ד אָ ן. דער פײַל און דער בויגן (ראָמאַן און דערציילונגען).

דער נײַער בוך פונעם באַקאַנטן ייִדישן שרײַ־

בער איז געווידמעט אונדזערע מיטצײַטלער — דער גרונט־טעמע, וועלכער ש. גאַרדאַן איז טרײַ אין מעשעך פון העכער א האלבן יאָרהונדערט. אָן אַנ־געזעען אַרט פאַרנעמען אין זײַן שאַפונג די פּראָ־בלעמען פון מאָראַל און עטיק.

ד ע ר נ י ס ט ע ר. די מישפּאָכע מאַשבער.

איינער פון די גרונטלייגער פון דער יידישער ליטעראַטור שילדערט אין זײַן ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער" אַף א ברייטן היסטאָרישן פאָן דאָס לעבן פון יידן און אוקראַינער אין סאָף פון XIX יאָרהונ־דערט. דער אוטאָר באַוויזט אויך די טיפע פּראָ־צעסן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אינעם רעאַלן לעבן פון די פאָלקסמאַסן. מיט ליבשאַפט ווערן באַ אים געמאָלט די מענטשן פונעם נײַעם דאָר, וועלכע קעמפן קעגן דעם סאָציאַלן בייז, קעגן אומגערעכ־טיקײַט.

כ אַ י ם מ ע ל א מ ו ד. אומפאַרגעסלעכס.

די נײַע פּראָזע־זאַמלונג פון דעם באַוווסטן סאָ־וועטישן יידישן שרײַבער איז ניט קיין געוויינלעכע. זי באַשטייט אין גרונט פון א סעריע דערציילונגען וועגן שרײַבער. דער לייענער וועט אין זיי זיך באַ־געגענען מיט דעם אוטאָרס מיטצײַטלער, ווו יעדער פון זיי אנטשטייט מיט זײַן גורל, מיט זײַן וועלט־באַנעם און מיט זײַן אייגנטימלעכן פאַר אים שעפע־רישן וועג. א ציקל דערציילונגען איז געווידמעט דעם העראָיזם פון די סאָוועטישע מענטשן אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, די מאָראַלישע פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקייט.

י ו ס ע ף ר אַ ב י ן. די שטאָט פון מײַן יונג־קייט (ראָמאַנען, דערציילונגען, אויטאָביאָגראַפישע באַוועלן).

י. ראַבין — איינער פון די עלטסטע סאָוועטי־שע יידישע שרײַבער—דערציילט אין זײַן ראָמאַן „כאַוועלע געפען" וועגן די אַרבעטער פון ווילנע, וועגן די ביטערנישן און ליידן, וואָס עס איז אויס־געקומען אויסצושטיין אין דער בורזשואזער ליטע. אינעם ראָמאַן „איך זע דיך, ווילנע" דערציילט דער שרײַבער וועגן דעם העראָיזם פון די סאָוועטישע מענטשן אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטער־לענדישער מילכאָמע, וועגן דעם קאַמף קעגן פאַשיזם אין די געטאָ־לאַגערן. אין די אויטאָביאָגראַפישע נאָ־וועלן גיט דער אוטאָר א מעגלעכקייט דעם לייע־נער אַרײַנקוקן אין דער שעפערישער לאַבאָראַטאָ־ריע פונעם קינסטלער.

מ ו י ש ע ט י י ף. לידער, באַלאַדעס, פּאָעמעס.

מ. טייף (1904—1966) — איינער פון די גרונט־לייגער פון דער יידישער סאָוועטישער פּאָעזיע — האָט איבערגעלאָזט א גרויסע ליטעראַרישע ירושע, וואָס איז דער יעסאָד פון אָט דער נײַער אויסגאַבע. די ניט־פאַרעפנטלעכטע ביז איצט לידער, באַלאַדעס, פּאָעמעס פון מוישע טייפן גיבן א מער ברייטע פאָר־שטעלונג וועגן זײַן פּאָעטישן וועג און זײַן שעפע־רישן דיאַפּאַזאָן.

א י ן ד ע ר א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג א ף ר ו ס י ש:

כ א ַ י ם ב י י ד ע ר. מײַן וועטער.

די גרונט־טעמע פון זײַן איצטיקער לידער־זאַמ־לונג איז דער נײַער שטייגער פון די סאָוועטישע יידן, זייער פּאַטריאָטיזם, דאָס געפיל פון איין אייג־הײַטלעכער מישפּאָכע מיט די ברידערלעכע פעלי־קער. א באַדײַטנדיק אָרט אינעם דיכטערס שאַפונג פאַרנעמען געשטאַלטן פונעם יידישן פאָלקלאָר, לי־בע־לידער און פילאָסאָפישע מאָטיוון.

א י צ י ק ק י פ נ י ס. אין וועג (ראָמאַן, דער־ציילונגען).

די געשעענישן אינעם ראָמאַן „אין וועג" און אין דער גרעסערער דערציילונג „כאַוועלע און פיניע־לע" פון דעם באַוווסטן סאָוועטישן יידישן שרײַ־בער וויקלען זיך פאַנאַנדער אין פּעריאָד פון ביר־גערקריג און בייס דער אויסבילדונג פון דער סאָ־וועטנמאַכט אַף אוקראַינע, ווען דער קלאַסנקאַמף האָט אָנגענומען א באַזונדערס שאַרפן כאַראַקטער. די דראַמאַטישע געשעענישן פון יענער צײַט האָבן טיף זיך פאַרקריצט אינעם אוטאָרס זיקאָרן און האָבן געפונען א בוילעטע פאַרקערפּערונג אין די אייגנאַרטיקע, רעאַליסטישע בילדער פון לעבן, אין דער רײַכקייט פון דער שפּראַך.

א ל ע ק ס א נ ד ע ר ל י ז ע ן. דער קופּערנער הימל (ראָמאַנען און דערציילונגען).

אין זײַן נײַעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן צוויי ראָמאַנען („דער קופּערנער הימל" „גרינע מאַציי־וועס, וואָס שווײַגט איר") און צוויי גרעסערע דער־ציילונגען. די האַנדלונגען אין זיי וויקלען זיך פאַ־נאַנדער אַפן יעסאָד פון דראַמאַטישע און העראָיִשע גוירלעס פון מענטשן, וועמענס לעבנסוועגן ווערן באַוויזן פון די יאָרן פון בירגערקריג ביז דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

ב אָ ר י ס מ אַ ג י ל נ ע ר. זיקאָרן. לידער.

די בעסטע לידער פון דעם דיכטער, וועלכע ווערן פאַרגעשטעלט אין דעם בוך, שפּיגלען אָפּ דעם שעפערישן וועג, וואָס ב. מאַגילנער האָט אָנגעהויבן נאָך אין די פאַרמילכאָמע־יאָרן. אין זײַן דיכטונג איז בוילעט אקצענטירט די פּובליציסטישע ליניע. דער דיכטער איז באַקאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַן אוטאָר פון טיפע באַטראַכטונגען וועגן אונד־זער צײַט, מיט זײַנע לײַדנשאַפטלעכע לידער צו פאַרטיידיקן דעם שאָלעם און די סאָציאַלע גערעכ־טיקײַט. ב. מאַגילנערס ליריק אנטפּלעקט פאַרן לייע־נער א וועלט פון איידעלע איבערלעבונגען און די צאַרטע באַציִונג צו דער נאַטור.

אקטונג, ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור!

די אַנאָטירטע יידישע און רוסישע ביכער פון סאָוועטישע יידישע שרײַבער, וועלכע דערשײַנען יעדעס יאָר אין פאַרלאַג „סאָוועט־סקי פּיסאַטעל", קאָנט איר באַצײַטנס באַ־שטעלן אין די אָרטיקע מאַגאַזינען פון בוך־האַנדל („קניגאָטאָרג"), ווי אויך אין די אָרטי־קע האַנדלס־קאָנטאָרן פון דער געברויך־קאָ־אָפּעראַציע. באַקאַנט זיך צו דער צײַט מיט די יערלעכע אַרויסלאָז־פּלענער פון דעם פאַרלאַג!

● ● ●

דאָס בערעזע־וועלדל

אין פּליאָס איז א זון מיט א רעגן. א טאָפּלטער רעגנבויגן צינדט זיך אָן איבער דער וואָלגע. ווייך פּליעסקען זיך כוואַליעס אינעם טײַך. עס שרײַען טשײַקעס. ערגעץ אין דער ווײַט הערט זיך א בײַלערײַ פון הינט. שטיל אָטעמט דאָס גרינס פון די אויסגעצוואָגענע אינעם רעגן בײַבערעגיקע בערעזעס.

עמעצער טוט נאָענט א זאָג: „ערשט איצט הייב איך אָן גלייבן לעוויטאַנען...” א גרויסע טויווע געטאָן — אָנגעהויבן גלייבן. מײַן באַציִונג צו לעוויטאַנען דאַרף איך ניט אויספּרוּוון. איך פיל אים מיט אַלע מײַנע כושים. איך גלייב אים — פונעם ערשטן מאָל, ווען כ׳האָב דערזען זײַנס א בילד אין דער טרעטיאַקאָווקע. יאָ, דאָס ערשטע בילד, וואָס האָט מיך אָפּגעשטעלט אינעם לעוויטאַן־זאַל פון אָט דער וווּנדערלעכער קינסטלערישער גאַלעריִע, איז געווען „דאָס בערעזע־וועלדל”. נאָך דעמלט, אין דער קינדהײַט, בין איך דערשטוינט געוואָרן: וויאַזוי האָט זיך עס דעם קינסטלער אײַנגעגעבן? ער האָט ניט אָנגעמאָלט אַפילו קיין קליין פּיצל הימל — בלויז די בלעטער, דאָס גראָז, די שטאַמען און די צווײַגן, איך אָבער האָב דערזען דעם הימל, דאָס שווימען פון די וואָלקנס, זייערע שאָטנס. שפּעטער האָב איך ווידער איבערגעלעבט אָט דעם געפיל מײַנעם, לייענענדיק דעם דיכטערס שורע: „עס איז העל אַף דער נעשאָמע, ווי אין א בערעזע־וועלדל”.

„דאָס בערעזע־וועלדל” האָט געלעבט אין מיר פון קינדווײַז אָן, ניט צוגעבונדן צו קיין קאָנקרעט געאָגראַפיש אָרט, עס האָט, גיכער פון אַלץ, אויסגעדריקט די אַלגעמיינקײַט פונעם מיטלרוסישן פּייזאַזש, און אָפּט פלעג איך עס באַגעגענען אין פאַרשיידענע ערטער בײַס מײַנע טוריסטישע מאַרשן הינטער מאָסקווע און אין דער וולאַדימירער געגנט. איינמאָל אין אַזא מין וועלדל האָב איך זיך צוגעלייגט באַטאָג אין גראָז — דעם רוקזאַק אונטערן קאָפּ... ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זײַנען שוין איבער מײַן קאָפּ געהאַנגען שײַנענדיקע דורכן שוואַרצן געבלעטער שטערן, ס׳האָבן אומקלאָר געלויכטן אין כאַשכעס בערעזע־שטאַמען, און די סאָלאָווייען האָבן לײַדנשאַפטלעך, גליקלעך געפּיקט די קילבלעכע שטילקײַט מיט קרישטאָלענע דזיוב־העמערלעך.

האַקיצער, לעוויטאַנס ווערק פלעג מיך שטענדיק דערמאָנען די געזעענע אַף מײַנע וואַנדער־וועגן לעבעדיקע בערעזעס. און ערשט איצט, אין פּליאָס, האָב איך צום ערשטן מאָל א טראַכט געטאָן, אַז בא דעם בילד זײַנען דאָך זיכער פאַראַן קאָנקרעטע, אַזוי צו זאָגן, פּראָטאָטיפּן. איינער פון זיי — איז דאָס דאָרף באַבקינאָ הינטער מאָסקווע, אַף דעם טײַך איסטרע,

איסאַק לעוויטאַן. „פּליאָס”

ווו אין 1885 האָט לעוויטאַן אָנגעהויבן מאָלן זײַן בילד. דער צווייטער — דער יִשעוו פּליאָס, ווו אין 1889 יאָר האָט דער קינסטלער פאַרענדיקט דאָס בילד. לעם האַפן האָב איך געקויפט א שיין אַרויסגעגעבענעם בוקלעט, און כ׳האָב איבערגעלייענט: „אַפן ברעג פון דער וואָלגע, אין בערעזע־וועלדל, וועלכן עס האָט פאַרייביקט לעוויטאַן, געפינט זיך א בעסוילעם, ווו עס זײַנען געבראַכט צו קווורע סאָלדאַטן, געשטאָרבענע פון די פראָנט־ווונדן אין די מיליטערישע שפּיטאָלן”.

עמעס, אויב זײַן פּונקטועל, איז שוין איצט דאָס בערעזע־אינדזל מיט די קוואָרים און אָבעליסקן אָפּגעשיידט פונעם וועלדל מיט צעוואַקסענע יאָדלע־

פלאַנצונגען. אָבער מיט פערציק יאָר צוריק איז עס געווען איין גאַנצעס.

דער קריג האָט טיף, ביזן דנאָ, אָנגערירט די נעשאָמע פון רוסלאַנד. סײַ דערפאַר, ווײַל ס׳איז ניטאָ, מיסטאָם, בא אונדז קיין איין מישפּאָכע, וווּ אין מעשעך פון יאָרצענדליקער זאָל פאַרטויבט ווערן דער דורכבויערנדיקער אָנדענק וועגן די געפאַלענע און אָן א שפּור פאַרפאַלן געוואָרענע, סײַ מאַכמעס דעם, וואָס די פראָנט־בעסוילעמס זײַנען צו טיף אַרײַנגעקראָכן אין הינטערלאַנד, א סאַך ווײַטער פון יענער ליניע, ביז וועלכער ס׳איז דורכגעלאָזט געוואָרן דער סוינע. די קוואָרים פון די געשטאָרבענע אין די הינטערלענדישע האָספּיטאַלן — זײַנען אויך פראָנט־קוואָרים. דאָס איז דער זעלבער אומקום אין שלאַכט, נאָר מיט אַן אָפּהאַלט אַף טעג, כאָדאָשים און יאָרן.

אומעטום, פון קאָסטראָמאַ ביז פּערם און ווײַטער אין די אוראַלער און סיבירער שטעט און יִישווים, אונטער בערעזעס און סאָסנעס, אונטער ריאַבינעס און צעדערביימער האָב איך געזען די דאָזיקע האָספּיטאַלישע קוואָרים. א הייליקע זאַך טוען די יונגע און אָפּט שוין ניט אַזוי יונגע מענטשן, וועלכע גריבלען זיך אין אַלטע אַרכיוון, שטעלן אויף אָפּגעריבענע. פאַרוועלקטע אויפשריפטן אַף מאַציײוועס און נעמען צו בא די ברוטאַלע ווערטער „שפּורלאָז פאַרפאַלן געוואָרענע” די נעמען פון געשטאָרבענע אין די שפּיטאָלן פראָנטאָוויקעס, קערן אום אָט די נעמען צו אַלמאָנעס, צו קינדער און אייניקלעך, צו דעם היימלאַנד.

אין דער שטאָט טשעבאָקסאַרי האָט מען די געבײַדעס, וווּ עס זײַנען מילכאָמע־צײַט געווען האָספּיטאַלן, אָפּגעמערקט מיט מעמאָריאַל־ברעטלעך. איך שטעל זיך פאָר, וויפל מע וואָלט געדאַרפט מירמלשטיין, קעדיי באַצייכענען אַלע אַזעלכע ביניאָנים אין רוסלאַנד, אינעם גאַנצן סאָוועטנפאַרבאַנד. איך וואָלט דאַפקע זיי יאָ באַצייכנט. דאָס איז אונדזער שלאָפלאָזער זיקאָרן.

לעוויטאַנס ווערדל איז געוואָרן א לעבעדיקער מעמאָריאַל פאַר די אומגעקומענע, געשטאָרבענע פון ווונדן. און ווען כ׳וועל זיך ווידער באַגעגענען מיטן בילד אין דער טרעטיאַקאָווקע, וועט צו דער אייביקער שטוינונג פאַר דער אומשטערבלעכקײַט פון דער שיינקײַט צוקומען אויך אַן אַנדער געפיל. איצט ווייס איך אַף געוויס, אַז דאָס דאָזיקע ווערדל — דאָס איז אַן אָנדענק פון די, וועלכע זײַנען אומגעקומען אַף דער מילכאָמע.

קים סמירנאָוו
(צײַטונג „איזוועסטיאַ”)

אכטונג!

אין אָקטיאַבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד” פאַר הײַנטיקס יאָר הייבן מיר אָן דרוקן א ועלבסטלערער (Самоучитель) פון דער יִדישער שפּראַך. דער קורס לימודים וועט זײַן אויסגערעכנט פאַר די קומענדיקע לייענער פון יִדישער ליטעראַטור, וועלכע ווילן באַנײַען זייער וויסן פון דער שפּראַך אָדער זי דערלערנען פונדאָסנײַ.

אַף וויפל די רעדאַקציע וועט ניט האָבן קיין פרײַע עקזעמפּליאַרן פונעם זשורנאַל אַף צו באַפרידיקן די באַקאָשעס פון כאַוויירים, וואָס וועלן ניט באַווײַזן זיך אַבאָנירן אַף אָקטיאַבער — דעקאַבער ד. י., אייצענען מיר באַצײַטנס (ביזן 1 סענטיאַבער) זיך אונטערשרײַבן אַפן פערטן קוואַרטאַל, שוין אָפּגערעדט פונעם קומענדיקן 1986 יאָר, ווען עס וועלן זיך פּובליקירן די ווײַטערדיקע לימודים.

Внимание!

В октябрьском номере «Советиш геймланд» за текущий год мы начинаем печатать самоучитель языка идиш. Курс рассчитан на будущих читателей еврейской литературы, желающих усовершенствовать свои познания в языке идиш или изучить его заново.

Поскольку редакция не располагает свободными экземплярами журнала для удовлетворения просьб тех, кто не успел подписаться на октябрь — декабрь месяцы текущего года, советуем вовремя оформить подписку на 4-й квартал (не позже 1 сентября), а также на будущий, 1986 год, на протяжении которого будут публиковаться дальнейшие главы самоучителя.

צו די גוטע־ווינטשן פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור

צו די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“ און צו די ליבהאָבער פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז אַרײַנגעטראָטן אין זײַן 25־טן יאָרטאָג. אין משך פֿון אָט דעם פֿערטל יאָרהונדערט באַקומען די ליבהאָבער פֿון אונדזער ליטעראַרישער שאַפֿונג אַלץ נײַע און נײַע ראָמאַנען, דערציילונגען, לידער, פּאָעמעס, ליטעראַטור־פֿאָרשערישע עסייען און אַרכיוו־מאַטעריאַלן — אַן אויצער פֿונעם געדרוקטן ייִדישן וואָרט. דער אָנזען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד איז פֿאַר דעם צײַט־אָפּשניט אומגעהייער אויסגעוואַקסן, אירע ווערק זײַנען געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט צווישן טויזנטער און טויזנטער לייענער בײַ אונדז אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד און אין אַנדערע לענדער פֿון דער וועלט. אין צוויי הינזיכטן זײַנען באַזונדערס מערקבאַר די רעזולטאַטן פֿון אונדזער געמיינזאַמער מיט אײַך מי. עס באַווײַזן זיך נײַע שעפֿערישע נעמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור — יונגע פּראָזאַיקער, דיכטער, ליטעראַטור־פֿאָרשער, און ס'איז געשען דער נס פֿון אַ באַשטענדיקן סײַ טראַדיציאָנעלן, סײַ צוגעקומענעם ייִדיש־לייענער.

טײַערע פֿרײַנט!

פֿאַר אונדז שטייט אַ וויכטיקע אויפֿגאַבע אין דער אַבאָנירקאַמפּאַניע אויף דעם 1986 יאָר. ס'איז געקומען די צײַט צו אויסברייטערן די לייענער־באַזע פֿונעם זשורנאַל. און דאָס הענגט אָפּ פֿון יעדערן פֿון אונדז באַזונדער. מיר דאַרפֿן זען, עס זאָל ניט בלײַבן קיין איין ייִשעוו מיט ייִדישער באַפֿעלקערונג, אַפֿילו דער סאַמע קלענסטער, צו וועלכן עס זאָל ניט דערגיין „סאָוועטיש היימלאַנד“. ס'איז דאָך באַוווּסט, אַז אין די אַמאָליקע ייִדישע שטעטלעך זײַנען הײַנט־צו־טאָג פֿאַראַן מישפּחות, וועלכע ווייסן און געדענקען ייִדיש, און ס'איז אַ כּיוון פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער זיך צו פֿאַרבינדן מיט זיי, אַפֿילו אויב דער געזעלשאַפֿטלעכער פֿאַרשפּרייטער וווינט ניט אינעם געגעבענעם ייִשעוו, נאָר אין אַ שכנותדיקן. וואָס איז שײַך די גרויסע שטעט מיט אַ ייִדישער באַפֿעלקערונג, אַזעלכע ווי מאָסקווע, קיִעוו, לענינגראַד. מינסק, קעשענעוו, לוואָוו, ביראָבידזשאַן, אָדעס, וויניצע, ווילנע, גאָרקי, כאַרקאָוו, וויטעבסק, באָברויסק, קאַזאַן, האָמעל, זשיטאָמיר, טאַשקענט, טשערנאָוויץ, נאָוואָסיבירסק און פֿיל אַנדערע, האָפֿן מיר, אַז דאָרט וועט יעדער אַלטער לייענער אַרײַנברענגען אויפֿן 1986 יאָר עטלעכע נײַע לייענער פֿון צווישן זײַנע שכנים, באַקאַנטע, קרובֿים. קאָאָרדינירן אָט די אַרבעט דאַרפֿן, נאַטירלעך, די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער.

די רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל וועט אין משך פֿון אויגוסט, סעפּטעמבער און אָקטיאַבער דערוואַרטן פֿון אײַך אַלעמען, טײַערע פֿרײַנט, פֿון יעדן פֿון אײַך, אַ שריפֿטלעכע מיטיילונג וועגן די דערגרייכטע רעזולטאַטן אין דער אַבאָנירקאַמפּאַניע.

אין די שמועסן מיט קומענדיקע לייענער דערציילט זיי, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד“ קומט צו זײַן 25־יאָריקן יובֿליי מיט אַ באַדײַטנדיקער אָנזאַמלונג פֿון שעפֿערישקייט. ער איז ניט נאָר רײַך אין אינהאַלט, נאָר אויך עסטעטיש אויסגעפֿורעמט מיט גראַפֿישע און מאָלערישע מוסטערן. צוזאַמען מיט יעדן זשורנאַל־נומער באַקומט דער לייענער אַ ביכל נײַסטע קינסטלערישע ווערק פֿון אונדזער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור, ווי אויך פֿון דער ייִדישער קלאַסיק. אָנהייבנדיק פֿונעם אָקטיאַבער־נומער פֿאַר הײַנטיקס יאָר, וועט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ זיך דרוקן אַ „זעלבסטלערער“ (Самоучитель) פֿון דער ייִדישער שפּראַך. דאָס איז, ווי זיך ווײַזט אויס, באַזונדערס וויכטיק פֿאַר יענע קומענדיקע לייענער, וועלכע האָבן אין זינען צו באַנײַען זייער וויסן אין ייִדיש אָדער אָפּסנײַ דערלערנען די שפּראַך.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“ זײַנען זיכער, אַז יעדער ליבהאָבער פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור וועט געבן זײַן בײַטראָג אויף אָפּצומערקן דעם 25־יאָריקן יובֿליי פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“ מיט אַ צופֿלוס פֿון נײַע לייענער.

רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע
פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

ראָזאַווסקי, נאָסן
(1960—1878)

— דראַמאַטורג, אַרטיסט, קולטור־טוער. געבוירן אין סמאָרגאָן, ווײַסרוסלאַנד. געווען אַן אָנפירער פון דראַמאַטישע קרײַזן, אין וועלכע ס׳האָבן אָנטײלגענומען מוישע קולבאַק, דער זינגער מוישע קוסעוויצקי. באַקאַנט ווי א קינסטלערישער פאָרלעזער פון ווערק פון ייִדישער קלאַסיק. געשפּילט טעאַטער אין פאַרשיידענע וואַנדער־טרופּעס. אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט האָט ער צוזאַמען מיט זײַן פרוי ראָזע ראָזאַנאָווא זיך אָפּגעגעבן דער דערציִונג פון קינדער אין קינדערהיימען. דעמלט טאַקע אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט אַלס דראַמאַטורג און פּראָזאַיִקער. זײַנע פּיעסעס זײַנען אויפגעפירט געוואָרן אין פאַרשיידענע טעאַטערן און קאָלעקטיוון פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט. געדרוקט אין דער פּעריִאָדישער פּרעסע הומאָרעסקעס, סקיצעס, בילדלעך. נאָך דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע זיך פאַרנומען דעריקער מיט פּאָפּולאַריזירן און פאַרשפּרייטן דעם ייִדישן בוך. געשטאָרבן אין כאַרקאָוו, וווּ ער האָט געוווינט די לעצטע יאָר.

ווערק: דער שלעכטער קיניג, פּיעסע. פּאָלטאַווע, מעלוכע־פאַרלאַג, 1922; פרילינג־גאַנג, א שפּיל פאַר קינדער אין איין אַקט. דאָרט, 1923; א באַגעגעניש, פּיעסע אין איין אַקט. קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1938.

ביבליִאָגראַפיע: צום 80־טן געבורטסטאָג פון נאָסן ראָזאָווסקי, כראָניק. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, 1964, נום. 3; ש. גאָרדאָן, נאָסן ראָזאָווסקי, צײַטונג „פאָלקס־שטימע״, וואַרשע, 1966. דער זעלבער, דער אָנדענק פון נאָסן ראָזאָווסקי. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, 1969, נום. 7.

ראָזענבליום, מוישע
(מוישע אבע.
(1969—1889

— איבערזעצער, זשורנאַליסט. געבוירן אין צעכאַנאָוועץ, גראָדנער גובערניע, אין א מישפּאָכע פון א בוכהאַלטער. פאַרענדיקט א קאָמערץ־שול אין ביאַליסטאָק. ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע אוועקגעפאָרן קיין בעלגיע, וווּ אין מעשעך פון צוויי יאָר זיך געלערנט אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט פון דער שטאָט גענט. ארויסגעשיקט געוואָרן פונעם לאַנד פאַר רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט. געקומען קיין ענגלאַנד, וווּ פאַרענדיקט דעם עלעקטראָטעכנישן פאַקולטעט פונעם לאָנדאָנער אוניווערסיטעט. אריבערגעפאָרן קיין דענעמאַרק, געאַרבעט אַלס זשורנאַליסט. אויך פון דאָרט ארויסגעשיקט געוואָרן פאַר רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט. אין 1922 געקומען קיין בערלין און אַרײַנגעטראָטן אין דער דײַטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין 1929 זיך באַזעצט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, געאַרבעט אין די צענטראַלע צײַטונגען „זא אינדוסטריִאַליזאַציִו״, „איזוועסטיִא״, „דער עמעס״ און אין ראַדיִאָקאָמיטעט. א געוויסע צײַט געווען א מיטאַרבעטער אין דער צײַטונג „אייניקײַט״, אינעם פאַרלאַג „דער עמעס״. באַהערשנדיק פולקום 11 אויסלענדישע שפּראַכן, איבערגעזעצט אויף ייִדיש 24 ביכער פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור, דערונטער „זשאַן קריסטאָף״ פון ראָמען ראָלאַן. געשטאָרבן אין מאָסקווע.

ראָזענהויז, מענדל
(1981—1901)

— ביבליִאָגראַף. געבוירן אין באָברויסק, ווײַסרוסלאַנד, וווּ פאַרענדיקט א מיטלשול. פון 1922 — א ביבליִאָטעקער אין דער היימשטאָט. אין 1924 אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. געאַרבעט אין א ריי ביבליִאָטעקן און אָנגעהויבן צו פאַרנעמען זיך מיט ייִדישער ביבליִאָגראַפיע אין דער מאָסקווער צענטראַלער ייִדישער ביבליִאָטעק, אין די ביבליִאָטעקן פונעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אויף וו. אי. לענינס נאָמען, פונעם מײַרעוו־אוניווערסיטעט, פון גאַסעט און פון דעם „עמעס״־פאַרלאַג. קאָמפּלעקטירט די פאָנדן, צונויפגעשטעלט רעקאָמענדירצעטלען. אָנטײלנעמער פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. זינט ס׳האָט אָנגעהויבן דערשײַנען „סאָוועטיש היימלאַנד״ געאַרבעט אין דער ביבליִאָטעק פונעם זשורנאַל.

ווערק (אין „סאָוועטיש היימלאַנד״): ליטעראַרישע ירושע פון די שרײַבער־שלאַכטלײַט. 1961, נום. 2; א נײַע ביבליִאָגראַפישע אויסגאַבע (וועגן דעם בוך „פּרסומים יהודיים בברית־המועצות״, ירושלאַיִם, 1961). 1961 נום. 3; א פּאָר באַמערקונגען צו אַן אינטערעסאַנטער אויסשטעלונג (וועגן א פּערעץ־אויסשטע־



לונג אין דער נאַציאָנאַלער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושאַלאַים). 1966, נומ. 7; אַף אַלע טעג פון א גאַנץ יאָר (וועגן דעם בוך אַפּן זעלבן נאָמען, צונויפגעשטעלט פון י. גוטקאָוויטש). 1967, נומ. 5; וועגן די אַרבעטן פונעם אַמעריקאַנער יידישן ביבליאָגראַף יעפּים יעשורין. 1968, נומ. 1; שמואל ראָסינס ווערק. 1970, נומ. 8; דעם ניסטערס ווערק (צוזאַמען מיט א. פינקעלשטיין). 1970, נומ. 1; ווערק אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן פעריאָד 1961—1971. אַנאָטירטע רעשימע פון קריטישע און ליטעראַטור־היסטאָרישע מאַטעריאַלן. 1972, נומ. 2—3; ליטעראַטור וועגן ביראָבידזשאַן. 1974, נומ. 4; ז. וועגנדראַפּס ווערק (און וועגן אים). 1977, נומ. 6; דאָוויד האָפשטיינס ווערק. 1981, נומ. 3; וועגן ביבליאָטעקן און ביבליאָטעקערס, נאָטיצן פון א ביבליאָגראַף. 1982, נומ. 2.

ביבליאָגראַפיע: א. פריבלודע, צום יובליי פון א יידישן ביבליאָטעקער און ביבליאָגראַף. 1971, נומ. 12.

ראָזענטאַל, זאַלמען
(1882—?)

— פּראָזאַיקער, פאָלקלאָר־זאַמלער, זשורנאַליסט. געבוירן אין שטעטל טעלענעשט, בעסאַראַביע. אין עלטער פון 13 יאָר איבערגעפאָרן קיין אָדעס. די ערשטע דערציילונג „א מאָנאָלאָג פון א שוויגער" (אונטערן פּסעוודאָנים ש. אשקענאַזי) פאַרעפנטלעכט אין מ. ספעקטאָרס צײַטונג „אונדזער לעבן". שפּעטער געדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים „יידל טשאַד" אין דער טעגלעכער צײַטונג „גוט־מאָרגן", וועלכע ס'האָט רעדאַגירט מוישע טײַטש, בילדלעך און פעליעטאָנען וועגן דעם אָדעסער יידישן לעבן. אין 1914 געוואָרן א שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער אָדעסער טעגלעכער צײַטונג „דאָס נײַע לעבן" (רעדאַקטאָר — אַלעקסאַנדער כאַשין). דאָרט פאַרעפנטלעכט א סעריע קינדער־מײַסעס. אין די ווײַטערדיקע יאָרן געווען רעדאַקטאָר פון די קעשענעווער צײַטונגען „דער יוד" און „אונדזער צײַט". ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אין קעשענעוו א כוידעשזשורנאַל „פאַרן יידישן קינד", ענערגיש געאַרבעט אין געביט פון יידישער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר, פאַרעפנטלעכט העכער הונדערט יידישע פאָלקסלידער.

ווערק: לידעלעך. אָדעס, פאַרלאַג „בלימעלעך", 1918; אונטער עליעס בוים, מײַסעלעך פאַר קינדער. אָדעס, פאַרלאַג „נײַ לעבן", 1919; דאָס וווּנדער־ציגל, מײַסעלעך פאַר קינדער. דאָרט, 1919; מוציק, מײַסעלעך פאַר קינדער. דאָרט, 1919; מיאַו, מײַסעלעך פאַר קינדער, דאָרט, 1919; ניני און נינאַ, מײַסעלעך פאַר קינדער. דאָרט, 1919; דאָס ציגעלע באַם וויגעלע, מײַסעלעך פאַר קינדער. דאָרט, 1919; דער קרעטשמער, מײַסעלעך פאַר קינדער. דאָרט, 1919; מײַסעלעך פאַר קינדער. דאָרט, 1919.

ביבליאָגראַפיע: שרײַבער און ווערק, נאָטיצן אַפּן קאַלענדאַר. „סאָוועטיש היימלאַנד", 1972, נומ. 3.

ראָזענצווײַג, אײַזיק
(1888—1934)

— קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער. געבוירן אין שטעטל זאַבלודאָווע, ווײַסרוסלאַנד. די ליטעראַרישע טעטיקײַט אָנגעהויבן אין 1913. געווען א לערער אין וויטעבסקער יידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום. אין סאָף פון די 20־ער יאָרן אַריבערגעפאָרן קיין אָדעס, געאַרבעט דאָרט אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אוטאָר פון פיל אַרטיקלען אַף ליטעראַרישע, לינגוויסטישע און פּעדאַגאָגישע טעמעס.

ווערק: (צוזאַמען מיט מ. יודאָווין, מ. מאַגילניצקי, נ. סאָלאָווײ) אַרבעט און שאַף, לייענבוך פאַרן צווייטן קלאַס. מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג, 1928; דער דיכטער פון צווישן „אָפּגאַנג" און „אופגאַנג" (צום צענטן יאָרצײַט פון אשער שוואַרצמאַן). זשורנאַל „שטערן", מינסק, 1929, נומ. 8—9; רייזען דער ליריקער. דאָרט, 1929, נומ. 10; איציק פעפער און איזי כאַריק. דאָרט, 1930, נומ. 5—6; וועגן ראַבינס „שוועסטער־קינדער". דאָרט, 1930, נומ. 10; וועגן מ. כאַשטשעוואַצקיס אידעאָלאָגיש־קינסטלערישער עוואָליוציע. דאָרט, 1930, נומ. 12; אַרײַנפיר צום בוך „מענדעלע מוכער־ספאָרים". געקליבענע ווערק אין איין באַנד. קיִעוו — כאַרקאָוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1936; סאָציאַלע דיפערענציאַציע אין דער יידישער פאָלקלאָר־ליד. קיִעוו, אוקראַיִנישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, 1934, דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פון פּערעצעס שאַפן. כאַרקאָוו — קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1934; (צוזאַמען מיט מ. עריק) די יידישע ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט, ערשטער בוך. קיִעוו — כאַרקאָוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1935; צווייטע אומפאַרענדערלעכע אופלאַגע. דאָרט, 1935.

ביבליאָגראַפיע: מ. נאָטאָוויטש, ראָזענצווײַג, אײַזיק. קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע (רוסיש), באַנד 6, מאָסקווע, פאַרלאַג „סאָוועטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ", 1971.

ДЛЯ ИЗУЧАЮЩИХ ИДИШ
ПРОДОЛЖЕНИЕ УРОКА XXVIII

פאַר די, וואָס לערנען יידיש
פאָרזעצונג פונעם לימעד XXVIII

§ 51. Вместо артиклей часто употребляются их заменители. Это прежде всего:

а) притяжательные местоимения, отвечающие на вопрос «чей? чья? чьё? чьи? **װעמענס?**

1) мой, моя, мое; 2) твой, твоя, твое; 3) его; 4) её; 5) наш, -а, -е; 6) ваш, -а, -е; 7) их.

1) מײַן; 2) דײַן, 3) זײַן; 4) איר; 5) אונדזער; 6) אײַער, 7) זייער.

В отличие от русского языка еврейские притяжательные местоимения перед любым существительным единственного числа употребляются в указанной выше краткой форме без каких-либо окончаний, например:

1) Мой брат, моя сестра и моё дитя;
2) Я это рассказываю моему брату, **моей сестре и моему ребенку.**

1) מײַן ברודער, מײַן שוועסטער און מײַן קינד;
2) איך דערצייל דאָס מײַן ברודער, מײַן שוועסטער און מײַן קינד.

При любом существительном множественного числа притяжательные местоимения получают окончание **[-э]:**

1) Мои братья (сестры, дети);
2) Я рассказываю моим братьям (сестрам, детям).

1) מײַנע ברידער (שוועסטער, קינדער)
2) איך דערצייל דאָס מײַנע ברידער (שוועסטער, קינדער).

В идише нет местоимения, соответствующему русскому «свой». Вместо него в **зависимости от подлежащего употребляется соответствующее притяжательное местоимение, сравните:**

1) **Я** беру **свою** книгу.
2) **Ты** берешь **свою** книгу.
3) **Он** берет **свою** книгу.
4) **Она** берет **свою** книгу.
5) **Мы** берем **свою** книгу.
6) **Вы** берете **свою** книгу.
7) **Они** берут **свою** книгу.

1) איך **נעם** מײַן **בוך.**
2) דו **נעמסט** דײַן **בוך.**
3) ער **נעמט** זײַן **בוך.**
4) זי **נעמט** איר **בוך.**
5) מיר **נעמען** אונדזער **בוך.**
6) איר **נעמט** אײַער **בוך.**
7) זיי **נעמען** זייער **בוך.**

Как видно из примеров, вместо «я беру свою книгу» на идиш говорят дословно: «я беру мою книгу». Соответственно «ты — твою» и т. д. При переводе на русский язык надо, естественно, в таких случаях употребить слово «свой, -я, -е, -и».

Задание 1*. Вместо пропусков употребите то местоимение, которое соответствует **в данном предложении русскому «свой».**

1) איך גיי צו ... ברודער. 2) מיר ריידן מיט ... לערער. 3) ער באַזוכט ... כאַוער. 4) די שוועסטער גייט צו ... כאַווערטע. 5) מיר ליבן ... סאָוועטיש היימלאַנד. 6) די מאַמע האָט ליב ... קינד. 7) מאַך ... אַרבעט גוט! 8) נעמט ... בוך און לייענט! 9) עפֿן ... העפט און שרײַב ... אויפֿגאַבע! 10) זיי פֿילן אויס ... פֿליכט.

שליסל צו דער אויפֿגאַבע 1.

1) מײַן; 2) אונדזער; 3) זײַן; 4) איר; 5) אונדזער; 6) איר; 7) דײַן; 8) אײַער; 9) דײַן; דײַן; 10) זייער.

б) Вместо артикля употребляются такие **указательные местоимения:**

1) этот, эта, это; эти.
2) тот, та, то; те.
3) тот самый, та самая, то самое; те самые.
4) такой, -ая, -ое (только в единств. числе).
5) каждый, -ая, -ое (только в единств. числе).

1) דער דאָזיקער, די דאָזיקע, דאָס דאָזיקע; די דאָזיקע.
2) יענער, יענע, יענץ; יענע.
3) דער זעלביקער, די זעלביקע, דאָס זעלביקע; די זעלביקע.
4) אַזאַ.
5) יעדער.

в) Заменителями артикля являются также **вопросительно-относительные** местоимения.

1) какой, какая, какое; 2) (мн. число) какие; 3) **чей**, чья, чьё, чьи; 4) сколько.

1) וואָסער; 2) וואָסערע; 3) וועמענס. 4) וויפל.

§ 52. Артикли и их заменители являются важнейшим **средством обогащения словарного состава** путем превращения глаголов, прилагательных и других частей речи в существительные (т. наз. субстантивация). При этом само слово не меняется, и лишь наличие артикля или его заменителя указывает на то, что в данном случае имеем дело именно с существительным. Сравните, например, значение выделенных слов в сопоставляемых предложениях:

1) Дети **поют** (глагол). — **Их пение** (сущ.) мне нравится.

2) У ученика сегодня **пять** (числительное) уроков. — Он получил за ответ **пятерку** (сущ.).

3) **Умный** (прилагат.) человек не откладывает на **завтра** (наречие) то, что он может сделать **сегодня** (наречие). — Умный (сущ.) думает не только о **сегодняшнем дне** (сущ.), но и о **завтрашнем дне** (сущ.).

1) די קינדער זינגען. — זייער זינגען געפעלט מיר.

2) דער שילער האָט הײַנט פינף לימודים. — ער האָט באַקומען פאַר זײַן ענטפער א פינף.

3) א קלוגער מענטש לייגט ניט אָפּ אף מאָרגן, וואָס ער קאָן נאָך הײַנט באַזאָרגן. — א קלוגער קלערט ניט נאָר וועגן דעם הײַנט, נאָר אויך וועגן דעם מאָרגן.

§ 53. Важнейшим условием быстрого ориентирования в новом тексте и точного его понимания является умение определять значение новых слов без обращения к словарю. Пониманию новых слов способствует много факторов. Легко понять значение большинства интернациональных слов, так как их звучание и значение в русском и еврейском полностью или почти полностью совпадают, например:

דער סאָציאַליזם, די פּאַרטיי, דער קאָמוניסט, דער קאָסמאָס, די רעוואָליוציע, די כימיע, די אַפּאַראַטור, דער אינסטיטוט, די מעדיצין, דער רעצעפּט.

З а м е т ь т е однако разное значение сходных по звучанию слов с суффиксом **«-ик»**: русскому «математик» (ученый) соответствует еврейское [дэр математи**кэр**]. Еврейскому же слову «[математик]» соответствует русское «математика» (наука), ср. **также**:

1) физика — 2) физик
3) политика — 4) политик
5) грамматика — 6) грамматист
7) техника — 8) техник

1) די פיזיק 2) דער פיזיקער
3) די פּאָליטיק 4) דער פּאָליטיקער
5) די גראַמאַטיק 6) דער גראַמאַטיקער
7) די טעכניק 8) דער טעכניקער

Нетрудно также догадаться о значении еврейских слов славянского происхождения (из русского, украинского, белорусского и др. языков):

דער זאַוואָד, דער סטעפּ, דער ספּוטניק, די בעריאָזע, דער סטאַכאַנאָוועץ, דער באָלשעוויק.

לאָמיר זינגען נייע לידער

ס'איז נאָך גרויס די נאַכט

מוזיק — לייב בירנאָוו   ווערטער — וולאַדימיר דאַנקאָ





שפילט דער ווינטער אף א פידל,
אָט ער וויינט, און אָט ער לאכט,
וויגט און וויגט דער ווינט א וויגל
און אין וויגל שלאָפט די נאכט. (2 מאָל)

גייט ארויס פון הויז א מיידל,
איינע־איינינקע אליין,
וויל זי פרעגן בא דעם פויגל:
ס'גייט שוין פרילינג אָדער ניין?

נאָר פארפראָרן ליגט דער פויגל
און דאָס מיידל שטייט פארטראכט...
גיי אהיים, טו אויס דײַן קליידל,
לייג זיך, ס'איז נאָך גרויס די נאכט... (2 מאָל)

The well-known Russian poet and publicist, Yuri Gribov, is 60 years old. The author of many books, Yu. Gribov has dedicated most of them to the people of the Russian *Non-Black* Earth Region, their work and their cares. He is interested not only in the economy of that land, but mainly in the moral world of man, his attitude to work, to the land, to the present and to the future. In our feature, "New Translations", we are publishing Yu. Gribov's short story "The Return", taken from his book "The Festival in Usol".

For many years, Tsalel Blitz, writer, journalist and public figure, has been in charge of the progessive Jewish newspaper "Undser Lebn" (Argentina). His published books include "A journey into our pain and into our joy" and "Steps over San-Martin's Land", and he has written many articles on literary and social-political topics. Blitz is a devoted friend of our country and of Soviet Jewish literature. For many years he has been running a regular feature in "Indser Lebn" under the heading "On Literary Themes", in which he responds to the most important events in literary life. Two essays from this feature are being published in our present number.

"The contemporary political theatre in Israel is a new phenomenon, brought to life by our reality. In recent times, the Israeli stage has been crowded with plays on topical subjects. The time has come to analyse the themes and ideological content of these plays". So begins an article "Israeli Reality on the Theatrical Stage" in our present edition. The author is Yaron Barak, theatre critic for the Israeli newspaper, "Zo Gaderech".

The Israeli communist press has commemorated a big occasion, the 1000th edition of the Israeli Communist Party's "Der Veg", published in Yiddish. In connection with this date, "Sovietish Heimland" has sent greeting to its fraternal newspaper. We are publishing the text of our greeting.

In the section "Our Information", we are publishing an article by Abram Torpusman of Moscow, "Jewish Antroponymics". "The Works of A. S. Pushkin in the Countries of the Non-Soviet East" is the title of a note by David Isakov of Gorky in which he tells about a scientific conference at the Institute of Oriental Studies under the Academy of Sciences of the USSR.

We are continuing to publish items about the work of Soviet Jewish composers. Our present issue includes an article by musicologist Viktor Lenzon of Moscow, "The Composer Vladimir Terletsky".

Lovers of literature will be interested in the details of new books by Soviet Jewish writers which have been brought out by "Sovietsky Pisatel" Publishers in Yiddish and in Russian tranlations.

Our issue ends with the regular features, "Items of Interest", "Chronicle", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature" and "An Aid to those learning Yiddish".

Supplement:
Sergei Baruzdin "I love my street"

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland") No. 7, July, 1985

Our current issue opens with "Information For Our Readers". It consists of selected items from the Soviet and foreign press about this year's fresh wave of antisemitic outrages by neo-fascists in France and the United States of America. We refer in particular to the explosion in the Paris "Rivoli-Bobur" cinema during a showing of the film "Eichmann, Man of the Third Reich", and to the pogrom at a Jewish school in a New York suburb.

Poetry is prominently featured in this issue. Apart from verse cycles by Lipa Geller of Minsk and Vladimir Chernin of Moscow, we are publishing, in our one-poem feature, new verse by Chaim Gurevich of Novosibirsk, Iosif Bukhbinder of Kiev, Dora Khaikina of Kiev, Buzi Miller of Birobijan, Misha Mogilevich of Kiev, Lev Berinsky of Moscow, Zisi Veitsman (Baikal-Amur Railway, Norsk settlement, Amur Region), Abram Katsev of Kherson, Pinya Plotkin of Bobruisk, Motl Gruvman of Novgorod, Alexander Belousov of Kuibyshev, Misha Lemster of Kishinev, Ilya Beider of Gorky, Pinya Kirichansky of Kiev and Bronya Sinelnikova of Moscow.

Prose is represented by new stories from Chaim Melamud of Chernovstsy, Boris Sandler of Kishinev and Dina Kalinovskaya of Moscow. We are publishing documentary novel by Daniil Shekhter of Kishinev, "The story of July Semo".

Continuing the publication of work by our readers, the journal is printing in the present issue verse by one of the magazine's oldest public distributors, Zalman Minkin, who lives in Donetsk. He was born on the threshold of the new century into a peasant family. At the age of twenty, he joined the Red Army as a volunteer and took part in the battles for Soviet power in Budyonny's cavalry.

Marc Chagall has died, one of the greatest artists of our era. Few know that he wrote poetry at various times. "Sovietish Heimland" is featuring two poems his creative heritage. We are also publishing "A Word About Marc Chagall" by Aron Vergelis of Moscow.

The art of the creative documentary is represented by articles from Kima Greidina of Moscow, Grigory Reles of Minsk and Ruvim Pustylnikov of Moscow.

Three memorable literary dates are being commemorated in our issue: the 100th birtday anniversary of M. Shatz-Anin (1885-1974), the 80th birthday anniversary of Gersh Remennik (1905-1981) and the centenary of the death of Victor Hugo (1802-1885). We are publishing an article by Mark Razumny of Riga about the life and work of M. Shatz-Anin, the reminiscences of Feiga Polyak about G. Remennik and three poems by Viktor Hugo.

Исполнилось 60 лет известному русскому прозаику и публицисту Юрию Грибову. Автор многих книг, Ю. Грибов посвящает большинство из них людям Российского Нечерноземья, их делам, их заботам. Его интересует не только экономика этого края, но, главным образом, нравственный мир человека, его отношение к труду, к земле, к настоящему и будущему. В рубрике «Новые переводы» печатается рассказ Ю. Грибова «Возвращение», взятый из его книги «Праздник в Усолье».

Долгие годы возглавляет редакцию прогрессивной еврейской газеты «Ундзер лебн» (Аргентина) писатель, публицист и общественный деятель Цалел Блиц. Он является автором книг «Путешествие в нашу боль и в нашу радость», «Шаги по Сан-Мартинской земле», многих статей на литературные и общественно-политические темы. Ц. Блиц — преданный друг нашей страны, советской еврейской литературы. На протяжении ряда лет он ведет в газете «Ундзер лебн» рубрику «На литературные темы», в которой отзывается на наиболее важные события в литературной жизни. Два эссе из этой рубрики журнал публикует в этом номере.

«Современный политический театр Израиля — новое явление, вызванное к жизни нашей действительностью. В последнее время израильскую сцену заполнили пьесы на злободневные темы. Назрела необходимость проанализировать тематику и идейное содержание этих пьес». — Так начинается статья «Израильская действительность на театральной сцене», помещенная в настоящем номере журнала. Автор ее — Ярон Барак, театральный обозреватель израильской газеты «Зо гадерех».

Коммунистическая печать Израиля отметила большой праздник — вышел 1000-ый номер органа КПИ «Дер вег», издающегося на языке идиш. В связи с этой датой редакция «Советиш геймланд» послала приветствие братской газете. В номере публикуется текст этого приветствия.

В рубрике «Наши сообщения» публикуется статья Абрама Торпусмана (Москва) «Еврейская антропонимика». «Произведения А. С. Пушкина в странах зарубежного Востока» — так называется заметка Давида Исакова (г. Горький), в которой рассказывается о научной конференции в Институте востоковедения при Академии наук СССР.

Журнал продолжает публиковать материалы о творчестве еврейских советских композиторов. В настоящем номере печатается статья музыковеда Виктора Ленэона (Москва) «Композитор Владимир Терлецкий».

Любителям литературы будет интересно ознакомиться с информацией о новых книгах еврейских советских писателей, вышедших в издательстве «Советский писатель» на языке идиш и в переводе на русский язык.

Номер завершается традиционными рубриками «Это интересно», «Хроника», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «В помощь изучающим идиш».

Приложение к номеру:
Сергей Баруздин «Я люблю свою улицу»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 7, июль, 1985

Номер открывается рубрикой «Информируем наших читателей». Она состоит из подборки материалов советской и иностранной печати о новой волне антисемитских вылазок неофашистов во Франции и Соединенных Штатах Америки, имевших место в нынешнем году. В частности, речь идет о взрыве в парижском кинотеатре «Риволи-бобур» во время демонстрации фильма «Эйхман — человек третьего рейха» и о погроме в еврейской школе в пригороде Нью-Йорка.

Богата поэтическая рубрика номера. Кроме стихотворных циклов Липы Геллера (Минск), Владимира Чернина (Москва), печатаются в номере, в рубрике одного стихотворения, новые стихи Хаима Гуревича (Новосибирск), Иосифа Бухбиндера (Киев), Доры Хайкиной (Киев), Бузи Миллера (Бибобиджан), Миши Могилевича (Киев), Льва Беринского (Москва), Зиси Вейцмана (БАМ, пос. Норск, Амурской области), Аврама Кацева (Херсон), Пини Плоткина (Бобруйск), Мотла Грувмана (Новгород), Александра Белоусова (Куйбышев), Миши Лемстера (Кишинев), Ильи Бейдера (г. Горький), Пини Киричанского (Киев), Брони Синельниковой (Москва).

Проза представлена новыми рассказами Хаима Меламуда (Черновцы), Бориса Сандлера (Кишинев) и Дины Калиновской (Москва). Печатается документальная повесть Даниила Шехтера (Кишинев) «История Джули Семо».

Продолжая публикацию произведений читателей, журнал печатает в настоящем номере стихи общественного распространителя Залмана Минкина, проживающего в Донецке. З. Минкин родился в начале текущего столетия в крестьянской семье. В возрасте двадцати лет участвовал в боях за советскую власть в коннице Буденного.

Умер выдающийся художник нашей эпохи Марк Шагал. Мало кому известно, что в разное время он писал стихи. «Советиш геймланд» публикует два стихотворения из его творческого наследия. Печатается также «Слово о Марке Шагале» Арона Вергелиса (Москва).

Художественная документалистика представлена в номере очерками Кимы Грейдиной (Москва), Григория Релеса (Минск) и Рувима Пустыльникова (Москва).

Три памятные литературные даты отмечаются в номере: 100-летие со дня рождения М. Шац-Анина (1885—1974), 80-летие Герша Ременика (1905—1981) и столетие со дня смерти Виктора Гюго (1802—1885). Печатаются статья Марка Разумного (Рига) о жизненном и творческом пути М. Шац-Анина, воспоминания Фейги Поляк о Г. Ременике, три стихотворения Виктора Гюго.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 30.04.1985. Подписано к печати 18.06.1985 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 1000.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1985 г.

Цена 70 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Информируем наших читателей.
Рассказы Х. Меламуда, Б. Сандлера, Д. Калиновской, Д. Шехтера.
Стихи Л. Геллера, В. Чернина, Х. Гуревича, И. Бухбиндера, Д. Хайкиной, Б. Миллера, М. Могилевича, Л. Беринского, З. Вейцмана, А. Кацева, П. Плоткина, М. Грувмана, А. Белоусова, М. Лемстера, И. Бейдера, П. Киричанского, Б. Синельниковой, З. Минкина.
Очерки К. Грейдиной, Г. Релеса, Р. Пустыльникова.
Памятные литературные даты. М. Шац-Анин (1885—1975), Виктор Гюго (1802—1885), Г. Ременик (1905—1981).
Из литературного наследия. Стихи М. Грубиана.
Новые переводы. Ю. Грибов. Возвращение (рассказ).
Наши сообщения. А. Торпусман. Вопросы еврейской антропонимики.
Публицистика. Я. Барак. Другой Израиль.
Памяти Марка Шагала.
Музыка и эстрада. В. Лензон. Композитор Владимир Терлецкий.
Материалы для лексикона еврейской советской литературы. В помощь изучающим идиш. Хроника. Новая песня.
Резюме на русском и английском языках.

1985

№ 7